STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05640

DER EYBIKER YID

Eugene Sue

*Permanent preservation of this book was made possible
by Alan & Jane Bernson
in memory of
their grandmothers, Rose Newberg & Fruma Franks*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

55.

אייזשען-סין

דער
אייבּיקער ייד

רֹאמאַן

אין זעקס טייל, מיט 10 בּילדער

7-טע פאַרבּעסערטע אויפלאַגע

פאַרלאַג א. גיטלין, וואַרשא
1927
Printed in Poland.

Druk. Sikora i Mylner. Warszawa, Nowolipki 6.

די לעגענדע פון „עוויגען יוד"

די לעגענדע (אגדה) ערצעהלט אונז, דאס דער עוויג פערוואגעלטער יוד איז געווען איין ארמער בעל מלאכה אין ירושלים. איין מאל האט מען פערביי איהם דורכגעפיהרט אמענשען, וועלכער איז אונשולדיג געווען פערמשפט צום טויט; דיזער האט געבעטען ביי דעם בעל מלאכה ערלויבניס זיך עטוואס אבצורוהען אויף דער באנק, וואס איז געשטאנען נעבען זיין שטיבעל.

„גיה ווייטער!... גיה ווייטער!"... האט איהם דער בעל מלאכה געאנטווערט, אונ איהם פון זיך אן מיטלייד אבגעשטויסען.

אונ דאן האט זיך געלאזט הערען א בת קול פון הימעל: „דו וועסט געהן אונ געהן אן איין אויפהער, עוויג, ביז ענדע דער וועלט".

אונ פון יענער צייט אן איז דער בעל מלאכה נע ונד, אונ לעבט נאך עד היום....

פראלאג.

די ביידע וועלטען.

ווייט, גאנץ ווייט, ביי דעם אייזמעער (ים הקרח), וואו די פוסטע ווילדע ברעגען פון סיביר און נארד־אמעריקא מהיילען זיך אב מיט א שמאלען וואסערוועג, איז אוימער אייז און שנעע. קיין בעשעפענים צו זעהען. די שרעקליכע פרעסט אין דיזע ווילדע און פוסטע ערטער, וועלכע ברינגען מיט זיך הונגער און טויט, פערניכטען אלעס, און קיין בעשעפענים איז נים אין שטאנד צו שטרייטען געגען זיי...

אבער דאך.... א וואונדער!... אויף דעם שנעע פון דיזער שרעקליך־ווילדער און אומעדיגער געגענד האט מען געקענט בעמערקען צייכענס פון מענשליכע טריט...

אויף דער אמעריקאנישער זייט צום ברעג צו זיינען געוועזן צו בע־מערקען צייכענס פון לייכטע פרויענטריט און אויף דער סיבירישער זייט האבען זיך געזעהען טיפע און גרויסע צייכענס פון מאנליכע טריט....

זיי זיינען געגאנגען פון ביידע עקען וועלט, ווי זיי וואלטען האבען דיא האפנונג זיך צוזאמענצוטרעפען.

אבער ווער זיינען די צוויי מענשען, וועלכע געהען זא רוהיג אין דיזער שרעקליכער גרויזאמער געגענד? איז דאס א צופאל, אדער גאטטס ווילען און בעשטימונג, דאס דער מאנן, געהענדיג אויף דעם שנעע, האט איבערגעלאזען הינטער זיך טריט מיט זאלכע צייכענס?

עס איז געווארען נאכט.... א שרעקליכע, פינסטערע נאכט...

ארום און ארום איז געוועזען טויט שטיל.... פלאצליך האט זיך אויף דעם הימעל פון יענער זייט ים בעוויזען א בלאססער שטראהל, און באלד נאכדעם האט זיך דער גאנצער הימעל בעלויכטעט מיט פלאמען פייער, וועלכע האבען זיך אבגעשפיגעלט אין די גרויסע שטיקער אייז מיט א זאנדערבארע ליכטיגקייט — דאס איז געוועזען דאס נארדליכט (Zorza pòłnocna. Сѣверное сіяніе.

דורך דיזע אבשפיגעלונג האט זיך געזעהען דער אמעריקאנישער ברעג זא נאהענט צום סיבירישען, דאס מען האט, דאכט זיך, געקענט די ביידע טהיילען וועלט פערייניגען מיט א איינפאכער בריק.

בלויע וואלקענס האבען בעדעקט די ביידע ברעגען און אונטער דיזע וואלקענס האבען פלאצליך ערשיינט צוויי מענשליכע געשטאלטען

אויף דעם סיבירישען ברעג האט זיך געזעהען איין קניענדער מאנן מיט א פערצווייפעלטען אויסדרוק אויפ'ן געזיכט און די האנד אויסגע־שטרעקט צום אמעריקאנישען ברעג, אויף וועלכען עס איז געשטאנען א זעלטען־שאנע יונגע פרוי.

מיט און אויסדריקליכעם שמערץ האט דער מאנן אויף די פרוי גע־קוקט, אבער זי איז געוועזען אונבעוועגליך און האט איהם נאר מיט איהרע טרויעריגע אויגען צום הימעל געוויזען.

איינינע סעקונדען האט מען צוויי געשטאלטען דייטליך געקענט זעהען אין לעטצטען שיין פון דעם נארדליכט; נאר באלד נאכדעם זיינען זיי פערשוואונדען אין דער געדיכטער פינסטערניס פון דער גרויזאמער נאכט.

ווער זיינען די צוויי מענשען, וועלכע האבען זיך צוזאמענגעטראפען אויף אזא קליינע ווייַלע ביי די ברעגען פון ביידע טהיילען וועלט, און וואהין געהען זיי?

ערשטער טהייל

דאס גאסטהויז „ווייסער אדלער“

I.

מאראק

עס איז געווען ענדע מאנאט אקטאבער 1831 יאהר. אין דארף מאקערן, ניט ווייט פון לייפציג, אין א הויכער הילצערנער געביידע אהנליך צו א שפייכלער, איז פארגעקומען עטוואס זאנדערבארס: שרעקליבע קולות פון ווילדע חיות, קנאקען פון בייטש, הירזשען פון פערד בילען פון הינד א. ד. ג.— אויפ'ן בוידעם אין שפייכלער זיינען געלעגען פערנאנדערגעווארפען אייזערנע קייטען, נאמארדניקעס און לאנגע שטאלענע אייזענס מיט הילצערנע שטילען, און אין א ווינקעל איז געשטאנען א קליינער אייזערנער אייוועלע; אין איין קופע זיינען געלעגען פערשידענע געווער: ביקסען, פיסטאלעטען, שווערדען, שטאלענע פאנצירען מיט רימענע פאסען און עטליבע שפיזען. אין א צווייטען ווינקעל זיינען געלעגען אין אונארדנונג גאר אנדערע זאכען: קעסטעלעך מיט צלמלעך, הייליגע בילדעלעך אין רעמלעך, מעדאליאנען מיט הייליגע אויפשריפטען און זעהר פיל קליינע ביכעלעך מיט מעשיות פון גרויסע הייליגע וואונדער און שרעקליבע נביאות פאר דאס יאהר 1831 און 1832. אויפ'ן באלקען (בעליק) איז געהאנגען א גרויסער לייזווענטענער בילד,

אזוי ווי די שילדערן ביי די בודעס (ביידלעך) פון די קונצענמאכערס. אונטער'ן בילד איז געווען אויפגעשריבען מיט גרויסע בוכשטאבען:

„דער נביא מאראק איז אין פרייבורג 1828 יאהר פון געטצענדינער כריסט געווארען". דאס בילד אויף וועלכעם דער נביא איז געווען אויסגעמאלט אין געזעלשאפט פון פערשידענע ווילדע חיות: לייבען, טיגרען, בערען, פאנטערעס, וואלף, שלאנגען א. ז. וו. טהיילט זיך אין דריי טהיילען; יעדער טהייל מיט אנ'אנדער אויפשריפט:

א) „אין יאהר 1810 ענטלויפט דער געטצענדינער מאראק פון די ווילדע חיות".

ב) „דער געטצענדינער מאראק איז פון דיא ווילדע חיות ענטלאפען; אבער די ווילדע חיות ענטלויפען יעטצט פאר דעם געטויפטען איגנאץ מאראק".

ג) „איגנאץ מאראק איז געטויפט אונ כריסט געווארען אונ די ווילדע חיות קריכען אין שטויב צו זיינע פיס".

ניט ווייט פון דיזע בילדער זיינען געלעגען זעהר פיל קליינע ביכעלעך אויך אין פרייבורג געדרוקט, אין וועלכע עס ווערט גענוי ערצעהלט ווי דער געטצענדינער מאראק האט נאך זיין טויפונג בעקומען א איבערנאטירליכע קראפט איבער די ווילדעסטע חיות, ווי דאס בעווייזען זיינע טאגליכע פארשטעללונגען, וועלכע ער גיט מיט דעם ציעל ניט צו בעווייזען זיין אייגענע קראפט אונ קונסט, נאר צו ריהמען גאטט אונ צו זיין א ביישפיל פאר מענשען....

אין דיזער צייט געפינט זיך אויפ'ן בוידעם נאר איין מענש—דאס איז מאראק אליין, דער בעצאהמער פון די ווילדע חיות מיט'ן נאמען „נביא". ער איז מיטלער געוואוקס, 45 יאהר אלט אונ זעהר מאגער, אנגעטהון אין א לאנגען רויטען פעלץ. זיינע העללבלאנדע האר פאלען

איהם אויף דיא פלייצעס אראב ; זיין נאז איז קליין, שארף אונ קרומם געבויגען, ארום די מאגערע באקען האט ער א לאנגע ווייסבלאנדע בארד ; זיין אויסערגעוואהנליכער בליק האט אויף די חיות א אמתע צויבערמאכט געהאט פונדעסטוועגען האט ער שטענדיג בענוצט זיין גאנצען ארסענאל צום בעצאהמען די חיות.

מאראק איז געווען בעשעפטיגט : פון א קעסטעלע מיט א סעקרעטנעם דעק, אנגעפילט מיט צלמלעך אונ בילדעלך. האט ער ארויסגענומען א פערחתמעטען קאנווערט אונ איהם אריינגעשטעקט אין קעשענע פון פעלץ, פערמאכט דאס קעסטעל אונ אוועקגעשטעלט צוריק אויף דר'ערד.

דאס אלעס איז פארגעקומען 4 אוהר נאכמיטאג אין גאסטהויז פון „ווייסען אדלער", דאס איינציגע אין דארף מאקערן ביי לייפציג.

מאראק איז אויפגעשטאנען פון זיין שטול. מיט א מאל האט מען ערהערט פון אונטער דעם בוידעם שרעקליך-ווילדע קולות פון חיות.

מאראק האט די חיות גערופען מיט ווילדע נאמען. דעם טיגער „המן", דעם לייב — „קין" אונ די שווארצע פאנטערא (שווארצער טיגער) — „מלאך-המות" אונ מיט שרייען האט ער געוואלט זיי איינשטילען. עס האט אבער ניט געהאלפען. ער האט שוין געוואלט אראבגעהען צו זיי ; אינדעם האט ער ערזעהען ארויפגעהען צו איהם א מענשען אין א רונדען גרויען הוט, קורצע וועסט אונ ברייטע גרינע הויזען. זיינע שטיפעל זיינען געווען אין שטויב אונ אויפ'ן פלייצע האט ער געטראגען א רייזעטאש.

— צום טייפעל ! האט ער געמורמעלט צו זיך ארויפקריכענדיג אויפ'ן בוידעם, מען וואלט געקענט מיינען דאס זייא האבען מיך שוין אין די דריי טאג פערגעססען. דער „מלאך המות" דאכט זיך איז גאר משוגע געווארען אונ ווארפט זיך אין קליעטקע (שטייג) ווי א פערבממטער.

— נו, וואס, קארל? האט איהם מאראק איבערגעשלאגען די רייד מיט א אונרוהיגען טאן.

— אלעס גוט.

— דו האסט זיי געטראפען?

— יא, געסטערן — צוויי מייל פון וויטטענבערג.

— גאטט צו דאנקען! האט מאראק געזאגט. נו, און וועלכע סימנים?

— פונקט ווי איהר האט געזאגט: צוויי מיידלעך אין טרויער.... א ווייסער פערד, דער אלטער האט לאנגע וואנסען, אנגעטהון אין א גרויסען מאנטעל און אויפ'ן קאפ א פראנצאזישע סאלדאטענמיץ, און מיט זיי א גרויסער סיבירשער הונד.

— וואו זיינען זיי?

— אין א האלבע שטונדע וועלען זיי זיין דא.

אבער זיי וועלען זיך דא אבשטעלען? איבריגענס, זיי האבען דאך ניט קיין אנדער ארט אין דארף, האט מאראק פערטראכטערהייט צוגעגעבען — יא, און מיט דעם אלטען האסט דו גערעדט?

— פראבירט נור ריידען מיט איהם!

— וואס איז דען?

— וואס איז דען?! ער איז דער טייפעל אליין! און איך בין זיכער, דאס זאגאר ער איז אלט און מאגער, פונדעסטוועגען וואלט ער אונזער גבור גלית בייגעקומען.

עם מאכט ניט אויס! איך האב געצאהמט דעם „מלאך המות" און איך וועל דעם אלטען וואלף מסתמא אויך בעצאהמען.

— קארל האט א ווילע געטראכט. נאכהער האט ער א מאך געטהון מיט'ן האנד און געזאגט: איבריגענס, איהר ווייסט בעססער פאר מיר. איהר זייט מיין הערר.... ווי איהר וועט טהון אזוי וועט גוט זיין....

— דו האסט זיי נאכגעקוקט די גאנצע צייט? האט מאראק געפרעגט.

— יא, נור פון ווייטען, אונ ווייל דאס לאנד איז מיר בעקאנט האב איך זיי אימער געהאט פאר די אויגען. צום לעטצטען מאל האב איך זיי געזעהען ביי דער ציגעלניע, אונ ווייל זיי זיינען געפאהרען מיט'ן גלייכען וועג האב איך זיי איבערגעיאגט מיט א הינטערוועג אונ אייך געבראכט א גוטע נאכריכט, ווי איהר אליין זאגט.

— יא, זעהר א גוטע.... אונ דו וועסט בעקומען פאר איהר א נאגראדע.

— זייט איהר צופריעדען פון מיין לאנגען גבור?

— גלית איז יעטצט אוועקגעגאנגען האט מאראק געאנטווערט, אונ ער דארף ניט וויסען דאס דו ביסט צוריקגעקומען, דער אלטער מיט די מיידלעך דארפען דיך אויך דא ניט זעהען.

— אלזא וואהין זאל איך געהן?

— געה, בעהאלט זיך אונטער'ן דעכ'ל פון שטאהל אונ ווארט דארט אויף מיינע בעפעהלען... עס קען זיין דאס דו וועסט היינטיגע נאכט דארפען פאהרען נאך לייפציג.

— ווי איהר וועט הייסען... דערווייל וועל איך דארטען אבעססען אונ זיך אברוהען.

— געדענקט, העדר, היט זיך פאר דעם אלטען... ער איז חראברע (טאפפער) ווי דער טייפעל... היט זיך פאר איהם...

— זייט רוהיג... איך וועל זיך שוין אנ'עצה געבען, האט מאראק געאנטווערט.

— איך ווינש אייך א גוטע נאכט! האט קארל געזאגט, אונ איז אראבגעגאנגען פון בוידעם. מאראק איז צוגעגאנגען צום קעסטעלע מיט'ן געהיימען דעק, האט ארויסגענומען פון איהם א בריעף אונ האט איהם איינינע מאל אויפמערקזאם איבערגעלעזען. פון צייט צו צייט איז ער אויפגעשטאנען אונ צוגעגאנגען צום פענסטער, דען ער האט מיט גרוים אונגעדולד ערווארטעט די אנקונפט פון די דריי פערזאנען.

I.

די רייזענדער.

אין דער צייט זיינען די דריי פערזאנען, וועלכע מאראק האט ערוואַרטעט מיט אונגעדולד, רוהיג געפאהרען מיט א שמאלען וועג צווישען די בליהענדע פעלדער. דאס זיינען געריטען צוויי יונגע מיידלעך, אונגעפעהר 15 יאהר אלט, אויף א ווייסען פערד, וועלכען האט געפיהרט פאר'ן צוים א הויכער מאנן מיט לאנגע וואנסען.

דער מאנן איז געגאנגען אנשפארענדיג זיך אויף א שטעקן און האט געטראגען אויף די פלייצעס א סאלדאטישען ראנעץ. א גרויסער הונד סיבירישער פאראדע, נאכ'ן אויסזעהען אהנליך צו א וואלף, איז נאכגעגאנגען נאכ'ן פערד.

עס איז אונמעגליך זיך פארצושטעלען עטוואס שענערעס אלס די צוויי מיידלעך. איינע פון זיי האט געהאלטען מיט דער לינקען האנד די לייצעס און מיט דער רעכטער ארומגענומען איהר שוועסטער, וועלכע איז זיטצענדיג אויפ'ן פערד איינגעשלאפען און איהר קאפ אנגעשפארט אויף דער שוועסטערס פלייצע. איינע פון דעם שיינעם צווילינג האט געהייסען ראזע און די צווייטע בלאנש.

איינע איז געווען זא אהנליך צו דער צווייטער דאס מען האט ניט געקענט ערקענען ווער איז ראזע און ווער איז בלאנש: ביידע האבען געהאט ראזע-אטלאסנע באקען, רויטע פראכטפאללע ליפען און הימעלבלויע אויגען, אין וועלכע עס האט זיך אבגעשפיגעלט זייער אונשולד און גוטהערציגקייט. ביידע זיינען געווען אנגעטהון גלייך: שווארצע

סאמעטענע היטעלעך, פון אונטער וועלכע האבען זיך פערנאנדערגעשאטען העללקאשטאנאווע לאקען אויף די שולטער'ן.

דער בעגלייטער פון די צוויי מיידלעך איז געווען א מאנן פון א יאהר 50 פון זעהר העלדישען אויסזעהן, א געוועזענער גרענאדיר פון באפאלעאנס לייבגווארדיע מיט'ן צונאמען „דאנאבער". זיין ערנסטעס געזיכט איז געווען זעהר אויסדריקליך; לאנגע וואנסען האבען כמעט אין גאנצען פארשטעלט זיין אונטערשטע ליפ; זיינע ציגעלפארביגע מאגערע באקען זיינען געווען ריין געגאלט און געדיכטע שווארצע ברעמען האבען כמעט בעדעקט זיינע העללבלויע אויגען. ער איז געווען אנגעטהון אין א דיקען גרויען סאלדאטענמאנטעל מיט א לעדערנעם פאס ארומגעגארטעלט, און אויפ'ן קאפ האט ער געטראגען א סאלדאטענמיץ אויף א זייט.

פון צייט צו צייט האט דאנאבער זיך אומגעקערט צו זיין ליבען „ליץ" (אזוי האט ער גערופען זיין פערד) און האט איהם געגלעט. טריט ביי טריט איז נאך זיי נאכגעגאנגען זייער טרייער פריינד „מרוק", דער סיבירישער הונד.

זיי האבען זיך געאיילט אנצוקומען אין דארף מאקערן, איידער עס וועט נאכט ווערען אום איבערצונאכטען און אויף מארגען צופאהרען ווייטער.

דאנאבער האט זיך צייטענווייס ארומגעקוקט און ענדליך ווען זיי זיינען געקומען צו א מיהל, וועלכער איז געשטאנען געבען א ציגעלניע האט ער זיך אבגעשטעלט. דער „ליץ" קוקענדיג אויף איהם, האט זיך אויך אבגעשטעלט.

ביים אבשטעלען זיך האט זיך בלאנש אויפגעהאפט. ראזע, בעמערקענדיג, דאס דאנאבער שטעהט זעהר פערטראכט, האט זיך עטוואס איינגעבויגען און ארויפגעלייגט איהרע ווייסע האנד אויף דעם סאלדאטס אקסלען, וועלכער איז געשטאנען מיט דעם רוקען צו איהר, און מיט

א זיסער שטימטע געפרעגט: „וואס איז דאס, דאנאבער״?

דער אלטער סאלדאט האט זיך אומגעקערט צו ביידע שוועסטער, וועלכע האבען צו זייער גרויסען ערשטוינען בעמערקט טרערען אויף זיינע באקען.

— דו וויינסט.... דו! האבען ראזע און בלאנש אויסגעשריען, וואס איז דיר?

דאנאבער האט ניט געאנטווערט; אין איינינע מינוט ארום האט ער אבגעווישט די טרערען און ווייזענדיג מיט דער האנד אויף א נעבענשטעהענדע דעמבע, האט ער פערטראכטערהייט געזאגט:

— יא, יא.... 18 יאהר צוריק... נאך דער גרויסער שלאכט ביי לייפציג האב איך צוגעטראגען אהער, אט צו דעם בוים, וועלכען איהר זעהט... אייער פאטער.... אויפ'ן קאפ האט ער געהאט צוויי ראנעס פון א שווערד... און א דורכגעשאסענע פלייצע... און דא האט מען אונז ביידע געפאנגען.. (איך האב אויך בעקומען צוויי מאל מיט א פיקע). יא, געפאנגען... און ווער נאך! ווער האט דאס געטהון! א פראנצויז... א מארקיז, וועלכער איז פאלש געווען געגען זיינע אייגענע ברידער און איז אנגעקומען אויף דינסט אין די רוססישע מיליטער און נאכהער.... איז ער דערזעלבער....

דער סאלדאט איז געבליבען שטיל איינינע סעקונדען און נאכהער פארטגעזעטצט, ווייזענדיג מיט דעם שטעקן אויפ'ן דארף מאקערן: יא, יא, איך ערקען אט יענע בערג, אויף וועלכע אייער העלדישער פאטער, אונזער קאמאנדיר האט די רוססישע דראגונער געשלאגען צום טויט, א קינדער, איך וואלט אייך ווינשען צו זעהען אייער העלדישען פאטער! ער איז געווען אונבעשרייבליך שאן ווען ער האט קאמאנדירט מיט אונזער ברינאדע אין רעגען פון קוילען און באמבעס....

ראזע און בלאנש האבען זיך בעגאססען מיט טרערען, הערענדיג די ערצעהלונג פון דעם אלטען סאלדאט.

— גענוג, מיינע ליבע קינדער, האט דער סאלדאט זיי געטרייסט, עס קען זיין, דאס מיר וועלען דעם גענעראל סימאן געפינען אין פאריז... גענוג זיך צו ערגערען!

— מיר וויינען, ווייל מיר האבען זיך ערמאנט אן אונזערע מוטטער, האט ראזע שטיל געזאגט.

— הערט נור, מיינע קינדער, וואס אייער מוטטער האט בעפאהלען פאר איהר טויט: אפט וועגען איהר צו טראכטען, אבער ניט זיין טרויעריג, האט דאגאבער נאך א קורצען שטילשווייגען געזאגט.

— אזוי...

— איהר וואונש, קינדערלעך, מוזט איהר ערפילען און שטענדיג פריילעך זיין...

— דו ביסט גערעכט, דאגאבער, האבען ביידע מיידלעך שטיל געזאגט.

— אט אזוי, מיינע קינדערלעך, איז בעססער! עס ווערט מיר אליין אויך פרייליכער ווען איך זעהע אז איהר רעדט און שמייכעלט צו.

— איז נאך ווייט צו פאריז? האט ראזע געפרעגט.

— יא, אונגעפעהר נאך הונדערט סטאנציעס. זאגאר מיר פאהרען ניט גיך, פונדעסטוועגען, זיינען מיר שוין א גרויסע שטרעקע אבגעפאהרען; די רייזע וועט אונז ניט טהייער קאסטען, ווייל יעדענפאלס איז אונזער קאססע ניט רייך.

— יא, און דו וואשט דאך אפילו אונזערע וועש אליין. דיין איינשפארען איז שוין צו פיעל.

— ביז פאריז מוזען מיר שפארען... און דארטען, וויינגסטענס, האף איך, דאס מיט די פאפירען און דעם מעדאליאן, וועלכען איהר טראגט, וועלען מיר קענען וואס מאכען....

— דער מעדאליאן איז דאך אונז היליג: די מוטטער האט איהם אונז פאר'ן טויט אבגעגעבען!

— דארום טאקי מוזט איהר איהם היטען... אונ אפט אכטונג געבען אויף איהם.

— אט איז ער, האט בלאנש געזאגט, אראבנעהמענדיג פון האלז א בראנזאווען מעדאליאן.

אויף ביידע זייטען מעדאליאן זיינען געוועזען אויפשריפטען:

— דאנאבער, וואס בעדייטען די אויפשריפטען? האט בלאנש געפרעגט.

— היינט אבענד אויפ'ן קוואַרטיר וועל איך אייך אלעס ערצעהלען — האט דאנאבער געאנטווערט, יעטצט איז שוין שפעט, מיר דארפען זיך אביסעל צואיילען, בעהאלט גוט דעם מעדאליאן אונ לאמיר פאהרען.

די יתומות האבען נאך א מאל א קוק געגעבען אויפ'ן בוים, וועלבער האט ערוועקט זא פיל טרויעריגע ערינערונגען אין זייער בעגלייטער, אונ זיינען געפאהרען ווייטער.

אין א האלבע שטונדע ארום זיינען אונזערע רייזענדער אנגעקומען אין מאקערן אונ זיינען פערפאהרען אין דאס איינציגע גאסטהויז „ווייסער אדלער", וועלבער איז שוין אונז בעקאנט.

III.

דאס אנקומען.

אייניגע מאל איז מאראק מיט אונגעדולד צוגעגאנגען צום פענסטער'ל פון זיין בוידעם און האט אויפמערקזאם געקוקט אויפ'ן וועג, פון וועלכען עס דארפען אנקומען אונזערע רייזענדער.

מאראק איז אין זיינע יונגע יאהרען געוועזען איינער פון די גראס-טע יעגער אויף בער'ן און אדלער'ן. אין נארדסיביר געבארען, האט ער א לאנגע צייט געדינט ביי א אינזשענער און נאכהער געווארען א קוריער. ווי אזוי ער איז געקומען אין פרייבורג און האט אנגענומען דעם כריסט-ליכען גלויבען, וועלען מיר דערווייל פערשווייגען. מיר וועלען זיך מיט איהם נאך זעהען.

ס איז שוין געווארען נאכט.

פלאצליך האט מאראק זיך אבגעשטעלט און זיך צוגעהערט.

דאס זיינען זיי! האט ער שטילערהייט ענדליך צו זיך געזאגט און צוגעהענדיג צום פענסטער'ל פון בוידעם זיך באלד איבערצייגט דאס ער האט קיין טעות געהאט.

אין הויף זיינען אריינגעפאהרען צוויי מיידלעך מיט איין אלטען סאלדאט.

די נאכט איז געוועזען שרעקליך פינסטער און ווינדיג, זא דאס עס האט געלאשען דאס פייער אין די לאנטערנעס, ביים שיין פון וועלכע מאראק האט גוט בעקוקט די צוויי מיידלעך מיט זייער בעגלייטער און

פערגליכען זייערע פרימיעטעם מיט די, וואס מען האט איהם אין א בריעף בעשריבען.

דאן האט מאראק זיך איינגעבויגען צו איין טהירעל אין פאדלאגע און א געשריי געגעבען „גלית קום ארויף”.

— באלד... איך בין נאר וואס געקומען פון שלאכטהויז (באיניע) און האב געבראכט פלייש פאר די חיות, האט זיך געהערט א הייזעריגע אנטווארט און באלד נאכדעם האט זיך אויפ'ן בוידעם בעוויזען א גרויסער קאפ מיט צופודרעטע האר.

גלית איז געווען דריי ארשין הויך מיט ברייטע פלייצעס ווי ביי א שמשון הגבור; זיין געזיכט האט אויסגעזעהען שרעקליך. זיינע קרומע אויגען, וועלכע האבען זיך טיעף בעהאלטען אונטער'ן שמאלען און שפיציגען שטערן און זיינע רויטע געדיכטע צופודרעטע האר האבען איהם צוגעגעבען א ווילדען אויסדרוק.

אין זיינע וואלפישע ציינער האט ער געהאלטען א שטיק פלייש ביינאהע 10 פונט, וועלכעס ער האט ארויפגעהענדיג אויפ'ן בוידעם ארויס־געווארפען פון מויל.

דיזער ווילדער מענש פלעגט שטענדיג אנפאנגען מאראקס פאר־שטעלונגען, ווייזענדיג דעם פובליקום ווי ער פרעסט אויף 10 פונט רויע פלייש מיט א מאל.

מיין חלק און דעם מלאך המות'ס האב איך איבערגעלאזען אונטען און דאס איז פאר המן מיט קין, האט ער אונטער'ן נאז געזאגט, ווייזענ־דיג אויף דאס פלייש; מען דארף נאר צושניידען אויף גלייכע חלקים. וואו איז דאס האקמעססער?

מאראק האט דארויף ניט געאנטווערט און געפרעגט: דו האסט געזעהען ווער עס איז געקומען צופאהרען?

יא, צוויי מיידלעך אויף א ווייסען פערד און מיט זיי א אלטער

סָאלְדאט מִיט לַאנְגֶע וָואנְסֶען... וואו אִיז דָאס הַאקְמֶעסֶער? דִי חַיוֹת זַיינֶען זֶעהר הוּנְגֶעריג אוּנ אִיךְ אוֹיךְ. וואו אִיז דָאס הַאקְמֶעסֶער?

— דוּ ווייסְט וָואס פַאר אַנְאָרְט מֶען הָאט זַיי גֶעגֶעבֶּען?

— דָאס צִימֶער וָואס גֶעהְט אַרוֹיס מִיטְן פֶענְסְטֶער אִין פֶעלְד.... אָבֶּער וואו אִיז דָאס הַאקְמֶעסֶער?

— זַיינֶען דִי מֵיידְלֶעךְ אִין לֶעצְטֶען צִימֶער אוּנ דֶער אַלְטֶער אִיז אוֹיךְ מִיט זַיי? הָאט מָארָאק ווייטֶער גֶעפְרֶעגְט.

גָלְיַת הָאט גֶעשְׁווִיגֶען. עֶר אִיז גֶעוֶוען פֶערוואוּנְדֶערְט פוּן מָארָאקְס גְלֵייכְגִילְטִיגְקֵייט צוּם הוּנְגֶער פוּן דִי חַיוֹת.

— אָבֶּער דֶער אַלְטֶער אִיז דָארְטֶען?

— יָא, אִין לֶעטְצְטֶען צִימֶער... נוּר יֶעטְצְט וַואשְׁט עֶר גֶעבֶּען שְׁטַאל וֶועשׁ... אָבֶּער וואו אִיז דָאס הַאקְמֶעסֶער?

אוֹיף מָארָאקְ'ן אִיז גֶעוֶוען צוּ עֶרְקֶענֶען דָאס עֶר טְרַאכְט וֶועגֶען עֶטְוָואס. עֶס אִיז פַארִיבֶּער עֶטְלִיכֶע מִינוּט.

— הַיינְט זָאלְסְט דוּ דִי חַיוֹת נִיט גֶעבֶּען עֶסֶען, הָאט מָארָאק עֶנְדְלִיךְ גֶעזָאגְט.

פוּן אַנְפַאנְג הָאט גָלְיַת נִיט פֶערשְׁטַאנֶען זַיינֶע וֶוערְטֶער

— וָואס הֵייסְט? הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט.

— אִיךְ זָאג דִיר דוּ זָאלְסְט נִיט גֶעבֶּען דִי חַיוֹת עֶסֶען!

— נִיט גֶעבֶּען עֶסֶען?!.. וֶוען מֶען הָאט שוֹין גֶעבְּרַאכְט פַאר זַיי פְלֵייש, הָאט דֶער גִבּוֹר אוֹיסְגֶעשְׁרִיעֶן.

— אַלֵיין פְרֶעסס וֶועט לָאזְט דִיר נִיט, טְהוּ וָואס אִיךְ הֵיים אוּנ שְׁווייג!

— אִיהר זָאלְט אָבֶּער ווִיסֶען, דָאס הַיינְט וֶועט זִיךְ בַּיי אוּנְז טְרֶעפֶען אַ אוּנְגְלִיק, דֶען פוּן הוּנְגֶער וֶועלֶען דִי חַיוֹת אוּנ אִיךְ זֶעהר אִין בֵּעס וֶוערֶען....

— אויב דו וועסט ניט פאלגען וואס איך זאג דיר, דו טויגעניכטס! האט מאראק אויסגעשריען, טרייב איך דיך די מינוט ארויס!

גלית האט ווי א ווילדע חיה געגעבען א ברום און מיט בעס א קוק געגעבען אויף מאראק'ן.

מאראק האט אנגעפאנגען ארומצוגעהן הין און צוריק, ענדליך האט ער זיך אבגעשטעלט נעבען גלית'ן.

— דו געדענקסט דעם בורגמייסטערס הויז, דער וואס זיין פרוי האט ביי מיר א מאל געקויפט ביכער?

— איך געדענק, האט גלית גראב געאנטווערט.

— געה אריבער און פרעג ביי דער דינסט אויב איך וועל מארגען פריה טרעפען דעם בורגמייסטער צוהויזע

— צו וואו?

— איך האב זעהר נייטיג צו ריידען מיט איהם וועגען א וויכטיגען געשעפט, אלזא בעט, ער זאל אויף מיר ווארטען.

— גוט, אבער די חיות? זיי זיינען דאך הונגעריג און איהר הייסט זיי גאר ניט געבען עססען? איך פארשטעה דאס גאר ניט... א שאדען וואס קארל איז ניט דא. ווען וועט ער קומען?

— דו דארפסט ניט פארשטעהן! ער איז שוין געקומען און איז ווידער אוועק.

וואס טהוט זיך דא ביי אונז?.. דא געהט קארל אוועק און דא קומט ער צוריק....

— דא רעדט מען ניט וועגען קארלען, נאר וועגען דיר.... דו פרעססט ווי א וואלף, ביזט אבער קלוג ווי א פוכס; ווען דו זאלסט נאר וועלען קענסט דו קארלען איבערשטייגען.

ביי די ווערטער האט מאראק גלית'ן מיט א פריינדליכע מינע א קלאפ געגעבען אין פלייצע און געזאגט:

ביינט אין אבענד קען מען פארדינגען 10 טאלער און דו וועסט דאך מסתמא וועהען צו בעקומען זיי.

— אזוי? גוט, איך וועל זיך שוין בעמיהען זיי צו בעקומען! האט דער גבור געזאגט, שמייכלענדיג מיט א נארישע און צופרידענע מינע. וואס דארף מען אבער טהון?

— דו וועסט שוין וויסען... פריהער געה צום בורגמייסטער און פארגעס נים פאר'ן אוועקגעהן איינצוהייצען דאס אייוועלע און אריינצולעגען אט דאס לאנגע שטיק שטאל און ווען דו וועסט קומען פון בורגמייסטער זאלסט דו אויף מיר דא ווארטען.

— גוט, מיין הערר, האט ער געזאגט, און איז אראבגעגאנגען.

IV.

ראזע און בלאנש.

מאראק האט זיך בעשלאסען פערפירען א קריג מיט דאנאבער'ן כדי מען זאל איהם אריינזעטצען אין געפענגניס. מיט דעם ציעל איז ער ארוים צו דאנאבער'ן, וועלכער האט אין דרויסען געוואשען וועש, און אנגעהייבען איהם זעהר זידלען. דאנאבער האט זיך איינגעהאלטען איהם נים צו אנטווערן. ענדליך, האט מאראק איהם אנגערופען „טרום" און איינגעלאדען איהם זיך צו שלאגען מיט שווערדען אויף א דועל. דער סאלדאט האט אבער פון כעס פערביססען די ליפען און ווידער נים געאנטווערט און איז אוועק אין שטאל צושיטען א ביסל האבער זיינעם „לץ"

מאראק איז אוועק צו זיך אונצופרידען.

צום גרויסען ערשטוינען האט דאנאבער ערזעהען אז זיין פערד האט נאך גאר ניט בעריהרט דעם האבער, וואס ער האט איהם פריהער געגעבען אונ איז געווען אין א שרעקליכען צושטאנד. די פיס־האלב איינגעבויגען, דער האלז אויסגעצויגען, די אויערען אראבגעהאנגען אונ די נאזלעכער האבען געציטערט, עס האט זאגאר ניט ערקענט זיין העררן.

— וואס איז מיט דיר מיין אלטער „ליץ״?.. האט דאנאבער פערוואונדערט אויסגערעדט, פאר וועמען שרעקסט דו זיך?

די ווערטער האבען גאר ניט געהאלפען, דאס פערד האט ניט אויפגעהערט זיך צו שרעקען.

דאנאבער האט פערשטאנען אז דאס איז ניט קיין געוואהנליכע זאך אונ ער האט זיך ארומגעקוקט.

פלאצליך האט זיך געלאזט הערען א שרעקליכער אונ ווילדער ברום, אזוי נאהענד, דאס עס האט זיך געדאכט אז די חיה, וואס האט געגעבען דעם ברום, געפינט זיך אין שטאל.

זיין פערד האט אין איין מינוט זיך אבגעריססען פון צוים אונ איז דורך די טהיר, וועלכע איז געווען אפען, ארויסגעלאפען אין הויף.

דאנאבער האט אויך א ציטער געטהון ביי אזא שרעקליכען ברום, וועלכער האט איהם ערקלערט פאר וואס דאס פערד האט זיך אזוי געשראקען.

דער שטאל וואו זיין פערד איז געשטאנען, האט זיך אבגעטהיילט פון מאראק'ס זווערינעץ בלוים מיט א ווענט'ל פון דינע ברעטלעך.

דאנאבער האט שנעלל געהאפט דאס פערד אונ אוועק געשטעלט אין איין אנדער ווינקעל, האט פערשלאסען די שטאל, האט שנעל אבגעגעסען אבענד־ברויט אונ איז אוועק צו די יתומות.

. . . .

די יְתומות הָאבֶּען פֶערנומֶען אַקְלֵיין צִימֶער׳ל פון די לֶעטצְטֶע נומֶער׳ן; דָאס אֵיינְצִיגֶע פֶענסְטֶער׳ל איז אַרויס אויף אַ פֶעלְד. בַּיי דֶער טְהיר איז גֶעלֶעגֶען „מְרוק״ אונ הָאט גֶעהִיט די יונְגֶע מֵיידְלֶעךְ, וֶועלְכֶע זַיינֶען הַאלְב גֶעלֶעגֶען אויפ׳ן בֶּעט אונ הָאבֶּען גֶערֶעדְט וַוארְטֶענְדִיג אויף דַאנְאבֶּער׳ן. רָאזֶע איז גֶעלֶעגֶען אויפ׳ן בְּרֶעג בֶּעט אונ מִיט אִיהרֶע צְוֵויי קְלָארֶע הֶאנְד הָאט זיא אונְטֶערגֶעשְׁטִיצְט דֶעם קָאפּ, וֶועלְכֶער איז גֶעוֶוען גֶעוֶוענְדֶעט צו בְּלַאנְש.

— ווי מֵיינְסְט דו... עֶר וֶועט הַיינְט בַּיי נַאכְט קומֶען? הָאט זִי גֶעפְרֶעגְט.

— עֶר הָאט נֶעכְט׳ן פֶערשְׁפְּרָאכֶען... אונ וֶועט גֶעווִיס הַאלְטֶען וָוארְט. ווִי שֵׁאן אונ מִילְד עֶר איז... אונ זַיינֶע בְּלַאנְדֶע גֶעגְרֵייזֶעלְטֶע הָאר אונ זַיין נָאמֶען גַבְרִיאֵל? וָואס פַאר אַ לִיבֶּער נָאמֶען?

— דָאס איז דָאךְ אַ גְרויסֶער גְלִיק פַאר אונְז, רָאזֶע, וָואס עֶר הָאט אונְז בֵּיידֶען גְלַייךְ לִיעב.

— עֶר הָאט אַנְדֶערְש נִיט גֶעטָארְט טְהון, הָאט רָאזֶע בֶּעמֶערְקְט.

— עֶר זָאל נָאר אונְז אַזוי בִּיז פַּאריז נִיט פֶערְלָאזֶען!...

רָאזֶע הָאט אַ ווַיילֶע גֶעטְרַאכְט אונ נַאכְהֶער גֶעזָאגְט:

— ווִי מֵיינְסְט דו, דַארְף מֶען דָאס עֶרצֶעהלֶען דַאנְאבֶּער׳ן?

— אונ פַאר וָואס נִיט? מִיר וֶועלֶען אִיהם טַאקִי עֶרצֶעהלֶען, מִיר דַארְפֶען נִיט הָאבֶּען קֵיין סודות פון אִיהם.

אִין דֶער צַייט הָאט דֶער הונְד אָנְגֶעהֵייבֶּען צו בְּרומֶען.

— שְׁוֶועסְטֶער׳ל, הָאט רָאזֶע שְׁטִיל גֶעזָאגְט, וָואס איז דָאס הַיינְט מִיט׳ן הונְד, וָואס עֶר בְּרומְט?

— „מְרוק״, גֶענוג דִיר צו בְּרומֶען, קום אַהֶער! הָאט בְּלַאנְש גֶערוּפֶען דֶעם הונְד צופַּאטְשֶׁענְדִיג מִיט׳ן הַאנְד אִין בְּרֶעג בֶּעט.

דֶער הונְד הָאט זִיךְ אויפְגֶעהויבֶּען, נָאר עֶר הָאט וַוייטֶער

אנגעהויבען צו ברומען און געקוקט אויפ'ן פענסטער.

— וואס בעדייטעט דיין ברומען? האט גלעטענדיג דעם הונד בלאנש געזאגט.

— אלע מאל, ווען דאגאבער איז ניט דא איז ער אונרוהיג, האט ראזע בעמערקט.

— וואו איז דאס דאגאבער?

— געווים אין שטאל ביים „לץ";

— א שאדען, וואס מיר זיינען ניט רייך, מיר קענען איהם ניט בעפרייען פון דער ארבייט... און מיר וועלען אלע מאל זיין ארעם.

— אבער דער מעדאליאן?

— יא, מיר קענען האבען אין איהם א קליינע האפנונג, דען ווען ניט דער מעדאליאן וואלט דאך גאר ניט לוינען אזא ווייטע שטרעקע צו פאהרען.

— דאגאבער האט צוגעזאגט היינט אלעס ערצעהלען... פלאצליך איז זי שטיל געבליבען: אין איין אויגענבליק זיינען צוויי שויבען צובראכען געווארען אויף שטיקלעך.

די יתומות האבען פון שרעק זיך צוגעטולעט איינע צו דער אנדערער, און דער הונד האט בילענדיג א שפרונג געטהון צום פענסטער.

די ארעמע מיידלעך האבען געפירכטעט אפילו א קוק צו טהון אויף דאס פענסטער. מרוק האט זעהר בייז געברומט.

— וואס איז דאס? האט גאנץ שטיל ראזע געזאגט, דו הערסט, יעמאנד געהט אהער!... גאטט! דאס איז ניט דאגאבער... דאס זיינען ניט זיינע טריט! מרוק! אהער!... רעטע אונז!... האבען די מיידלעך מיט שרעק אויסגעשריען.

אויף די טרעפ האבען זיך טאקי געהערט א גערויש און זעהר שטארקע טריט; באלד האט זיך געהערט הינטער דער טהיר א פאל פון

אַ שְׁווערע זַאךְ , פון וועלכען עס האט זיך אָנגעהויבען די מְהִיר ווער צו טְרייסְלען ; ענדליך האט זי זיך געעפענט און דאַנאָבער איז אַריין.

פון גרויס פְרייד האָבען די מיידלעך אויסגעשריען.

— וואס איז דאס מיט אייך ? פאר וואס האט איהר זיך אַזוי ערשְׁראָקען ? האט ער זיי געפרעגט.

— אָה ! ווען דו וואָלסט וויסען ! האט ראָזע מיט אַ ציטערענדע שְׁטימע געזאָגט . מיר האָבען דיין שְׁווערען גאַנג ניט ערקענט .

— געהט , שְׁרעקעדיגע ! איך בין דאָך ניט קיין 15 יאָהריגער יונגעל ....

— אָבער וואס איז דאס אַזוי שְׁווער אַראָבגעפאַלען ?

— דאס האָב איך אַ וואָרף געטהון געבען מְהִיר מיין סִיעננִיק , אויף וועלכען איך שְׁלאָף אַלע מאָל .

— אַךְ , מיין גאָטט , ווי דום מיר זיינען דאס , האט ראָזע שְׁטיל געזאָגט , פאר וואס האָבען מיר דאס באַלד ניט פערשְׁטאַנען .

— וואס איז דאס , קינדער , וואס „מָרוּק“ בילט אַלס און דאס פענסְטער איז צובְּראָכען ?

— מיר ווייסען ניט — עס האט ווער צוּבְּראָכען די שויבען , האָבען די מיידלעך געאַנטוואָרט , ווערענדיג רוהיגער ביי זיך.

דאַנאָבער איז ווי אַ פייל פון בויגען צוגעלאָפען צום פענסְטער און האט אַרויסגעשְׁטעקט אין דרויסען דעם קאָפּ . נאָר די נאַכְט איז געווען אַזוי פינסְטער , דאס ער האט קיין זאַךְ ניט געזעהען .

דער אַלְטער סאָלדאַט האט אַרוּף געטהון מרוקן , וועלכער איז אוּיגענבליקליך אַרויסגעשְׁפּרוּנגען נאָך איהם דורכן פענסְטער.

נאָר דאס זוכען איז געווען אומזאָנסט .

דאַנאָבער האט אַנדערש ניט געדעכענט אַז דער ווינד האט דאס אַראָבגעריסען די לאָדען און דערפון האָבען זיך צובְּראָכען די שויבען .

— געה צוריק!... לויף ארום און ארום, אלטער וואלף... דו וועסט ניט פערבלאנדזשען... האט ער צו מרוק'ן געזאגט.

„מרוק”, האט פערשטאנען, געפאלגט דעם בעל הבית און אויף אלע פיער האט ער זיך געלאזט לויפען ארום נאסטהויז אין הויף אריין.

— נו, קינדער, איהר קענט זיך בערוהיגען: אין דעם אלעם איז נאר שולדיג דער ווינד.

— און מיר האבען זיך זעהר איבערגעשראקען!

— איך גלויב, איך גלויב, אבער פון פענסטער וועט דאך בלאזען א ווינד... נאר צו דעם איז אויך דא אן עצה. ער האט גענומען א טוך און פערהאנגען די צובראכענע שויבען.

— מיר דאנקען דיר ליבער דאנאבער! פאר וואס ביסט דו אבער היינט אזוי שפעט געקומען? וואס ביזט דו אזוי בלאס? האט זיך דיר געטראפען עטוואס אונאנגענעהמעס?

— בערוהיגט זיך, קינדערלעך, כמעט גאר ניט.

דאנאבער האט זיך אוועקגעזעטצט. איינינגע מינוט זיינען אלע דריי געבליבען שטיל. מיט א מאל האט בלאנש געזאגט צו דאנאבער'ן: „מיר האבען דיר צו ערצעהלען א סוד”.

— וואס איז דאס פאר א סוד? האט דאנאבער געפרעגט.

— זיי געדולדיג און הער אונז אויס, נאר זאלסט ניט לאכען פון אונז.

און בלאנש האט איהם איבערגעגעבען, דאס מיט 3 טאג פריהער און אויך געבטין איז צו זיי געקומען אין חלום א בלאנדער יונגערמאנן וועלכער האט זיי געזאגט, דאס זיין נאמען איז גבריאל און דאס איהם האט געשיקט זייער געשטארבענע מוטטער, ער זאל אכטונג געבען און היטען זיי.

דאס איז ניט קיין אונגליק, נאר פונדעסטוועגען וועט ניט שאדען אז „מרוק" זאל אייך אויך היטען, וואַרום ער איז גאר ניט אזא בלאנדער. נאר דערפאר האט ער אבער שארפע ציינער.... דאס וועט זיין פיל זיכערער.

ביי דיר, דאגאבער, איז אלץ אַ געלעבטער!

— ניט אלע מאל... יעטצט האב איך אייך אויך וואס צו ערצעהלען פון אייער מוטער! זאגט מיר נאר צו, קינדערלעך, ניט אומעדיג צו זיין.

— גוט... דאגאבער... ערצעהל... האבען די מיידלעך געאנטווערט, אונ אויפמערקזאם געווארען.

דאגאבער האט אַ ווייַלע געשוויגען נאכדענקענד ווי ער וואלט זיך וועלען עטוואס ערמאהנען, אונ האט אנגעפאנגען זיין ערצעהלונג.

— אייער פאטער, דער גענעראל סימאן, איז געווען אַ פראסטער בעל מלאכה'ס אַ זוהן, זיין דינסט האט ער אנגעפאנגען אלס פראסטער סאלדאט אונ האט זיך דערדינט צום טיטול גראף.

דער גענעראל איז געווען פון שאנעם אויסזעהען אונ שטארק ווי אַ לייב.... 19 יאהר וועט זיך ווערען, ווי אויף דעם ארט, וועלכען איך האב אייך געוויזען פאהרענדיג אין וועג, האט מען אונז, דאס הייסט, דעם גענעראל אונ מיך אין אַ שרעקליכער שלאכט גענומען אין פלען... דעם גענעראלס לעטצטער פערד איז אונטער איהם געפאלען, ער האט זיך געזעטצט אויף מיין „לץ" אונ מיר זיינען בשלום געקומען אין ווארשא... דא האט ער זיך בעקאנט מיט אייער מוטער אונ האט זיך פערליבט אין איהר — אונ זי דאסזעלבע אין איהם, וואַרום זי איז שוין געווען פערבונדען מיט איין אנדערן... מיט... דאגאבער האט אבער ניט געקענט ענדיגען די ערצעהלונג, דען אין דערזעלבער מינוט האט

ראזע געגעבען א הערצרייסענדען געשריי און מיט שרעק געוויזען אויף דאס פענסטער .

ז.

דער וואנדערער .

דער אלטער האט א שפרונג געטהון פון זיין ארט .

— וואס איז דאס ! האט ער אויסגעשריען .

— זעה... זעה... האט ראזע געשטאמעלט , — א האנד האט זיך אריינגעשטעקט אין פענסטער און א שלעפ געטהון דאס טוך...דאנאכער האט א שפרונג געטהון צום פענסטער און האט אויפגעהויבען דאס טוך... די נאכט איז געווען שרעקליך-פינסטער... דער סאלדאט האט גענומען א ליכט און ארויסגעשטעקט דעם קאפ אין פענסטער , ער האט אבער קיין זאך ניט געזעהען .

ער האט ווידער פערהאנגען דאס פענסטער און געטראכט , אז דאס האט געוויס דער ווינד אויפגעהויבען דאס טוך .

— בערוהיגט זיך , קינדערלעך ! האט ער צו זיי געזאגט , דאס איז גאר איינפאך , דאס איז דער ווינד .

— איך האב אבער געזעהען א האנד , האט ראזע עטליכע מאל איבערגעחזר'ט .

— איך האב גאר ניט געזעהען , האט בלאנש צוגעגעבען .

— עס איז דאך ניט געווען וועמען צו זעהען.... דאס פענסטער איז הויך פון דר'ערד אויף גאנצע 3 ארשין.... און ווען מען זאל וועלען אריינקוקען אין איהם , דארף מען דאך צושטעלען א לייטער .

— עס איז גאנץ געווים אז מיר האט זיך דאס נאר אפגעבאכט האט ראזע בעמערקט.

— דאס איז געווים דער ווינד, האט בלאנש צום בערוהיגען צוגעגעבען.

— פונדעסטוועגען, וואס איז דאס מיט מרוק'ן, וואס ער איז נאך ניט געקומען, געווים האט ער דערשמעקט וואו דער „לץ" שטעהט, און איז אריין צו איהם צו בעזוך... מען דארף געהען ברייגגען איהם אהער!

— אה, ניין!... דאנאבער, געה פון אונז ניט אוועק! האבען ביידע מיידלעך אין איין שטימע אויסגעשריען... ווען דו ביזט ניט דא שרעקען מיר זיך זעהר.

— איבריגענס, וועט מרוק מסתמא אליין באלד קומען, און דארום וועל איך זיך נעמען צו דאס מייניגע, האט דאנאבער, זיך זעטצענדיג אויף א שטול, געזאגט.

... אלזא, איז אייך שוין בעוואוסט דאס אייער מוטטער האט מען געוואלט פערהייראטען מיט אנ'אנדער'ן... האט דאנאבער פארטגעזעטצט זיינע ערצעהלונג, — אין 1814 יאהר האט זיך דער שטרייט געענדיגט, און דעם קייזער האט מען פארשיקט אויף די אינזעל עלבא... דאן האט אייער מוטטער געזאגט צום גענעראל סימאן: „דער שטרייט איז פאראיבער, איהר זייט פריי, אבער דער קייזער איז דאך אין געפאנגניס; פארגעסט ניט, דאס אלעס האט איהר בעקומען פון זיין האנד און דאריבער איז אייער פפליכט (חוב) פאהרען צו איהם... איך וויים ניט, ווען מיר וועלען זיך ווידערזעהען, נאר איך גיב אייך מיין הייליג ווארט, דאס איך וועל ניט הייראטען קיין אנדערן, אלס אייך"...

פאר זיין אפפאהרען האט דער גענעראל מיך צוגערופען צו זיך און געזאגט: „דאנאבער, דו בלייב היער... פיללייכט וועסט דו צו נוטץ קומען דער פריילין חנה, ווען זי וועט וועלען ענטלויפען פון איהר

פאמיליע; אונזערע קארעספאנדענץ וועט געהן דורך דיינע האנד. אין פאריז וועל איך בעזוכען דיין פרוי אונ זוהן, אונ וועל זיי אבגעבען א גרים פון דיר, אז דו לעבסט, ביזט געזונד אונ ביזט מיין פריינד"...

– אה, ליבער דאנאבער!

„אונ אייער מוטטער האט קיינעם ניט געוואלט הייראטען, אויסער דעם גענעראל סימאן. ער איז דערוייל שוין אוועקגעפאהרען אויפ'ן אינזעל עלבא אונ אין א קורצע צייט נאכדעם פון דארט ענטלאפען מיט דעם קייזער אונ זיינען ווידער געגאנגען אין שטרייט געגען פיינד. אייער פאטער האט זיך געשלאגען זעהר העלדיש... זיינע סאלדאטען זיינען געלאפען אין פייער – ווי ווילדע לייבען, דען ווער וואלט דאס ניט וועלען זיך שלאגען ביי דער קאמאנדע פון אזא גענעראל"!..

ביי דער ערצעהלונג האט זיך אונזער סאלדאט גאר ווי איבערגע־ביטען אונ יונגער געווארען.

„אין דיזען אבענד, נאך דער שלאכט ביי גאנטמיראל, האט דער קייזער זעלבסט, אויף דעם שלאכט־פעלד, געגעבען אייער פאטער דעם טיטול „הערצאג דע'ליני אונ „מארשאל פון גאנץ פראנקרייך"... אבער שפעטער האט מען דיזען טיטול ניט אנגענומען, אונ נאך דעם אונגליק־ליכען שטרייט ביי וואטערלאא, ווען די ענגלאנדער האבען דעם קייזער פארשיקט אויף די אינזעל „העלענא", האט מען אייער פאטער ווי א פערברעכער פערמשפט צום טויט אונ דאפיר האט ער געמוזט ענטלויפען נאך ווארשא... אונ דא האט ער געהייראטעט אייער מוטטער; נאר ניט אויף לאנג איז געווען זייער גליק... אייער פאטער האט זיך אריינ־געמישט אין א פאליטישע געשיכטע אונ האט ווידער געמוזט ענטלויפען. אין א קורצע צייט ארום בין איך מיט אייער מוטטער אויך אוועקגעפאה־רען פון ווארשא אונ אויפ'ן וועג אין א קליין דארפיל האט זי אייך געבארען"...

– אבער וואס איז געווארען מיט דעם פאטער? האט מען ווען געהערט פון איהם, אדער א נאכריכט ערהאלטען?

– איין מאל נאר!..

– מיט וועמען?

– „מיט וועמען?" האט ער נאך א קורצען נאכדענקען געזאגט: מיט א זעלבען וואס איז גאר ניט גלייך צו אלע געוואהנליכע מענשען פון דיזער וועלט... אום איהר זאלט פערשטעהען, וואס איך האב אייך געזאגט, וועל איך אייך ערצעהלען, וואס מיט אייער פאטער האט זיך פאסירט אין שטרייט ביי וואטערלאא: דער קייזער האט געגעבען א בעפעהל, דאס מען זאל ניט אנדערס איינגעהמען דעם פיינדס איינע באטטעריע, וועלכע האט אונז פיל שאדען געמאכט... צוויי מאל איז מען דעם פיינד בעפאלען, אבער אן נוטצען; ענדליך האט אייער פאטער זעלבסט אטטאקירט דעם פיינד, און לויט זיין געוואהנהייט, זיי אנגעהויבען צו שניידען מיט הארמאטען... ביי איין הארמאט, וואו אלע סאלדאטען זיינען שוין כמעט געווען טויט, האט זיך איינער, אין גאנצען א פערוואונדעטער מיט די לעטצטע קרעפטען געשטעלט אויף די קניע און צוגעלייגט צום הארמאט דעם קנויט... אייער פאטער איז געשטאנען צעהן טריט ווייט פון הארמאט און גראדע געגענאיבער"...

– א, גאטט!

– יא, עס איז ניט דא וואס צו ריידען... הערט נאר, וואס עס האט זיך ווייטער פאסירט: „אין דערזעלבער מינוט, ווי דער סאלדאט האט שוין אנגעצינדען דעם קנויט, האט זיך א מענש פון הויכען געוואוקס א וואורף געטהון אויף דעם הארמאט און מיט זיין קערפער פערשטעלט זיין לאך... עס האט אויסגעשאסען... אייער פאטער האט אויפגעעפענט זיינע אויגען, און צו זיין גרויסען ערשטוינען, האט ער דערזעהען דעם זעלבען מענשען, וואס האט זיך פאר'ן אויסשיסען א וואורף געטהון

אויף דעם הארמאט, שטעהענדיג גאנץ ווי פארהער.

— איז דאס מאגליך, דאנאבער?

— איך האב דאסזעלבע געפרעגט ביים גענעראל, נאר ער האט מיר געאנטווערט, דאס ער אליין פערשטעהט ניט וואס דא איז פארגע־קומען און ווי אזוי ער איז געבליבען לעבען.... דאס אויסזעהען פון דעם מענשען האט געמוזט אויף איער פאטער א גרויסען איינדרוק מאכען, ווייל ער האט מיר איהם נאכהער גענוי אבגעמאלט: ער איז אלט געווען ניט מעהר ווי א יאהר 30, זיינע ברעמען זיינען געווען צוזאמענגעוואק־סען, זא דאס זיי האבען זיך געצייגען פון איין שלייף ביז דעם צווייטען, ווי איין שווארצער פאס"...

— הערט ווייטער... „אין שלאכט ביי וואטערלאא האט מען איער פאטער זעהר פערוואונדעט... ביי נאכט, ווען ער איז געלעגען אין א גרויסען פיבער אויף דר'ערד, האט זיך איהם ביי דער ליכטיגקייט פון דער לבנה פארגעשטעלט אז דערזעלבער מאנן האט זיך צו איהם איינגעבויגען, טרויעריג געקוקט אויף איהם און האט איינגעהאלטען דאס בלוט, וואס האט גערונען פון זיינע וואונדען. איער פאטער האט איהם אבגעשטויסען פון זיך און געזאגט, דאס נאך אזא אונגליקליכען שטרייט דארף ער נאר שטארבען; דער מאנן אבער האט איהם געאנטווערט: „דו מוזט לעבען צו־ליב חוה'ן"... דאס הייסט צו־ליב איער מוטטער.

— ווי וואונדערבאר דאס איז אלעס, דאנאבער?!.. און פון יענער צייט האט דער פאטער איהם שוין מעהר ניט געזעהען?

— ניין, דער גענעראל האט איהם שפעטער אויך געזעהען... און דערזעלבער האט געבראכט איער מוטטער א נאכריכט פון איהם.

— ווען איז דאס געווען?

— אין דעם טאג פאר איהר שטארבען; איהר האט דאן געשפאצירט אין וואלד...

— אָה, גאָטט! ... מיר האָבען קיין מאָל ניט געטראַכט, דאס זי וועט שטאַרבען אין דעם טאג ...

— דאָסזעלבע ווי איך ... אין דעם זעלבען טאג האָב איך געאַרבייט אין גאָרטען ... איך הער־מען רופט מיך ... איך זעה געבען מיר שטעהט אַן׳אונבעקאַנטע פּערזאָן: „דאַ איז דער דאָרף מילאָסק״? האָט ער מיך געפֿרעגט.

— איך האָב זיך אויף איהם איינגעקוקט אונ האָב אַ שפּרונג געטהון צוריק.

— פאַר וואָס?

— דער מאַנן איז געוועזען פון הויכען געוואוקס מיט אַ בלאַסער געזיכט אונ זיינע ברעמען האָבען זיך געצויגען פון איין שלייף ביז דעם צווייטען — ווי איין שוואַרצער פּאַס...

— דערזעלבער מענש, וועלכען דער פֿאָטער האָט געזעהען אין שלאַכט?

— יאָ.

— דאַנאָבער, אָבער נאָך דעם שטרייט איז דאָך שוין פאַראיבער צוועלף יאָהר?.. האָט ראָזע בעמערקט.

— כמעט 16 יאָהר.

— אָבער ווי אַלט איז ער דאַן געווע...

— ניט מעהר ווי אַ יאָהר 30.

— קען דאָס דען געבען אַז דאָס זאָל זיין דערזעלבער מאַנן, וועלכען דער פֿאָטער האָט געזעהען אין דער מלחמה?

דאַנאָבער האָט אַקוועטש געגעבען מיט די פּלייצעס.

— עס קען זיין, דאָס איך האָב אַ טעות געהאט.... אָבער דאָך?..

ווען דאָס וואָלט געוועזען דערזעלבער, האָט ער געבאַרפט זיין פיל

עלטער ווי 30 יאהר. דו האסט איהם גאר ניט געפרעגט — צו ער האט דאס גערעטעט צוויי מאל אין מלחמה דעם פאטער? האט בלאנש געפרעגט.

— איך בין אזוי צוטומעלט געווארען, דאס מיר איז דאס גאר ניט ארויף געקומען אויפ'ן זינען... — „איז דאס דער דארף מילאסק"?.. יא, האב איך איהם געאנטווערט; „ווייסט איהר ניט וואו וואהנט דא געגע־ראלשע סימאן"? אין דיזעם הויז וואהנט זי. דאן האט ער אויף מיר א שארפען בליק געגעבען און פריינדליך מיר אויסשטרעקענדיג זיין האנד געזאגט: „דו ביזט דעם געגעראלס א פריינד, זיין בעסטער פריינד"?... פון וואנען ווייסט איהר דאס? האב איך שטיל געפרעגט... „ער פלעגט מיר שטענדיג ערצעהלען וועגען אייך"...

— האט איהר, הייסט דאס, געזעהען דעם געגעראל?

— יא, ניט לאנג, אין אינדיען; פיהרט מיך אביין צו דער געגעראלשע.

אין פינף מינוט ארום איז ער שוין געווען נעבען איהר, — האט דאנאבער ווייטער ערצעהלט, — זיי האבען ניט לאנג גערעדט... נאכהער האט מיך די געגעראלשע צוגערופען צו זיך און געזאגט, דאס זי האט פון אייער פאטער גוטע נאכריכטען בעקומען; ביי די ווערטער האט זי זעהר געוויינט... געבען איהר איז געלעגען א פעקיל פאפירען — דאס איז געוועזען דעם געגעראלס טאגעבוך, אין וועלכען ער פלעגט פערשרייבען אלעס וואס ער האט געהאט איהר איבערצוגעבען.

— דאנאבער וואו זיינען די פאפירען?

— אין מיין רייזעטאש, וואו עס ליגט אונזער געלד און מיין מעדאל פון קייזער... איך וועל זיי אייך אוועק געבען, דערווייל אבער לעזט דורך אט די עטליכע וויכטיגע בלעטלעך, אט זיינען זיי...

די מיידלעך האבען געשווינד אויסגעשטרעקט זייערע האנד צו די

פאפירען, וועלכע דאנאבער האט ארויסגענומען פון קעשענע.

— לעזט, לעזט!... האט דאנאבער געזאגט, — נאר איהר מוזט וויסען, דאס דעם בריף האט אייער פאטער געשריבען איידער ער האט זיך בעגעגענט מיט דעם „וואנדערער", וועלכער האט די פאפירען געבראכט.

ראזע האט גענומען לעזען די פאפירען און בלאנש האט איהר ארומגענומען מיט איין האנד און אויפמערקזאם זיך צוגעהערט.

.VI

קליינע נאטיצען פון גענעראל סימאנס טאגעבוך.

„אין לאגער אויף די אווערישע בערג, 20 פעברואר 1830 יאהר.

... „ווען צו דיר וועלען יא א מאל אנקומען אט די בלעטלעך, וועט געוויס דיין גוטעס הערץ אנפאנגען שטארק צו קלאפען ביי דעם נאמען דשאלמא, וועלכער האט היינט געראטעוועט מיין לעבען... געדענק, ניט פארגעס דעם נאמען „דשאלמא".

„דאס איז דער נאמען פון דעם אינדיאנישען פרינץ; איך דיען יעטצט ביי זיין פאטער און מיט זיינע מיליטער שטרייט איך געגען די ענגלאנדער, מיינע ערגסטע פיינד... דאס לעבען האב איך היינט צו פערדאנקען דעם פרינץ דשאלמא... דיזער יונגער מענש איז אין מלחמה א וואהרער העלד".

„צום בעדויערען אבער, האב איך בעמערקט, דאס דשאלמא איז צייטענווייס זעהר מעלאנכאליש (אומעדיג)".

איך האב בעמערקט דאס דער זאהן מיט'ן פאטער בעהאלטען פ

מיר א סוד; עס האט זיך געווים ביי זיי עטוואס זאנדערבארעס געטראפען און מיינען, דאס עס איז איבערנאטירליך".

„איך וועל דיר אבער זאגען, מיין פריינד, דאס מיר האבען ניט קיין רעכט אבצולאכען פון דעם צווייטענס אבערגלויבען... ביז היינטיגען טאג קען איך נאך אלס ניט פארשטעהן יענעם זאנדערבארען צופאל מיט מיר אין דער צייט פון דער פראנצאזישער מלחמה".

— געווים מיינט ער מיט דעם מאנן, וועלכער האט זיך א ווארף געטהון אויף דעם הארמאט, האט דאנאבער בעמערקט.

„ליבע חוה, — האט ראזע ווייטער געלעזען, — ענדליך האב איך זיך דערוואוסט, דאס אין דיזשאלמעס אדערען פליסט פראנצאזישעס בלוט... די געשיכטע פון דעם איז אזוי: מיט איניגע יאהר צוריק האט זיין פאטער געהייראטהעט א פריילין פון א פראנצאזישע פאמיליע, וועלכע האט א לאנגע צייט געוואהנט אין באטאוויע אויף דעם אינזעל יאווא, לײדער אבער איז זיין פרוי שוין מיט איניגע יאהר פריהער גע־שטארבען":

— יעטצט לעז דו, בלאנש.

בלאנש האט גענומען די פאפירען פון דער שוועסטערס האנד און האט ווייטער געלעזען.

„גענוג שוין וועגען אינדיען... יעטצט וועגען אייראפא... מיין אלטער פאטער לעבט און איז געזונד, ער טהוט זיין פריהעריגע ארבייט און שטאלצירט מיט דעם... ער האט מיר גוטע נאכריכט געשיקט פון דאנאבערס, אונזער גוטען פריינדס, פאמיליע... ווי גליקליך איך בין דאס דאנאבער איז נעבען דיר... איך שטעל מיר פאר ווי ליעב ער האט אונזער קינד".

ביי די ווערטער האט דאנאבער אנגעהויבען צו הוסטען און האט זיך איינגעבויגען צום פאדלאגע, ווי ער וואלט וואס זוכען.

— ארעמער גענעראל, האט דאנאבער צו זיך גערעדט, — ער האט גאר ניט געוואוסט, דאס ער האט צוויי קינדער...

— ווי גוט אונזער פאטער קאן דיך! האט ראזע שטיל אויסגערעדט.

— דאס לעזט ניט! דאס לעזט ניט! האט דאנאבער געאיילט... וואס שטעהט ווייטער?

..."איך בין זיכער מיין ליבע חוה, דאס דער בריעף וועט דיר געוויס אנקומען אונ דאריבער שרייב איך דיר וועגען אונזער גוטען פריינד דאנאבער... מיין פאטער איז געוועזען דער הויפטמייסטער ביי העררן הארדי, אונ ביי איהם טאקי איז אין דער לעהרע דאנאבערס זאהן — אגריקאל... דער פאטער שרייבט מיר, דאס אגריקאל איז פון הויכען געוואוקס אונ זעהר שטארק, ער הייבט דעם האמער ווי א פעדער. ער איז קלוג, האט ליעב צו ארבייטען אונ איז שטענדיג פריילּיך... ער מאכט אויך זעהר גוט לידער"...

— דאנאבער, דו דארפסט זעהר שטאלצירען מיט דיין זאהן! האט ראזע צו איהם געזאגט.

— יא,... דאס איז אלעס גוט... מיר איז אבער פיל אנגענעמער צו הערען, דאס ער איז א גוטער ארבייטער אונ עהרט זיין מוטטער...

..."אגריקאלס ברודער, וועלכען דאנאבערס גוטהערציגע פרוי האט צוגענומען צו זיך איז, ווי מיין פאטער שרייבט מיר, דער קאנטראסט (היפך) פון אגריקאל; גבריאל איז זעהר מעלאנכאליש אונ פערטראכט; זייערע געזיכטער זיינען אהנליך צו זייערע חאראקטערען. אגריקאל איז הויך געוואקסען פעסט געבויט מיט א פריילּיכען אונ דרייסטען אויסזעהען; גבריאל איז, אין געגענטהייל, פון מיטלען געוואוקס מיט א צארטען קערפער, א בלאנדין, אונ אונשולדיג ווי א קינד... אונ

זַיין גֶעזִיכְט אִיז מִילד אוּנ גוּטְהֶערְצִיג וִוי בַּיי אַ מַלְאָךְ"...

„גַבְרִיאֵלְס גֶעזִיכְט אִיז זֶעהר שֵׁאן, — הָאט בְּלַאנְשׁ וַוייטֶער גֶעלֶעזֶען — אוּנ עֶר הָאט זִיךְ אוּיסְגֶעקְלִיבֶּען אַ צִיעל, דֶער קָאנְטְרַאסְט פוּן אַגְרִיקָאל'ן... צְוֵויי יָאהר וִוי עֶר אִיז שׁוֹין פַּאטֶער (יוּנְגֶער גַלָח) אוּנ וִויל פָּאהרֶען אַלְס מִיסְיָנֶער נַאךְ אַמֶערִיקַא".

— דַיין גַבְרִיאֵל — אִיז אַ פַּאסְטָאר! הָאט רָאזֶע בֶּעמֶערְקְט

— אוּנְזֶערֶער אָבֶּער — אַ מַלְאָךְ! הָאט צוּגֶעגֶעבֶּען בְּלַאנְשׁ.

— אַלְזָא אִיז אַייעֶרֶער מִיט אַ מַדְרֵגָה (טְשִׁין) הֶעכֶער, — הָאט דַאנָאבֶּער גֶעשְׁפַּאסְט.

„גִיבּ גָאטְט אַז מָארְגֶענְדִיגֶע מִלְחָמָה זָאל זַיין מִיט גְלִיק, הָאט בְּלַאנְשׁ וַוייטֶער גֶעלֶעזֶען. בַּיי אוּנְז אִיז יֶעטְצְט נַאכְט, אִין גַאנְצֶען לַאגֶער אִיז שְׁטִיל, מֶען הֶערְט מֶעהר נִיט וִוי דֶעם אוּיסְגֶעשְׁרֵיי פוּן דִי נַאכְט־וָואכְטֶער:..

אַךְ, מַיינֶע לִיבֶּע, טְהַייעֶרֶע! וִוי לֶעבְּט אִיהר, וִוי אִיז אַייעֶר גֶע־זוּנְד אוּנ וָואס עֶרְוַוארְטֶעט אַייךְ אִין צוּקוּנְפְט? אַךְ, וִוי גוּט עֶס וָואלְט גֶעוֶועזֶען, וֶוען אִיךְ זָאל קֶענֶען צוּשִׁיקֶען דֶעם מֶעדַאלְיָאן, וֶועלְכֶען אִיךְ הָאבּ, לַיידֶער, אַוֶועקְפָּאהרֶענְדִיג פוּן וַוארְשָׁא, מִיטְגֶענוּמֶען, מֶאגְלִיךְ דָאס דוּ וָואלְסְט דַאן גֶעפוּנֶען אַ מִיטֶעל וִוי אַוֶועקְצוּפָאהרֶען נַאךְ פְרַאנְקְ־רֵייךְ, אָדֶער דוּ וָואלְסְט אַהִין גֶעשִׁיקְט אוּנְזֶער קִינְד מִיט דַאנָאבֶּער'ן. דוּ וֵוייסְט דָאךְ וִוי וִויכְטִיג דָאס אִיז... נָאר וָואס הֶעלְפְט אוּנְז דָאס רֵיידֶען! דָאס פֶערְשַׁאפְט אוּנְז נָאר פֶערְדְרוּס אוּנ קוּמֶער... דִי יָאהרֶען לוֹיפֶען — דֶער גֶעוִויסֶער טָאג וֶועט אָנְקוּמֶען, אוּנ דַאן וֶועט מוּזֶען מַיין לֶעטְצְטֶע הָאפְנוּנְג — צוּ פֶערְבֶּעסֶערְן אַייעֶר לַאגֶע — פֶערְלָארֶען גֶעהְן... אַדְיֶע, לִיבֶּע חַוָה... גִיבּ אִיבֶּער מַיין קוּשׁ אוּנְזֶער קִינְד"...

..."מָארְגֶען נָאךְ דֶער מִלְחָמָה וֶועל אִיךְ דִיר וִוידֶער שְׁרַייבֶּען"...

בְּלַאנְשׁ אִיז גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטִיל... זִי הָאט גֶעוֵויינְט.

דַאנָאבֶער הָאט אַרָאבגֶעלָאזֶען דֶעם קָאפּ אוּן הָאט זִיךְ פֶערטִיפְט
אִין טְרוֹיֶערִיגֶע גֶעדַאנְקֶען
דְרוֹיסֶען הָאט גֶערֶעגֶענְט אוּן גֶעשְׁטוּרְמְט.
אִין הוֹיף פוּן גַאסְטְהוֹיז „וַויִיסֶער אָדְלֶער" אִיז גֶעוֶוען גַאנְץ שְׁטִיל.
אִין דֶערזֶעלְבֶּער צַייט אִיז אִין זְוִויֶערִינֶעץ פָארגֶעקוּמֶען פָאלְגֶענְדֶעס.

VII.

בַּיי דִי חַיוֹת.

מָארָאק הָאט אָנְגֶעטְהוּן זַיין שְׁטָאלֶענֶעם פַאנְצִיר אוּן דִי הֶענְד מִיט דִי פִּיס הָאט עֶר אוֹיךְ צוּגֶעדֶעקְט מִיט שְׁטָאל. אוֹיף דִי שְׁטָאלֶענֶע קְלֵיידֶער הָאט עֶר אָנְגֶעטְהוּן בְּרֵייטֶע הוֹיזֶען מִיט אַ פֶּעלְץ; אִין דִי הֶענְד הָאט עֶר גֶענוּמֶען אַן אָנְגֶעבְּרֶענְטֶען לַאנְגֶען אַייזֶען מִיט אַ הִילְצֶערְנֶעם הֶענְטִיל אוּן אַ לַאמְטֶער אוּן אִיז אַרָאבְּגֶעגַאנְגֶען צוּ דִי חַיור

אִין גַאנְצֶען זַיינֶען גֶעוֶוען 4 שְׁטַייגֶען; אֵיינֶע פוּן זֵיי אִיז גֶעוֶוען פּוּסְט אוּן אִין דִי אִיבֶּערִיגֶע 3 — הָאבֶּען זִיךְ גֶעפוּנֶען דֶער טִיגֶער „הָמָן", דֶער לֵייבּ „קַיִן" אוּן דִי פַאנְטֶערַא „מַלְאָךְ הַמָוֶת".

דִי פַאנְטֶערַא הָאט מֶען אִין דֶער פִינְסְטֶער כִּמְעַט נִיט גֶעזֶעהֶען, נָאר אִיהרֶע אוֹיגֶען הָאבֶּען גֶעבְּלִישְׁטְשֶׁעט ווִי צְוֵויי גְרוֹיסֶע פוּנְקֶען.

מָארָאק אִיז שְׁטִיל אַרַיין אִין שְׁטַאל. עֶר הָאט אַרַיינְגֶערוּקְט דֶעם אָנְגֶעבְּרֶענְטֶען שְׁטָאל אִין שְׁטַייג אוּן אַ גֶעשְׁרֵיי גֶעטְהוּן: „מַלְאָךְ הַמָוֶת... אַהֶער"! דֶער מַלְאָךְ הַמָוֶת הָאט זִיךְ עֶטְוָואס אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען אוּן אֵיינְגֶעקָארְצֶעט.

מאראק האט געמאכט א טריט פאראויס... דער „מלאך המות" האט אויך דאסזעלבע געטהון... ער האט זיך אבגעשטעלט - דער מלאך המות אויך...

אין דער צייט וואס מאראק האט גערייצט די הונגעריגע פאנטערא איז גליית אריין אין שטאל.

— וואס הערט זיך? האט מאראק איהם געשווינד געפרעגט.

— עס איז געוועזען זעהר שווער! עס איז נאך גוט וואס די נאכט איז פינסטער... און א רעגען גיסט ווי פון א עמער.

— איז אבער ניט דא קיין חשד?

— קיין חשד. אין האב אלעס געטהון ווי איהר האט מיר געהייסען. ווען איהר האט צו מיר א פייף געטהון, האב איך גענומען דעם לייטער'ל און בין ארויפגעקראכען צום פענסטער, אין וועלכען איך האב מיט דער האנד צובראכען די שויבען, א שטארקען קלאפ געגעבען מיט'ן לאדען און בין שנעל ענטלאפען מיט'ן לייטער'ל.

אין איניגע מינוט ארום האט זיך געהערט דעם אלטענס ריידען... עס איז נאך גוט וואס איך האב געאיילט צו בעהאלטען זיך אונטער א טהיר, דען ווען ניט וואלט מיך דערשמעקט זייער הונד, וועלכען זיי האבען אראבגעלאזען דורכ'ן פענסטער.

— דער הונד איז יעטצט אין שטאל ביים פערד. ערצעהל ווייטער!

— ווען דער הונד איז אוועקגעלאפען און זיי האבען דאס פענסטער צוגעמאכט, בין איך נאך א מאל צוגעגאנגען, נאר דאס פענסטער איז שוין געוועזען פערהאנגען מיט א טוך... איך האב גאנץ שטיל אויפגע-הויבען דאס טוך און האב געזעהען ווי דער אלטער זיטצט און ערצעהלט זיי עטוואס.

— וואו איז אבער דער פעקעלע?.. דאס איז דאך די הויפטזאך!...

— ער איז געלעגען אויפ'ן טיש זעהר נאהענט פון פענסטער... איך האב געהערט ווי דער אלטער האט געזאגט דאס אין איהם ליגען פאפירען אונ בריעף פון זיין גענעראל אונ זיין מעדאל. איך האב שוין געוואלט צוכאפען דאס פעקעלע, נאר מיט א מאל האט זיך א שלעפ געטהון דאס טוך אונ איין מיידעל האט אנגעפאנגען צו שרייען אונ נייזען אויף דאס פענסטער... איך האב געמוזט צו פיל אריינשטעקען די האנד...

— פערפלוכטער יונג! דו האסט איבערגעפיהרט דאס גאנצע געשעפט!..

— שרעקט זיך ניט אזוי, נאך ניט אין גאנצען?... דער הונד איז דאך אין דער צייט שוין ניט געוועזן, בין איך געשווינד אראבגעשפרונגען אונ האב זיך בעהאלטען אונטער די טרעפ; דער אלטער האט ווידער ארויסגעשטעקט דעם קאפ דורכ'ן פענסטער אונ האט זיך ארומגעקוקט... אלעס איז אבער געוועזן שטיל... דערווייל ווייס איך וואו עס ליגען זיינע געלד אונ פאפירען... מעהר האב איך ניט געקענט מאכען.

— געה ארויף אונ ברייננ מיר די לאנגע קלעצאווע פיקע אונ דעם רויטען צודעק.

— באלד! האט גליך געענטווערט אונ איז ארויף אויפ'ן בוידעם. אין א מינוט ארום איז ער צוריקגעקומען אונ געזאגט: אט איז דאס!

— יעטצט געה שטעל זיך ביי דעם פענסטער פון לעטצטען נומער אונ ווי נאר דער אלטער וועט ארויסלויפען פון זיין צימער...

— ווער וועט דאס איהם גייטען ארויסלויפען?

— איך רייד דאך צו דיר: ווי נאר ער וועט ארויסלויפען, זאלסט דו געשווינד אויפמאכען דאס פענסטער אונ אראבווארפען די לאמפ פון טיש, אונ ווען דו וועסט דאס אלעס מאכען גיך אונ גוט — דאן האסט דו צעהן טאלער... דו פערשטעהסט, וואס איך רייד? געהן זאלסט דו

ניט דורכ'ן הויף, נור קריך אריבער דעם דאך... דורך דאס קליין פענסטערל... איבערהויפט, אן גערויש.

— זייט רוהיג, האט דער גבור געענטפערט, און איז באלד פערשוואונדען.

נאך דעם געשפרעך, אין צעהן מינוט ארום, האט מאראק גענומען זיין פיקע מיט דעם צודעק און איז אריין אין שטאל, וואו דאגאבערס פערד איז געשטאנען.

„וואס מען הייסט מיר, דאס טהו איך, האט ער צו זיך גערעדט. ניט איך דארף פערשטעהן מיט וואס פאר ארט און ווייזע די מיידלעך קענען זיין פערמישט אין א זעלבע וויכטיגע און גרויסע פערהעלטניס!.. איך בין מעהר ניט ווי א האנד וואס דארף אלעס טהון, אבער פערענטווארטליך איז דער קאפ, וועלכער טראכט און בעפעהלט מיר איך זאל טהון". מיט די ווערטער האט מאראק גאנץ רוהיג אבגעבונדען דאס פערד פון צוים. „מרוק" איז אנגעפאלען אויף מאראק'ן נאר ער האט זיך ווייניג וואס ערשראקען, ווייל ער איז אין גאנצען געווען אנגעטהון אין שטאל, זא דאס ער האט ניט געפיהלט דעם הונד'ס ציינער.

מאראק האט דעם פערד פערבונדען דעם קאפ מיט'ן צודעק, עס ארויסגעפיהרט פון שטאל, אריינגעפיהרט אין זיין זוועריניעץ און נאכדעם פערמאכט די טהיר...

די נאכט איז געווען זעהר פינסטער, אויפ'ן הויף האט מען גאר ניט געקענט זעהען.

VIII.

די נגבה.

ווען די יתומות האבען געענדיגט לעזען זייער פאטערס טאגעבוך זיינען זיי געבליבען זיטצען טרויעריג פערטראכט.

דאנאבער איז אויך געזעסען פערטראכט אונ האט געקלערט וועגען זיין זאהן אונ פרוי, וועלכע ער האט געהאפט צו זעהען אין א קורצע צייט ארום.

— צו וואס נוטצט אונז דער מעדאליאן? האט בלאנש געפרעגט

— אונ וואס בעדייטען די אויפשריפטען אויף איהם? האט ראזע צוגעגעבען, אראבנעהמענדיג דעם מעדאליאן פון האלז.

— די אויפשריפטען אויף דעם מעדאליאן, מיינע קינדער, בעדייטען: דאס דעם 13 פעברואר 1832 יאהר דארפען מיר זיין אין פאריז אויף פראנציסקאנער גאס, אין הויז נומער 3.

— אבער צו וואס?

— דאס ווייס איך ניט; דען אלס אייער מוטטער איז קראנק געוואָרען, האט זי מיר שוין וועגען דעם ניט געקענט ערצעהלען, איך ווייס נור, דאס דעם מעדאליאן היט מען אין אייער פאמיליע ווי א היילינגע זאך, שוין מעהר אלס הונדערט יאהר.

— ווי קומט ער אבער צום פאטער?

ווען ער איז ענטלאפען פון ווארשא, האט ער פון איילענים א טעות געהאט אונ מיטגענומען אייער מוטטערס קעסטעלע, אין וועלכעם איז געלעגען דיזער מעדאליאן, אונ אבצושיקען איהם האט דער גענעראל די גאנצע צייט ניט געהאט מיט וועמען.

— אלזא איז דער מעדאליאן פאר אונז זייער וויכטיג?

— יא... ווען דער „וואנדערער" האט געבראכט אייער מוטטער דיזען מעדאליאן, האט זי זיך זעהר געפרייט און האט צו מיר געזאגט: יעטצט וועל איך פאהרען מיט די קינדער נאך פראנקרייך; ווען איך וועל אבער שטארבען, זאלסט דו, דאנאבער, זיי אוועקפיהרען — מען דארף אונ געזאמט פאהרען, ווייל מיר האבען זיך שוין זא ווי זא פערשפעטיגט. א!.. יעטצט איז דאס לעבען פון מיינע קינדער פערזיכערט... דו זאלסט נאר ניט פארגעסען, דאנאבער, דאס איהר מוזט זיין אין פאריז פאר דעם 13 פעברואר — ווען ניט איז אלעס פערלארען...

— ווי וועט אבער זיין אז מיר וועלען איין טאג פערשפעטיגען?

— איך האפף אז מיר וועלען ניט פערשפעטיגען.

— און מיט אונזער פאטער וועלען מיר זיך זעהען דארט?

— איך האפף, אז יא... יעטצט קען ער צוריקקומען נאך פראנקרייך... ווייל דארט איז שוין אן אנדער קעניג און אנדערע ארדנונגען. די נאכריכט וויים מען שוין אין אינדיען און אייער פאטער וועט געוויס אונגעזאמט קומען נאך פאריז און אונז דארט ערווארטען. ער איז זיכער דאס איהר וועט קומען דעם 13 פעברואר.

— יעטצט פערשטעה איך שוין אלעס, האט ראזע גאנץ שטיל געזאגט. דאנאבער, און וואוהין איז דער „וואנדערער" אוועק?

ער האט געזאגט, דאס ער געהט ווייט, ווייט, אהין צו צפון זייט...

ווען ער איז אוועק, בין איך און אייערע מוטטער אלאנגע צייט געשטאנען אין טהיר און איהם בעגלייט מיט די אויגען, ער איז געגאנגען דעם קאפף אראבגעלאזען; זיין גאנג איז געוועזען לאנגזאם, רוהיג, שווער, ווי ער וואלט ציילען די טריט. אויסער דעם האב איך נאך בעמערקט א זאנדער־בארע זאך.

— וואס דאנאבער?

— איך האב בעמערקט אין די ליימיג-נאסע ערד אט אזעלכע צייכענס פון זיינע טריט:

— וואס קען דאס בעדייטען דאנאבער?

— איך ווייס ניט ... איך ווייס נאר דאס דעם „וואנדערערס" קומען האט קיין גוטס ניט געבראכט. פון יענער צייט אן האבען זיך ביי אונז אנגעפאנגען אונגליקען איינער נאך דעם צווייטען.

— יא, דאס איז ריכטיג... אונזער מוטטער איז געשטארבען...

— מאגליך, דאס פון לייד און קומער, האט ראזע צוגעגעבען.

— ניין, מיינע ליבע, זי איז קראנק געווארען פון די חלירע... די פערפלוכטע קריינק... 3 שטונדען שפעטער, נאך דעם גאסטס אוועקגעהן נייט איהר געקומען פון שפאציר, אבער אייער מוטטער איז שוין געווען פאר'ן שטארבען, זי האט זיך אזוי פעראנדערט, דאס מען האט זי ניט געקענט ערקאנען... ווען די חלירע האט זיך אנגעפאנגען אין אונזער דארף, זיינען שוין דעם ערשטען טאג געווען 5 טויטע ... אייער מוטטער האט מיר דאן אבגעגעבען דעם מעדאליאן און האט מיר בעפאהלען איך זאל אייך אבפיהרען נאך פאריז; דאס איז אלעס, וואס זי האט מיר איבערגעגעבען.

דער אלטער איז געבליבען שטיל און האט אראבגעלאזען דעם קאפ. די יתומות האבען געוויינט. מיט א מאל האט זיך געהערט א שרעקליכער ברום און א רחמנותדיגער הירזשען. דאנאבער האט א שפרונג געטהון פון זיין ארט. דאס איז דער „ליץ"! האט ער אויסגעשריען, און איז באלד ארויסגעלאפען פון צימער. די יתומות האבען זיך אזוי איבערגע-

שְׁרָאקְעָן פוּן דֶעם, דָאס זֵיי הָאבֶּען נִיט בֶּעמֶערְקְט ווִי אַ גְרוֹיסֶע הַאנְד הָאט זִיךְ אַריינְגֶעשְׁטֶעקְט אִין פֶענסְטֶער, אִיבֶּערְגֶעקֶערְט דֶעם לָאמְפּ אוּנ צוּגֶע־הַאפְּט דַאנְאבֶּערְם פֶּעקֶעלֶע.

אִין צִימֶער אִיז גֶעווָארֶען פִינסְטֶער...

.IX

דֶער „לֵץ“ אוּנ דֶער „מַלְאַךְ הַמָוֶת“.

מָארָאק הָאט אַריינְגֶעפִיהרְט דָאס פֶערְד אִין זְווֶיעריגֶעץ אוּנ אָרָאבְּ־גֶענוּמֶען פוּן אִיהם דֶעם צוּדֶעק. ווִי דִי חַיוֹת הָאבֶּען דֶערזֶעהֶען דָאס פֶערְד הָאבֶּען זֵיי אָנְגֶעפַאנְגֶען זִיךְ צוּ ווַארְפֶען אוּנ צוּ בְּרוּמֶען. דָאס פֶערְד הָאט פוּן גְרוֹיס שְׁרֶעק גֶעצִיטֶערְט מִיט אַלֶע גְלִידֶער. דֶער „מַלְאַךְ־הַמָוֶת“ הָאט נִיט גֶעבְּרוּמְט, נָאר זֵיין שְׁווייגֶען אִיז גֶעווֶען נָאךְ שְׁרֶעקְלִיכֶער; עֶר הָאט זִיךְ גֶערִיסֶען מִיט אַלֶע קְרֶאפְטֶען פוּן שְׁטַייג אַרוֹיס. דָאס פֶערְד הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ טַאפֶּען מִיט דִי קָאפִּיטֶעס אִין טְהִיר אוּנ שְׁרֶעקְלִיךְ צוּ הִירְזְשֶׁען.

דַאן אִיז מָארָאק לַאנְגְזַאם צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם שְׁטַייג פוּן „מַלְאַךְ־הַמָוֶת“, הַאסְטִיג אָבְּגֶערוּקְט דִי טְהִיר׳ל אוּנ נָאךְ הַאסְטִיגֶער זִיךְ אַרוֹיפְגֶעחַאפְּט דוּרְכ׳ן לֵייטֶער אוֹיפ׳ן בּוֹידֶעם.

אִין אֵיין מִינוּט אִיז דֶער מַלְאַךְ־הַמָוֶת אַרוֹיסְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען פוּן שְׁטַייג. אֵייניגֶע מִינוּט הָאט עֶר זִיךְ נִיט גֶערִיהרְט פוּן אָרְט, נָאר נַאכְהֶער הָאט עֶר זִיךְ אַ ווָארְף גֶעטְהוּן אוֹיפ׳ן פֶערְד, אַריינְשְׁטֶעקֶענְדִיג זַיינֶע שַׁארְפֶע נָאגִיל אִין זַיין הַאלְז אוּנ בְּרוּסְט... בְּלוּט הָאט זִיךְ גֶעגָאסֶען ווִי פוּן אַ טַייךְ... דָאס פְלֵייש פוּן פֶערְד אִיז גֶעהַאנְגֶען שְׁטִיקֶערְווֵייס... דָאס

פערד האט שוין ניט געקענט מעהר הירזשען... אין דערזעלבער מינוט איז צום שטאל געקומען צו לויפען דער אלטער סאלדאט.

ער האט געריסען דאס שלאס פון שטאל, געשריען, געלארעמט, עס האט אבער גאר ניט געהאלפען, דאס פערד איז שוין געווען צוריסען אויף שטיקלעך.

— גוואלד, ראטעוועט! האט דאנאבער ווי א צומישטער געשריען און האט מיט אלע קרעפטען ווידער געריסען דאס שלאס פון שטאל.

— היט זיך! ליבער פריינד... האט צו איהם געשריען מאראק דורך א קליין פענסטער'ל פון בוידעם... פרובירט גאר ניט אריינגעהן, מיין „מלאך־המות" איז יעטצט זעהר בייז און וועט זיך פאר דיר ניט שעמען.

— אבער מיין פערד!...

— דאס פערד האט זיך ביי נאכט אבגעריסען פון זיין צוים און איז פערקראכען אין מיין שטאל... דער „מלאך־המות" האט צובראכען די גראטעס פון שטייג און איז ארויפגעשפרונגען אויף איהם... דו אליין וועסט זיין פעראנטוואָרטליך פאר דעם... איך בין דאך זעלבסט אין געפאהר.

אויף דאנאבערס געשריי איז געקומען צולויפען דער ווירטה פון גאסטהויז מיט זיינע בעדינער.

— וואס איז דא געשעהען? האט ער געפרעגט, וואס איז דאס פאר גוואלדען און געפילדערי אין מיין גאסטהויז?..

דאנאבער האט איהם גארנישט געאנטווערט; ער האט זיך נור צוגעהערט וואס עס טהוט זיך אין שטא

מיט אמאל האט זיך געהערט א שרעקליכער געשריי און באלד נאכדעם איז געווארען שטיל.

די טהיר פון שטאל האט זיך געעפענט און דער גבור „גלית" איז ארויס

— מען קען שוין אריין, האט ער געזאגט, די סכנה איז פאריבער.

מאראק איז געשטאנען נעבען שטייג און ווי ער האט ערזעהען די העריינגעהענדע, איז ער צוגעגאנגען צו זיי און מיט פרייד געזאגט: איך דאנק דיר מיין אללמאכטיגער גאטט, וואס דו האסט מיר נאך א מאל געהאלפען צו בעצאהמען איין ווילדעס טהיער...

ער איז געבליבען שטיל און האט געקוקט אויף דעם „מלאך-המות", וועלכער איז געלעגען אין ווינקעל שטייג און האט געברומט. אין ווינקעל שטאל זיינען נאך געלעגען איבערגעבליבענע שטיקער פון פערד... ווי דאנאבער האט דאס ערזעהען, האט ער זיך ניט געקענט איינהאלטען; ער האט געחאפט מאראק'ן פאר'ן האלז און איהם דערלאנגט שטארקע קלעפ. גלית האט קוים בעפרייט מאראק'ן פון דאנאבערס האנד. דער בעל הבית פון גאסטהויז האט געשיקט נאכ'ן בורגמייסטער.

— איך זאל נאך צוליב אייך ניט האבען קיין אויסרייד פון פאליציי, דאקומענטען האט איהר? האט דער בעל הבית געזאגט צו דאנאבער'ן.

— יא, זיי ליגען ביי מיר אין רייזע טאשיל, איך געה זיי שוין בריינגען, האט דער סאלדאט געאנטווערט, און איז מיט די ווערטער ארויפגעגאנגען אין נומער צו די יתומות.

מאראק איז געווען העכסט צופרידען.

„יעטצט איז ער אן א פערד, אן דאקומענטען און געלד, האט ער צו זיך שטיל געזאגט... איך האב אלעס אבגעטהאן... מעהר האט מען ניט געהייסען... מען האט געהייסען דאס אבארבייטען שטיל, קיינער זאל ניט וויסען. מען וועט געוויס בעשולדיגען דעם סאלדאט און אויף אזא ארט וועט ער צום ווייניגסטען עטליכע טאג ניט קענען פאהרען ווייטער".

אין א פערטיל שטונדע ארום, האט מאראק געשיקט קארלען די פאסט נאך לייפציג מיט א בריעף. אויפ'ן קאנווערט איז געווען אנגעשר[illegible]
צום גנאדיגען הערין ראהען,
אין פאריז אויף מילע-דע-אורסין גאס, נומער 11.

.X

דער בורגמייסטער.

אַריינגעהענדיג אין צימער, האט דאנאבער זיך געווענדט צו די מיידעלעך: קינדער, פאר וואס איז דאס ביי אייך פינסטער.

מען האט איהם ניט געאנטווערט, מיט שרעק איז ער צוגעלאָפען צום בעט און האט אנגענומען איינע פון די שוועסטער פאר א האנד — זי איז געווען קאלט ווי אייז.

— ראזע! האט ער אויסגעשריען, מיינע ליבע! בלאנש! אנטווערט מיר! א, גאטט!...

אין דער צייט איז די לבנה ארויסגעשוואומען פון אונטער די שווארצע וואלקענס און האט בעלויכטען דאס צימער און דאס בעט... דאן האט דער אלטער סאלדאט ערזעהען, דאס די מיידעלעך ליגען אין אהנמאכט. דער שיין פון דער לבנה האט נאך פערגרעסערט זייער בלאסקייט. זיי זיינען געלעגען ארומגענומען

דאנאבער האט באלד פערשטאנען דאס זיי האבען זיך געוויס שטארק ערשראקען און זיינען אין אהנמאכט געפאלען. א פערטיל שטונדע האט געדויערט ביז ער האט זיי אויפגעמונטערט; ענדליך האבען די מיידלעך געעפענט די אויגען

— נו, קינדער, ערמונטערט זיך, האט ער צו זיי געזאגט מיט א זאנפטער שטימע. איך בין געצט געבען אייך און איהר האט זיך ניט פאר וואס צו שרעקען... דאס בין איך, אייער דאנאבער.

— דאס ביזט דו, דאנאבער? האבען די מיידלעך שטיל געזאגט.

— יא, קינדער, דאס בין איך... וואס האט זיך דאס דא געטראפען?

— אך, מיר האבען זיך זעהר איבערגעשראקען! ווען דו וואלסט נאר וויסען!.. מיין גאטט!..

— פאר וואס איז ביי אייך פינסטער?

— מיר ווייסען ניט

— יעטצט זייט רוהיג, איך בין מיט אייך... וואס האט זיך דא אבער פארט געטראפען?

— ווען דו ביזט אוועקגעגאנגען האט זיך דאס פענסטער געעפענט און די לאמפ איז אראבגעפאלען אויף דר'ערד... און פון שרעק האבען מיר געחלשת.

דאנאבער האט אנגעצונדען פייער און האט ערזעהען אז דאס פענסטער איז אפען, דער טיש אומגעקערט און געבען לאמפ אויף דר'ערד איז געלעגען זיין רייזע־טאשיל.

דאנאבער האט געבראכט אלעס אין ארדנונג, און האט שוין גע־וואלט ארויסנעמען פון רייזע־טאשיל די דאקומענטען, „נישט דא" האט ער מיט אמאל א געשריי געטהון!... וואו האט דאס געקענט אהינ־קומען"?

— וואס איז, דאנאבער? האט בלאנש געפרעגט;

דער אלטער האט געשוויגען. ער איז געשטאנען אונבעוועגליך איינגעבויגען איבער'ן טיש און די האנד געהאלטען אין רייזע־טאשיל.

— וואס איז דאס מיט דיר, דאנאבער? האבען די יתומות איהם ווידערגעפרעגט, וואס זוכסט דו?

ער האט ווידער ניט געאנטווערט; ער האט געזוכט אין אלע זייגע קעשענעס, עס איז זיכער געווען אומזאנסט.

ביי ראזע און בלאנש האבען זיך געשטעלט טרערען אין די אויגען.

— ניין!.. ניין!.. עס קען ניט זיין, האט דער אלטער איבערגעחזרט—

וועהרענדיג בלאסער און בלאסער. די יתומות האבען זיך בעגאסען מיט טרערען; דאנאבער האט אויך געוויינט. — אך וואס פיר א אונגליק!..

אויף די טרעפ האבען זיך געהערט טריט און די שטימע פון ווירטה, וועלכער האט געשריען: נעמט צו אייער הונד, דער הערר בורגמייסטער געהט צו אייך...

— דאנאבער... דו הערסט... דער בורגמייסטער געהט! האבען די מיידלעך געזאגט.

ער האט געשווינד אויסגעווישט זיינע פערוויינטע אויגען און געזאגט צו די יתומות: קינדער, שרעקט זיך ניט, ער וועט אונז רעטען; איהר זאלט ניט ארויס געהן פון צימער. מיט די ווערטער איז דאנאבער ארויס אויף די טרעפ און האט מרוקען אביינגעלאזען צו די מיידלעך אין צימער און פערמאכט די טהיר נאך איהם.

— פאר וואס פארמאכסט דו די טהיר? האט דער בורגמייסטער געפרעגט מיט א אונצופרידענעם טאן.

— ווייל אין דעם צימער זיינען דא צוויי מיידלעך, און איך וויל זיי ניט בעאונרוהיגען... אלזא איז בעססער דאס איהר זאלט זיך זעטצען דא.

— וואס זאגסט דו מיר וואו איך זאל זיך זעטצען!

— איך בעט אייך נאר, הערר בורגמייסטער, האט דאנאבער געאנטווערט, עס איז א רחמנות אויף די ארעמע מיידלעך, וועלכע ליגען שוין אין בעט און ציטערען פון שרעק... איהר וועט געוויס זיין אזוי גוט און מיר דא אייערע פראגען פארלייגען.

— וואו!? האט דער בורגמייסטער א ברומס געטהון — עס איז טאקי זעהר נייטיג געוועזן מיך אויפוועקען פון שלאף!..

— שטעל אוועק די לאמטערנע און געה אוועק, האט זיך דער בורגמייסטער געווענדעט צום ווירטה פון גאסטהויז.

דער ווירטה איז באלד אוועקגעגאנגען. דער בורגמייסטער מיט דאנאבער'ן זיינען געבליבען אליין.

XI.

דער משפט.

דער בורגמייסטער האט זיך געזעצט אויף די הילצערנע באנק און דאנאבער איז מיט עהרפורכט געשטאנען פאר איהם, האלטענדיג זיין פראנצאזישע מיטץ אין דער האנד.

דעם בורגמייסטערס משפט האט ניט לאנג געדויערט. ער האט בעשולדיגט דאנאבער'ן און געפאדערט פון איהם, ער זאל בעפרידיגען מאראק'ן פאר זיין פערוואונדעטע האנד. דאנאבער האט זיך אבער פער־אנטווערט, דאס ער האט דאס פערד גוט צוגעבונדען אין שטאל, נאר מען האט עס אן זיין וויססען אבגעבונדען, אריינגעפיהרט צו מאראק'ן אין זוויערינעץ און אויף איהם ארויפגעלאזען די פאנטערא. ער האט דעם בורגמייסטער פארגעשטעלט זיינע שלעכטע לאגע יעטצט אן דעם פערד, און איהם געבעטען ער זאל צווינגען מאראק'ן צו בעצאהלען איהם פאר דאס פערד, אדער אבגעבען אנ'אנדערם.

דער בורגמייסטער האט זיך פערטראכט און, ענדליך, געזאגט צו דאנאבער'ן: דו האסט פערלארען דיין פערד און מאראק האט פערוואונ־דעט זיין האנד, אלזא, זייט איהר ביידע קוויט און עס קומט איינעם פון צווייטען גאר ניט.

דאנאבער איז געוועזען אונצופרידען מיט'ן בורגמייסטערס משפט און האט איהם ווידער אנגעפאנגען צו בעטען; דער בורגמייסטער האט איהם מעהר ניט געלאזען רעדען און געפרעגט ביי איהם זיין פאספארט.

אין דעם מאמענט איז מאראק ארויף אויף די טרעפ, צוגעגאנגען צום בורגמייסטער און האט איהם אנגעהויבען ערצעהלען סודות אויפ'ן אויער, ער האט איהם ערצעהלט, צושאקלענדיג מיט'ן קאפ און ווייזענ־

דיי מיט די אויגען אויף דאנאבער'ן, פערשידענע שלעכטע זאכען וועגען איהם און די מיידלעך. דער בורגמייסטער האט אויפמערקזאם אויס-געהערט מאראק'ס רייד און אייניגע מאל א בליק געגעבען אויף דאנאבער'ן.

דאנאבער איז געווען אויסער זיך: ער האט פערשטאנען דאס מען רעדט וועגען איהם און פון אזא מענשען ווי מאראק האט ער קיין גוטעס ניט געקענט ערווארטען.

ער האט זיך ניט געקענט איינהאלטען און האט שטריינג געפרעגט: דו האסט גערעדט וועגען מיר

— יא האט מאראק עזותדיג געאנטווערט.

— הערר בורגמייסטער, בעפעהלט איהם ער זאל פון היער אוועק-געהן, האט דאנאבער געזאגט, ווען ניט...

— יוי. דו וועסט מיר בעפעהלען וואס צו טהון? האט דער בורג-מייסטער מיט שטאלץ אויף איהם א געשריי געטהון.

— טרייבט איהם אוועק פון היער, ווען ניט וועט איהר דאס בעדוי-ערען... האט דער סאלדאט מיט כעס געזאגט.

— דאנאבער, דאנאבער! האבען די יתומות מיט איין שטימע אויסגע-שריען, ארויסגעהענדיג פון צימער, ווער ניט אין כעס...

— דו שלעפער! האט דער בורגמייסטער ווידער געשריען. דו שלעפסט מיט זיך מיידלעך וועלכע שפילען א ראליע פון אונשולדיגע — און אין דער ווארהייט קענען זיי זיין...

— פארלעץ!.. האט דאנאבער אויסגעשריען און אזוי שטריינג דאס דער בורגמייסטער איז געבליבען שטיל.

באלד נאכדעם האט ער די יתומות אריינגעשטופט אין צימער און צוגעמאכט די טהיר נאך זיי. „איך וועל אייך צוברעכען די ביינער אט ווי דעם הונד (דאנאבער האט געוויזען אויף מאראק), ווען איהר וועט זיך

דערוועגען בעליידיגען דיזע מיידלעך... זיי זיינען ניט ערגער פון אייערע טאכטער"..

— וואס? דו ערלויבסט זיך צו פערגלייכען די אונפערשעמטע צו מיינע טאכטער!..

— די מיטץ הערונטער, ווען דו רעדסט וועגען די טאכטער פון מארשאל פון גאנץ פראנקרייך און הערצאג דע-ליני! האט דער אלטער סאלדאט געשריען, ארויסבריסענדיג דאס היטעל פון בורגמייסטער און א ווארפטהוענדיג עס אויף דר'ערד.

מאראק האט פון פריידע א ציטער געטהון. דאנאבער האט פערשטאנען אז ער איז צו ווייט פערקראכען.

— פערצייהעט מיר, איך בין נאר אנ'ארמער און פראסטער סאלדאט... האט ער געזאגט. אין דעם אלעם איז נור ער אליין שולדיג, האט דאנאבער, ווייזענדיג אויף מאראק'ן פארטגעזעטצט

— אהא! יעטצט איז ער גאר אנדערש געווארען, דער אלטער שלעפער, האט דער בורגמייסטער געברומט—ניין, זאל זיך דיר ניט דאכטען אז דו וועסט מיך פערפיהרען; אין לייפציג זיינען דא גוטע טורמעס פאר א וועלכע שלעפער און צולאזענע מיידלעך... איך האב מעהר מיט דיר ניט וואס צו ריידען... געה פאראויס! האט ער צוגעגעבען, זיך אנבלאזענדיג ווי א אינדיק, און דו מאראק...

ער האט אבער ניט געקענט ענדיגען, ווייל דאנאבער האט שוין לאנג אויסגעקוקט אויף די האלבאפענע טהיר אין פארהויז, אויף די טרעפ, און ביי דער ערשטער געלעגענהייט געהאפט דעם בורגמייסטער פאר'ן האלז און אריינגעווארפען איהם אין ליידיגען צימער... מאראק האט אין דער מינוט שוין געוואלט ענטלויפען, נאר דאנאבער האט איהם געשווינד געהאפט פאר די האר און אויך אריינגעווארפען אין דאסזעלבע צימער און געשווינד פערשלאסען די טהיר. באלד נאכדעם איז ער שנעל אראבגעלאפען אויפ'ן הויף; ווי ער האט זיך איבערציינגט דאס

דורך דעם טהויער וועט ער ניט קענען ענטלויפען, האט ער באלד פערריגעלט די טהיר פון קיך. אין וועלכער עס האבען זיך געוואַרעמט דער ווירטה מיט זיינע דינער, וואַרטענדיג אויף דעם בורגמייסטער; נאכדעם איז ער געשווינד אַרויף צו די יתומות.

קומענדיג צו זיך, האט מאַראק מיט אַלע קרעפטען אנגעהויבען צו שרייען, נאר דער ווינד אונ רעגען האבען פערשטיקט זיינע קולות...

— קינדער! האט דאַנאבער געשווינד געזאגט, יעטצט איז אונז יעדע סעקונדע טהייער.

— גאטט! וואס איז דאס?

דאַנאבער האט ניט געאנטווערט; ער האט געחאפט די ליילאַכער פון בעט, זיי צוזאַמענגעבונדען אונ איין עק פון זיי צוגעבונדען צום פענסטער, זא דאס די ליילאַכער האבען דערלאַנגט ביז דר'ערד. נאכדעם האט ער אַרויסגעוואָרפען דורכ'ן פענסטער זייער ביסעל ווירטשאַפט אונ דעם הונד אויך אַרויסגעשיקט.

— יעטצט קינדער, שטאַרקט אייך, מיר דאַרפען ענטלויפען דורכ'ן פענסטער, ווען ניט וועט מען אונז אבהאַלטען אונ אַריינזעטצען אין געפענגניס... אונ אונזער רייזע וועט זיין אן נוטצען.

— מיין גאטט! אין געפענגניס?... מען וועט אונז אבהאַלטען?..

— יא, מיינע קינדער!.. דער „לץ" איז שוין ניט דא... ביז לייפציג וועלען מיר מוזען געהן צו פוס. אויב איהר וועט זיך פערמאַטערען, וועל איך אייך טראגען אויף די האנד... דאן קענען מיר האפען, אז מיר וועלען נאך ניט פערשפעטיגען.

— זיי רוהיג דאַנאבער, האבען ביידע מיידלעך געזאגט, מיר שרעקען זיך ניט דערפאַר.

— יא, איך האב טאקי אויך אזוי גערעכענט.... אַלזא מיר דאַרפען גיכער זיך אַראבלאזען דורכ'ן פענסטער.... מרוק וואַרט אויף אונז אונטען.

— איך וועל די ערשטע, האט ראזע געזאגט, און גרינג ווי א פייגעלע איז זי ארויפגעשפרונגען אויפ'ן פענסטער און מיט דאנאבערס הילפע, האט זי זיך, האלטענדיג אן ליילאך, געשווינד אראבגעלאזען אונטען. בלאנש האט אויך דאסזעלבע געטהון און דאנאבער איז נאך איהר ארויס-געשפרונגען.

נאך דאנאבערס ענטלויפען מיט די מיידלעך איז ניט פאריבער קיין פערטיל שטונדע, ווי מאראק מיט דעם בורגמייסטער האבען מיט א גרוי-סען טיש ארויסגעשפארט די טהיר. זיי זיינען באלד אריינגעלאפען אין די יתומות צימער. זיי האבען אבער קיינעם ניט געפונען. אלס מאראק האט בעמערקט די ליילאכער ביים פענסטער האט ער אנגעפאנגען צו-שרייען: הערר בורגמייסטער. זיי זיינען דורכ'ן פענסטער ענטלאפען, צופוס.... נאר אין אזא פינסטערע נאכט וועלען זיי ווייט ניט קענען געהן.

— געוויס!.. מיר וועלען זיי דעריאגען. די פערפלוכטע שלעפער!.. דא געהט אונז וועגען אונזער כבוד!...

מאראק איז באלד אראבגעלאפען און מיט אלע קראפטען האט ער געשריען: גליית!! לאז ארויס די הינד, בעל הבית... לאמטערנעס!.. שיק ארויס אלע דיינע דינער... עפען די טהויערען, וואס גיכער וואס גיכער! מען דארף זיי האפען; טויטע אדער לעבענדיגע, זיי מוזען זיין אין מיינע האנד.

.XII

די יעזואיטישע קארעספאנדענץ.

דער גענעראל פון די יעזואיטען האט אמאל
געזאגט צו דעם הערצאג דע-בריססאק :
„... זיטצענדיג אין מיין צימער רעגיר איך
ניט נאר מיט פאריז, נאר אויך מיט חינא,
ניט נאר מיט חינא, נאר אויך מיט דער
גאנצער וועלט, אונ קיינער קען גאר ניט
פערשטעהן ווי אזוי דאס איז מאגליך..."

אין פאריז אויף מילע–דע–אורסין גאס איז געשטאנען איין איינ־פאך געמויערטעס הויז. אין דעם הויז איז געוועזן איין וואהנונג ניט רייך מעבלירט; די וועגד זיינען געוועזן מיט געוואהנליכע אביצעס (טאפעטען) אויסגעקלעפט אונ אויף די פענסטער זיינען געהאנגען ווייסע גארדינען. אין זאל געגען איינגאנג, אויף א דעמבאווען טיש'ל איז געשטאנען א גרויסער גלאבוס אויף וועלכען זיינען געוועזן אנגעצייכענט אין פערשידענע ארטער רויטע פינטעלעך; נעבען איהם איז געשטאנען א גרויסער טיש אונ אויף איהם – פיל פאפירען מיט בריעף. נעבען דעם גרויסען טיש איז געשטאנען א פולט, ביי וועלכעם 8 אוהר אין דער פריה, ענדע מאנאט אקטאבער 1832 יאהר איז געזעססען א מאנן אונ האט געשווינד געשריבען. דאס איז געוועזן ראדען, צו וועלכען מאראק האט געשיקט דעם בריעף. ער איז געוועזן אונגעפעהר 50 יאהר אלט, אנגעטהון אין אן'אלטען אבגעבלאקעוועטען ראק, אויפ'ן האלז האט ער אנגעשטאט א שליפס געטראגען א פראסטען נאזטיכ'ל; זיין וועסט אונ הויזען זיינען

געוועזען פון שווארצען טוך, וועלכעס איז כמעט ווייס געווארען פון לאנגען טראגען; אויף די פיס האט ער געטראגען א פאר שיך אויסגעשמירט מיט טראן. זיינע גרויע הארזיינען געוועזען פערקאמט צו די שלייפען. אויף זיינע אויסגעדארטע און אראבגעלאזענע ברעמען איז ניט געוועזען צו ערקענען קיין האר; זיינע האלב־פערמאכטע שווארצע אויגען האבען געפינקעלט ווי ביי א ווילדע חיה; זיינע בלאססע ליפען זיינען געוועזען אהנליך צו זיין אויסגעמאגערטען טויטבלאססעס געזיכט מיט א שארפ־שפיציגער נאז. קוקענדיג אויף זיין טויטבלאססעס און העסליכעס געזיכט וועלכעס איז געוועזען מעהר אהנליך צו א מאסקע, האט מען גע־קענט מיינען, ווען ער וואלט ניט זיטצען און שרייבען, אז דאס איז א טויטער קערפער. ער האט איבערגעשריבען פערשידענע פאפירען וועלכע זיינען געוועזען געשריבען מיט אזא א"ב, וועלכען ער אליין האט נאר געקענט פערשטעהן.

מען האט אנגעקלאפט אין טהויער און נאכהער צוויי מאל אנגע־קלונגען; אין איניגע מינוט ארום איז אריין אין צימער א נייע פערזאן. ווי ראדען האט זי ערזעהען, האט ער זיך אויפגעהויבען פון זיין ארט, זיך העפליך פערנייגט און פריינדליך געגריסט.

דיזע צוויי מענשען זיינען געוועזען דער קאנטראסט איינער פון צווייטען.

די העריינגעקומענע פערזאן האט אויסגעזעהען אונגעפעהר פון א יאהר 36, פון הויכען און גלייכען געוואוקס; זיינע אויגען האבען געפינקעלט; די באקען ריין אבגעגאלט. ער איז געוועזען אנגעטהון אין א לאנגען ראק פערשפילעט ביז אויבען.

זיין שארפער קוק און גרויסער שטערן האבען בעוויזען, דאס ער איז א מאנן פון גרויסען פערשטאנד און זיין ברייטע ברוסט מיט די ברייטע פלייצעס האבען געוויזען זיינע פיזישע קרעפטען.

ראדען איז געוועזען א שרייבער ביי דיזען מאנן.

— ניט דא קיין בריעף פון דיונקירכען? האט דער מאנן געפרעגט.

— דער בריפטראגער איז נאך ניט געוועזן.

— דער רעעסטר (отчетъ) פון דער אויסלאנדישער קארעספאנדענץ איז פערטיג?

— יא, שוין פערטיג.

— יעטצט לעזט דאס טאגעבוך; וואו מען וועט דארפען וועל איך אייך אבשטעלען... נאך די ווערטער האט ער אנגעפאנגען ארומצוגעהן אין צימער הין און צוריק.

דער שרייבער האט גענומען א גאנץ גרויסעס דיקעס בוך און האט אנגעפאנגען צו לעזען.

„דער גראף באחמאנאווסקי, אין בערדיטשעוו, געפינט זיך אין א שלעכטע לאגע".

— מען זאל זאגען דופלעססען, דאס ער זאל איהם אוועקשיקען 50 טאלער.

„דער פאטער אססינע, אויס מילאן, שרייבט, דאס עס וואלט געווען זעהר נוטציג פאנאנדער געבען ביכלעך, אין וועלכע די פראנצויזען זאלען זיין בעשריבען פון דער שלעכטער זייט".

— דאס איז א שכל! פערפאססען דיזען ביכל זאל מען געבען זשאק־דיומולען... ער איז א ביטערער יונג. ער וועט זיי שוין גוט אנרייבען די נאזער... איך וועל איהם אויך געבען עטוואס מאטעריאל. ווען ער וועט ברענגען א פערטיגע ביכל, דאן זאל מען איהם בעצאהלען, פאר־אויס ניט. —

— געוויס אזוי... מען זאל איהם נאר געבען פאראויס, וועט ער שוין א גאנצע וואך שכור'ן...

לעזט ווייטער!

„פראנק דינקענשטיין, אויס ווין, שרייבט, דאס זיין פאטער איז געשטארבען פון די חליריע, אין א דארף ניט ווייט פון שטאדט... נייל

די קרינק געהט פון צפון זייט און געהט וואס ווייטער פאראויס"...

גיב נאר גאטט, אז זי זאל פראנקרייך אויסמיידען... לעזט ווייטער, האט דעגריני געזאגט.

אין דער צייט האט דער בריעפטראגער אריינגעבראכט פיער בריעף.

ראדען האט דורכגעקוקט די שטעמפלען און האט געזאגט: עס זיינען דא פיער בריעף וועגען די מעדאליאנען.

— גאטט צו דאנקען! האט דער נאטשאלניק פון פריידע אויסגעשריען.

— איין בריעף פון טשארלסטאן און געוויס וועגען דעם מיססיאנער גבריאל — דער צווייטער פון באטאוויע — וועגען דעם אינדיאנער דזשאלמא... און די זיינען פון לייפציג וועגען דעם געגעראל סימאנס קינדער...

ביי דעם נאמען „סימאן" האט דער נאטשאלניק א ציטער געטהון;

XIII.

די בעפעהלען.

, בריעף מאכט נאך ניט אויף!.. לעזט מיר פריהער פאר וועגען די מעדאליאנען און נאכהער וועט איהר צושרייבען דעם אינהאלט פון די בריעף.

ראדען האט אנגעפאנגען הויך און לאנגזאם צו לעזען;

....150 יאהר פארהער האט א פאמיליע פון פראטעסטאנטישען גלויבען פערלאזען מיט אייגענעם ווילען איהר פאטערלאנד, ווייל מען האט אנגעפאנגען צו דריקען די הוגענאטען, צו וועלכע זי האט געהערט.

אייניגע פון דער פאמיליע האבען זיך בעזעטצט אין האללענדער קאלאניען, אנדערע אין פוילען, פרייסען, ענגלאנד און אין אמעריקא. פון דיכטיגע קוועלען איז יעטצט בעוואוסט, דאס פון דער גאנצער פאמיליע זיינען געבליבען לעבען נאר 7 פערזאן, וועלכע ליידען אין פרעמדע לאנדער זעהר פיל צרות. די 7 — פון דער פאמיליע זיינען:

פון דער מוטערס צד:

1 2 „ראזע און בלאנש סימאן. (דער גענעראל סימאן האט געהייראטעט אין ווארשא א פריילין פון דער אויבענערמאנטער פאמיליע)".

3 „פראנסוא הארדי א פאבריקאנט פון מאנופאקטור אין דער שטאדט פלעססי, ביי פאריז"

4 „פרינץ דזשאלמא, קאדשווי — סינגס א זאהן, דער רעגירער פון מאנדיען (קאדשווי — סינג האט געהייראטעט אין 1802 יאהר א פריילין פון דערזעלבער פאמיליע, וועלכע האט דאן געוואהנט אין באטאוויע אויף דעם אינזעל יאווא)".

פון דעם פאטערס צד:

1 „דער ארבייטער זשאק רענעפאן מיט דעם צונאמען אבגעריססענער".

2 „פריילין אנדריענא דע־קארדאוויל, דעם גראף רענעפאן דע־קארדאיילס א טאכטער".

3 "גבריאל רענעפאן — א מיססיאנער".

די אלע פערזאנען האבען אדער זיי דארפען האבען בראנזאווע מעדאליאנען, אויף ביידע זייטען זיינען אויסגעקריצט פאלגענדע אויפשריפטען:

„די ווערטער און די דאטעס בעדייטען דאס דא האנדעלט זיך וועגען זעהר א וויכטיגע זאך פאר די 7 פערזאנען, וועלכע דארפען זעלבסט זיין דעם 13 פעברואר 1832 יאהר אין פאריז, נאר פאר אנדערע איז זעהר וויכטיג און נוטציג אז די 7 פערזאנען פון דער פאמיליע אויסער דעם מיסיאנער גבריאל זאלען ניט קענען זיין דעם 13 פעברואר אין פאריז מען האט שוין פיל אויפגעטהון אז 6 פערזאנען פון דער פאמיליע זאלען ניט קענען קומען צו דער בעשטימטער צייט אין פאריז, נאר מען מוז נאך פיל ארבייטען אז די וויכטיגע זאך פיר אונז זאל אויסגעפיהרט ווערען“

— דאס איז זעהר ריכטיג האט דער נאטשאלניק בעמערקט... שרייבט נאך צו, דאס מען זאל זיך פאר קיין זאך אין דער וועלט ניט שרעקען און טהון וואס נאר מען קען... נאר איבערהויפט קיין חשד ניט צו ערוועקען.

עס איז שוין צוגעשריבען, האט ראדען געזאגט, אונ געענדיגט לעזען דאס וואס דער נאטשאלניק האט איהם דיקטירט.

„אום גרינגער צו ערגרייכען דעם ציעל, האט ראדען ווייטער געלעזען, איז נייטיג צו וויססען אלעס וואס קומט פאר ביי די אלע פערזאנען פון דער פאמיליע". יעטצט פאלגט די ריכטיגע בעשרייבונג פון אלעס וואס האט ביז יעטצט פאססירט מיט די 7 פערזאנען:

1 „די מיידלעך ראזע אונ בלאנש זיינען א צווילינג, 15 יאהר אלט, זעהר שאן אונ אהנליך איינע צו דער צווייטער; ערצויגען האט זיי זייער מוטטער, וועלכע האט ניט געהיט קיין רעליגיאן אונ דארום ווייסען די מיידלעך זעהר ווייניג פון אונזער הייליגער קירכע. דער גענעראל סימאן ווייס ניט אז ער האט צוויי טאכטער, ווייל ער איז אוועקגעפאהרען פון זיין פרוי פאר זייער געבארען ווערען.

אום זיי זאלען ניט קענען קומען צו דער בעשטימטער צייט אין פאריז האט מען זייער מוטטער אוועקגעשיקט אין א ווייטע געגענד. נאר זי איז אין א קורצע צייט געשטארבען אונ דורך איין אונגליקליכען טעות האבען אונזערע אגענטען ערלויבט איהרע טאכטער צו פאהרען נאך פראנקרייך אונטער די בעאבאכטונג פון א סאלדאט.

פאר'ן סאלדאט דארף מען זיך היטען. די מיידלעך סימאן זיינען גאר ניט געפאהרליך".

„מען שרייבט אונז פון לייפציג, דאס דער סאלדאט מיט די 2 מייד־לעך זיינען ארעטירט אונ זיטצען אין געפענגניס".

2 „פראנסוא הארדי א פאבריקאנט פון מאנופאקטור אין דער שטאדט פלעססי, ביי פאריז". 40 יאהר אלט, א מאנן פון שטארקען כאראקטער, רייך, קלוג, ענערגיש, געבילדעט, נאר טראכט ווייניג וועגען רעליגיאן. די ארבייטער פערגאטטער'ן איהם. ער איז פאר אונז זעהר געפאהרליך. די וויכטיגקייט פון מעדאליאן ווייס ער ניט. מען היט איהם זעהר. איינער פון זיינע בעסטע גוטע פריינד בענאכריכטעט אונז

אלע זיינע פערהעלטניסע. ער האט א קאנקורענט, אויך מאנופאקטוריסט, באראן טריפא".

3) „פרינץ דושאלמא. — 18 יאהר אלט; וואהלערצויגען, זעהר ענערגיש; ער איז דעם גענעראל סימאנס ליעבלינג. ניט דער פאטער און ניט דער זאהן ווייסען ווי וויכטיג פאר זיי איז דער מעדאליאן, וועלכער געפינט זיך ביי דושאלמאס מוטער".

— וואס שרייבט מען פון באטאוויע?

— ווידער זעהר גוטע נאכריכט... דער קויפמאן ישעיהו וואנדאיעל, אוים באטאוויע, האט זיך ערוואוסט דורך זיינעם א קאררעספאנדענט אין קאלקוטע. דאס דעם אלטען קייזער קאדשוי־סינג האט מען געטויט אין זיין לעטצטער שלאכט מיט די ענגלאנדער. זיין זאהן דושאלמא האלט זיך יעטצט אויף אין איינעם פון די אינדישע פעסטונגען.

„אקטאבער ענדיגט זיך. אלזא, ווען דושאלמא זאל אפילו בעפרייט ווערען וועט ער נאך אלס ניט קענען קומען דעם 13 פעברואר אין פאריז".

4) „זשאק רענעפאן, מיט דעם צונאמען דער „אבגעריסענער". איין ארבייטער אין באראן טריפאס פאבריק, הארדים קאנקורענט. א שיכור, מאכט שטענדיג סקאנדאלען. ער זארגט ניט וועגען 13 פעברואר".

5) „גבריאל רענעפאן — א מיססיאנער. — ער איז א יתום; זשאקס א ווייטער קרוב. נאר ער אליין ווייס דאס ניט. ערצויגען האט איהם פראנציסקא בארוען, די פרוי פון סאלדאט דאגאבער. אויב איהר מאנן וועט אונערווארטעט קומען אין פאריז וועט מען דורך איהר קענען ווירקען אויף איהם. זי איז אונגעבילדעט, גוטהארציג, א גאטטספורכטיגע און איבערהויפט, אונז איבערגעגעבען. דורך דיזע פרוי האבען מיר געווירקט, דאס גבריאל זאל ווערען א גייסטליכער (דוכאוונער)".

„גבריאל איז אלט 25 יאהר. ער האט זעהר א גוטען כאראקטער, נאר צום אונגליק האט ער זיך צוזאמען ערצויגען מיט דאגאבערס זאהן, אגריקאל. דער אגריקאל אינטערעסירט זיך מיט ליטעראטור און שרייבט

אפילו אליין ניט שלעכט. ער ארבייט ביי הארדי אין פאבריק אונ זיך
אנגעשמעקט מיט שלעכטע געדאנקען פון די פראנצאזישע פילאזאפען;
ער האט זעהר ליעב זיין מוטער אונ איז איין גוטער ארבייטער. ער
איז פאר אונז זעהר געפאהרליך. דארום האבען מיר ערווייטערט גבריאל
פון אגריקאל. עס איז נאך ניט געקומען די צייט מען זאל גבריאל'ן
ענטדעקען אונזערע פלאנען, דען מען דארף נישט מעהר איין פעהלער
פון אונזער זייט ער זאל ווערען פאר אונז געפאהרליך. יעדענפאלס
דארף מען זיך פאר איהם היטען ביז דעם 13 פעברואר: אויף איהם איז
די גאנצע האפנונג, דאס מיר וועלען אויספיהרען אונזער וויכטיגע זאכע.
זיינע נאטשאלניקעס אין טשארלסטאן האט מען בעפאהלען אז זיי זאלען
היטען זיין שאטצבארעס לעבען. זיי דארפען איהם שיקען נאך פאריז א
מאנאט, פילייכט צוויי, פאר דעם 13 פעברואר"...

— לעזט איבער וואס שרייבט מען פון טשארלסטאן!...

פון טאג צו טאג ערווארטעט מען גבריאל'ס קומען פון די
„שטיינערנע בערג" וואו זיין שטארקער וואונש איז געוועזען צו זיין.

— אך, מיין גאטט!.. ווי זיי ווייסען ניט ווי צו היטען זיך! שרייבט
א בריעף, אז מען זאל איהם וואס גיכער שיקען אהער!..

6) „פריילין אנדריענע רענעפאן דע־קארדאוויל. א ווייטע קרובה פון
זשאק אונ גבריאל רענעפאן; זי ווייס ניט, דאס זיי זיינען איהר קרובים.
זי איז אלט 21 יאהר אונ איז זאנדערבאר שאן, זעהר קלוג אונ רייך.
קערפערליך גוט געבוית אונ זעהר עמפפינדליך, (czuła чувствительна)
פאר איהר האבען מיר זיך ניט וואס צו שרעקען, ווייל דער באראן
טריפא איז גוט בעקאנט מיט איהר טאנטע, אונ זיי ביידע וועלען
אונז זיין בעהילפיג, זי זאל ניט קענען טהון וואס איהר וועט זיך
וועלען"...

ראדען האט אויפגעהערט צו לעזען: מען האט אנגעקלאפט אין
טהיר. ער איז אויפגעשטאנען פון זיין ארט אונ איז ארויס, נאר ער

האט זיך באלד אומגעקערט און האט דערלאנגט דעם נאטשאלניק צווייטן בריעף. ער האט זיי געשווינד אויפגעמאכט און דורכגעלעזען איינצעלנע צייל. זיין געזיכט איז געווארען זעהר בלאס.

— עס האט זיך מסתמא ווידער געטראפען איין אונגליק? האט ראדען געפרעגט.

— איהר איז ווידער ערגער!.. און דער דאקטאר זאגט, דאס נאר מיין קומען קען זי רעטען... זי זאגט אז זי וועט ניט קענען רוהיג שטארבען, אויב זי וועט זיך ניט זעהען מיט מיר. אה! איהר וואונש איז ביי מיר זעהר היילים... דער נאטשאלניק האט באלד בעפאהלען זיין דינער איינפאקען די זאכען און ברייגען א קאליאסקע מיט א פאר פערד.

— מוטטער, מוטטער! איז דאס מאגליך אז איך זאל דיך שוין מעהר ניט זעהען!

דיזער מאנן האט גאנץ ערנסט בעדויערט זיין מוטטער: ער האט זי זעהר געליבט, און דיזע היילינער געפיהל האט זיך ביי איהם נימאלס געאנדערט.

אין איינינע מינוט ארום האט איהם ראדען דערלאנגט דעם צווייטען בריעף.

— לעזט און אנטווערט אליין... מיר איז יעטצט ניט צום מוטה, האט דער נאטשאלניק געזאגט.

— דעם בריעף האב איך קיין רעכט צו עפענען, ווי איהר זעהט פון צייכען, וועלכער איז אייך בעקאנט.

דער נאטשאלניק האט מיט ציטערענדע האנד אויפגעמאכט דעם בריעף.

אין בריעף איז געווען געשריבען: „ווארפט אוועק אלע ארבייט און קומט גלייך צו פאהרען.. אייך וועט דערוויל אומבייטען דיופלעססי״.

— אה גאטט! האט דער נאטשאלניק מיט פערצווייפלונג געזאגט. אוועקפאהרען און זיך ניט זעהען מיט דער מוטטער... דאס איז אונ-

מאגליך... דאס איז גלייך. ווי איך וואלט זי אליין טייטען... דאס וועט דאך זיין פון מיר א גרויסער פערברעכען. ער האט ניט ווילענדיג אקוק געגעבען אויף דעם גלאבוס און באלד זיך איבערגעביטען. ער האט באלד איבערגעגעבען דעם בריעף דעם שרייבער און רוהיג געזאגט: פער־שרייבט איהם אין בוך און שטעלט אוועק א נומער.

ראדען האט אזוי געטהון.

אין א מינוט ארום האט דער נאטשאלניק ווידער געזאגט: וואס ווייטער צו טהון וועט אייך שוין דיופלעססי זאגען. גיבט איהם אוועק דאס פאפיר וועגען די מעדאליאנען. שיקט אוועק בריעף אין באטאוויע, לייפ־ציג, טשארלסטאן און שרייבט ווי איך האב אייך געזאגט. מען זאל פערהאלטען ניט אנדערם אין לייפציג דעם געגעראל סימאנס טאכטער; גבריאל'ן שיקען אהער. אויב דזשאלמא איז שוין געקומען נאך באטאוויע, זאל וואנדאיעל ווייזען וואס ער קען און איהם אבהאלטען דארטען.

אין צוואנציג מינוט ארום האט ער זיך געזעטצט אין זיין קאליאסקע און איז אוועקגעפאהרען מיט'ן וועג וואס פיהרט נאך רום...

ראדען איז געבליבען אליין אין זיין קאלטען ליידיגען זאל.

זיין געזיכט האט זיך מיט א מאל איבערגעביטען. זיינע געזיכטסציגע און די האלבפערמאכטע אויגען, וועלכע זיינען געוועזען די גאנצע צייט רוהיג און קאלטבלוטיג, האבען געברענט מיט א העלישען פייער; זיינע בלאססע ליפען האבען זיך פערקרימט מיט א ביטערען שמייכעל און זיין האלבטויטעס געזיכט האט אויסגעדריקט א באזע פרייד. ער האט זיך געשטעלט נעבען גלאבוס און איהם אויפמערקזאם דורכגעקוקט, ווי פריהער דער נאטשאלניק... נאכהער האט ער זיך איינגעבויגען, ארומגעהאפט דעם גלאבוס מיט די שמוטציגע האנד און האט זיך איינגעגעסען אין איהם מיט די אויגען, ווי ער וואלט איהם וועלען איינשלינגען.

דיזער אלטער מאנן מיט זיין העסליך־בלאססען און שמוטציגען געזיכט

האט געשיינט צו זיין נאך שרעקליכער אלס זיין נאטשאלניק. דער לעצטער איז געוועזן אהנליך צו איין אדלער וואס פליהט הויך אונטער די וואלקענס אונ ווארט אויף רויב, אונ ער ראדען צו א שלאנג וואס געהמט ארום זיין רויב אונ לאזט אריין אין איהם דעם גיפט.

אין אזא פאזע איז ער געשטאנען איניגע מינוט אונ נאכהער צוגע־גאנגען צו זיין פולט אונ האט אנגעשריבען פאלגענדען בריעף:

פאריז 45 מינוט אויף 10 אין דער פריה".

„ער איז אוועקגעפאהרען, נאר ער האט געצווייפעלט. דעם בע־פעהל האט ער בעקומען אין דער צייט ווען זיין שטערבענדע מוטטער האט איהם גערופען צו זיך; מען האט איהם זאגאר געשריבען, דאס ער וועט מיט זיין קומען זי רעטען... ער האט איבערגעלעזען דעם בעפעהל אונ האט צו זיך געזאגט: גיט פאהרען צו דער מוטטער איז דאך פון מיר א פארברעכען"!

„ער איז אבער אוועקגעפאהרען... זאגאר ער האט געצווייפעלט".

„איך היט איהם שטענדיג. דיזע צייליען וועלען קומען אין איין צייט מיט איהם אין רוים".

„P. S. זאגט דעם קארדינאל, דאס ער קען זיך אויף מיר פערלאזען אונ ער פון זיינער זייט זאל אויך טהון פון מיינעטוועגען".

עס האט געשלאגען צעהען — די שטונדע ווען ראדען פריהשטיקט. ער האט פערזיגעלט דעם בריעף אין א קאנווערט, גענומען זיין הוט אונ איז ארוים פון דיזען הויז.

XIV.

פלאג.

פוסטע און וויסטע געגענד. אהויכער בארג, בעדעקט מיט גרויסע שטיקער קאלכשטיין, און וואו–ניט–וואו פערוועלקטע דעמבאווע און בעראזאווע בוימער.

אונטער'ן בארג פערשפרייט זיך א גרויסער און טיפער טהאל, פון וועלכען עס זעהען זיך ארויס ארמערוויים שפיצען פון קלויסטערם: דארט אויף דעם וועג געפינען זיך דארפער...

עס איז געוועזען אבענד-צייט, די צייט פון רוהע, ווען פון יעדען פענסטער פלעגט לייכטען אפרייליך פייער'ל און פלעגט אבשיינען אויפ'ן גראז און גרינע בוימער.

אבער ווי זאנדערבאר איז, וואס אין דער זעלבער צייט שיינט קיין פייער'ל אין קיין פענסטער, און מען זעהט קיין לעבענדיגען מענשען אין קיין הויז, און נאך זאנדערבארער איז, דאס פון אלע קלויסטערם הערט זיך א קלאגליכער און אומעדיגער קלינגען ווי מען בעגראבט וועמען. עס האט זיך געדאכט אז דאס גאנצע לעבען און בעוועגונג אין דער געגענד בעשטעהט נאר אין דעם אומעדיגען און קלאגליכען קלינגען.

נור ענדליך הייבען זיך אן צו בעווייזען אין דיזע דארפער, וואו–ניט–וואו פייערלאך; דאס זיינען אבער געוועזען ניט יענע פריילוכע פייערלעך–זאנדער'ן טרויעריגע, גאנץ טרויעריגע פייערלעך, וועלכע האבען זיך פון ווייטען לאנגזאם געצויגען, ווי ליכטיגע שטערענדלעך, צו די בית-עולמות פון די דארפער.

דאס קלאגליכע קלינגען ווערט שטארקער און שטארקער; די לופט

צִיטֶערְט פוּן דֶעם גְלָאקֶען־גֶערוישׁ אוּנ אוֹיף דֶעם בַּארְג הֶערְט זִיךְ שׁוֹין אַ טוֹיטֶענְגֶעזַאנְג. וָוארוּם זַיינֶען דָאס דָארְטֶען אַזוֹי פִּיל לְוָיוֹת? וָואס אִיז דָאס פַאר אַ קְלֶאגְלִיכֶער טְהָאל, וואוּ פְרֵיילִיכֶע לִידֶער פֶערְבַייט אַ קְלֶאגְלִיכֶער גֶעזַאנְג, אוּנ וואוּ מֶען בֶּעקְלָאגְט אַזוֹי פִּיל גֶעשְׁטָארְבֶּענֶע, אוּנ מֶען בֶּעגְרָאבְּט זֵיי וִוי נָאר עֶס וָוערְט נַאכְט?

אָה — וֶועה! דֶער טוֹיט קוּמְט אַזוֹי גֶעשְׁוִוינְד אוּנ שְׁרֶעקְלִיךְ, דָאס מֶען אִיז נִיט אִין שְׁטַאנְד צוּ בֶּעגְרָאבֶּען... זַיינֶע זָא פִּילֶע קָרְבָּנוֹת.

בַּיי טָאג זַיינֶען אַלֶע פֶערנוּמֶען אִין דִי פֶעלְדֶער, נָאר אָבֶענְד־צַייט, וֶוען זֵיי קוּמֶען צוּרִיק פוּן דִי פֶעלְדֶער גְרָאבֶּען זֵיי ווִידֶער דִי עֶרְד, אוּנ זֵייעֶן זֵייעֶרֶע פֶערשְׁטָארְבֶּענֶע בְּרִידֶער, וִוי דִי קֶערנֶער אִין פֶעלְד.

נָאר נִיט אִין דִיזֶען טְהָאל אַלֵיין בֶּעגְרָאבְּט מֶען טָאג טֶעגְלִיךְ זָא פִּיל מֶענְשֶׁען.

אִין דִיזֶע אוּנגְלִיקְלִיכֶע יָאהְרֶען הָאבֶּען זִיךְ גֶעפוּנֶען נִיט נָאר דֶערְפֶער, נָאר גַאנְצֶע שְׁטֶעדְט אוּנ לֶענְדֶער, אִין וֶועלְכֶע עֶס אִיז אִין גַאנְצֶען פֶערלָאשֶׁען גֶעוָוארֶען דָאס פַאמִילְיֶענפַייעֶר, אוּנ פְרֵיילִיכֶע לִידֶער הָאט פַארבִּיטֶען אַ קְלֶאגְלִיכֶער אוּנ טְרוֹיעֶרִיגֶער גֶעזַאנְג.

אִין דִיזֶער גְרוֹיזַאמֶער צַייט אִיז לַאנְגְזַאם אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען פוּן אֵיין עֶק וֶועלְט צוּם צְוֵוייטֶען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע וַואנְדֶערֶערִין.

דִיזֶע וַואנְדֶערֶערִין, שְׁרֶעקְלִיךְ וִוי דֶער טוֹיט, לַאנְגְזַאם וִוי דִי עֶווִיגְקַייט, אוּנֶערְבַּארמְלִיךְ וִוי דָאס שִׁיקְזַאל, אִיז גֶעוֶועזֶען... דִי חָלִירַע!!...

דֶער גֶערוּיש פוּן דִי גְלָאקֶען אוּנ דֶער אָבְּקְלַאנְג פוּן טוֹיטֶענְגֶעזַאנְג הָאבֶּען זִיךְ נָאךְ אַלְס גֶעהֶערְט פוּן טִיפֶען טְהָאל בִּיז צוּם שְׁפִּיץ בַּארְג, אוּנ דָאס רוֹיטֶע פַייעֶר פוּן דִי פַאקֶעלֶען הָאבֶּען זִיךְ נָאךְ אַלְס גֶעזֶעהֶען פוּן וַוייטֶען אִין טוּמַאן.

מִיט אַ מָאל הָאבֶּען זִיךְ אוֹיף דֶעם שְׁטֵיינִיגֶען בַּארְג גֶעהֶערְט לַאנְגְזַאמֶע, גְלַייכֶע אוּנ שְׁוֶוערֶע טְרִיט... צְווִישֶׁען דִי שְׁוַוארְצֶע בּוֹימֶער אִיז גֶעגַאנְגֶען אַ מֶענְשׁ.

ער איז געווען פון הויכען געוואוקס, און איז געגאנגען דעם קאפ איינגעבויגען; זיין געזיכט איז געווען עדעל, מילד און טרויעריג. זיינע ברעמען האבען זיך געצויגען פון איין שלייף צום צווייטען, ווי איין שווארצער פאס...

עס האט זיך געדאכט, דאס ער האט ניט געהערט דעם טויטענקלאנג פון די גלאקען. צוויי טאג פארהער איז ער געגאנגען דורך די זעלבע דארפער און דאן איז געווען אלעס רוהיג, געזונד, פרייליך... אבער יעטצט נאך זיין אוועקגעהן איז דארט געווארען טרויעריג און אלעס פערוויסט...

דער וואנדערער איז ניט אבשטעלענדיג זיך געגאנגען פאראויס און פאראויס.

„דער 13 פעברואר קומט אן, האט ער געטראכט, עס קומט אן דער טאג, אין וועלכען מיין שוועסטערס איינינקעלעך, די לעטצטע פונקען פון אונזער פאמיליע, דארפען זיך צוזאמענקלויבען אין פאריז

אך! 150 יאהר פארהער האט מען דעם דריטען מאל צושפרייט אויף דער גאנצער וועלט די פאמיליע, וועלכע איך האב מיט צערטליכע ליבע געהיט הונדערטע יאהרען, גאנצע 19 הונדערט יאהר... פיל צרות האט זי איבערגעטראגען; יעדען מאל ווען מען האט זי געטריבען פון איין ארט צום צווייטען, האט זי געמוזט ביטען איהר גלויבען, דעם נאמען און אלע איהרע זיטען...

וויפיל גרויסקייט, ערנידערונג, אונוויסענהייט, רייכקייט און ארעמקייט איז דא אין דער פאמיליע, וועלכע שטאמט פון מיין געליבטער שוועס־טער... די שוועסטער פון דעם ארעמען בעל מלאכה. *)

אה! מיט וויפיל פערברעכען האט די פאמיליע איהר נאמען בעשמוטצט און מיט וויפיל מעשים טובים האט זי זיך אויסגעצייכענט!.. די היסטאריע

*) לעזט די לעגענדע און פראלאג פון „עוויגען יוד".

פון דיזער פאמיליע — איז די היסטאריע פון דער גאנצער מענשהייט... פון איין דור אין דעם צווייטען, ביז דיזער צייט, איז מיין שוועסטערס בלוט ניט פערלארען געגאנגען. וויפיל אבער האט זיך נאך אבגעשטעלט פון דער פאמיליע? אין ס"ה 7 פערזאן: צוויי יתומות — טאכטער פון פארטריבענע פאטער און מוטטער; א פרינץ, ביי וועלכען מען האט אבגערויבט די קרוין; איין ארעמער מיססיאנער; איין מאנן פון מיטעלער קלאססע; איין בעריהמטע און רייכע פריילין און איין האנדווערקער. זיי זיינען אבער צו שפרייט אויף דער גאנצער וועלט... איהר ווער[ט] זיי בעגעגענען אין אינדיע, אמעריקא און פראנקרייך.

ווען איינער פון זיי איז אין געפאהר פיהל איך דאס באלד, און דאן, ווי ווייט איך זאל ניט זיין געהע איך צו זיי... אבער.. אך! און ווען איך בין שוין גאר נאהענט צו זיי און וואלט זיי שוין קענען רעטען, האלט מיך אב איין אונבעמערקטע האנד און שטויסט מיך און שטופט מיך אין אנ'אנדער זייט, און א שטימע יאגט מיך: „געה!... געה!!!" לאז מיר אבער ענדיגען וואס איך האב אנגעהויבען... בעט איך זיך: „געה, געה!"... איין שטונדע נאר לאז מיך אברוהען!... „געה!"... אך! מיינע ליבסטע זיינען דאך אבער אין געפאהר!!. „געה!...געה!.."

אט אזוי ווער איך בעשטראפט. דאס איז שרעקליך... נאר מיין פערברעכען איז געוועזען נאך שרעקליכער. צו שפעט אבער האב איך זיך ארומגעזעהען. צו שפעט האב איך חרטה געקראגען, צו שפעט האב איך ליעב געקראגען די מענשען און די גאטטליכע ווערטער, וואס דארפען זיין א געזעץ פיר די גאנצע מענשהייט:

„ואהבת לרעך כמוך" (דו זאלסט ליבען דעם צווייטען ווי זיך זעלבסט).

דער טאג פון גנאדע איז נאך ניט געקומען!...

איך לייד פיר די גאנצע מענשהייט און לייד פיר מיינע פריינד.

איך אבער, ארעמער נע ונדניק, קען ניט שטענדיג קומען צו הילף צו מיין ליבע שוועסטערס אייניקלעך.

אבער ווען מיינע שמערצען זיינען שוין איבער די קראפטען... און ווען איך פיהל, דאס די מייניגע געפינען זיך אין גרויסען געפאהר, פון וועלכער איך בין ניט אין שטאנד זיי צו רעטען, דאן פליהען אלע מיינע געדאנקען צו דער, וועלכע איז זא פערפלוכט און נע ווד ווי איך, און געהט און וועט געהן און געהן ביז ענדע דער וועלט...

נאר איין מאל אין הונדערט יאהר, אין דעם היילינגען טאג „יום־כפור" בעגעגענען מיר זיך ווי צוויי קאמעטען (שטערען) אין זייער הונדערטיאהריגען גאנג, און נאך דיזען זעהען זיך, אין וועלכען עס ערוועקען זיך אלע אונזערע טרויעריגע עררינערונגען (זכרונות), צושיידען מיר זיך און געהען ווידער ווי די עוויגעהענדע שטערען.

און דיזע פרוי, די איינציגע אויף דער גאנצער וועלט, וועלכע זעהט גלייך ווי איך די ענדע פון די יאהר הונדערטע, אויסשרייענדיג ביי דעם מיט הערצענסלייד דאס שרעקליבע ווארט „נאך!". דיזע פרוי פערשטעהט מיך און אנטווערט מיינעם געדאנקען; זי געהט, וועט געהן אימער ווי איך, ניט אבשטעלענדיג זיך, און שטענדיג הערט זי אויך: „געה!.. געה!.."

דער ווינד איז געווארען שטארקער, עס האט געגעבען א בליטץ... דער מאן איז געגאנגען ארויבבארג... פלאצליך האט ער א ציטער געטהון...

אך! האט ער אויסגעשריען, איך פיהל דאס מיין געליבטער שוועסטערס אייניקלעך זיינען יעטצט אין גרוים געפאהר; איניגע דא – די צווייטע אין אינדיע, די דריטע אין אמעריקא... אה, אללמאכטיגער גאטט! העלף מיר זיי צו רעטען, ווען ניט זיינען זיי אלע פערלארען...

אין דיזען אויגענבליק איז פארגעקומען עטוואס שרעקליבעס און זאנדערבארעס. עס איז שוין געוועזען נאכט; ער האט זיך א קעהר געגעבען צו געהן אין מערב זייט (וואו פראנקרייך ליגט), נאר א אונזיכטבארע געהיימע קראפט האט איהם אבגעהאלטען און פערטראגען אין אנאנדער זייט... עס האט זיך אויפגעהויבען א שטורמווינד...

ענדע דעם ערשטען טהייל.

צווייטער טהייל.

„די ווערגער".

I.

י היטטע (סוכה).

אין דער צייט, וואס אין אייראפא זיינען פארגעקומען די פריהערבעשריבענע געשיכטען, איז אין אזיען, אויף דעם אינזעל „יאווא", געבען דער שטאדט „באטאוויע" פארגעקומען פאלגענדעס.

עס איז געוועזן נאכמיטטאג, ענדע מאנאט אקטאבער 1831 יאהר. אין א קליינער היטטע איז געשלאפען א יונגער מאן. אויף זיין ברייטע אונ שטארקער ברוסט האט זיך געזעהען א טיפער שניט, וועלכען ער האט בעקומען אין מלחמה, אלס ער האט בעשיטצט דעם גענעראל סימאן פון טויט; אויף זיין האלז איז געהאנגען א מעדאליאן. דאס איז געוועזן דער פרינץ דזשאלמא. זיין ברוינעס געזיכט איז געוועזן זעהר מילד אונ בעצויבערענד שאן.

ארום דער היטטע איז געוועזן זעהר שטיל; קיין זאך האט ניט געשטערט דען שלאף פון יונגען פרינץ.

פלאצליך האט זיך נאהענט פון היטטע, אין טיפען גראז, געלאזט הערען א גערויש, אונ באלד נאכדעם האט זיך בעוויזען א אינדיאנער מיט א העסליכען געזיכט אונ ווילדע פייערדיגע אויגען. אנפאנגס איז ער

געוועז אונבעוועגליך ; נאכהער, איינהאלטענדיג דעם אטהעם, איז ער אויף אלע פיער גאנץ לאנגזאם הערקראכען צום בוים, וועלכער איז געוואכסען ביי דער היטטע. — דיזער מאנן איז געוועז איין מאלאי (א פאלק אין זיד אזיען) פון דער סעקטע „ווערגער" (מענשענערשטיקער). קליידער האט ער ניט געטראגען, בלויס קורצע הויזען, אונ זיין ברוינער קערפער איז געוועזען פעט, ווי בעשמירט מיט געדיכטען אהל. — ווען ער האט שוין געקענט שטעהן אונבעמערקט אונטער'ן בוים, איז ער גאנץ שטיל ארויפגעקראכען אויף איהם. אין דער היטטע אויבען, איז געוועזען א טהיר'ל דורך וועלכע איז געוועזען לייכט אריינצוקוקען אינוועניג. אונ דער ווערגער האט מיט זיינע פייערדיגע אויגען ערזעהען דעם שלאפענדען דזשאלמא, וועלכער איז געלעגען זא נאהענט צום טהיר, דאס ווען יעמאנד וואלט זי עפענען, וואלט ער זיך געוויס אויפגעחאפט. אז דער מאלאי איז איבערצייגט געווארען דאס דזשאלמא שלאפט זעהר שטארק, האט ער מיט א מעסער דורכגעשניטען א וואנט'ל פון דער היטטע וועלכע איז געוועזען אויסגעפלאכטען פון דינע ווישקעס, אונ איז גאנץ פארזיכטיג געשווינד אריין אינוועניג. ווי א שלאנג איז ער צוגעקראכען צו דזשאלמאן אונ האט זיך געשטעלט אויף די קניע נעבען איהם.

דזשאלמא איז געלעגען אויפ'ן רוקען, דער קאפ איינגעבויגען צו דער רעכטער זייט פלייצע אונ די לינקע האנד איז געוועזען אויסגעצויגען. דער ווערגער האט מיט א זעלטענער געשווינדקייט פערקאשערט דעם ברייטען פיקייענעם ארבעל אויף דזשאלמאס לינקער האנד, נאכדעם געשווינד ארויסגענומען פון קעשענע א לאנגע שארפע נאדעל אונ א שווארצען ווארצעל (корень). ער האט איינינע מאל אריינגעשטאכען די נאדעל אין ווארצעל, אויף וועלכען עס האט זיך ביי יעדען שטאך בעוויזען א ווייסע זאפט, אונ האט זעהר שנעלל אנגעצייכענט אויף דזשאלמאס האנד עטליכע צייכענס. איינינע מינוט זיינען די צייכענס אויפ'ן האנד געוועזען עטוואס רויטליך; נור די זאפט, אין וועלכער די נאדעל איז

געוועזן איינגעטונקט, האט געהאט אין זי די איינגענשאפט, דאס די צייכענס האבען געדארפט ווערען דונקעל בלוי. נאכדעם אז דער ווערגער האט גליקליך געענדיגט זיין ארבייט, איז ער באלד פערשוואונדען געווארען פון היטטע.

.II

דער קאנטראבאנדיסט.

די זון האט געהאלטען ביים אונטערגעהען.

אין א לאנגער געדיכט מיט בוימער אנגעזעטצטער אלעע איז געשווינד דורכגעפאהרען א רייטער. — דאס איז געוועזן דזשאלמא, וועלכער האט גאר ניט געוואוסט, דאס א ווערגער האט איהם אויפ'ן האנד געמאכט א צייכען, וועלכער וועט שוין אויף עוויג בלייבען.

נאך זיין פאטערס טויט האבען די ענגלאנדער איהם אריינגעזעצט אין א פעסטונג. אבער ענדליך איז ער בעפרייט געווארען. די גאנצע צייט וואס דזשאלמא איז געוועזן פערשפארט אין פעסטונג, האט דער גענעראל סימאן פון איהם ניט אבגעטראטען, און נאכדעם האבען זיי ביידע פערלאזען דעם אינדישען מאטעריק און זיינען געקומען אין באטאוויע: דזשאלמא איז געפאהרען אבנעהמען זיין מוטטערס ירושה. אין דער ירושה האבען זיי געפונען פאפירען און א מעדאליאן.

דער גענעראל סימאן איז געוועזן זעהר איבערראשט און האט זיך ערפרעהט מיט'ן מעדאליאן וועלכער האט איהם בעוויזען, דאס דזשאלמעס מוטטער מיט זיין פרוי זיינען געוועזן קרובות. ער איז באלד געפאהרען אויפ'ן אינזעל סומאטרא אום צו געפינען דארט א שיף, וועלכעס געהט

אַב אין קורְצֶען נָאךְ אֵייְראָפֶּא; עֶר הָאט דָאךְ גֶעוואוּכְט דָאס דֶער פְּרִינְץ דְזִשַׁאלְמַא דַארְף אויךְ זַיין דֶעם 13 פֶעבְּרוּאַר אִין פַּארִיז. וֶוען דֶער גֶענֶעבַאל סִימָאן הָאט גֶעטְרָאפֶען אַזָא שִׁיף, אִיז עֶר בַּאלְד גֶעפָאהרֶען צוּרִיק צוּ דְזִשַׁאלְמֶען.

דָאס אִיז יֶעטְצְט דֶער פְּרִינְץ גֶערִיטֶען צוּם הַאפֶּען אִיהם צוּ בֶּעגֶעגֶענֶען. עֶר הָאט אִיהם אָבֶער נִיט בֶּעגֶעגֶענְט אוּנ אִיז צוּרִיקְגֶעקֶער טֶען נָאךְ הויזֶע פֶערְטְרַאכְט.

פְּלֶאצְלִיךְ הָאט זַיין פֶערְד זִיךְ אָבְגֶעשְׁטֶעלְט אוּנ דֶער פְּרִינְץ הָאט גֶעבֶּען זִיךְ עֶרזֶעהֶען דֶעם קָאנְטְרַאבַּאנְדִיסְט מַאהַאל.

— אִיהר זַייט דֶער פְּרִינְץ דְזִשַׁאלְמַא? הָאט עֶר אִיהם גֶעפְרֶעגְט.

— וָואס ווִילְסְט דוּ?

— אִיהר זַייט קַאדְזְשִׁי-סִינְגְס זוּהְן?

— וָואס ווִילְסְט דוּ אָבֶער?

— אִיהר זַייט דֶעם גֶענֶעבַאל סִימָאנְס אַ פְרַיינְד אוּנ אִיהר זַייט גֶעפָאה-רֶען אִיהם בֶּעגֶעגֶענֶען?

— יַא... אָבֶער פוּן וַואנֶען ווֵייסְט דוּ דָאס

— עֶר דַארְף הַיינְט אָדֶער מָארְגֶען קוּמֶען אִין בַּאטַאוְויֶע...

— קוּמְסְט דוּ נִיט פוּן אִיהם?

— עֶס קֶען אַלֶעס זַיין... אָבֶער זַייט אִיהר קַאדְזְשִׁי-סִינְגְס זוּהְן?

— אִיךְ הָאבּ דָאךְ דִיר גֶעזָאגְט אַז יַא.

— אויבּ דָאס אִיז טַאקִי אֱמֶת, זָאגְט מִיר אַייֶער צוּנָאמֶען.

— מִיךְ פְּלֶעגְט מֶען רוּפֶען דֶער „גוּטְהֶערְצִיגֶער".

— דָאס אִיז אֱמֶת... פוּנְדֶעסְטְווֶעגֶען זָאגְט מִיר אָבֶער, וָואס פַאר אַ גֶעדְרוּקְטֶער פַּאפִּיר הָאט אַייךְ דֶער גֶענֶעבַאל סִימָאן גֶעשִׁיקְט אִין בְּרִיעף פוּן אִינְזֶעל סוּמַאטְרַא?

— אַ בְּלַאט פוּן אַ פְּרַאנְצֶאזִישֶׁען שְׁזוּרְנַאל.

— וֶועגֶען וָואס?

– דאס די פראנצאזישע רעגירונג האט אין דער צייט, וואס ער איז ניט געווען, אנגענומען זיין טיטול, וועלבעז נאפאלעאן האט איהם געגעבען.

– יעטצט זעה איך, דאס איהר זייט טאקי דער פרינץ דזשאלמא און איך קען יעטצט ריידען... דער גענעראל סימאן איז צוריקגעקומען און איז ארום אויפ'ן ברעג, נאר אין א וויסטען ארט.

– אין א וויסטען ארט?... דער גענעראל סימאן!.. בעהאלט זיך... פאר וואס?

– איך ווייס ניט.

– וואו איז ער אבער? האט דזשאלמא בלאס וועהרענדיג געפרעגט.

– 3 ווארסט פון דאנען... אין די אלטע חורבות פון טשאנדי.

– ער בעהאלט זיך!.. האט דזשאלמא ווידער איבערגעחזרת.

– ער האט, דאכט מיר, געהאט א דועל אין סומאטרע, האט דער קאנטראבאנדיסט בעמערקט.

– א דועל?.. מיט וועמען?...

– דאס ווייס איך ניט, נאר דער גענעראל וואַרט אויף אייך אין די חורבות פון טשאנדי... איהר ווייסט וואו דאס איז?

– איך ווייס!...

– דזשאלמא האט איניגע מינוט געשוויגען און נאכהער זיך געווענדט צום קאנטראבאנדיסט.

– קענסט דו אבפיהרען מיין פערד? מיין הויז איז הינטער דעם צוים — דארטען צווישען די בוימער, געבען נייען מעטשעט *). ארויפקריכען מיט מיין פערד אויף אזא בארג ווי טשאנדי, איז גאר אונמאגליך, און צופוס וועל איך אהינצו גיכער קומען.

– וואו איהר וואהנט ווייס איך, דאס האט מיר דער גענעראל סימאן

---

*) א מאחמעדאנישע קירכע.

געזאגט; גיט מיר דאס פערד.

דזשאלמא האט אבגעגעבען מאהאל'ן דאס פערד און צו דעם איהם נאך געגעבען א זיידענע ביטעל מיט געלד.

ניט אומזאנסט האט מען גערופען קאדזשי־סינג „גראסמוטהיגער", האט מאהאל שטיל געזאגט, און האט זיך געזעגנט געגען דזשאלמען און איז אוועקגעגאנגען מיט'ן פערד נאך באטאוויע.

דער פרינץ איז אוועק טיעף אין וואלד און איז געשווינד געגאנגען צו די חורבות פון טשאנדי. ער האט אהין געקענט קומען ניט פריהער ווי אבענד־צייט.

III.

ישעיהו וואנדאיעל.

ישעיהו וואנדאיעל, ראדענס קארעספאנדענט איז געבארען אין באטאוויע, די הויפטשטאדט פון אינזעל יאווא. אלס קינד האבען זיינע עלטערן איהם געשיקט נאך „פאנדישערי" אין די בעריהמטע שולע פון די יעזואיטען, און נאכדעם איז ער געווארען איינער פון זייערע מיט־העלפער.

וואנדאיעל האט געהאט א נאמען פאר זעהר איין ארדענטליכען מאנן און, איבערהויפט, האט ער זיך אויסגעצייכענט מיט זיין פינקטליכקייט אין די יעזואיטישע געשעפטען.

אין דער צייט, וואס דזשאלמא האט געאיילט צו די חורבות פון טשאנדי, איז אין צימער פון דיזען געעהרטען מאנן פארגעקומען פאלגענדעס.

דער זייגער האט געשלאגען 9. וואנדאיעל איז געזעססען ביי זיך אין צימער אונ האט געשריבען: „... איך האב אייך שוין בענאכריכטעט, דאס עס האט זיך מיר געמאכט א געלעגענהייט איבערצולעזען אלע בריף פון גענעראל סימאן צו דרשאלמען. אונ אויף אזא ארט האב איך זיך ערוואוסט, דאס דער גענעראל סימאן דארף קומען. איך האב גע־דארפט מאכען אז דרשאלמא זאל ניט קענען זיין דעם 13 פעברואר אין פאריז... אונ דא האט זיך אקוראט געטראפען אזא געשיכטע: נעכטען אבענד איז געקומען אהער דאס שיף „ריוטער" וועלכעס פאהרט אב מארגען נאך אייראפא. מיט דעם שיף קען מען קומען פון יאווא אין אייראפא אין 6 וואכען; אלזא, ווען דרשאלמא זאל זיך זעטצטען אויף דאס שיף וואלט ער געקענט זיין דעם 13 פעברואר אין פאריז. דארום האב איך געמאכט, דאס דרשאלמא זאל מארגען ניט קענען זיין אויפ'ן שיף".

„איך רעכען פאר נייטיג אייך צו שרייבען ווי אזוי איך האב דרשאלמען פערהאלטען היער".

„אין אינדיע האט מען ניט לאנג ענטדעקט א חברה „ווערגער", אדער „ברידער פון מעשים טובים". דיזע מערדער ערשטיקען מענשען ניט כדי אוועקצונעמען זייער פערמאגען, נאר מיט'ן ציעל צופרידענצו־שטעלען „באחוואן", זייער אבגאטט פון גיה.

„א קאנטראבאנדיסט, מיט דעם נאמען מאהאל, האט געבראכט אהער אויף זיין שיף 3 אזעלכע מערדער אונ ער האט זיי בעהאלטען אין די חורבות פון דער אלטער קירכע".

„די אלע 3 זיינען זעהר קלוגע, אונ בעזאנדערס איינער פון זיי, מיט דעם נאמען פארינגע, זעהר א געפעהרליכער מאנן. ער איז געוועזען א לאנגע צייט אין פיל גרויסע שטאדט; רעדט גוט פראנצאזיש אונ ענגליש".

„דער קאנטראבאנדיסט מאהאל איז געקומען צו מיר. אויף זייגע

פארלייגונג האב איך איינגעווילינגט. וועגען אלעס גענוי וועל איך אייך שרייבען בעזאנדער דורך מאהאל, וועלכען איך דענק צו שיקען מארגען מיט'ן שיף „ריוטער".

„אין מיין לעטצטען בריעף האב איך אייך געשריבען, וועגען באראן טריפא. ער איז מיר שולדיג זעהר פיל געלד, אלזא, וואלט ניט שאדען אז מען זאל שוואבער מאכען די געשעפטען פון זיין קאנקורענט הארדי, און דאן וואלט טריפא אין שטאנד געווען איינצאהלען מיר דעם חוב".

א לייכטער גערויש געבען פענסטער האט געשטערט וואנדאיעל'ן פון זיין ארבייט; ער איז צוגעגאנגען צום פענסטער. פון דרויסען האט יעמאנד אנגעקלאפט אין לאדען.

— מאהאל?.. האט וואנדאיעל שטיל געפרעגט.

— איך.

— נו, וואס איז מיט'ן פרינץ דזשאלמא?

— ער איז אוועקגעגאנגען צו די חורבות פון טשאנדי.

— אלזא, איז אלעס גוט... און די ווערגער האבען קיין חשד אויף דיך?

— קיין חשד ניט... איך האב זיך מיט זיי היינט אין דער פריה געזעהען.

— ווען אלעס וועט זיך גוט ענדיגען, וועסט דו בעקומען א נאגראדע... איך האב פיר דיך שוין גענומען אנ'ארט אויפ'ן שיף... יעטצט געה צום גובערנאטאר און ווארט דארט אויף מיך... איך דארף צו איהם האבען וועגען זעהר א וויכטיגע זאך... געה שנעלל, איך וועל באלד אויך קומען.

מאהאל איז געשווינד אוועק.

וואנדאיעל איז ווידער צוגעגאנגען צו זיין שרייבטיש און האט צוגעשריבען צום בריעף: יעצט איז שוין אונמעגליך, דאס דזשאלמא זאל אוועקפאהרען פון באטאוויע... זייט רוהיג...

דזשאלמא וועט דעם 13 פעברואר ניט זיין אין פאריז. דיזען בריעף שיק איך מארגען מיט'ן שיף „ריוטער".

וואנדאיעל האט געענדיגט שרייבען דעם בריף און איז באלד אוועק צום גובערנאטאר.

IV.

די חורבות *) פון משאנדי.

נאך דעם שטורמווינד, וועלכער איז געוועזען ביי טאג איז געווארען א שטילע און ליכטיגע נאכט. די לבנה איז לאנגזאם ארויסגעשוואומען פון אונטער די וואלקענס און האט באלויכטען די גרויסע חורבות, וועלכע זיינען געוועזען אין מיטען וואלד אויף א בערגיל, 3 מייל פון באטאוויע.

צו איין וואנד פון דיזע חורבות, וועלכע זיינען געוועזען אמאל א קירכע פון א אינדישען אבגאטט, איז געוועזען צוגעמויערט א שטיב'ל פון ציגעל. די טהיר פון שטיב'ל איז געוועזען האלב אפען, און דורך איהר איז געפאלען א רויטליכער שיין אויפ'ן גראז, וואס האט געוואכסען ארום שטיב'ל.

אין דעם שטיב'ל, אויף דר'ערד ביי א קליין לעמפעלע, זיינען געזעסען 3 מענשען. דער ערשטער פון זיי איז געוועזען אייראפעאיש געקליידעט — א מעטים: זיין פאטער איז געוועזען א ווייסער און די מוטטער א אינדיאנערין, געבען איהם איז געזעסען איין אפריקאנישער נעגער, מיט דיקקע ליפען, געזונטע פלייצעס און דיגע פיס; זיינע געגרייזעלטע האר

*) איינגעפאללענע געביידען.

זיינען געווען גרויליך, ער איז געווען אנגעטהון אין צוריסענע קליידער. דער דריטער—א אינדיאנער איז געשלאגען אין ווינקעל שטיב'ל.

וואס קען דאס זיין, וואס דער מאלאי איז נאך ניט דא? האט דער מעטים, מיט דעם נאמען פארינזע, געזאגט. פיללייכט האט דער פרינץ איהם געהרגעט, ווען ער איז געגאנגען אויספיהרען אונזער בעפעהל...

מיט א מאל האט זיך געהערט א שרעקליכער געשריי און עטליכע אונפערשטאנדליכע ווערטער. דער נעגער מיט'ן מעטים האבען שווייגעדיג א קוקגעגעבען אויף זייער שלאפענדען חבר—א אינדיאנער פון א יאהר 30.

— אימער דער חלום? האט פארינזע געזאגט צום נעגער; אימער חלומת זיך איהם אלץ דערזעלבער פערפלוכטער מאנן?

— וועלכער מאנן?

— דו געדענקסט גאר ניט, דאס 5 יאהר צוריק איז געקומען אויף טיגעריאגד דער פאלקאוניק קעננעדי ביי די ברעגען פון האנגעס *), מיט 20 פערד, 4 עלעפאנטען און 50 דינער?

— יא, יא! האט דער נעגער געאנטווערט, אבער מיר 3 מענשעניאגער האבען געמאכט בעססער פון איהם. דו געדענקסט ווי מיר האבען אריינגענארט אין אונזער זאק קעננעדין און מיר, "ברידער פון מעשים טובים", האבען געבראכט דעם טהייערען קרבן אונזער "באחוואן". און דאס געדענקסט דו, ווען מיר האבען דאס לעטצטע מאל פערצויגען די פעטליע אויף קעננעדים האלז, האבען מיר פלאצליך בעמערקט נעבען אונז א מענשען... ער האט אונז געזעהען און מיר האבען דאך געמוזט בעפרייט ווערען פון איהם...

— פון יענער צייט אן מוטשעט איהם אין חלום דיזער פערפלוכטער מאנן, האט פארינזע בעמערקט, ווייזענדיג אויף זיין שלאפענדען חבר. הער! האט פארינזע ווייטער געזאגט, ער הייבט ווידער אן

*) א גרויסער טייך אין אינדיען.

איבערצוחזר'ן אונזער געשפרעך מיט דעם פערפלוכטען מאנן, ווען מיר האבען איהם פארגעלייגט צו שטארבען אדער מיט אונז דינגען דעם „באחוואן".

דער אינדיאנער האט אין אמת'ן געמורמעלט פון שלאף, ווי צוויי מענשען וואלטען ריידען: א פראגע מיט אנ'אנטוואָרט.

„פאר וואס איז ביי דיר אויפ'ן שטערען א שווארצער פאס?.. אויב דו האסט ווירקליך געליטען פון שלעכטע מענשען, געה מיט אונז... דער „באחוואן" וועט נקמה נעהמען פאר דיר... דו האסט געליטען?.. „יא, פיל געליטען". — און ליידעסט יעטצט אויך? „איך לייד שרעקליך"! וואס וועסט דו בעצאהלען די וואס האבען דיר געטהון שלעכטעס? „מיטלייד"! ווילסט דו פאר שלעכטעס צאהלען מיט שלעכטעס? „איך וויל ליבע פאר האס געבען"!.. ווער ביזט דו דען, דאס פאר שלעכטעס צאהלסט דו מיט גוטעס" „איך בין דער, וועלכער ליבט, ליידעט און פערגיבט".

— דו הערסט? האט פארינזע געזאגט צום נעגער, ער האט ניט פערגעססען די ווערטער, וועלכע דער פערפלוכטער מאנן האט געזאגט

— הער! ער רעדט ווייטער! האט דער נעגער בעמערקט.

„מיר שרעקען זיך ניט, האט דער אינדיאנער ווייטער גערעדט, מיר זיינען 3 און דו ביזט נאר 1... דיין לעבען איז ביי אונז אין די האנד... זיי אונזערער, אדער שטארב... שטארב... שטארב... א, וואס פיר א בליק!... קוק ניט אזוי אויף מיר"! האט דער אינדיאנער אויסגעשריען און האט זיך אויפגעכאפט אין קאלטען שוויים.

— נו, וואס ברודער!.. ווידער דערזעלבער חלום? האט פארינזע געפרעגט דעם אינדיאנער.

דער אינדיאנער האט א ווייליע געשוויגען און נאכדעם געזאגט: ער האט זיך מיר שוין לאנג ניט געחלומ'ט.

— איז ער דען ניט טויט!? האט פארינזע געזאגט, דו אליין האסט

דאך איהם ערשטיקט.

— יא! האט דער אינדיאנער געאנטווערט, ציטערענדיג מיט אלע גלידער. מיר אליין האבען איהם, דאכט זיך בעגראבען, און פונדעסטוועגען, הערט, וואס האט פאסירט מיט א יאהר צוריק. איך בין געזעססען נעבען די טהויערען פון „באמביי"... ווי איך וואלט דאס זעהען יעטצט מיט מיינע אויגען... מיט אמאל הער איך רוהיגע, לאנגזאמע און פעסטע טריט... איך קער זיך אום: דאס איז ער געווען... ער איז געגאנגען פון שטאדט.

דאס האט זיך דיר געדאכט! האט דער נעגער געזאגט.

א צופאלליגע עהנליכקייט! האט פארינזע צוגעגעבען.

— איך האב איהם ערקענט אן דעם שווארצען פאס אויף זיין שטערען, דאס איז ער געווען; איך בין געווען אונבעוועגליך פון שרעק... ער האט זיך אבגעשטעלט און האט געקוקט אויף מיר מיט רוהיגע און טרויעריגע בליקען... עס האט זיך ניט ווילענדיג ארויסגעריסען ביי מיר דאס ווארט: דאס איז ער! „יא, דאס בין איך", האט ער מיט זיין רוהיגער שטימע געאנטווערט, „און די אלע, וואס דו טוידטעסט לעבען ווידער אב ווי איך"... „צו וואס דארפסט צו טוידטען"? „איך געה פון „יאווא" צום צווייטען טהייל וועלט, וואו עס איז דא עוויג שנעע"... די נשמה וועט אימער בלייבען נשמה און דו וועסט זי קיין מאל נישט טוידטען". „צוליב וואס דארפסט דו טוידטען"? און ווי ער האט געענדיגט צו ריידען איז ער מיט לאנגזאמע טריט ארויף אויפ'ן בארג, און ביים שיין פון דער זון, האב איך זיין גרויסע געשטאלט געזעהען, אבשפיגעלענדיג זיך אין הימעל און איז באלד נאכדעם פערשוואונדען.

— אפשר האסט דו ניט גוט פארצויגען די פעטליע, — האט פארינזע בעמערקט, — און ער האט ווידער אבגעלעבט.

— ניין, ניין! האט דער אינדיאנער געזאגט, — ער איז א אונגעוואהנליכער מאנן.

— ערקלער אונז דאס !

— יא, הערט, ווי וואונדערבאר דאס איז... ווען איך האב דיזען וואנדערער געטראפען געבען די טהויערען פון "באמביי", איז ער דאן געקומען פון „יאווא" אונ איז געגאנגען צום נארד (צפון) אונ אויפ'ן צווייטען טאג איז געוואָרען די חליבע אין „באמביי" אונ אין א קורצע צייט ארום האט מען זיך ערוואוסט, דאס די חליבע איז געווען פריהער דא, אין „יאווא".

— דאס איז טאקי ריכטיג ! האט דער נעגער בעמערקט

— הערט ווייטער, האט דער אינדיאנער פארטגעזעטצט זיין ערצעהלונג, „איך געה צום צפון, וואו עס איז דא עוויג שנעע", — האט צו מיר דער וואנדערער געזאגט, — אונ די חליבע איז אויך געגאנגען נאך צפון... דורך „פערסיען", „חינא", „קאווקאז", „טיפלים" אונ האט געגרייכט ביז סיביר. זי איז געגאנגען נאר 5-6 מייל א טאג, גלייך ווי א מענש... זי האט זיך ניט בעוויזען אין עטליכע ערטער אין דערזעלבער צייט, נאר זי איז געגאנגען לאנגזאם אונ גלייכמאססיג...

די חברים האבען איהם פערוואונדערט אנגעקוקט, אונ נאך א קורצען שווייגען, האט דער נעגער איהם געפרעגט

— ביזט דו זיכער דאס דער מאנן ?...

— איך בין זיכער, האט דער אינדיאנער געאנטווערט, דאס דער מאנן, וועלכען מיר האבען געטוידט, איז דורך א גאטטליכע קראפט ווידער לעבענדיג געוואָרען, כדי ער זאל אויף דער גאנצער וועלט פערנאנדערטראגען די פערפלוכטע קריינק, פון וועלכער ער אליין קען ניט שטארבען...

די דריי ווערגער זיינען געבליבען שטיל. דרויסען האט העלל געשיינט די לבנה אונ האט פערנאנדערגעגאסען איהרע ליכטיגקייט אויף די גרויסע חורבות. דער הימעל איז געווען אויסגעשטערנט, אונ פון צייט צו צייט, האט געבלאזען א שטיל ווינטעלע.

פלאצליך האט זיך פון הינטער די חורבות בעוויזען א מענשליכע פיגור אין וואיענגע קליידער... דער מאנן האט זיך ארומגעקוקט אונ שטארק צוגעהערט. ווי ער האט בעמערקט, דאס אין קליין שטיב'ל איז דא פייער, האט ער זיך אומגעקערט אונ א מאך געטהון מיט'ן האנד אונ באלד נאכדעם האבען זיך בעוויזען איינינע פיגורען, וועלכע האבען זיך געשווינד בעהאלטען צווישען די חורבות...

V.

דער בעפאל

פארינזע, וועלכער איז געווארען זעהר אומעדיג פון דעם אינדיאנערס ערצעהלונג, האט אומגעביטען דאס געשפרעך אונ אנגעהויבען צו ריידען פון זייער „באחוואן": ווי שטארק ער איז אונ דאס עס איז נאך דא פאר איהם געננג קרבנות. די איבעריגע צוויי האבען איינגעשטימט אויף זיינע רייד אונ געזאגט, דאס דא אין „יאווא" וועלען זיי אויך האבען וואס צו טהון...

— אונז בלייבט נור איבער איין זאך אויסצופיהרען: דזשאלמא זאל דינען אונזער „באחוואן", האט דער אינדיאנער געזאגט, אונ דאן וועט דאס פאר אונז זיין איין דאפעלטער נוטץ. ער דארף שוין באלד קומען!..

— דער נעגער, וועלכער האט די גאנצע צייט געשוויגען, האט פלאצליך געזאגט: אונ ווי איז, אז מאהאל האט אונז גאר אבגענארט?

— אבנארען! האט דער אינדיאנער אויסגעשריען, ער דארף וויסען, דאס „באחוואנ'ס" קינדער קענען זיך עהרליך אברעכענען מיט איהם. ער האט דאך אונז צוגעזאגט אז ער וועט ברייננען אהער דעם פרינץ דזשאלמא; אונ ווען ער זאל גאר קומען וועט ער שוין געוויס זיין אונזערער.

— און אויב ער וועט ניט וועלען זיין אין אונזער חברה, דאן וועט „באחוואן“ זעלבסט זיך רעכענען מיט איהם... האט פארינזע געזאגט מיט א ביטערען טאן.

— די הויפטזאכע איז, האט זיך איינגעגעבען אונזער'ן שליח אנצושרייבען אויף דזשאלמעס האנד „באחוואנ'ס“ נאמען אדער ניט? האט דער נעגער בעמערקט.

— איך בין זיכער אז יא, האט פארינזע געזאגט, און אט איז ער זעלבסט!

אין דיזער מינוט איז אין שטיב'ל אריין דער מאלאי.

— וואס הערט זיך? האט דער נעגער איהם געפרעגט.

— דזשאלמא וועט שוין זיין גאנצען לעבען טראגען דעם צייכען פון אונזער חברה, האט דער מאלאי מיט שטאלץ געאנטווערט.

מיט א מאל האט זיך דער נעגער אומגעקערט און געשווינד געזאגט: דזשאלמא געהט! מאהאל האט אונז ניט אבגענארט.

— איך וועל זיך בעהאלטען, האט פארינזע געזאגט, ער דארף מיך ניט זעהען.

ווען דזשאלמא איז צוגעגאנגען צום קליינעם שטיב'ל און האט ער זעהען די דריי מענשען מיט די ווילדע געזיכטער איז ער אבגעשפרונגען אהינטער, נאר ער האט זיך באלד געמוטהיגט און, בעמערקענדיג צווישען זיי אנ'אינדיאנער איז ער אריין אין שטיב'ל און האט געזאגט צום אינדיאנער אין אינדישער שפראכע: איך האב געקלערט, דאס איך וועל טרעפען דא א איירָאפּאער.

דער אינדיאנער האט ניט געאנטווערט. עס איז פאריבער איינינגע מינוט אין אללגעמיינעם שווייגען.

— ווער זייט איהר? האט דזשאלמא ענדליך געפרעגט.

— ווער זיינען מיר? האט דער אינדיאנער געאנטווערט, מיר זיינען דיינע אויב דו ווילסט זיין אונזערע.

— איך דארף אייך ניט און איהר דארפט מסתמא מיך אויך ניט, האט דזשאלמא געאנטווערט.

— דאס ווייסען מיר נאך ניט!..

— איך ווייס אבער יא!...

— מען האט אונז פערפיהרט! האט פלאצליך דער נעגער אויסגע־שריען, וויזענדיג אויפ׳ן טהיר.

ביי דעם אויסגעשריי איז פארינזע אונבעמערקט האסטיג ארויסגע־שפרונגען פון זיין בעהעלטעניס און ארויסגעלאפען פון שטיב׳ל מיט א קינזשאל (מעססער) אין האנד. ערזעהענדיג פאר זיך א גאנצען ריאד סאלדאטען האט ער איינעם פון זיי באלד געשטאכען און צוויי אומגע־װארפען, און אליין פערשוואונדען געווארען אין די חורבות. דאס אלעס איז זא גיך געשעהען, דאס דזשאלמא האט פארינזען גאר נישט בעמערקט.

דער מאלאי, דער נעגער און דער אינדיאנער, זעהענדיג, דאס זייער באנגלען זיך וועט גאר ניט העלפען, האבען זיי זיך אונטערגעגעבען. מען האט זיי באלד געבונדען די הענד.

— ווער איז דער? האט דער קאפיטאן געפרעגט די סאלדאטען, ווייזענדיג אויף דזשאלמען.

— מיר וועלען צו איהם אויך קומען, האט אנ׳אלטער סאלדאט גע־אנטווערט.

צוויי סאלדאטען זיינען צוגעגאנגען צו דזשאלמען צו בינדען איהם, נאר ער האט זיי אבגעשטויסען פון זיך און איז צוגעלאפען צום קאפי־טאן, וועלכער איז געשטאנען אין טהיר.

— ווארום ווילט איהר מיך בינדען? האט ער איהם געפרעגט.

— ווייל דו געהערסט צו דיזער מערדערבאנדע, האט איהם דער קאפיטאן געאנטווערט. וואס שטעהט איהר? האט ער געשריען צו די סאלדאטען, וואס שרעקט איהר זיך פאר איהם? בינדט איהם!

— איהר האט א טעות! .. האט דזשאלמא מיט שטאלץ געזאגט, איך בין נאר וואס געקומען אהער: איך האב גערעכענט צו בעגעגענען זיך דא מיט א פראנצויז...

— איך ווייס אבער דעם געהיימען צייכען. אן וועלכען מען ערקענט די „ווערגער", האט דער קאפיטאן געזאגט, און מיר וועלען באלד זעהען: געהערסט דו צו זייער חברה אדער ניט?

— דאס איז ריכטיג, האט דער נעגער געזאגט צום קאפיטאן, און ערקענט מען נאר אן געהיימען צייכען אויף דער האנד. אט בעקוק פריהער אונזערע האנד און נאכהער זיינע...

— וואס וועסט דו זאגען אויף דעם? האט דער קאפיטאן געפרעגט דזשאלמען

דזשאלמא האט ניט געענטווערט און האט געוויזען זיין נאקעטע לינקע האנד.

— מערדער! האט דער קאפיטאן מיט בעם אויסגעשריען, דיר קומט נאך א גרעסערע שטראף ווי דיינע חברים... בינדט איהם די האנד!

אויף דזשאלמעס האנד איז ווירקליך געווען אנגעשריבען מיט אינדישע בוכשטאבען „באחוואנ'ס" נאמען. ביי דעם מאלאי, נעגער און אינדיאנער איז אויך געווען דאסזעלבע.

דזשאלמא איז געווארען צוטומעלט, ער האט ניט געוואוסט, וואס עס טהוט זיך מיט איהם און פערוואונדערט געקוקט אויף דעם צייכען. איהם האט זיך געדאכט, אז ער זעהט דאס אין חלום. די סאלדאטען האבען איהם געבונדען די האנד און אוועקגעפיהרט; ער האט אפילו ניט געפרובט זיך בעשיטצען.

נאך דיזער געשיכטע אין א שטונדע ארום האט ישעיהו וואנבראיעל געשריבען צו ראדען: „דזשאלמען האט מען ארעסטירט. איך בין געווען ביים גובערנאטאר און האב איהם ערקלערט, דאס מיין גוטען פריינדס, גענעראל סימאנס זוהן קען ניט זיין קיין מערדער; מען דארף מעהר

ניט דערגעהן ווי אזוי קומט ביי איהם אויפ'ן האנד דער צייכען פון דער חברה „ווערגער". איך בין אזוי זיכער אין זיין אונשולדיגקייט, דאס איך טראכט גאר ניט צו בעטען פאר איהם גנאדע.

„אזוי האב איך ערקלערט דעם גובערנאטאר; ער האט מיר אויף דעם געאנטווערט, דאס ער איז אויך גאנץ זיכער, דאס דער פרינץ איז אונשולדיג, נאר מען דארף איבערהויפט דערגעהן, ווי אזוי קומט אויף דזשאלמעס האנד „באחוואנ'ס" נאמען.

„דער איינציגער מאהאל, וועלכער ווייס פון דעם, וועט אוועקפאהרען אין א שטונדע ארום פון באטאוויע מיט דעם שיף „ריוטער". אלזא, איז דער פרינץ דזשאלמא אבגעהאלטען, און ווי באלד ער וועט יעצט ניט אבפאהרען מיט דעם שיף „ריוטער" וועט ער דעם 13 פעברואר געוויס שוין ניט זיין אין פאריז".

„פון דעם קענט איהר פערשטעהן, דאס איך האב אלע אייערע בעפעהלען אויסגעפיהרט, אנווענדענדיג אלע מיטלען"...

„מיט איין ווארט, אונזער פאטערלאנד איז די גאנצע וועלט; אונזער פאמיליע זיינען אונזערע ברידער און אונזער קייזער—רום"...

„י. וו."

10 אוהר פריה האט ישעיהו וואנדאיעל איבערגעגעבען מאהאל'ן א פערזיגעלטען בריעף און א שטונדע נאכדעם האט מען געפונען מאהאל'ן א ערשטיקטען נעבען ברעג ים. ווען מען האט געפונען דעם טויטען קערפער פון קאנטראבאנדיסט איז דאס שיף „ריוטער" שוין געווען ווייט אין ים.

ישעיהו וואנדאיעל האט געזוכט דעם בריעף, עס איז אבער געווען אומזאנסט זיין זוכען. אויך דעם געפאהרליכען נאטשאלניק פון די „ווערגער", פארינעזן, האט מען פון יענער צייט אן שוין מעהר ניט געזעהען.

.VI

דאס שלאס קארדאוויל.

3 מאנאטע זיינען פאריבער פון דער צייט, וואס מען האט דזשאלמען אריינגעזעטצט אין געפענגניס, אלס איין מיטגליעד פון דער חברה „ווערגער"

עס איז שוין אנגעקומען פעברואר מאנאט 1832 יאהר... אין דער צייט איז אין שלאס קארדאוויל, וואס איז געשטאנען ביים ברעג־ים פון נארדפראנקרייך פארגעקומען פאלגענדע סצענע.

עס איז געוועזען 7 אוהר פריה. א פרוי פון א יאהר 60 מיט א גוטען און גראסמוטהיגען געזיכט איז געזעסען ביים פענסטער און האט שוין געארבייט. ניט ווייט פון איהר איז געזעסען ביים טיש איהר מאנן און האט אנגעשאטען אין קליינע זעקעלעך פראבעס פון קארן און האבער. דאס געזיכט פון דיזען גרויען מאנן איז געוועזען קלוג און אפפען; עס האט אויסגעדריקט געזונדען מענשליכען פערשטאנד און שטארקען כאראקטער. ער איז געוועזען אנגעטהון אין א רעקיל פון גרויע געוואנד, פליסענע הויזען און לאנגע גרויסע שטיפעל.

דיזער מאנן איז געוועזען דיופאן, דער פערוואלטער (זשאנדצע, — Управляющій) פון שלאס און פון די גיטער „קארדאוויל".

— א, גאטט! וואס פיר א שרעקליכער שטורמווינד איז אין דרויסען! האט דיופאנס פרוי געזאגט, דער הערר כאדען האט אויסגעקליבען זעהר א גוטע צייט צו פאהרען...

אין דער מינוט איז אין צימער אריינגעלאפען א דינסטמיידעל און האט געמעלדעט, דאס דער הערר ראדען איז געקומען צו פאהרען

— ראַדען ? האָט דיופּאַן איבערגעפּרעגט. — בעט איהם אַריין אַהער !..

באַלד נאָכדעם איז ראַדען אַריין אונ האָט זיך העפליך פערנייגט פאַר דעם פערוואַלטער.

— די פרוי דיופּאַן איז באַלד אַרויס פון צימער

ראַדען האָט זיך געזעצט אונ האָט דערלאַנגט דיופּאַנען אַ בריעף פון סענדריזעס סעקרעטאַר. זיי האָבען זיך אַ ביסיל פערנאַנדערגערעדט אונ ראַדען האָט דיופּאַנען געזאָגט דאָס ער וועט אין אַ שטונדע אַרום מוזען אַוועקפאָהרען.

— היער איז דאָ אַ צימער, וואָס מען רופט „גרינער זאַל" ? האָט ראַדען געפּרעגט.

— יאַ... דאָס איז געווען דאָס אַרבייטצימער פון זעליגען גראַף אונ הערצאָג קאַרדאַוויל.

— פיהרט מיך אַריין אַהין.

— דאָס איז אונמעגליך ! וויל נאָך דעם גראַפס טוידט האָט מען אַלע נייטיגע פּאַפּירען אויפגעקליבען אונ פערשלאָסען אין אַ קאַסטען, וועלכער שטעהט אין דיזען צימער אונ די שליסלען זיינען אין פּאַריז.

— איך האָב זיי, האָט ראַדען געאַנטווערט, ווייזענדיג איהם די שליסלען.

— דאָס איז גאָר אַיין אַנדער זאַך... איהר זייט געקומען געוויס נאָך די פּאַפּירען ?

— יאַ, אונ אויסער די פּאַפּירען דאַרף איך געהמען אַ קעסטעלע מיט אַ זילבערנעם שלאָס אויך...

— יאַ, איך ווייס... עס פלעגט שטענדיג שטעהן אויף דעם גראַפס שרייבטיש.

— אַלזאָ פיהרט מיך אַריין אין דאָס צימער, וויל די פּירשטין סענדריזע זעלבסט האָט מיר געהייסען איך זאָל זיין אין דעם צימער.

יא, צופאלליגער וויזע, — האט ראדען ווייטער גערעדט, — וועל איך אייך דערמאנען וועגען איין געגענשטאנד: 16 יאהר פאראהער פלעגט אין דיזען שלאס שטענדיג קומען צו גאסט מארקיז דעגריני א פאלקאווניק פון הוסארסקען פאלק...

— איך האב טאקי ניט לאנג גערעדט מיט מיין פרוי וועגען איהם. ער איז געוועזען זעהר א פרעהליכער יונג.

— און געוויס געדענקט איהר, דאס נאכ'ן דועל מיט'ן גענעראל סימאן, איז דער מארקיז, ביי וועלכען איך בין יעטצט סעקרעטאר; געווארען א דוחאוונער.

— ווי? דיזער שאנער פאלקאווניק... דאס איז א וועלטענע זאך! האט דיופאן אויסגעשריען

— ניט פאר אזא מענשען ווי דער מארקיז דעגריני... איבערהויפט האט ער זעהר ליעב ארדענטליכע און גוטע מענשען... אייך האט ער ניט איין מאל ערמאנט.

— ווי אזוי איז דאס געקומען צו רייד וועגען מיר?

איך וועל אייך ערצעהלען... נאר פריהער דארפט איהר וויסען, אז דאס שלאס איז שוין פערקויפט...

— דאס אונבערוהיגט מיך זעהר.

— פאר וואס?

— עס קען זיין דאס דער נייער ווירטה וועט מיר נאר אבזאגען פון דער שטעלע.

— איך האב טאקי נאר וואס געוואלט ריידען מיט אייך וועגען דעם.

— וואס רעדט איהר?

— יא... אזוי ווי איך וויים, דאס איהר אינטערעסירט זעהר דעם מארקיז, אלזא, וועל איך אייך א טובה טהון, ווען...

— איך דאנק אייך פון טיפען הערצען.

— איך וועל אייך העלפען, נאר מיט איין תנאי.

— זאָגט נאָר וואָס ?

— דאָ וועט וואָהנען איין אַלטע פרוי סענט־קאַלאמב, וועלכע איז ווערט מען זאָל זי עהרליך האַלטען.

— איך קאָן זי אונ ווי מיר דאַכט, צווישען אונז זאָל דאָס בלייבען, איז זי ניט גאָר פון די גאַנץ געהויבענע...

— איהר האָט זעהר אַ גוטען אויג, מיין ליבער דיופאָן... אַלזאָ, פערשטעהט איהר מיך: אין דער יוגענד איז זי געווען זעהר ניט פרום אונ האָט זיך ווייניג געקימערט וועגען איהר נשמה, נאָר יעטצט איז זי געקומען צום שכל... פאַר דעם אַליין איז זי ווערט אַז מען זאָל איהר אָבגעבען כבוד. נאָר אום זי אַרויפצופיהרען אין גאַנצען אויפ׳ן גלייכען וועג איז נייטיג אייער הילף.

— מיט וואָס קען איך דאָ העלפען ?

— זעהר פיל... אין אייער דאָרף זיינען דאָ צוויי גייסטליכע, זי וועט דאָך געוויס אויסקלויבען איינעם אונ ווען אָבער...

— אַז געוויס דעם גייסטליכען פון דאַניקורסק — ער איז דער בעסטער מענש.

— אונ געראַדע פון איהם דאַרף זי ניט וויסען, אונ אויב איהר ווילט דאָ בלייבען פערוואַלטער מוזט איהר איהר ראַטהען, זי זאָל זיך בעססער ווענדען צום גייסטליכען פון ראַוויל.

— וואָרום זאָ ?

— ווייל דער מאַרקיז דעגריני איז בעקאַנט מיט דעם גייסטליכען פון ראַוויל, וועלכער איז זעהר אָרעם. אַלס דעגריני האָט זיך ערוואוסט, דאָס סענט־קאַלאמב קויפט דאָס שלאָס, האָט ער מיר באַלד געשריבען איך זאָל אייך בעטען, איהר זאָלט מאַכען, אַז דער גייסטליכער פון ראַוויל זאָל עטוואָס קענען פערדינען פון סענט־קאַלאמב.

— דעם פאַסטאָר פון ראַוויל ליעבט אָבער קיינער ניט.

— פאַר וואָס ?

— ווייל מען זאגט, אז ער איז א יעזואיט!..!

ביי דעם ווארט האט זיך ראדען זא צולאכט, דאס דיופאן איז געבליבען שטעהן ווי א צומישטער.

— חא—חא—חא—חא, א יעזואיט!! האט ראדען שרעקליך געלאכט, חא—חא—חא—חא א יעזואיט!! איהר זאלט דאס זאגען, הער דיופאן, איהר זייט דאך א קלוגער מענש און ווי פערשטעהט איהר דאס ניט, אז דאס האבען אויסגעטראכט די היינטוועלטיגע — אויסגעלאססענע יונגאטשעס.

— מען רעדט דאך אבער פארט?

— מען רעדט! אבער, וועלכער קלוגער מענש וועט צוליעב א זעלכע פוסטע זאכען, וועלען פערלירען א שטעלע. איך קען אייך זאגען נאך אמאל אויב איהר וועט ניט אויספיהרען, דאס סענט-קאלאמב זאל נעהמען דעם גייסטליכען פון ראוויל, מעגט איהר זיין זיכער, דאס איהר וועט שוין ניט זיין קיין פערוואלטער אין דיזען שלאס.

— דאס וועט דאך אבער זיין א רכילות.

— גענוג! ליעבער דיופאן, האט ראדען פריינדליך קלאפענדיג איהם אין פלייצע געזאגט, איך גלויב אבער, דאס איהר ווילט בלייבען פערוואלטער אין דיזען שלאס.

— אבער!..

— און נאך אזאך בעט איך אייך. איך וואלט וועלען איהר זאלט מיר שרייבען וואך וואכליך אלעס מיט וואס נאר די פרוי סענט-קאלאמב בעשעפטיגט זיך. און ווידער וויל איך אכטונג געבען אויף אונזער גייסטליכען, אלזא וועט איהר מיר פון דעם אלעם שרייבען?.

— דאס איז אבער שפיאנסטווא! האט דער ארעמער דיופאן אויסגעשריען.

— אך, מיין ליעבער הערר דיופאן, האט ראדען געאנטווערט, ווי קענט איהר זיך דאס גאר אויסדריקען אזוי!—דאס איז ניט קיין

שפיאנסטווא, דאס איז נור פריינדשאפט צו מיר... און ווען איהר שטימט איין אויף דעם מענט איהר זיין גאנץ זיכער, דאס איהר בלייבט דא פערוואלטער ווי געוועזן.

אבער אום גאטטעס ווילען! קען מען דען ניט אין די בעדינגונגען - האט דיופאן געזאגט.

— ווי איהר ווילט זיך... אין אכט טאג ארום זאלט איהר מיר געבען א ריכטיגע אנטווארט.

— דיופאן האט געוואלט ענטווערען, נאר מיט אמאל האט זיך גע-הערט פון דער ווייטען ווי מען שיסט.

— וואס איז דאס? האט ראדען געפרעגט.

— דאס שיסט מען פון האראמאט: עס מוז זיך א שיף טרינקען און בעט הילפע.

אין דער מינוט איז אריינגעגאנגען די פרוי דיופאן. — פון דער טערראסע זעהט מען צוויי שיפען, וועלכע זיינען כמעט אין זעגלען - האט זי געזאגט צו איהר מאנן; די וועלען פון ים טראגען זיי צום ברעג און איך רעכען, דאס זיי וועללען זיך געוויס צושלאגען אן די פעלזען (סקאלעס).

— א, דאס איז שרעקליך! איז דען שוין ניט דא קיין מיטעל זיי צו רעטען? האט דיופאן אויסגעשריען, חאפענדיג די הוט אין האנד.

— קען מען דען גאר ניט העלפען? האט ראדען געפרעגט.

— קיין מענשליכע קראפט איז יעטצט שוין ניט אין שטאנד זיי צו רעטען, האט דיופאן אומעדיג געאנטווערט.

— א רחמנות!..

— פונדעסטוועגען וועל איך לויפען מיט מענשען אויפ'ן ברעג... מאגליך מיר וועלען רעטען וועמען פון די רייזענדער... געהען זיי מיט הער ראדען?

— איך וואלט געווים געגאנגען, נאר איך בין אלט און שוואך און וועל אייך קיין נוטצען ברײנגען. — האט ראדען געאנטווערט; דארום וועט אייער פרוי זא גוט זיין און מיר ווייזען דאס גרינע צימער, איך וועל נעהמען וואס איך דארף און וועל באלד אוועק פאהרען... ווייל איך איילע צוריק נאך פאריז.

— ווי איהר ווילט!.. קאטערינא, ווייז זיי דאס גרינע צימער!... „און דו", האט ער זיך געווענדעט צו דער דינסט, קלינג אין גלאק, די מענשען פון הויף זאלען זיך צוזאמענקלויבען צום ברעג מיט שטריק און שטאנגען... אבער שנעלל! עס קען זיין דאס עס איז שוין קיין שפענדעל ניט געבליבען פון די שיפען.

בעמיהט זיך מיר צו ווייזען דאס צימער, האט ראדען געזאגט וועלכער האט זיך גאנץ ווייניג געקימערט פון דער גאנצער געשיכטע.

— ביטטע, קומען זיי! האט די פרוי דיופאן געאנטווערט, ווישענדיג די טרערען, וועלכע האבען זיך ניט ווילענדיג געגאססען פון איהרע אויגען.

VI.

די גערעטעטע רייזענדער.

ראדען איז געוועזען גאנצע 2 שטונדען אין „גרינעם צימער", און אז ער האט געענדיגט זיינע ארבייט איז ער אריין צום פערוואלטער אין צימער, האט זיך גאנץ רוהיג געזעצט אויף א שטול, אוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש א קליין קעסטעלע און האט זיך פערטיפט אין זיסע געדאנקען...

פּלאָצליך איז דיופאָנס פרוי אַריין אין צימער און האָט איהם צושטערט זיינע זיסע חלומות.

— איז דאָ אַ האָפנונג וועמען עס איז צו רעטען? האָט ראָדען גע־פרעגט בײַ איהר.

— גאָטט אין הימעל ווייס... איך האָב דערווייל אָנגעגרייט טהעע און טרוקענע וועש...

— פערליהרט ניט אייער האָפנונג!.. יאָ, אָבער איך דאַרף שוין פאָהרען, איך קען ניט וואַרטען, אַלזאָ זייט זאָ גוט און הייסט איינשפּאַנען דאָס פערד...

— באַלד! האָט מאַדאַם דיופאָן געאַנטוואָרט.

אינדעם איז אַריינגעגאַנגען הערר דיופאָן; פון זיינע קליידער האָט געראָנען וואַסער.

— מעהר ווי 3 זיינען ניט געראַטעט, האָט ער געזאָגט.

— דאַנקען גאָטט דערפאַר! האָט ראָדען מיט אַ רחמנותדיג פּנים'ל געזאָגט, — וואו זיינען זיי די אונגליקליכע?

— מען וועט זיי באַלד ברייגען אַהער... און דו, מיין פריינד, — האָט דיופאָן זיך געווענדעט צו זיין פרוי, — גרייט אָן קליידלעך פיר 2 מיידעלעך. זייער רעטער געהט אויך מיט זיי... ער איז אַ וואַהרער העלד...

באַלד נאָכדעם זיינען אַריין 2 מיידלעך — אונזערע בעקאַנטע ראָזע און בלאַנש און זייער רעטער, אַ יונגער מאַנן פון אַ יאָהר 20. דאָס איז געוועזען דער מיסיאָנער גבריאל, וועלכען דאַנאָבערס פרוי האָט ערצויגען.

ראָדען איז באַלד אָבגעטראָטען אָן אַזייט. כּדי ער זאָל קענען אַלעס הערען און זעהען. ווי ער האָט ערזעהען דעם מיסיאָנער איז איהם גאָר פריילליכער געוואָרען אויפ'ן האַרצען.

– מיר האבען גערעטעט נאך צוויי –, האט אריינלויפענדיג אין צימער אנ׳א בייטער געזאגט.

– וואו זיינען זיי?

– איינער געהט באלד אריין און דעם צווייטען, וועלכער האט זיך צו שלאגען אן א שטיין, טראגט מען אויף נאסילקעס (א טראגע).

– איך געה מאכען פאר איהם אנ׳ארט אונטען אין זאל, און דו, קא-טערינא, גיב אכטונג אויף די פריילינס!..

– וואו איז דער מאנן, וואס איז געגאנגען מיט אייך? האט פרוי דיופאן געפרעגט ביי דעם ארבייטער.

– אט געהט ער! האט דער ארבייטער געאנטווערט, ווייזענדיג אויף דעם הערייןגעהענדען.

ראזע און בלאנש זיינען אויגענבליקליך געוועזען נעבען דאנאבער׳ן... ער האט א ווארט ניט געקענט אויסריידען און איז געפאלען אויף די קניע, אויסשטרעקענדיג זיינע האנד צו גענעראל סימאנס טאכטער; מרוק איז אויך צוגעלאפען און האט געלעקט זייערע האנד.

ביי דיזער סצענע האט ראדענס געזיכט זיך פערקרימט: ער האט גערעכענט, דאס דאנאבער איז שוין געוויס ניט דא אויף דער וועלט.

– אין דיזער צייט איז אריין אין צימער א מאנן מיט א מאטט-געלבעם געזיכט... ער איז צוגעגאנגען צום מיססיאנער און האט איהם געזאגט אין פראנצאזישער שפראכע: „דעם פרינץ האט מען אויך איבערגעטראגען אהער"!..

ראדען האט זיך שוין ניט געקענט איינהאלטען און איז צוגעגאנגען צום מיססיאנער.

הערר ראדען, איהר זייט דא? האט גבריאל געזאגט, צוגעהענדיג בהדרת הכבוד און אין שרעק צו דעגריניס סעקרעטאר.

– וואס האט אייך דיזער מאנן געזאגט? האט ראדען איהם געפרעגט.

— דער פרינץ דזשאלמא איז געפאהרען מיט מיר צוזאממען אויף איין שיף... וועלכעס איז געגאנגען נאך „פארטסמוט" אונ פון דארט האב איך געדענקט צו פאהרען נאך פראנקרייך...

— איהר ווייסט ווער ער איז? האט ראדען איהם ווידער געפרעגט.

— יא, ער איז זעהר א גוטער אונ העלדישער יונגער מאנן, א אינדישער פרינץ, ביי וועלכען די ענגלאנדער האבען צוגענומען זיין טראן... נאמט צו דאנקען, דאס ער איז געבליבען לעבען... איך וואלט זיך וועלען זעהען מיט איהם, האט גבריאל צו געגעבען. — איהר האט מיר גאר ניט וואס צו בעפעהלען?

— קענט איהר פאהרען מיט מיר אין 2 אדער 3 שטונדען ארום?

— אויב דאס איז נייטיג... פאהר איך.

עס איז נייטיג... אונ איהר וועט פאהרען מיט מיר

גבריאל האט זיך געניינט געגען ראדען אונ איז ארויסגעגאנגען.

דער מאנן מיט דעם מאטט-געלבען געזיכט איז געשטאנען אין ווינקעל צימער. דאס איז געוועזען אונזער בעקאנטער מעטים-פארינזע, דער אנפיהרער פון דער סעקטע „ווערגער". ער האט ערשטיקט דעם קאנטראבאנדיסט מאהאל, צוגענומען ביי איהם דעם בריף, וועלכער איז געוועזען אדרעסירט צו ראדען אונ זיך געזעטצט אויף דאס דאמפשיף „ריוטער". אויף דעמזעלבען דאמפשיף האט ער זיך בעפריינדעט מיט דזשאלמען אונ זיך בעגאנגען מיט איהם ווי מיט א גוטען אלטען בעקאנטען.

ראדען איז געזעסען פערטיעפט אין געדאנקען. פלעצליך האט יעמאנד איהם אנגעריהרט ביי דער פלייצע. ער האט זיך אומגעקערט; געבען איהם איז געשטאנען פארינזע.

— איהר זייט דאס העדר ראדען? האט פארינזע געפרעגט.

— וואס? האט ראדען, ציטערענדיג מיט'ן גאנצען קערפער, געפרעגט אונ באלד געאנטווערט, יא!.. וואס ווינשען זיי?..

— דערווייל גאר ניט... שפּעטער זעהר פיל... אונ מיט די ווערטער איז ער לאנגזאם ארויסגעגאנגען פון צימער.

ראדען האט זיך ערשראקען: דיזער אייזערנער מענש, וועלכער האט זיך ניט געשראקען פיר קיין זאך אין דער וועלט, איז פון פארינזעס ווילדען בליק אונ שווארצען געזיכט געבליבען זיטצען ווי א צומישטער.

VIII.

די אבּרייזע נאך פּאריז.

אין שלאס קארדאוויל איז געווען שטיל.

דאגאבער'ן מיט די יתומות האט מען געגעבען ווארעמע צימער'ן אויפ'ן צווייטען שטאק. דזשאלמא, וועלכער איז געווען שטארק פער־וואונדעט, איז געלעגען אין א זאל אויפ'ן ערשטען שטאק; איהם האט בעדינט פארינזע.

די יתומות, וועלכע האבען געוואלט וויסען וואס דאגאבער מאכט אין געזונד, זיינען שטיל ארויס פון זייער צימער אונ על פּי טעות אריין צום מיסטישנער גבריאל, וועלכער איז געזעסען אויף א שטול געבען אויווען אונ האט געדרעמעלט. די ארעמע מיידלעך האבען זיך אוועק־געשטעלט קוקען אויף דאס הימלישע געזיכט פון זייער רעטער. אינדעם האט ער זיך אויפגעכאפּט אונ זיי האבען אנגעהויבען מיט איהם צו ריי־דען. זיי האבען איהם ערצעהלט ווי צו זיי פלעגט קומען אין חלום א יונגער מענש, אהנליך אין גאנצען צו איהם, וועלכער האט צוגעזאגט זיי אלע מאל צו היטען.

אויף די רייד איז אריין דאגאבער, וועלכער האט זיך זעהר

פֶערוואונדערט, דאס אַ פְרֶעמְדֶער מֶענְש האלְט זֵיי פַאר דִי הָאנְד.

וָואס מאכסְט דו דאנְאבֶּער? — הָאבֶּען רָאזֶע אונ בְּלַאנְש אין אֵיין שְׁטִימֶע אויסגֶעשְׁרִיעֶן, הָאסְט דו נָאךְ שְׁמֶערְצֶען פון דִי וואונְדֶען?

— עֶס איז גָאר נִיט! הָאט דאנְאבֶּער רוּהִיג גֶעאֶנְטְוֶוערְט, דֶעם הֵיזִיגֶען דָאקְטָאר הָאט זִיךְ פֶערְוואלְט מִיךְ צוּ בַּאנְדַאזְשִׁירֶען... אונ זָאגֶענְדִיג דָאס הָאט עֶר דִי מֵיידְלֶעךְ אַבְּגֶערוּפֶען-אָן אַ זַיִיט אונ זֵיי גֶעהֵייסֶען זִיךְ הִיטֶען פִיר דֶעם פַּאסְטָאר...

— עֶר איז דָאךְ אונזֶער רֶעטֶער! וֶוען נִיט עֶר וָואלְטֶען מִיר דָאךְ עֶר-טְרוּנְקֶען גֶעוָוארֶען.

— עֶר?.. עֶר איז דָאס?.. הָאט דֶער סָאלְדַאט גֶעשְׁטַאמֶעלְט; מִיט טְרֶערֶען אין דִי אויגֶען איז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ גַבְּרִיאֵל'ן אונ מִיט אַ טָאן פון אוּנבֶּעשְׁרֵייבְּלִיכֶען דאנקבַּארקֵייט הָאט עֶר צוּ אִיהם גֶעזָאגְט: וֶוען אִיהר הָאט זֵיי גֶערֶעטֶעט — הָאט אִיהר מֶעהר גֶעטְהוּן... אַלְס אִיהר וָואלְט מִיךְ זֶעלבּסְט רֶעטֶען...

— אונזֶער גַבְּרִיאֵל הָאט דִיךְ אויךְ גֶערֶעטֶעט? הָאט בְּלַאנְש גֶע-פְרֶעגְט.

— גַבְּרִיאֵל!.. הָאט דאנְאבֶּער אִיבֶּערגֶעחָזֶרְט, אִיהר זַייט אַ פַּאסְטָאר?

— פַּאסְטָאר — מִיסְסִיָאנֶער.

— וֶוער הָאט אַייךְ עֶרצויגֶען?

— אַיינֶע גוּטֶע פְרוֹי, וֶועלְכֶע אִיךְ עֶהְרֶע ווִי אַ מוּטֶער... וֶוען [illegible] הָאט אויף מִיר נִיט גֶעוָואלְט אַכְטוּנְג גֶעבֶּען, הָאט זִי מִיךְ דַאן צוּ-[illegible] אונ עֶרצויגֶען.

— רוּפְט מֶען זִי נִיט פְרַאנְצִיסְקֶע בַּאדוּעֶן? הָאט דֶער סָאלְדַאט אונגֶע-דוּלְדִיג גֶעפְרֶעגְט, אִיהר מַאנן איז אַ סָאלְדַאט?

— יָא! יָא! זֶעהר אַיין אֶרְדֶענְטְלִיכֶער מַאנן; דֶעם גַאנְצֶען לֶעבֶּען פֶער-בְּרֵיינְגְט עֶר אין פְרֶעמְדֶע לֶענְדֶער, ווייט פון זַיין פְרוֹי אונ זוּהְן... מֵיין בְּרוּדֶער!...

— מיין אגריקאל!.. מיין פרוי!.. ווען האט איהר זיי געזעהען? האט דאנאבער מיט טרערען אין די אויגען געפרעגט.

— ווי! איהר זייט אגריקאלס פאטער!.. א, ווי נאצט איז גנאדיג צו מיר, האט גבריאל אויסגעשריען.

- אונ ווי געהט דאס מיין פרוי אונ זוהן? האט דאנאבער ווידער געפרעגט.

יך האב בעקומען פון זיי מיט א פערטיל יאהר צוריק זעהר גוטע נאכריכט.

— יא, מיט אהאלב יאהר צוריק האב איך איהר געשריבען דאס איך פאהר אליין... פאר וואס... וועסט דו שפעטער וויסען... זי וואהנט נאך אלם אויף בריז-מיש? דארטען איז דאך מיין אגריקאל געבארען געווארען.

- יא, אויף דערזעלבער גאס.

- אויב אזוי האט זי געוויס בעקומען מיין בריף. איך האב איהר געוואלט אויך שרייבען פון לייפציגער טיורמע, נאר עס איז מיר געווען שווער...

— איהר זייט דען געזעסען אין טיורמע?

— מיר וואלטען נאר יעטצט אויך געזעסען, ווען נים א זאנדערבארער צופאלל.

— וואס ווילט איהר זאגען מיט דעם? ערקלערט מיר.

— דאס איז שווער צו ערקלערען, ווייל איך אליין פערשטעה דאס ניט... נאר די קינדער זאגען, האט דאנאבער, ווייזענדיג אויף ראזען מיט בלאנש, צוגעגעבען, דאס אונז האט בעפרייט זייער מלאך!..

— גבריאל, איך ווארט אויף אייך! האט זיך געהערט ראדענס קול'ביל.

— ווער איז ער? וואס וויל ער פון דיר? האט דאנאבער געפרעגט, פיהלענדיג פון דער ערשטער מינוט אהאסס צו דעגרינים סעקרעטאר.

-- איך דאַרף מיט איהם אָרפּאהרען? האט גבריאל געאַנטוואָרט, אונ וועגדענדיג זיך צו ראָדען האט ער געזאָגט: „פערצייהעט מיר, איך וועל באַלד זיין ביי אייך".

— ווי, דו פאהרסט אַוועק? דאס איז אונמעגליך האט דאַנאָבער אויסגעשריען... איך האב נאָך פיל צו רייִדען מיט דיר; מיר וועלען פאהרען צוזאממען.

— עס איז אָבער אונמעגליך!... ער איז מיין נאטשאַלניק. ווען איהר וועט קומען נאָך פּאַריז, וועל איך זיך זעהען מיט אייך.

— אויב דו ווילסט, הײם איך איהם פאָרט געהען?

— אָ, איך בעט אייך, טהוט דאס ניט!..

— נו, וואס קען איך אַנדערס מאַכען. זעה, פערגעסס ניט צו זיין איבערמאָרגען אויף בּריז-מיש? מיר פאהרען אויך באַלד...

גבריאל האט זיך אָבגעזעגענט מיר דאַנאָבער'ן אונ די מיידעלעך אונ איז באַלד אַרויסגעגאַנגען צו ראָדען, וועלכער האט פון זייער גאַנצען געשפּרעך ניט דורכגעלאָזען איין וואָרט.

צוויי שטונדען נאָכדעם זיינען דאַנאָבער מיט די יתומות אויך אָבגעפאהרען, ניט ווייסענדיג, דאס אין שלאָס קאַרדאַנוויל איז געבליבען הער פרינץ דזשאַלמאַ אונטער פּאַרינזעס השגחה

IX.

דאַנאָבערס פרוי אונ „מאַיע".

אין פּאַריז איז ניט דאָ קיין אומעדיגערע גאַס ווי בּריז-מיש: א שמאַלע אונ בלאָטיגע געסיל מיט פערפינסטערטע האַלב צובראָכענע הויכע

מויערען, וועלכע פערשטעלען אין גאנצען די שיין פון דער זון אונ לאזען נישט צו קיין פרייע לופט.

עס איז געוועזען 8 אוהר אין אבענד.

ביים שיין פון לאמטערן (פאנאר) האט מען געקענט בעמערקען אויפ׳ן גאס צווייא מענשען, וועלכע זיינען געשטאנען אונ האבען גערעדט צווישען זיך.

– זאלסט דא שטעהן ביז וואנען מען וועט אריינגעהען אין הויז נומער 5.

– גוט, איך וועל שטעהן!..

– כדי צו וויסען ריכטיגער, זאלסט דו אריינגעהן צו פראנציסקע באדוען אונ דו זאלסט ביי דער הארבאטער (הויקערדיגע) גייטערקע דערגעהן וואו זי וואהנט, דאס איז זעהר נייטיג...

– זייט רוהיג, איך וועל אלעס פינקטליך ערפילען

– אלזא, זעה, ניט פערגעסס נומער 5. דאס איז א טהיר אין א טהיר מיט דעם פארבערם קראם (געוועלב).

– איך וויים, איך וויים...

די צווייא מענשען זיינען זיך פערנאנדערגעגאנגען. איינער איז אוועקגעגאנגען צום פלאץ, אויף וועלכען איז געשטאנען א קלויסטער, אונ דער צווייטער – אויף דער אנדער זייט גאס, וואו ער האט געפונען דעם נומער, וואס ער האט געברויכט.

אין אונטערשטען שטאק פון דיזען הויז האט געוואהנט א פארבער אונ אויפ׳ן פירטען שטאק האט געוואהנט דאגאבערס פאמיליע. די גאנצע וואהנונג איז בעשטאנען פון צווייא קליינע, נאר זעהר ריינע, צימערלעך.

דאגאבערס פרוי – פראנציסקע באדוען איז געזעסען נעבען אויווען אונ האט צוגעגרייט אבענד־ברויט פאר איהר זוהן, וועלכער האט געדארפט באלד קומען פון דער ארבייט. זי האט אויסגעזעהען פון

אַ יָאהר 50 , אָנגֶעטְהוּן אִין אַ הֶעלל־בְּלויֶע ־קארטוּנֶענֶע (סִיטְץ) קְלֵייד אוּנ
אַ וַוייסֶען ־יאֶקעלֶע מִיט אַ וַוייסֶען צִיפִּיקעל אויפ'ן קָאפּ ; אויף אִיהר
בְּלַאסֶען אוּנ מָאגֶערֶען גֶעזִיכְט אִיז גֶעוֶועֶן אויסְגֶעדְרִיקְט גוּטְסְקֵייט אוּנ
צוּפְרִידֶענְהֵייט .
פְּרַאנְצִיסְקָע בָּארוּגֶען אִיז גֶעוֶועֶן אֵיינֶע פוּן דִי פְּרָאסְטֶע אוּנ זוּנבֶּע־
שְׁרַייבְּלִיךְ גוּטֶע פְרויֶען , וֶועלְכֶע זַיינֶען פֶערְטִיג זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין פִיר
דֶעם צְוַוייטֶען . נָאר אִיהר אֵיינְצִיגֶער פֶעהלֶער אִיז גֶעוֶועֶן , דָאס זִי הָאט
צוּ פִיל גֶעגְלויבְּט אִין אִיהר פַּאסְטָאר , וָואס עֶר הָאט אִיהר נָאר גֶעזָאגְט
אִיז גֶעוֶועֶן בַּיי אִיהר הֵיילִיגֶער פוּן אַלֶעם , אוּנ קֵיין מֶענְשׁ אִיז נִיט
גֶעוֶועֶן אִין שְׁטַאנְד אָבְּצוּהַאלְטֶען זִי פוּן צוּ טְהוּן , וָואס עֶר הֵייסְט אִיהר .
פְּרַאנְצִיסְקָע אִיז אויפְגֶעשְׁטַאנֶען פוּן אִיהר אָרְט אוּנ הָאט גֶעדֶעקְט
דֶעם טִישׁ צוּם אָבֶענְד־בְּרויט
אִין דֶערְזֶעלְבֶּער צַייט הָאט מֶען לַייכְט אָנְגֶעקְלַאפְּט אִין טְהִיר .
— בִּיטֶע , אַרַיין ! הָאט פְּרַאנְצִיסְקָע גֶעזָאגְט .
דִי טְהִיר הָאט זִיךְ גֶעעֶפֶענְט אוּנ אִין צִימֶער אִיז אַרַיין אַ הָארְבַּאטֶע
(הוֹיקֶערְדִיגֶע) מֵיידֶעל פוּן אַ יָאהר 18 , פוּן מִיטְלֶען גֶעוואוּקְס . אויף אִיהר
בְּלַאסֶען אוּנ מָאגֶערֶען גֶעזִיכְט הָאט מֶען גֶעקֶענְט לֶעזֶען קוּמֶער ,
אִין דִי אויגֶען — קְלוּגְהֵייט אוּנ גוּטְהֶערְצִיגְקֵייט . זִי אִיז גֶעוֶועֶן אָרֶעם גֶע־
קְלֵיידֶעט , נָאר גַאנְץ רֵיין . אויף אִיהר גֶעזִיכְט אִיז לַייכְט גֶעוֶועֶן צוּ עֶר־
קֶענֶען דָאס זִי הָאט פִיל אִיבֶּערְגֶעלִיטֶען אִין אִיהר לֶעבֶּען ... זִי אִיז
גֶעוֶועֶן פוּן גֶעבָּארֶען אַן אַ קַאלֶעקֶע , אוּנ מֶען פְלֶעגְט זִי רוּפֶען „מַאיֶע“
(הוֹיקֶער) .
מַאיֶע אִיז גֶעבָּארֶען גֶעוָוארֶען אִין דֶעמְזֶעלְבֶּען הויז , וואוּ פְרוֹי דַאנָא־
בֶּער וָואהנְט שׁוֹין 20 יָאהר , אוּנ הָאט זִיךְ כִּמְעַט עֶרְצויגֶען מִיט אַגְרִיקָאל
אוּנ גַבְרִיאֵל צוּזַאמֶען . זִי הָאט גֶעהַאט וֶועהר אַ שֵׁאנֶע שְׁוֶועסְטֶער מִיט'ן
נָאמֶען צֶעפִּיזֶע .
צֶעפִּיזֶע אִיז גֶעוֶועֶן דֶער קָאנְטְרַאסְט (הֵיפֶּךְ) פוּן אִיהר שְׁוֶועסְטֶער . נִי

איז געווען א לוסטיגע פריילִיכע און לייכטזיניגע מיידעל, וועלכע האט נאר געוואלט לעבען א גוטען טאג, און כדי ניט צו ליידען קיין הונגער האט זי זיך אויסגעקליבען אנ׳אנדער וועג... און מיט דער צייט האט מען איהר א נאמען געגעבען „וואקחאנקע״.

די אונגליקליכע מאיע פלעגט פון איהר שוועסטער זעלטען וואס הערען; אין הארצען האט זי זי אלע מאל בעדויערט. זי איז געווען א נייטערין און פלעגט פערדינען 4 פראנק (1 p.50 к.) א וואך און פון דעם קליינעם פערדינסט האט זי געלעבט און געצאלט פאר א קליין צימער׳ל 12 פראנק א יאהר. זי האט אבער גאר ניט געוואוסט, דאס איהר קליינע וואהנונג קאסט 30 פראנק א יאהר, נאר דער גוטהערציגער אגריקאל וועלכער האט ניט געוואלט פערשעמען זי, פלעגט דערצאלען די איבעריגע 18 פראנק פון זיין טאש.

מאיע האט אגריקאל׳ן זעהר געליעבט, נאר ניט וועלענדיג מען זאל פון איהר אבלאכען, איז זי געצוואונגען געווען צו בעהאלטען איהר ליעבע טיעף אין איהר גוטען הארצען.

— דו ביזט דאס, מיינע טהייערע מאיע? האט דאנאבערס פרוי געזאגט, ווי זי האט ערזעהען די הארבאטע נייטערין. ביזט דו געזונד?.. נעהם מיך ארום!.. די מיידעל האט ארומגענומען אגריקאל׳ס מוטטער און האט רוהיג געאנטווערט: איך האב געהאט א נייטיגע ארבייט און האב זי דא ניט לאנג געענדיגט. יעטצט געה איך אונטען נאך קיילען- דארפט איהר ניט וואס עס איז?

איך דאנק דיר! איך דארף קיין זאך ניט... אגריקאל האט זיך עפּיס היינט פערשפעטיגט... ער הארעוועט געבעך אלס, און זארגט... וואס פאר א גוטער און ארדענטליכער זוהן ער איז.

— א, אט געהט ער אליין! האט מאיע פריילִיך געזאגט, און איז עטוואס רויט געווארען.

אויף דער טרעפ האט זיך געהערט א קלינגענדער און פרייליכער געזאנג.

X.

אנגריקאל בארוצן.

דער שמיעד און פאעט אנגריקאל איז געוועזן א יונגער מאנן פון 24 יאהר, א פרייליכער און זעהר קראפטיגער, מיט עכט שווארצע האר אויפ'ן קאפ און שווארצע אויגען. ער איז געוועזן זעהר אהנליך צו דאגאבער'ן און האט אויך געטראגען א זעלבע גרויסע וואנסען ווי יענער. ער איז געוועזן אנגעטהון אין ברוינע הויזען, א בלויע בלוזע און אין האנד האט ער געטראגען א פראכטפאללע בלום.

— גוטען אבענד, מוטטער! האט ער געזאגט, אריינגעהענדיג אין צימער; ער איז צוגעגאנגען צו דער מוטטער, האט איהר א קוס געגעבען און פריינדליך געגריסט מאיען.

— פאר וואס ביזט דו היינט אזוי שפעט געקומען? האט פראנציסקע געפרעגט, — איך בין געוועזן זעהר אונרוהיג!..

— איך האב פריהער ניט געקענט, מוטטער!.. אט איז מיין פערדינסט פון דער וואך, האט אנגריקאל געזאגט, געבענדיג דער מוטטער געלד.

— איך דאנק דיר, לייג זיי אריין אין קאמאד.

— אך, מיין גאטט!.. וואס פאר א פראכטפאללע בלום!.. האט מאיע געזאגט, ווען אנגריקאל איז צוגעגאנגען צום קאמאד.

— יא, פרוביר נאר א שמעק טהון, ווי אנגענעהם זי שמעקט...

— פראכטפאלל!.. וואו האסט דו זי געפונען? האט פראנציסקע געפרעגט.

— געפונען?! איהר מיינט, אז אזעלכע בלומען וואלגערען זיך אויף אונזער גאס בריז-מיש?

— וואו האסט זי אבער דאך גענומען?

— וואו איך האב גענומען?... דאס איז א גאנצע געשיכטע. געהענדיג היינט פון דער ארבייט האב איך אויפ'ן גאס געפונען א קליין הינטעל מיט א בלעכ'ל אויפ'ן האלז, אויף וועלכען איז געווען אויפגעשריבען דאס דאס הינטעל געהערט אן פריילין קארדאוויל, אויף וואווילאנער גאס, נומער 7.

— איך בין באלד אהין געגאנגען און האב אנגעקלונגען ביים פארהויז... די טהיר האט מיר געעפענט א יונגע, שאנע פריילין, וועלכע האט זיך זעהר ערפרייט, ערזעהענדיג אויף מיינע האנד דעם הינטעל. זי האט מיך באלד אריינגעפיהרט צו דער ווירטהין אין צימער... איך קען דיר, מוטטער, גאר ניט פארשטעלען ווי גוט עס איז געווען אין דיזען צימער און ווי רייך ער איז געווען פערפוצט... און די ווירטהין פון דעם הינטעל איז אזא שאנהייט, דאס איך האב מיך ניט ווילענדיג פאר איהר... א, ווי וואונדערבאר שאן זי איז... און שטעל זיך פאר!.. די האר זיינען ביי איהר ווי גאלד... איך האב נאך אין מיין לעבען ניט געזעהען אזעלכע האר!.. זי האט שווארצע אויגען און רויטע ליפען א פערגעניגען צו קוקען!.. די פריילין האט זיך זעהר ערפרייט מיט איהר הינטעל און האט מיר פריינדליך געדאנקט. זי האט אפילו געוואלט בעפרידיגען מיך מיט געלד, נאר בעמערקענדיג אן מיין געזיכט דאס איך בין ווייט פון דעם, האט זי ארויסגענומען דיזע בלום פון א וואזע און מיר דערלאנגט. איך האב זי צוגענומען. באלד נאכדעם איז אריין א מיידעל און האט געזאגט צו דער ווירטהין „פריילין! ער איז געקומען”!.. די פריילין האט געבעטען ביי מיר ענטשולדיגונג און האט

פריינדליך געזאגט: איך בעדויער זעהר, וואס איך דארף אוועקגעהן נאר אין פאל פון א גייט קענט איהר זיך ווענדען צו מיר, אנדריענע קארדאוויל. איך האב ניט געוואוסט וואס איהר צו אנטווערען אונ בין באלד ארויסגעגאנגען פון דיזען הויז.

איינינע מינוט האבען אלע געשוויגען.

— יעטצט וועל איך אייך נאך א געשיכטע ערצעהלען, האט אגריקאל ווייטער גערעדט, — געהענדיג יעטצט אויף די טרעפ איז צוגעגאנגען צו מיר אונזער שכן לאריא אונ האט מיר געזאגט א סוד, דאס אויפ'ן גאס געבען אונזער הויז געהט ארום א מאנן אונ קוקט וועמען אויס.

— ווער קען דאס זיין? האט פראנציסקע געפרעגט.

— איך ווייס ניט, אונ וויל ניט וויסען. דער לאריא איז א גרויסער פלאפלער... אונ אזוי ריידענדיג האט אגריקאל אריינגעלייגט די געלד אין קאמאד אונ מאיע איז געגאנגען דערלאנגען איהם וואססער זיך ארומצו־וואשען.

— איך דאנק דיר, ליבע מאיע, האט אגריקאל געזאגט, ווענדענדיג זיך צו דער מיידעל אונ האט איהר געגעבען די בלום.

— ווי, דו ווילסט מיר זי אוועק שיינקען? ! האט מאיע איבערראשט געזאגט.

דיזער ארעמער יונגער מיידעל, וועלכע האט זעהר געליעבט אגריקאל'ן האט פערדראססען פאר וואס די [illegible]גע פריילין האט מיט איהם אזוי פריינדליך גערעדט אונ איהם געשיינקט א בלום; איהר האט זיך געדאכט, דאס אגריקאל איז פערליעבט אין דאס שאנע פריילין.

— דו שיינקסט מיר אוועק די בלום? וועלכע דיר האט געגעבען א בייבע אונ שאנע פריילין... אונ די שיינקסט מיר זי אוועק? האט זי מיט פריידע נאך אמאל איבערגעחזרט.

— איך שעטץ מיך גליקליך, דאס איך קען דיר שיינקען דיזע בלום... אונ נאך מעהר, דאס דו ווערסט האבען פון דעם פערגניגען...

מאיע האט ציטערענד פון פרייד צוגענומען די בלום.

אגריקאל האט זיך ארומגעוואשען אונ געזעטצט עסען אבענד-ברויט.

— דאס עססען איז גוט? האט פראנציסקע געפרעגט.

— זעהר אונ זעהר גוט!.. יא, מוטטער, וויפיל וועט שוין זיין ווי דער פאטער האט קיין בריעף געשריבען?

— א מאנאטען פינעף...

— ער האט דאכט מיר געשריבען, דאס ער וועט קומען ענדע יאנואר...

— יא, אונ יעטצט איז שוין ב"ה פעברואר אונ ער איז נאך אלס ניט דא.

— דו געדענקסט דעם פאטער? האט מאיע געפרעגט

— מיט'ן אמת זאגענדיג, איך געדענקט נאר זיין האריגע היטעל אונ די גרויסע וואנסען, פיר וועלכע איך פלעג זיך שרעקען.

אין דער צייט האט מען אנגעקלאפט אין טהיר.

געהט אריין! האט אגריקאל געזאגט; נאר דער וואס האט אנגעקלאפט האט עטוואס אויפגעעפענט די טהיר אונ אריינגערוקט זיין איינגעשמוטצטע האנד אין גרינע פארב אונ געוואונקען צום שמיעד.

— דאס איז אונזער געראטענער פארבער — לאריא, האט אגריקאל בעמערקט. — אנקעל לאריא, געהט דאך אריין, וואס שטעהט איהר אין טהיר...

— איך קען ניט, ווייל איך בין אויסגעשמירט אין גאנצען אין פארב; איך קען נאך אויספארבען די פאדלאגע פון אייער צימער.

— וועט נאך בעססער זיין, ווייל דאן וועט דאך די פאדלאגע זיין אהנליך צו א לאנקע אונ איך האב זעהר ליעב לאנקעס...

— אגריקאל. געה דאך אהער איך דארף מיט דיר וואס ריידען!..

— געווים ווידער וועגען דעמזעלבען מענשען?

— נײן !.. יענער, דאכט זיך, איז שוין אװעק, און יעטצט דארף איך רײדען מיט דיר װעגען דעם, װאס געהערט אָן דיר זעלבסט...

— איך געה שוין, נאר גלױב מיר, מוטטער, אויב איך הײב נאר אָן צו פערשטעהן, װאס ער דארף מיך, און מיט די װארטער איז אנריקאל ארױס פון ציםער.

.XI

די אונערװארטעטע געסט.

פינף מינוט נאכדעם איז אנריקאל צוריקגעקומען; זײן געזיכט איז געװעזען בלאס און די אויגען פײכט. ער איז געשטאנען אײניגע מינוט אין טהיר, װי ער װאלט זיך ניט װאגען אריינגעהן צו זײן מוטטער.

— װאס האט זיך געטראפען? האט פראנציסקא געפרעגט.

גאטט! װי בלאס דו ביזט? האט מאיע אויסגעשריען.

אנריקאל האט דער מוטטער פארזיכטיג אנגעזאגט די גוטע און פרײליכע נאכריכט, דאס דער פאטער איז געקומען און, דאס ער איז אונטען בײם פארבער. באלד נאכדעם איז דאנאבער ארײן, פיהרענדיג פאר די האנד ראזען און בלאנש. װי פראנציסקא האט איהם ערזעהען איז זי געפאלען אויף די קניע און אנגעהױבען דאנקען גאטט פאר איהר גליק.

ראזע און בלאנש האבען פערװאונדערט געקוקט אויף די קניענדע פרױ און אויף מאיען, װעלכע איז געשטאנען אין װינקעל ציםער און האט זיך בעגאססען מיט טרערען פון פרײד.

— קינדער! האט דער סאלדאט מיט א ריהרענדער שטיםע געזאגט.

דאס איז מיין גוטע פרוי... זי וועט זיין איבערגעבען געגעראל סימאנס טאכטער אזוי ווי איך בין געוועזען אלע מאל צו זיי;

— דעם גענעראל סימאנס טאכטער?! האט פראנציסקא אויסגעשריען.

— יא, ליעבע פראנציסקא, דאס זיינען זיי און איך האב זיי געבראכט פון זעהר ווייט...

— ארעמע פייגעלעך! האט פראנציסקא שטיל געזאגט, ארומנעהמענדיג איהר מאנן...

נאכדעם האט ער זיך געווענדעט צו זיין זוהן אנריקאל, וועלכער האט איהם געקושט ווי א צומישטער.

— נו, פראנציסקע! דו האסט גאר ניט געקלערט, דאס איך וועל דיר ברייגגען אזא מתנה, האט דאנאבער געזאגט, ווייזענדיג אויף די יתומות.

— מיך אונבערוהיגט אבער, דאס זיי וועלען ניט האבען קיין גוטען אברוה אין דיזען קליינעם צימער.

— וואס קען מען מאכען!.. זיי זיינען שוין, מיינע פייגעלעך, געוואהנט צו אלעם... איך וועל מארגען מיט אנריקאל'ן געוויס געפינען דעם גענעראל סימאן.

— מארשאל און הערצאג, האט אנריקאל צוגעגעבען.

— וואס זאגסט דו דארט, מיין פריינד? האט דאנאבער זיך געווענדעט צום זוהן געשווינד געפרעגט.

— דאס אין 1830 יאהר האבען דעם גענעראל סימאנס גוטע פריינד אויסגעווירקט ביי דער רעגירונג, דאס מען זאל אננעהמען די טיטולען, וועלכע דער קייזער האט געגעבען דעם גענעראל, האט אנריקאל געאנטווערט.

— איהר הערט, קינדער!.. איהר קומט אין פאריז אלס איינעם הערצאגס און מארשאלס טאכטער! האט דאנאבער מיט פרייד געזאגט.

— אויסערדעם, האט אנגריקאל בעמערקט, ווען דער מארשאל סימאן וועט נאך קומען, וועט פאריז פאר אונזערע פריילינס זיין א אמתע גאל-דענע שטאדט.

— איהר האט גאנץ ריכטיג געזאגט, הערר אנגריקאל, האט ראזע שמייכלענד געאנטווערט:

— ווי אזוי פריילין, ווייסט איהר מיין נאמען!

— מיר האבען מיט דאגאבער'ן און גבריאל'ן גערעדט וועגען אייך.

— מיט גבריאל'ן! האבען פראנציסקע מיט אנגריקאל'ן אין איין שטימע געזאגט.

— יא, מיט איהם! האט דאגאבער געאנטווערט. איהר וועט נאך האבען צייט אלעס צו וויסען... מארגען וועט איהר איהם אליין זעהען!.. מיינע קינדער אבער זיינען פערמאטערט פון וועג... אנגריקאל, איך וועל שלאפען ביי דיר אויפ'ן בוידעם, און זיי וועלען דא שלאפען.— מרוק וועט ליגען הינטער'ן טהיר און היטען זיי.

ביי די ווערטער האט מען שטארק אנגעקלאפט אין טהיר.

ווער איז דארטען? האט פראנציסקע געפרעגט.— אנגריקאל, גיב א קוק!.. נאר איידער ער איז צוגעגאנגען עפענען איז אריין אין צימער א מאנן פון גאנץ שאנעם אויסזעהען.

— איהר האט געדארפט ווארטען ביז וואנען מען וואלט אייך ערלויבען אריינגעהן, האט אנגריקאל שטרייננג געזאגט צו איהם.

— פערצייהעט מיר!..

— גוט! גוט!.. וואס דארפט איהר אבער?

— איך דארף צו דער נייטערין סאליוואַ — די הארבאטע.

— זי וואהנט אין צווייטען צימער.

— אך! מיין גאטט!.. ענטשולדיגט מיר טויזענדער מאל... איך האב א טעות געהאט...

— גענוג אייך!..

דער אונבעקאנטער איז באלד געשווינד ארויסגעגאנגען און פאר'ן אוועקגעהן האט ער ניט פערגעססען זיך גוט איינצוקוקען אין דאנאבער'ן און די יתומות. א האלבע שטונדע נאכדעם האט פראנציסקע געלייגט ראזע און בלאנש שלאפען אין איהר בעט, און אליין האט זי זיך גע־לייגט אויפ'ן פאדלאגע נעבען בעט און דאנאבער מיט אנריקאל זיינען געגאנגען שלאפען אויפ'ן בוידעם.

פערביינגעהענדיג מאנ'עס צימער — האט זיך די טהיר עטוואס געעפענט און מאנע האט שטיל געזאגט: אנריקאל! דו ביזט אין געפאהר, איך האב מיט דיר וואס צו ריידען... ער האט א ציטער געטהון און זיך אבגעשטעלט.

— וואס איז דאס מיט דיר? האט דאנאבער געפרעגט.

— גאר ניט, פאטער! איך האב געדענקט, דאס איך לייכט דיר צו שלעכט.

— זארג ניט פאר מיר! איך זעה ווי צו געהן. — און דער סאלדאט ניט בעמערקענדיג די אורזאכע, ווארום זיין זאהן האט זיך אבגעשטעלט, איז ארויף מיט איהם אויפ'ן בוידעם.

. . . .

איינינע מינוט נאכדעם, איז דער מאנן מיט זיינע „פערציי־אונגס" געווען ענדע גאס בריו־מיש. ער איז צוגעגאנגען צו א פערמאכטע קא־רעטע. אין דיזע קארעטע איז געזעסען אונזער בעקאנטער ראדען.

— נו, וואס? האט ער געפרעגט.

— די מיידלעך מיט דעם אלטען זיינען ביי פראנציסקע. די מיידלעך וועלען שלאפען מיט איהר אין צימער און דער אלטער מיט'ן שמיעד אויפ'ן בוידעם...

— גוט!...

— מארגען וועל איך זיין ביי דער הארבאטע און וועל זעהען וואס פיר א ווירקונג האט געמאכט אויף איהר מיין בריעף, וועלכע איך

האב געשיקט צו איהר.

— פערגעססט דאס ניט; יעטצט געהט אריבער צו פראנציסקע באדוענס גייסטליכען און זאגט איהם, דאס ער זאל אונגעזאמט קומען צו מיר אויף מילע-דע-אורסין גאס..

— עס וועט אלעס גענוי ערפילט זיין, האט דער „עדלער" יונגער מאנן געאנטווערט. — די קארעטע איז שנעלל אוועקגעפאהרען..

XII.

אגריקאל און מאיע.

א שטונדע נאכדעם איז שוין די גאנצע גאס בריז-מיש געלעגען אין א טיעפען שלאף; נאר מאיע איז געזעסען אופ'ן בעט און האט נאך ניט געשלאפען. מיט גרויס אונגעדולד האט זי ערווארטעט אגריקאל'ן.

ענדליך איז ער אריין צו איהר אין צימער.

— וואס האט זיך געטראפען? האט ער געפרעגט. דו וויינסט! וואס איז דאס?

— נעהם... לעז האט מאיע מיט א ציטערנדע שטימע געזאגט, און האט איהם דערלאנגט א אפענעם בריעף.

אגריקאל האט ביים ליכט איבערגעלעזען פאלגענדעס:

„א פערזאן, וועלכע קען אייך ניט שרייבען דעם נאמען, נאר וועלכע וויים פון אייער ליעבע צו אגריקאל באדוען, בענאכריכטעט אייך, דאס מארגען וועט מען איהם ארעטירען.

לעז ווייטער!..

„זיין ליעד „די פרייע מערדער" האט מען אנגענומען פאר א פאליטישע

זאך; עטליכע עקזעמפליארען דערפון האט מען געפונען צווישען די פאפירען פון א געהיימער געזעלשאפט.

— אך! האט די ניטערין וויינענדיג געזאגט, יעטצט פערשטעה איך וועמען דער פארבער האט געזעהען; געווים א שפיאן, וועלכער האט דיך אויסגעקוקט.

— בערוהיג דיך, מאיע, דו האסט זיך ניט וואס צו קלעמען, — איך האב קיין מאל ניט געדענקט צו בעשעפטיגען זיך מיט פאליטיק. בין איך דען שולדיג, דאס מען האט געפונען מיינע לידער אין די פאפירען פון א געהיימער געזעלשאפט? — זאגענדיג דאס האט ער א ווארף געטהון דעם בריעף אויפ'ן טיש.

— איך בעט דיך לעז ווייטער! האט מאיע געזאגט.

אגריקאל האט גענומען דעם בריעף און האט ווייטער געלעזען.

„דער בעפעהל צו ארעטירען איהם איז שוין אונטערגעשריבען; זיין אונשולדיגקייט וועט געווים פריהער אדער שפעטער ערקענט ווערען... נאר פאר איהם וואלט געוועזען פיעל גלייכער וואס גיכער זיך צו בעהאלטען, אום זיך צו בעפרייען פון 2—3 מאנאטע טיורמע. אויסערדעם וואלט דאס געוועזען שרעקליך פיר זיין מוטער, וועלכע לעבט נאר פון זיין פערדינסט. — א גוטער פריינד, וועלכער איז גענאטהיגט צו בלייבען אונבעקאנט"...

— זיי רוהיג, ליעבע מאיע, האט אגריקאל געזאגט, דאס איז א שפאס אויף פרים אפריל און מעהר גאר נישט.

מאיע האט זיך ניט בערוהיגט און איהם אויפגעוויזען, דאס עס איז ניט קיין געלעכטער און דאס איהם ערווארטעט א אונגליק. ער האט אבער פון אנפאנג ניט געוואלט גלויבען איהרע ווארטער און האט זיך געהאלטען ביי דאס זייניגע, דאס ער האט זיך ניט פאר וואס צו שרעקען; נאר ענדליך האט ער זיך שוין גוט פערטראכט, פארשטעלענדיג זיך די לאגע פון זיינע עלטערן ווען מען וועט איהם ארעטירען.

פְּלָאצְלִיךְ הָאט מַאיֶע זִיךְ גֶעוֶוענְדֶעט צוּ אַגְרִיקָאל ; אוֹיף אִיהר גֶעזִיכְט אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְדרוּק פוּן צַער אוּנ הָאפנוּנג .

— אַגְרִיקָאל, דוּ בִּיזְט גֶערֶעטֶעט ! הָאט זִי אוֹיסגֶעשְׁרִיֶען .

— וָואס זָאגסְט דוּ ?

— גֶעה צוּ דַיין שֶׁאנֶער גוּטֶער פְרֵיילִין... זִי אִיז גֶעוִוים אַ גוּטְהֶארְצִיגֶע. וֶוענְדֶע זִיךְ צוּ אִיהר .

— מִיט וָואס קֶען מִיר הֶעלְפֶען דָאס פְרֵיילִין ? הָאט אַגְרִיקָאל פֶערוואוּנְדֶערְט גֶעפְרֶעגְט .

— גֶעוִוים הָאט זִי פִיל גוּטֶע בֶּעקַאנְטֶע, וֶועלְכֶע וֶועלֶען דִיךְ קֶענֶען בֶּעשִׁיטְצֶען... עֶרְצֶעהל אִיהר פוּן אַלֶעם... אוּנ בֶּעט בַּיי אִיהר הִילְפֶע .

אַגְרִיקָאל הָאט זִיךְ פֶערטְרַאכְט .

— אַלְזָא אִיז אָבְגֶעמַאכְט ! דוּ וֶועסְט גֶעהן צוּ אִיהר... יָא ? הָאט מַאיֶע גֶעזָאגְט. — אִין דֶער פְרִיה וֶועל אִיךְ שׁוֹין שְׁטֶעהן גֶעבֶּען טְהִיר אוּנ קוּקֶען צוּ עֶס שְׁפַּאצִירְט נִיט יֶעמַאנְד אוֹיפ'ן גַאס, אוּנ אִין פַאלל וֶוען יָא, וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבֶּען צוּ וִויסֶען .

— אִיךְ דַאנְק דִיר, לִיעבֶּע אוּנ גוּטֶע מַאיֶע, הָאט אַגְרִיקָאל מִיט אַ רִיהְרֶענְדֶער שְׁטִימֶע גֶעזָאגְט .

— גֶעה גִיכֶער צוּם פָאטֶער, מִיר דַאכְט, עֶר רוּפְט דִיךְ .

אַגְרִיקָאל הָאט זִיךְ צוּגֶעהֶערְט, אוּנ עֶר הָאט ווירְקְלִיךְ עֶרהֶערְט, ווי דֶער פָאטֶער הָאט אִיהם גֶערוּפֶען בַּיים נָאמֶען .

אַגְרִיקָאל הָאט בַּאלְד פֶערלָאזֶען מַאיֶעס צִימֶער אוּנ אִיז אַרוּיף צוּם פָאטֶער .

מַאיֶע אָבֶער הָאט דִי גַאנְצֶע נַאכְט נִיט גֶעשְׁלָאפֶען אוּנ, ווי נָאר עֶס אִיז גֶעוָוארֶען טָאג, אִיז זִי שׁוֹין גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף דִי טְרֶעפ אוּנ הָאט אוֹיפְמֶערְקְזָאם אַכְטוּנְג גֶעגֶעבֶּען אוֹיף יֶעדֶען פֶערבַּייגֶעהֶענְדֶען

XIII.

דָאס עֶרְוואַכֶען.

גאַנְץ פְרִיה זֵיינֶען דַאנָאבֶער מִיט זַיין זוהְן אוֹיפְגֶעשְׁטאַנֶען אוּנ זֵיי הָאבֶּען אָנְגֶעפאַנְגֶען צוּ רֵיידֶען.

— האַרְדִי הָאט דִיךְ לִיעב? הָאט דַאנָאבֶער גֶעפְרֶעגְט.

— עֶר אִיז אַיין פַיינֶער גוּטֶער אוּנ אֶרְדֶענְטְלִיכֶער מַאנן אוּנ אַלֶע אַרְבֵּייטֶער פֶערְגֶאטֶערְן אִיהם.

— ווייסְט, אִיךְ וָואלְט וֶועלֶען מִיט דִיר דוּרכְשְׁפַּאצִירֶען אַ בִּיסֶעל אוּנזֶער פַּארִיז, הָאט דַאנָאבֶער גֶעזָאגְט צוּם זוּהְן.

— פָאטֶער! הַיינְט... קֶען אִיךְ נִיט.

— פַאר וָואס? הַיינְט אִיז דָאךְ זָאנְטַאג?..

— יַא, אִיךְ הָאב אָבֶער צוּגֶעזָאגְט הֶערְרְן האַרְדִי צוּ זַיין הַיינְט פְרִיה אִין פַאבְּרִיק, אוּם צוּ עֶנְדִיגֶען זֶעהר אַ נֵייטִיגֶע אַרְבֵּייט...

— דָאס אִיז וָואס אַנְדֶערְס! הָאט דַאנָאבֶער מִיט פֶערְדְרוּס גֶעזָאגְט, דִי אַרְבֵּייט דַארְף אַלֶע מָאל זַיין הֵיילִיג... יַא, אֶפְשֶׁר ווייסְט דוּ וואוּ אִיךְ קֶען בֶּעקוּמֶען דִי אַדְרֶעסֶען פוּן אַלֶע נָאטַארִיוּסֶען

דָאס אִיז זֶעהר לַייכְט צוּ בֶּעקוּמֶען.

אִיךְ דַארְף דָאס זֶעהר נֵייטִיג, ווייל פוּן רוּסְלַאנְד הָאב אִיךְ אָבְגֶעשִׁיקְט דָאקוּמֶענְטֶען צוּ אַ נָאטַארִיוּס אוּנ זַיין אַדְרֶעס הָאט מֶען בַּיי מִיר גֶענֶנבֶעט. אִיךְ דַארְף זִיךְ זֶעהֶען מִיט אִיהם אוּנ קֶען זִיךְ נִיט עֶרְמָאנֶען זַיין נָאמֶען.

אִינְדֶעם הָאט זִיךְ גֶעעֶפֶענְט דִי טְהִיר אוּנ גַבְּרִיאֵל אִיז אַריין. אוֹיף אִיהם אִיז גֶעוֶועזֶען אַ שְׁווַארְצֶער אוֹיבֶערְמַאנְטֶעל, ווי בַּיי דִי גֵייסְטְלִיכֶע אוּנ

א רונדער הוט .

— ברודער ! ...

— אגריקאל !

— גבריאל !

האבען אללע דריי אין איין שטימע אויסגעשריען

זיי האבען זיך צוקושט, אונ דאנאבער האט פון פריידע אנגעהויבען צו וויינען.

— פון וואס זיינען דאס ביי דיר קאנטיג שניטען אויפ'ן שטערן אונ אויף די האנד? האט דאנאבער איהם געפרעגט .

איך ... בין געוועזען אלס מיסיאנער אין די שטיינערנע בערג אונ דארט האבען מיך ווילדע מענשען געקרייצט אונ האבען אנגעהויבען אראבציהען די הויט פון מיר ... נאר גאטט האט מיך גערעטעט פון זייערע האנד ...

— ווי אזוי איז דאס געשעהען? האט דאנאבער געפרעגט.

— איך האב זיך ניט וואס צו בעהאלטען פון אייך, נאר מיר איז זעהר שווער אייך צו ערקלערען דאס... וואס איך אליין קען ניט פערשטעהן...

— ווער האט דיך פארט גערעטעט? האט אגריקאל פערוואונדערט געפרעגט .

— מיך האט גערעטעט א פרוי .

דאנאבער איז געוועזען איבערראשט פון גבריאל'ס ווארטער, ווייל ער אליין האט אויך ניט געקענט פערשטעהן ווי אזוי ער מיט די יתומות זיינען בעפרייט געווארען פון לייפציגער טורמע. — פון וועלכער פרוי רעדסט דו? האט ער איהם געפרעגט .

— פון דער, וועלכע האט מיך גערעטעט .

— אבער ווער איז די פרוי? האט אגריקאל פון זיין זייט געפרעגט.

— איך ווייס ניט! אלס איך האב זי זעלבסט געפרעגט וועגען דעם

האט זי מיר געאנטווערט: „איך בין די שוועסטער פון די ליידענדע און געהע אהין, וואו מען ליידעט". און איז אוועק מיט'ן וועג, וואס געהט צו נארד-אמעריקא, וואו עס איז עוויג שנעע און עוויג נאכט.

— ווי אזוי אבער האט זי דיך געראטעוועט? האט אנריקאל ווידער געפרעגט.

גבריאל האט איהם אויף די פראגע געוואלט אנטווערען, נאר אינדעם האט זיך פון הינטער דער טהיר געהערט שטיל זאגענדיג: "....אנריקאל קום אהער"!

דער שמיעד האט ערקענט מאיעס שטימע, און איז באלד ארויסגעגאנגען צו איהר.

די יונגע מיידעל האט איהם אבגעפיהרט אן א זייט און מיט א און רוהיגען טאן געזאגט: אין דרויסען איז שוין גוט ליכטיג און דו ביזט נאך אלס ניט אוועקגעגאנגען... ניט פערגעסס דאס יעדע מינוט קען מען דיך ארעסטירען. אלזא, געה שוין צו דער פריילין קארדאוויל... און מאך דאס וואס שנעללער.

— ווען גבריאל וואלט ניט געקומען וואלט איך שוין לאנג אוועק, האט דער שמיעד געאנטווערט

ווי! גבריאל איז דא?..

יא, ביי אונז אין צימער.

אט דעם בריעף האט פראנציסקע בעקומען... ער איז אויף דיין פאטערס נאמען.

— איך דאנק דיר, ליעבע מאיע.

מאיע איז ווידער אראב אונטען און אנריקאל איז אריין צום פאטער.

— פאטער, האט ער געזאגט, דערלאנגענדיג דאגאבער'ן דעם בריעף, דיזען בריעף האט די מוטטער ניט לאנג בעקומען...

— לעז איבער, מיין פריינד!..

אגריקאל האט איבערגעלעזען פאלגענדעס:

„גנאדיגע פרוי באדועז! איך האב זיך ערוואוסט, דאס גענעראל סימאן האט איבערגעגעבען אייער מאנן זעהר א וויכטיגע זאך. איך בעט אייך ווען ער וועט קומען נאך פאריז, איהם באלד צו שיקען אין מיין קאנטאר, אין שארטרע*). איך האב איהם איבערצוגעבען דאקומענטען, וועלכע זיינען זעהר נוטציג פיר גענעראל סימאן".

„דיוראן, נאטאריום אין שארטרע".

דאנאבער האט געקוועצט מיט די פלייצעס און האט פערוואונדערט געקוקט אויף זיין זון.

— ווער האט דאס געקענט בענאכריכטען דיזען הערן פון מיין קומען אין פאריז?

— מעגליך, דאס איז דערזעלבער נאטאריום, צו וועלכען די האסט געשיקט די דאקומענטען!

— מען האט איהם אבער ניט גערופען דיוראן, און ער האט געוואהנט אין פאריז ניט אין שארטרע. און אויב ביי איהם געפינען זיך ווירקליך וויכטיגע דאקומענטען, וועלכע ער דארף מיר איבערגעבען!..

דער סאלדאט האט זיך פערטראכט.

— דו דארפסט באלד אהין פאהרען! האט אגריקאל געזאגט, כמעט ערפרייענדיג זיך מיט דעם צופאלל, ווייל אמווייניגסטען וואלט ער א 2 טאג ניט זיין אין פאריז און אין דער צייט וואלט ער שוין וויסען, וואס עס וועט ווערען מיט איהם.

— דיין עצה איז גוט! האט דאנאבער בעמערקט, פונדעסטוועגען קומט דאס מיר פאר זאנדערבאר. איך האב געקלערט צו זיין היינט

---

*) א שטאדט 18 מייל פון פאריז.

מיט אייך צוזאממען און צום סוף מוז איך גאר אוועקפאהרען; ראזע און בלאנש וועל איך איבערלאזען ביי דער פרוי... און דו, גבריאל, וועסט דאך געוויס קומען פערברייננען מיט זיי.

— לײדער איז דאס אונמעגליך... האט דער מיססיאנער טרויעריג געאנטווערט, — איך בין יעטצט געקומען נעהמען אבשיעד פון אייך...

— דו פאהרסט ווידער אוועק?

— איך קען אייך אויף דעם גאר ניט אנטווערען, האט גבריאל געזאגט...

דאגאבער האט געשאקעלט מיט'ן קאפ.

— איך אבער, פאטער, דארף געהן אין פאבריק!

— געה, מיין פריינד...

— מיין גוטער ברודער און איהר פאטער! האט גבריאל פלאצליך אנגעפאנגען צו רײדען מיט א אומעדיגע שטימע, — די טאג וועל איך דארפען אייער הילף!..

— וואס האט פאססירט!? האבען דער סאלדאט מיט'ן זוהן געפרעגט.

— יא... איך וועל דארפען די הילפע און ראטה פון ארדענטליכע און דרייסטיגע מענשען... איך גלויבע אז איהר וועט זיך ניט ענטזאגען און אויף מיין ערשטע ביטע וועט איהר קומען צו מיר.

— צו יעדער צייט קענסט דו זיך פערלאזען אויף אונז! האט דער סאלדאט ענטשלאססען געאנטווערט.

— איך דאנק אייך, איך דאנק אייך! יעטצט בין איך שוין מיט אלעמען גליקליך, האט גבריאל שטיל געזאגט.

— ווען ניט דײנע קלײדער וואלט מען געקענט מיינען, דאס דו דארפסט געהן אויף א דועל.

— אויף א דועל? האט דער מיססיאנער געזאגט, ציטערענדיג מיט'ן גאנצען קערפער, יא, קען געבען, דאס עס וועט זיין א דועל אויך, נאר נעהר א שרעקליכער דועל — צו וועלכען איך וועל דארפען אזעלכע

צווײ עדות, ווי א פאטער מיט א ברודער.

— איניגע מינוט נאכדעם האט אגריקאל זיך געזעגענט מיט'ן פאטער און גבריאל'ן און איז אוועק אויף וואווילאנער גאס, הויז נומער 7, צו דער פריילין קארדאוויל.

XIV

אנדריענע קארדאוויל

אנדריענע האט געהאט א זעלטען פרייען כאראקטער. פון דער נאטור האט זי שרעקליך פייגד געהאט דאס האסליכע, און נאר ליעב געהאט דאס שאנע און פראכטפאללע. איהר אונאבהענגיגער, זעלבסטשטאנדיגער כאראקטער איז געוועזן אויסערגעוועהנליך, און זי האט בעשלאסען צו בעפרייען זיך פון דעם יאך, אין וועלכען די פרויען געפינען זיך ביי די מאננער. אנדריענע'ס צימער איז געוועזן אהנליך צו א טעמפעל, אין וועלכען עס וואהנט די געטטין פון שאנהייט. דאס ליכט אין דיזען צימער איז געפאללען דורך א גרויסעם פענסטער. די ווענט זיינען געוועזן כמעט אין גאנצען פערשטעלט מיט שפיגלען און מיט פערשיעדענע וואזאנען און בלומען. ביים פענסטער, וועלכעס איז ארויס אין גארטען, איז געשטאנען אנדריענעס טואלעט-טיש פון קינסטליכע שניטצערייאר-בייט. אנדריענע איז ניט לאנג ארויס פון א וואננע און איז געזעסען נעבען טואלעט, און ארום איהר זיינען געשטאנען דריי שאנע קאמער-דיענערינען זעהר נעטט געקליידעט. וועלכע האבען זי בעדיענט ביים מאכען דעם טואלעט. די זון האט העלל געשיינט דורכ'ן פענסטער. אנדריענע האט זיך געזעטצט געגען איהם אויף א קאנאפע. זי איז

געוועזען אנגעטהון אין א העלבלויען זיידענעקלייד, לייכט פערצווייגען ביי דער טאליע.

פלאצליך האט מען אנגעקלונגען און באלד נאכדעם האט פלארינגע דערלאנג דער פריילין א בריעף.

אנדריענע האט איהם אויפגעמאכט און איבערגעלעזען:

„גנאדיגע פריילין!

„ווי איך ווייס אייער גוט הארץ און גראסמוטהיגקייט, ערלויב איך מיר זיך צו ווענדען צו אייך מיט דעם בריעף. אין פערלויף פון 20 יאהר האב איך פלייסיג און עהרליך געדינט אייער זעליגען פאטער, דעם גראף קארדאוויל. איך האב רעכט, דאס צו זאגען... דאס שלאס איז פערקויפט און מיר ווארטען פון מינוט צו מינוט, דאס מען זאל אונז ארויסשיקען און מיר וועלען בלייבען אן א שטיקעל ברויט, ביי אונזערע עלטערע יאהרען, פריילין, איז דאס זעהר שרעקליך"!

ארעמע מענשען! האט אנדריענע שטיל געזאגט... דער פאטער פלעגט אלעמאל לויבען זייערע ארדענטליכקייט...

„מיר האבען איין מיטעל, האט זי ווייטער געלעזען, צו בלייבען אין שלאס, נאר דאס איז א נידעריגע זאך, און איך מיט מיין פרוי וועלען אבער קיין מאל זיך ניט בעשליססען צו קויפען ברויט מיט פאלשקייט"...

וט! האט אנדריענע ווידער געזאגט, וואס שרייבט ער ווייטער?

„אום אייך צו ערקלערען, וואס פאר א נידעריגע זאך מען פאדערט פון אונז, קען איך אייך שרייבען, דאס צוויי טאג פריהער איז געקומען צו פאהרען אהער דער הערר ראדען".

אך. דער הערר ראדען! האט אנדריענע זיך אבשטעלענדיג שטיל געזאגט, — דעגרינים שרייבער?.. יעטצט פערשטעה איך שוין, דאס דא מוז זיין א אינטריגע... מיר וועלען זעהען; און זי האט ווייטער געלעזען, דאס וואס אונז איז שוין בעוואוסט פון ראדענס געשפרעך מיט'ן פערוואלטער פון שלאס קארדאוויל.

אויסער זיין ביטטע וועגען זיך, האט דיופאן בעשריבען דאס אונגליק, וואס האט געטראפען ניט לאנג די רייזענדער אויף צוויי שיפען אונ האט געבעטען ביי אנדריענען הילפע פאר א פערוואונדעטען אינדישען פרינץ דזשאלמא, וועלכער איז אלט 20 יאהר, יונג און שאן, אבער ליידער איז ער אן געלד אונ אן קליידער.

א אינדישער פרינץ! פון 20 יאהר! יונג אונ שאן! האט אנדריענע פריילין געזאגט, דאס איז זעהר אינטערעסאנט... נאר וואס קען איך טהון פאר דיזען פרינץ! זי האט ווייטער געלעזען.

„ווען איהר זאלט, פריילין, זיין אזוי גוט אונ צושיקען עטוואס געלד, וואלט ער אונ זיין דינער געקענט אבפאהרען נאך פאריז אונ מיט דעם וואלט איהר גערעטעט דעם יונגען אונ אונגליקליכען פרינץ. אונ ווי מיר איז בעוואוסט אייערע עדעלקייט, גלויב איך, דאס איהר וועט ניט פערלאזען דעם פרינץ. ווען איהר וועט וועלען שיקען עטוואס געלד קענט איהר שיקען אויף זיין אדרעס? פרינץ דזשאלמא, קאדזשי-סינגס זוהן, דער קעניג פון מונדי".

דזשאלמא! האט אנדריענע ווידער צו זיך גערעדט, קאדזשי-סינג! ענדליך זיינען זיי דאס... דער דזשאלמא איז מיינער א שוועסטער קינד. ער איז העלדיש אונ גוט, יונג אונ שאן, אונ בעזאנדערס, דאס ער האט נאך קיין מאל ניט אנגעטהון אייראפאישע קליידער אונ יעטצט האט ער קיין זאך!.. דאס איז וואונדערבאר!.. פארטראפליך... יא, יא!... גיכער, גיכער!

אונ נאכדעם האט זי בעפאהלען זשארזעטא אנשרייבען א בריעף צו איהרען א בעקאנטען אלטען מאלער, ביי וועלכען זי האט א לאנגע צייט געלערנט מאלעריי.

אין בריעף האט זי דעם מאלער געבעטען ער זאל קויפען עטליכע אינדישע קאסטיומען אונ אוועקפיהרען זיי אין שלאס קארדאוויל צום

פרינץ דזשאלמא, און ער זאל איהם ברייננען צו איהר אין פאוויליאן אויף וואוויליאנער גאס.

— דו האסט אנגעשריבען?

— יא, פריילין!

— שרייב צו „פאסט-סקריפטום”: „איך שיק אייך א אנווייזונג צו מיין באנקיר: איהר וועט בעקומען געלד וויפיל איהר וועט דארפען; שפארט ניט קיין געלד”...

— דיזען בריעף דארף מען שוין אוועקטראגען אויף פאסט.

— ערלויבט מיר דאס צו טהון, פריילין, האט פלארינע זיך אויס-גערופען...

— געה.

אינדעם האט מען אנגעקלונגען, העבא איז געגאנגען עפענען די טהיר און באלד צוריקגעקומען מיט דער נאכריכט, דאס עס איז גע-קומען דערזעלבער, וועלכער האט געבראכט דעם הינטעל.

בעט אריין דיזען מאנן אין מיין קליינעם זאל, און דו, פלארינע, טראג שוין אוועק דעם בריעף.

פלארינע איז ארויס, און אנדריענע איז אביין איז צימער, וואו אנריקאל האט געווארט אויף איהר

XV.

דאס געשפרעך.

אנדריענע איז זא שטיל אריינגעגאנגען, דאס אנריקאל האט זי גאר

ניט בעמערקט. ער איז געשטאנען און האט בעקוקט א שאנע זילבער-
נע וואזע.

— מיט וואס קען איך אייך דינען? האט אנדריענע מיט איהר אנגע-
נעהמער שטיממע געפרעגט.

— פריילין! האט דער שמיד פערשעמט געאנטווארט, נעכטען האט
איהר מיר פארגעליינט געלד און איך האב זיך פון זיי ענטזאגט
און יעטצט בין איך געקומען צו אייך בעטען א סומע פון צעהן מאל
אזוי פיל.

— וויפיעל דארפט איהר?

— איך ווייס ניט, פריילין!

— וואס הייסט איהר ווייסט ניט?

אנגריקאל האט איהר ערצעהלט די גאנצע געשיכטע און
געגעבען איהר לעזען דעם בריעף, וועלכען מאיע האט בעקומען.

— וועגען זיך וואלט איך גאר ניט געווען אונרוהיג, האט אנגריקאל
ווייטער געזאגט, נאר יעטצט דארף איך זארגען ניט נאר פאר מיין
מוטטער, נאר פאר'ן פאטער אויך, וועלכער איז ניט לאנג געקומען צו
פאהרען פון סיביר מיט דעם גענעראל סימאנס טאכטער.

— ווי איהר קענט דעם גענעראל סימאן? האט אנדריענע איבערראשט
געפרעגט, און וואו זיינען יעטצט זיינע קינדער? זייער מוטטער איז
געווען מיינע א פערוואנדטע.

— אך, וואס פאר א גליק! זיינען דעם גענעראלס טאכטער, וועלכע
וואהנען ביי אונז, אייערע פערוואנדטע?

זייט זיכער, דאס איך וועל פערזארגען אייערע עלטערן און אייך!

די יְתוֹמוֹת וֶועל אִיךְ הַיינְט אָבֶענְד גֶעהֶמֶען צוּ זִיךְ...

— אִין דֶער מִינוּט אִיז אַריינְגֶעלָאפֶען אִין זַאל זְשַׁארְזֶעטֶע אוּנ הָאט גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאבּ דָא נִיט לַאנְג בֶּעגְלֵייט מַיינֶע שְׁנַיידֶערִין, אוּנ אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהֶען פֶערדָאכְטְלִיכֶע מֶענְשֶׁען שְׁטֶעהֶען אוֹיפְ'ן גַאס גֶעגֶען טְהוֹיעֶר, ווי זֵיי וואלְטֶען הִיטֶען אוּנְזֶער פַּאווילְיָאן.

— אִיךְ הָאבּ קֵיין טָעוּת נִיט — דָאס זוּכְט מֶען מִיךְ... הָאט דֶער שְׁמִיעד אוּמֶעדִיג גֶעזָאגְט.

— פְרֵיילִין! הָאט הֶעבֶּא, אַריינְגֶעהֶענְדִיג אִין זַאל גֶעזָאגְט, יֶעמַאנְד הָאט אָנְגֶעקְלַאפְּט אִין טְהוֹיעֶר אוּנ גֶעפְרֶעגְט צוּ אִיז נִיט אַריין אַהֶער אַ מַאנְן מִיט'ן נָאמֶען אַגְרִיקָאל בָּארוּעָן.

— וָואס הָאסְט דוּ אִיהם גֶעאֶנְטְוֶוערְט? הָאט אַנְדְרִיעֶנֶע גֶעפְרֶעגְט.

— אִיךְ הָאבּ אִיהם גֶעאֶנְטְוֶוערְט, דָאס אִיךְ פֶערְשְׁטֶעה נִיט וֶועמֶען עֶר פְרֶעגְט, אוּנ עֶר אִיז בַּאלְד אַוֶועק.

דָאס ווִיל מֶען מִיךְ גֶעווִיס אַרֶעטִירֶען, הָאט אַגְרִיקָאל גֶעזָאגְט.

— עֶס קֶען זֵיין, דֶערווַייל אָבֶּער בְּלֵייבְּט דָא. אִיךְ דַארְף שׁוֹין אַוֶועק גֶעהְן צוּ מַיין טַאנְטֶע, פִירְשְׁטִין סֶענְדִיעֶ; אוּם אִיהר זָאלְט זֵיין זִיכֶערֶער וֶועט אַייךְ זְשַׁארְזֶעטֶע אַריינְפִיהֶרֶען אִין אַ גֶעהֵיימֶעס צִימֶער אוּנ אִיהר קֶענְט דָארְטֶען זֵיין גַאנְץ רוּהִיג...

— ווִי גוּטְהֶארְצִיג אוּנ גְנֶאדִיג אִיהר זֵייט!

— פֶערְשְׁרֵייבְּט מִיר אַייעֶר מוּטֶעטֶערְם אַדְרֶעס אוּנ גֶעהְט אִין מַיין טוּירְמֶע, אוּם אִיהר זָאלְט נוּט אַריינְפַאלֶען אִין דִי אֶמֶתֶע טוּירְמֶע, הָאט אַנְדְרִיעֶנֶע גֶעזָאגְט, אֶנְטְהוּעֶנְדִיג אוֹיפְ'ן קָאפּ אַ גְרוֹיעֶע פוּכָאוֶוע הִיטֶעלֶע אַוֶועקְצוּגֶעהְן.

זשארזעטע האט באלד אנגעפיהרט אגריקאלין אין דאס גע־היימע צימער אונ פלארינע (די צווייטע קאמערדינערין אנדריענעס) איז באלד, נאך אנדריענעס אוועקגעהן, אוועקגעגאנגען צו מאדאם גריבוא, דער פירשטינס קאמערדינערין, אונ איהר איבערגעגעבען אלעס, וואס פריילין אנדריענע האט אין פערלויף דעם לעצטען טאג געטהון: גערעדט.

פלארינע איז געוועזען ביי אנדריענען מעהר שפיאן אלס קאמערדינערין, זי האט געטהון, וואס הערר ראדען אונ מאדאם ריבוא האבען געהייסען.

ענדע דעם צווייטען טהייל.

דריטער טהייל.

I.

די יעזואיטקע.

אין די יונגע יאהרען איז מאדאם סענדריזע געוועזען פון די שאנע אונ בעוואוסטע פרויען אין פאריז. זי האט געפיהרט פיל אינטריגעס, אונ איהר מאנן, פירשט סענדריזע, דאס הייסט דער אלטערער ברודער פון גראף רענעפאן (אנדרעענס פאטער), האט איהר קיין מאל א ווארט ניט געערדט וועגען דעם. נאך אלע איהרע נידערטרעכטיגע אינטריגעס האט זי מיט דעם אבאט, מארקיז דענגריני, פלאצליך פערלאזען פאריז אונ זיך בעזעטצט אין איהר אייגענעם גוט ביי דיונקירכען אונ האט דארטען פערבראכט גאנצע 2 יאהר. ווען זי איז געקומען צוריק, האט מען זי ניט געקענט ערקאנען. דאס איז שוין ניט געוועזען די פריהערדיגע לייכטזיניגע פרוי. איהר פאלאץ האט בעקומען א פינסטערען אויסזעהען אונ צו איהר האבען אנגעהויבען איינצוגעהן גאטטספורכטיגע פרויען אונ גייסטליכע. זי האט אויסגעבויט אין פאלאץ א קירכע אונ געהאלטען ביי זיך א גייסטליכען, נאר איהר גאנצער בעל עצה איז געוועזען דער מארקיז דענגריני. נאך איהר מאננס טויט, (ער האט ניט געלאזען קיין קינדער) איז דאס גאנצע פערמאגען איבערגעגאנגען צו זיין ברודער קארדאוויל.

אנדריענעס פאטער, װעלכער איז אין א קורצע צייט נאכדעם אויך געשטארבען, און די גאנצע ערבערין איז פערבליבען זיין איינציגע יונגע טאכטער.

מאדאם סענדיזע האט יעטצט ערװארטעט איהר פלעמעניצע אין א גרויסען זאל, אויסגעטאפעצירט מיט דונקעלען שטאף; שװארצע געשניטצטע מעבעל און עטליכע הייליגע בילדער האבען צוגעגעבען א שטרענגען פינסטערען אויסזעהען דיזען צימער. זי איז געזעסען ביי א שרייבטיש און האט געשריבען בריף.

אינדעם איז אריינגעגאנגען מאדאם גריבוא א בעיאהרענטע פרוי, דער פירשטינס אלטע קאמערדינערין און בעגלויבטע.

— דא האבען זיי, מאדאם, די נאטיצען פון פלארינע, האט זי געזאגט, דערלאנגענדיג דער פירשטין א פאפיר.

— איך װעל באלד איבערקוקען. — װען די פלעמעניצע װעט קומען, זאלסט דו אװעקפיהרען אין איהר פאװיליאן אמאנן, װעלכער װעט באלד קומען אהער.

— גוט.

— ער װעט פערשרייבען אלעס, װאס געפינט זיך אין אנדריענעס פאװיליאן, װעגען זשארזעטא און העבא זיי רוהיג, דער װאס װעט פערשרייבען איז א בעװאוסטער מאנן און זיי װעלען איהם אפילו א קרום װארט ניט ריידען...

אין דער מינוט איז אריין דער פירשטינס אלטער קאמערדינער און האט געמעלדעט: דער העדר אבאט דעגריני!.

— בעט איהם אריין.

דער אבאט, מארקיז דעגריני, איז געװען דיזעלבע פערזאן, װעלכע מיר האבען געזעהען אויף מילע-דע-אורסין גאס, פון װאנען ער איז מיט 3 מאנאטע צוריק געפאהרען נאך רום.

באלד װי דער קאמערדינער איז ארויס איז דעגריני געשװינד

צוגעגאנגען צו דער פירשטין און, געבענדיג איהר די האנד, האט ער מיט א ריהרענדער שטימע געזאגט: הערמינא! דו האסט מיר געשריבען דעם אמת? די מוטטער האט מיך פערפלוכט?

— ניין! פרעדעריק, בערוהיג זיך! זי האט דיך זעהר געוואלט זעהען און ביז דער לעצטער מינוט האט זי דיין נאמען ערמאנט...

— מאגליך, דאס מיין קומען וואלט זי געראטעוועט פון טויט?

צו וואס דארף מען יעטצט די טרויעריגע געדאנקען? דו וועסט שוין דאס ניט בעססער מאכען.

יא, מיין געוויססען מוז זיין רוהיג... אפפערענדיג מיינע מוטטער האב איך זיך איבערגעגעבען צו מיינע פפליכטען, און פונדעסטוועגען האב איך ניט געקענט אין גאנצען זי פערגעססען, לויט אונזער אוסטאוו זאגט: „ווער עס האט ניט פערדאסט פאטער און מוטטער, דער קען מיין שילער ניט זיין".

— געוויס פרעדעריק, דיינע אפפער זיינען גרויס... דערפאר אבער, וועלכעי נאמען און מאכט!..

— דאס איז ריכטיג, האט דער מארקיז געאנטווערט, מיין פאהרען נאך רום האט מיר געגעבען א נייען בעגריף פון אונזער חברה און איהר גרויסער מאכט. דעם אמת זאגענדיג לעבען מיר יעטצט איבער א שווערע צייט, נאר אין קורצען האף איך אז עס וועט זיך פערבעססערן; דעם 13 פעברואר וועלען מיר דאך בעקומען גענוג געלד און דאן וועלען מיר קענען אונזער מאכט נאך מעהר פערשטארקען

דו מיינסט די מעדאליאנען?... זיי זיינען ווירקליך זעהר וויכטיג...

- איך בין דאך נאר צוליעב דעם געקומען צו פאהרען.

- דו ווייסט: פון אלע אונזערע פלאנען האט געקענט גאר נישט ווערען.

— יא... איך ווייס כאטשען האט מיר ערצעהלט דאס דער אינדיאנער

און גענעראל סימאנס טאכטער זיינען געקומען אין שלאס קארדאוויל. אין אמת׳ן קען מען מיינען אז א אונגאטירליכע קראפט בעשיטצט דיזע פאמיליע. האט דעם מארקיז מיט פערדרום געזאגט.

— דאס גליק איז, וואס ראדען איז א פעהיגער מאנן, ער איז געבליבען געוועזן ביי מיר און מיר האבען א לאנגע צייט גערעדט. עס געהט אלעס זעהר גוט: דער סאלדאט וועט 2 טאג ניט זיין אין פאריז; מיט זיין פרוים גייסטליכען האט מען אבגערעדט, און פאר די צוויי יונגע מיידלעך וועלען מיר מארגען זיך שוין ניט שרעקען... בלייבט איבער דער אינדיאנער, נאר ער ליגט קראנק אין שלאס קארדאוויל... עס זיינען אבער דא נאך יורשים.

— יא, הארדי; אבער זיין פריינד, וועלכער איז אונז איבערגעגעבען, האט איהם געראטהען פאהרען נאך אלזיר (אפריקא), פון וואנען ער קען נאר קומען אין א מאנאט ארום. וועגען דעם „אבגעריסענעם" איז אודאי ניט דא וואס צו ריידען. ענדליך, גבריאל, אויף וועלכען עס איז אונזערע גאנצע האפנונג, וועט ביז יענעם וויכטיגען טאג א מינוט אליין ניט בלייבען. מיר קענען האפען, דאס אונזער זאך וועט אויסגעפיהרט ווערען. ווי מיר דאכט איז דער קאפיטאל 40 מילליאן; איך רעכען אז עס לאהנט צו האבען א ביסיל מיהע. יא, וואס איז מיט אנדריענען?

— איך גלויב, דאס זי ווייס פיעל מעהר אלס מיר קלערען.

דו האסט זיך געזעהען מיט דעם דאקטאר באלעניע און מיט איהר א פעקון טריפא? האט דער מארקיז געפרעגט.

— זיי וועלען דא היינט זיין... איך האב זיי וועגען אלעס פארויס מיטגעטהיילט. אויסערדעם האב איך זיך ערוואוסט, דאס אנדריענע האט געשריבען א בריעף צום פערוואלטער פון שלאס קארדאוויל און און אהין געשיקט איהר געוועזענעם לעהרער פון מאלערייא, גארנואל, ער זאל ברייגנען דישאלמען אין פאריז.

דֶער מַארְקִיז אִיז בְּלַאס גֶעוָוארֶען.

— הִיט זִיךְ! הָאט עֶר גֶעזָאגְט, זִי קֶען נָאךְ אַלֶעס פֶערדֶערְבֶּען.

— אַלְזָא דַארְף מֶען וָואס גִיכֶער טְהוּן, עֶס זָאל הַיינְט זַיין אַלֶעס גֶעעֶנְדִיגְט.

— דָאס אִיז אָבֶּער אוּנמֶאגְלִיךְ.

— דָאס אִיז נָא מֶאגְלִיךְ, דֶער דָאקְטָאר אוּנ בַּארָאן טְרִיפָּא זַיינֶען אוּנזֶערֶע, הָאט דִי פִירְשְׁטִין לֶעבְּהַאפְט גֶעזָאגְט.

אִין דֶערוָועלְכֶער מִינוּט הָאט דֶער קָאמֶערדִינֶער גֶעמֶעלְדֶעט, דָאס עֶס זַיינֶען גֶעקוּמֶען דֶער דָאקְטָאר בַּאלֶענְיֶע אוּנ אַיין מַאנְן, וָועלְכֶען דֶער אַבַּאט דֶעגְרִינִי הָאט גֶעהֵייסֶען קוּמֶען אִין דֶער פְּרִיה.

— זָאל דֶער מַאנְן אַרַיינְגֶעהְן, אוּנ אַז אִיךְ וָועל אָנְקְלִינְגֶען, זָאלְסְט דוּ אַהֶער בֶּעטֶען דֶעם דָאקְטָאר בַּאלֶענְיֶע; אַז דֶער הֶערר טְרִיפָּא וָועט קוּמֶען זָאלְסְט דוּ אִיהם אוֹיךְ אַרַיינְפִיהְרֶען אַהֶער אוּנ מֶעהר קֵיינֶעם נִיט אַרַיינְלָאזֶען, אוֹיסֶער דֶער פְרֵיילִין אַנְדְרִיֶענֶע.

דֶער קָאמֶערדִינֶער אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען.

.II

אַנְדְרִיֶענֶעס „פְרַיינְד".

אֵיינִיגֶע מִינוּט נָאכְדֶעם הָאט דֶער קָאמֶערדִינֶער אַרַיינְגֶעפִיהְרְט צוּ דֶער פִירְשְׁטִין אִין צִימֶער אַ בְּלַאסֶען מַאנְן אָנְגֶעטְהוּן אִין שְׁוַוארְצֶען מִיט בְּלוֹיֶע בְּרִילֶען; אוּנטֶער'ן אָרֶעם הָאט עֶר גֶעטְרָאגֶען אַ פָּארְטְפֶעל (טֶעקֶע). דִי פִירְשְׁטִין הָאט אִיהם אַוֶעקְגֶעזֶעצְט הִינְטֶער אַ פָּארְהַאנְג אוּנ נָאכְדֶעם הָאט זִי אָנְגֶעקְלוּנְגֶען אוּנ עֶס אִיז אַרַיין דֶער דָאקְטָאר בַּאלֶענְיֶע.

אַ מאַנן פון אַ יאָהר 50, מיטעלער הויך, זעהר דיק מיט אַרויסטעהענדע באַקען, גע־זיכט. זיינע גרויסע לאַנגע האָר זיינען געווען פערקאַמט מיט אַ שטעג· אַ שטענדיגער שמייכעל איז געווען אויף זיין חיטרען געזיכט און אין זיינע הימעלבלויע אויגען האָט זיך אָבגעשפּיגעלט שאַרפזיניגקייט; אַ וועלטליכער און אין אויסערליך אַנאַנגענעהמער מאַנן; ער איז געווען דער פירשטינס אַנאַלטער בעקאַנטער. — דערזעלבער דאָקטאָר איז גע־ווען אַ לאַנגע צייט זעהר אָרעם און אין פּראַקטיק. נאָר פּלעצליך האָט ער בעקומען 2 שטעלעס מיט אַמאָל און אין פערלויף פון איין יאָהר האָט ער געהאַט די גרעסטע פּראַקטיק. עס פערשטעהט זיך ווי וויכטיג פאַר'ן יעזואיטישען אָרדען איז געווען צו האָבען אַלס מיטגליעד איינעם פון די גרעסטע פּאַריזער דאָקטורים, און ער האָט טאַקי געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער חברה.

אַריינגעהענדיג אין צימער, האָט ער זיך זעהר העפליך פערניינגט און אַ קוש געטהון דער פירשטין אין האַנד.

— איהר זייט אַלע מאָל פּינקטליך, העררר דאָקטאָר! האָט זי פרייַנד־ליך בעמערקט.

— ווען איך אייל מיך צו ערפילען אייערע בעפעהלען, מאַדאַם, שעטץ איך מיך גליקליך... ענדליך, זייט איהר געקומען צופאָהרען, האָט ער, זיך ווענדענדיג צום מאַרקיז, געזאָגט, און איהם פריינדליך געדריקט די האַנד... די 3 מאָנאַטע, וואָס איהר זייט געווען ניט הי, איז פיר אייערע פריינד געווען זעהר שווער...

— די צייט, ליבער דאָקטאָר, איז פאַר אַלעמען גלייך... די פריילין קאַרדאַוויל וועט היינט קומען.

— ווי אָבער, אַז זי איז אונז חושד אין עטוואָס? האָט די פירשטין אונרוהיג געזאָגט.

— דאָס קען ניט זיין, האָט דער דאָקטאָר בעמערקט, איך מיט איהר זיינען די בעסטע גוטע פריינד.

— און נאָר איהר אַליין קענט אונז טהון די טובה, האָט דענגריני געזאָגט.

— איך בין אַלע מאָל פערטיג אייך צו דינען...

איינינע מינוט האָבען אַלע דריי געשוויגען.

אינדעם האָט דער קאָמערדינער געעפענט די טהיר און באַראָן טריפּאַ איז אַריין.

— איך האָב די עהרע דער פירשטינס בעפעהלען צו פאָלגען... האָט ער, דריקענד איהר די האַנד, געזאָגט, איך בין אַלע מאָל גרייט אייך צו דינען.

— וועגען דעם האָב איך קיין צווייפעל געהאַט, הערר טריפּאַ, און איבערהויפּט יעטצט.

— די פריילין איז געקומען, האָט דער קאָמערדינער געמעלדעט, זיי פרעגען אויב זיי קענען אַריינגעהן.

— זאָג דער פריילין, דאָס איך וואַרט אויף איהר... האָט די פירשטין געזאָגט, און איז אַריין אונטער'ן פאָרהאַנג און האָט געגעבען אַ צייכען דעם מאַנן אין די ברילען. נאָכדעם האָט זי זיך צוריק געזעטצט אויף איהר אָרט צווישען די „אַקטיאָרען“.

אַ זאָנדערבאַרע זאַך! די איינינע מינוט וואָס די פּערזאָנען פון דער סצענע האָבען געוואַרט, זיינען זיי געווען פערשעמט און צושראָקען, ווי זיי וואָלטען מורא האָבען פאַר אַנדרענען

די טהיר האָט זיך געעפענט און פריילין קאַרדאַוויל איז אַריין אין צימער.

.III

ניט געטראפען דעם ארט.

אריינגעהענדיג אין צימער, האט אנדריענע אויסגעטהון איהר גרויע פוחאווע היטעלע און זיך געזעטצט נעבען דער פירשטין.

— איהר האט, טאנטע, געוואלט זיך דורכריידען מיט מיר וועגען א וויכטיגע זאך? האט די פריילין געזאגט.

— יא, האט די פירשטין קאלט געאנטווערט... איך דארף מיט איך ריידען וועגען זעהר א וויכטיגע זאך.

— איך בין פערטיג אויסצוהערען... קענט איהר מיט מיר ניט אריינגעהן אין אייער ביבליאטעק?

— מיר קענען דא אויך ריידען.

— איך פערשטעה דאס ניט. ווי אזוי קען גאר אונזער געשפרעך אינטערעסירען דיזע הערען? זי האט געוויזען אויף די ביי־זיטצענדע

— דיזע הערען זיינען די בעסטע פריינד פון אונזער פאמיליע; זיי זאגען הערען אונזער געשפרעך...

— ווי איך זעהע, וועל איך דא האבען א פארמאלנעם דאפראס!

— עס וועלען קיינע דאפראסען ניט זיין, נאר איך האב דאס רעכט אייך צו זאגען, אין געגענווארט פון אונזערע פאמיליענפריינד, מיין ווילען וועגען אייער צוקינפטיגעם לעבען, ווי איהר דארפט זיך פיהרען... דיינע קאפריזען מוזען אנ'ענדע נעהמען און דיין כאראקטער מוז זיך אנדערען מיט גוטען, אדער מיט בייזען.

אנדריענע האט זיך ביי די ווערטער מיט שטאלץ אויסגעגלייכט און

שמייכלענד געזאגט: איהר זאגט, דאס איך וועל זיך אנדערען... עס איז גאר קיין וואונדער ניט; גיבט דען ווייניג אנדערונגען, און א מאל נאך זעהר זאנדערבארע...

די פירשטין האט פערביסען די ליפען.

— אויב די אנדערונג איז פון טיפען רייגעם הערצען, קען מען דאס ניט רופען זאנדערבאר, האט אבאט דעגריני קאלט געזאגט, אין גע־גענטהייל, דאס איז נאך פאר א צווייטען א גוטער ביישפיל...

— געוויס, האט אנדריענע צוגעשטיממט, נאר ניט דאן, ווען פון א קליינעם פעהלער ווערט א גרויסער...

— איהר קענט דאך אבער ניט אבלייקענען, פריילין אנדריענע, האט באראן טריפא אנגעהויבען, דאס די פעראנדרונג...

— איך בין גאנץ זיכער, האט אנדריענע איהם ניט געלאזט ענדיגען די רייד, דאס דער הערר טריפא איז א גרויסער מייסטער אומצואנדערען פיעלע זאכען און זיך ברייגגען מיט דעם נוטצען, נאר דא רעדט מען ניט וועגען איהם.

— פערגעססט אבער ניט, פריילין, האט באראן טריפא ווייטער גע־זאגט, שעפענדיג מוטה אין די פירשטינס אויגען, דאס איך האב די עהרע צו זיין אייער אפעקון און דאס...

— דאס איז ריכטיג, דאס דער הערר טריפא האט די עהרע, זאגאר איך פערשטעה ניט פאר וואס דאס קומט איהם, האט אנדריענע מיט שטאלץ בעמערקט, ניט קוקענדיק אויפ'ן באראן, נאר ניט יעטצט איז די צייט פון צו טרעפען רעטעניסען... איך וואלט וועלען, טאנטע, איהר זאלט מיר זאגען די אורזאכע פון דיזער פערזאמלונג.

— איך וועל אייך באלד צופרידען שטעלען, קורץ און שארף וועל איך אייך ערקלערען ווי איהר דארפט זיך פיהרען אין די קומענדע צייט און אז איהר וועט ניט וועלען פאלגען וועל איך זעהען וואס איך האב צו טהון.

— ביי אונז וועט געוויס זיין א אמת'ע מלחמה, האט אנדריעונע געזאגט, דאס וועט זעהר קאמיש אויסזעהען.

— דא רעדט מען ניט פון א מלחמה, האט דעגריני הארט געאנטווערט.

— אה! דער הערר אבאט, ווי אנ'אלטער פאלקאווניק, האט אנדריעונע איהם איבערגעשלאגען די רייד, איז צו שטרייניג פיר א שפאס. איהר האט געוויס צו פערדאנקען זעהר פיל דער מלחמה. צוליעב איהר האט איהר דאך געקאמאנדעוועט מיט א פראנצאזישען פאלק, וואגאר פארהער האט איהר זעלבסט מיט'ן פיינד געשטריטען געגען פראנקרייך. איהר האט דאס געוויס געטהון כדי צו ערקענען די שוואכע אונ שטארקע זייט פון פיינד..

דער מארקיז איז רויט געווארען אונ האט געוואלט אנטווערען, נאר די פירשטין האט איהם פערהאפט: דאס איז שוין גאר ניט עדעל!... האט זי שטרייניג געזאגט.

אנדריעונע האט א שמייכעל געטהון אונ האט גאר ניט געאנטווערט. איינעגע מינוט האבען אלע געשוויגען. די פירשטינס בליקען האבען געצייגט, דאס באלד וועט זיך אנהייבען די אמת'ע מלחמה.

אנדריעונע האט פערשטאנען. דאס יעטצטיגער געשפרעך איז פאר דער פירשטין זעהר וויכטיג, נאר זי האט ניט געוואוסט מיט וועלכע מיטעלען האפט די פירשטין זי בייצוקומען. נאר בעטראכטענדיג, וואס פיר א שלעכטען חאראקטער אונ געהיימע מאכט די פירשטין האט, האט זיך די יונגע פריילין ניט ווילענדיג פערטראכט.

— פריילין! האט די פירשטין אנגעהויבען די לעטצטע 6 מאנאטען, דאס הייסט, פון דער צייט ווען איך האב אייך ערלויבט איבערציהען זיך אין פאווילאן, האט איהר זיך ניט גוט אויפגעפיהרט, אפשר ניט אמת?

— צו וואס, טאנטע, דארף מען די פארעדע?

— די פארעדע, פריילין, וועט אונז ערקלערען די פערגאנגענהייט.

און די פערגאנגענהייט וועט אונז לערנען ווי צו פיהרען זיך אין דער צוקונפט.

— דאס איז עפּים א שפּראכע פון א יעזואיט... אין זיי מוז ליגען עטוואס שרעקליכעס.

— פּילייכט פריילין, דען עס זיינען דא כאראקטערען, פיר וועלכע געהאָרזאמקייט און ערפילונג דער פפליכטען איז שרעקליכער פון אלעם.

— איך זאג אייך אָפען, דאס איך ליעב זעהר ניט מען זאל געוועלטיגען איבער מיר און מאכען מיר פאָרווירפע.

— דאס אונגליק איז, וואס זי פערשטעהט ניט די וויכטיגקייט פון דיזער פערזאמלונג. האט די פירשטין האָרט בעמערקט, אפשר וועט זי בעסער פערשטעהן מיינע בעפעהלען...

לאמיר נאר הערען! האט אנדריענע שמייכלענד צו זיך געזאגט.

— מאָרגען, האט די פירשטין אנגעהויבען מיט א שטרייגען און האַרטען טאָן, וועט איהר פערלאזען אייער פּאווילזאָן און אבזאגען אייערע דינסטען; 2 צימער'ן וועט איהר בעוואהנען דא ביי מיר, און איהר וועט קיין מאל אליין ניט געהען שפּאצירען; איהר וועט מיך יעדעס מאל בעגלייטען אין קירכע; אייערע הוצאות וועל איך פיהרען, ווייל איהר זעלבסט ניט אוים צופּיעל געלד, און ביז א אונבעשטימטע צייט וועט איהר ניט האבען ביי זיך קיין געלד... אט דאס איז מיין ווילען...

אנדריענע איז געשווינד אויפגעשטאנען פון איהר אָרט און איז עטוואס רויט געוואָרען.

— איהר האט גערעדט פון דער פערגאנגענער צייט, און איך וועל אויך זאגען איינינע ווערטער פון דעם, האט זי געזאגט: לײדער, צווינגט איהר מיך אליין צו דעם. איך האב אייער הויז פערלאזען, ווייל מיר איז

שוין געווען אונמעגליך צו זיין אין דער פינסטערער און אונרייגער לופט.

— פריילין! האט דעגריני בעמערקט, אייערע ווערטער זיינען גראב און אן איבערלייגונג געזאגט.

— גנאדיגער הערר! ווען איהר האט מיר יא איבערגעשלאגען די רייד, האט אנדריענע געזאגט ווער איך אייך עפּיס פרעגען: וועלכע ביישפּילען האב איך געזעהען ביי דער טאנטע?

— די פּארטרעפליכסטע, פריילין!

— נאך בעססער ווי די פּארטרעפליכסטע, מיין הערר!... אפשר זיינען זיי דערפאר פּארטרעפליך, ווייל מיין טאנטע מיט אייך בשותּפות האבען אבגענארט מענשען און מעגליך אז גאטט אויך.

— פריילין! איהר פערגעססט זיך וואו איהר זייט! האט די פירשטין אויסגעשריען.

— ניין, ניין, איך האב זיך נור ערמאנט וואס דא איז פארגעקומען... אט פאר וואס מיר האט זיך פערוואלט לעבען אליין און זעלבסט אויסגעבען מיינע דאהאדען, דען דאס איז פיל אנגענעהמער, איידער דער הערר טריפא זאל זיי ארבלאזען צו זיך אין טאש...

— פריילין! האט דער באראן פערשעמט געזאגט, ווי אזוי דערוועגט איהר זיך אזוי צו ריידען!...

— קיין ווארט נישט מעהר! האט אנדריענע מיט א פעראכטליכען טאן אויסגעשריען, איך רייד וועגען אייך אבער ניט מיט אייך. אלזא, האט זי ווייטער גערעדט, האב איך געוואלט פערלעבען מיינע דאחאדען נאך מיין אייגענעם [illegible]. איך האב ניט קיין פאטער און קיין מוטטער, דארום האב איך ניט פיר וועמען חשבון אבצוגעבען. כדי ביי אונז זאל מעהר קיין מלחמות ניט זיין וועל איך אייך זאגען פון מיין בעשלוסס אויך: ענדע וואך ציהע איך זיך ארויס פון פּאווילאן אין דאס הויז, וועלכעס מען בויט יעטצט פאר מיר און וועל דארט לעבען פריי ווי מיר

וועט זיך פערגלוסטען און ווי מיין שכל וועט מיר זאגען.

— דאס קען אבער איך אין דער צוקונפט שאדען, האט דעגריני בעמערקט.

— אייערע פריינד וועלען אייך מיט דער צייט וועלען פערהייראטען...

— איך וועל זיי פון דיזער זארג בעפרייען; ווען איך וועל וועלען, וועל איך אליין הייראטען, און איך גלויב, דאס איך דארף וועגען דעם ביי קיינעם ניט אנפרעגען... אין אללגעמיין וויל איך גאר אויף זיך ניט נעהמען די קייטען.

— ווי קען מען דאס אזוי לייכטזינניג ריידען פון אזא וויכטיגער פראגע אין לעבען? האט די פירשטין געזאגט.

— ענטשולדיגט מיר, טאנטע, וואס איך האב אין אייער געגענווארט בעליידיגט אייערע אונשולד.... איך האף, דאס מיינע קאפריזען, נארישקייטען און אלע פעהלערין וועלען מיך פערהיטען פון די מאנגערי־שע געטצען.

— וועגען דעם קענט איהר זיין גאנץ רוהיג, דען עס געהט שוין וועגען אייך א קלאנג, דאס איהר קומט צו הויזע 8 אוהר אין דער פריה, איך קען דאס אבער ניט גלויבען, האט די פירשטין געזאגט.

— וואָרום ווילט איהר דאס ניט גלויבען? איך זאג אייך אז דאס איז אזוי אמת ווי אלעס וואס איך טהו האט אנדריענע געאנטווערט, און האט ערצעהלט איהר טאנטע פון דושאלמא און געגעראל סימאנס מאכטער, ראזע און בלאנש, וועלכע זי וועט נעהמען צו זיך אין וואהנונג.

— ביי די ווארטער האבען די פירשטין מיט דעגריני פערוואונדערט געקוקט איינע אויף די אנדערע, און דער באראן טריפא האט פון גרויס נארישקייט אויסגעשריען: גאר איינפאך, דאס הייסט אראבגעהן פון זינגען.

— פון מינוט צו מינוט ערווארטעט מען דעם מארשאל סימאנס קומען

אין פּאריז, האט אַנדריענע ווייטער געהערט, אַלזאָ וועל איך מאָרגען שיקען נאָך שניידערינען, זיי זאָלען אויפנייען פאר זיינע טאָכטער קליידער, ווי עס פּאַסט פאר זיי.

פרייליין, בעטראַכט זיך, האט די פירשטין געזאָגט, אפשר ווערט איהר געפינען וואו עס איז נאָך אַ קרוב צו פערגרעסערען אייער משפחה... איך מיין, דאס אַ קייזערין קען זיך ניט פיהרען רייכער ווי איהר... אין דער אמת'ן קען מען מיינען, דאס איהר פערמאָגט גאָלדענע בערג.

— איהר קענט מיינען און וועט קיין טעות ניט האָבען, ווייל איך האב טאַקי היינט געוואָלט ריידען מיט אייך וועגען אַ גרויסען גאָלדענעם באַרג... מיין רייכטהום איז כּמעט גאַרנישט געגען יענעם, וועלכער ערוואַרטעט אין קורצען מיין משפחה.

דעגרינים לאַגע איז געוועזען שרעקליך און אונטראַגליך. די מעדאַליאָנען זיינען געוועזען פיר איהם זאָ וויכטיג, דאס ער האט אפילו דעם דאָקטאָר באַלעניע ניט ערצעהלט פון זיי. טריפּאַ האט אויך גאַר ניט געוואוסט פון דעם.

די פירשטין האט פערשטאַנען דעגרינים לאַגע און שרעק; דאריבער האט זי זיך געאיילט אַרויספיהרען איהר פּלעמעניצע אויף אַנדערע רייד.

— עס איז דאָ פיעל פאַמיליענאינטערעסען, האט די פירשטין געזאָגט, וועלכע דאַרפען בלייבען אין געהיים, זאָגאַר איך האב ניט פערשטאַנען וואס איהר האט פריהער געזאָגט, פונדעסטוועגען בעט איך אייך דיזען געשפּרעך צו פערקירצען...

— ווי?.. זיינען מיר דען יעטצט ניט צווישען גוטע פאַמיליענ-פריינד?...

— ווען די רייד איז אָבער וועגען אונבעשטימטע זאַכען, איז גלייבער גאָר צו שווייגען.

— ערקלערט מיר אָבער די אורזאַכע פון דעם, דאס איהר און דער

הערר אבאט זיטצען עפיס ווי צומישט, דאס איז ניט אומזאנסט, ווי איך פערשטעה...

— איך בעפעהל אייך איהר זאלט שווייגען, האט די פירשטין אויסער זיך אויסגעשריען.

— אה, טאנטע, האט אנדריעגע רוהיג געזאגט, פאר אזא פערזאן, ווי איהר זייט, איז יעטציגער אין בעם ווערען אן איין איבערלייגונג...

דעם אבאט'ס אונ פירשטינס לאגע איז געווען קריטיש, נאר צו הילף איז געקומען דער קאמערדינער, וועלכער האט געמעלדעט, דאס עס זיינען געקומען דער קאממיסאר מיט איינינע פאליציי־לייטע, אונ דער ערשטער פערלאנגט צו ריידען מיט דער פירשטין.

זאגאר זי האט זיך זעהר געוואונדערט ווי אזוי קומען דא יעטצט א קאממיסאר מיט פאליציי, פונדעסטוועגען האט איהר א הנאה געטהון דער צופאלל, דען זי וועט זיך הערוויל קענען דורכריידען מיט דעגריני וועגען אנדריעגען, אונ דארום האט זי זיך געווענדעט צום אבאט אונ געזאגט:

— איך בעט אייך, הערר דעגריני, קומט מיט מיר. איך הייב ניט אן צופערשטעהן וואס קען דארפען צו מיר דער קאממיסאר.

דער מארקיז האט זי פערשטאנען אונ איז באלד ארייננעגאנגען מיט איהר אין א צווייטעס צימער. זיי האבען זיך גוט דורכגערעדט פון זייערע פלאנען אונ, ענדליך האט די פירשטין געזאגט צום אבאט: ווארט דא אויף מיר, איך געה נור זעהען דעם קאממיסאר אונ קום באלד צוריק.

דעגריני איז געבליבען אליין אין צימער; ער האט זיך געזעטצט שרייבען א בריעף צום דאקטאר.

IV.

די געטצען.

אנדריענע איז געבליבען אין דער געזעלשאפט פון באלעניע און טריפא. זי האט באלד פערשטאנען, דאס דער קאממיסאר איז געקומען בעזוכען דעם פאוויליאן.

אגריקאל איז אפילו געוועזען גוט בעהאלטען, פונדעסטוועגען האט זי מורא געהאט מען זאל איהם ניט געפינען און ארעסטירען; דארום האט זי זיך בעשלאסען בעטען הילפע ביים דאקטאר, וועלכער האט געהאט א גוטען בעקאנטען מיניסטער. זי איז באלד צוגעגאנגען צום דאקטאר, וועלכער האט גערעדט מיט'ן באראן און פריינדליך געזאגט: מיין גוטער דאקטאר, איך האב עטוואס געוואלט מיט אייך רײדען. דער דאקטאר איז באלד אבגעגאנגען מיט איהר אן א זייט.

זריפא, וועלכער האט פאר איהר געציטערט ווי פאר פייער, איז געוועזען זעהר צופרידען, דאס זיי זיינען אוועק פון איהם. ווי אנדריענע האט אנגעהויבען איהם ערצעהלען די געשיכטע פון אגריקאל איז דער קאמערדינער אריין און האט דערלאנגט דער דאקטאר א בריעף, זאגענדיג, דאס דא ניט לאנג האט איהם עקסטרא א לאקאי געבראכט.

— מען לאזט אייך א מינוט ניט רוהען, מיין ליבער דאקטאר! האט אנדריענע געזאגט.

— רעדט שוין גאר ניט, ליבע פריילין! האט דער דאקטאר געאנטווערט, און האט קוים איינגעהאלטען זיין איבערראשונג, ערזעהענדיג דעגריניס האנדשריפט, — די קראנקע מיינען אז מיר זיינען פון אייזען... ערלויבט מיר איבערצולעזען..

— ביטטע ? האט אנדריענע, פריינדליך אנייגטהוענדיג מיט׳ן קאפ געזאגט.

דער בריעף איז געווען קורץ אנגעשריבען און דער דאקטאר האט איהם גיך איבערגעלעזען.

„היינט״ ? האט זיך ניט ווילענדיג ארויסגעכאפט פון זיין מויל, — דאס איז אונמעגליך ?... גאר איינפאך, ער איז פון זינען אראב.

— דער בריעף איז געווים פון איין ארעמען קראנקען, האט אנדריענע געזאגט; איך בעט אייך, ליבער באלעניע, זאגט איהם ניט אב. — באלעניע האט פערשעמט אנגעקוקט אנדריענען.

— יא, דאס איז פון מיינעם א קראנקען, וועלכער איז זעהר איינגעגלויבט אין מיר גאר ער בעט יעטצט ביי מיר כמעט א אונמעגליכע זאך.

— ליבער דאקטאר, בערעכענט זיך...

— וואס קען איך טהון, ווען דאס איז פארט א אונמאגליכע זאך... יא וואס האט איהר געוואלט בעטען ביי מיר ? האט ער געפרעגט

אנדריענע האט שוין אנגעהויבען צו ערצעהלען איהר ביטטע וועגען אנריקאל׳ן, זייענן אינדעם די פירשטין סענדריזע און דעגריני אריינגעגאנגען אין צימער. דער פירשטינס געזיכט האט געשיינט מיט א טייפלישער פריידע.

דער אבאט האט באלד א קוקגעגעבען אויפ׳ן דאקטאר, וועלכער האט איהם געאנטווערט מיט׳ן קאפ אויף „ניין״. דעגריני האט פאר וואוטה פערביסען די ליפען. די גאנצע האפנונג זייגע איז געווען אויפ׳ן דאקטאר און יעטצט נא דיר, א „ניין״.

— מיינע הערען ? איך בעט אייך זעטצט זיך, האט סענדריזע געזאגט, איך דארף אייך נאך וואס ערצעהלען פון דער פריילין. ביי די ווארמער האט זי מיט פעראכטונג געוויזען אויף איהר פלעמעניצע.

— וואס ווילען זיי ווייטער פון אייך, מיין ארעמעס קינד ? האט

באלעניע מיט א פאטערליכען טאן געזאגט, אבטרעטענדיג פון פענסטער, ביי וועלכען ער מיט אנדריענען זיינען געשטאנען, וואס עס זאל זיך נור פאסירען, פערלאזט זיך אויף מיר. ביי די ווארטער האט ער זיך גע־זעטצט צווישען דעם אבאט און באראן טריפא.

אנדריענע איז געווארען זעהר אויפגערעגט פון איהר טאנטעס עזות־דיגע ווארטער, זי האט גענומען איהר היטעלע אוועקצוגעהן; דעם דאקטאר האט זי געבעטען ער זאל קומען צו איהר צו הויזע, ווייל זי דארף מיט איהם עטוואס ריידען. די פירשטין ערזעהענדיג דאס איהר קרבן ווערט ערטרונען פון איהרע האנד, איז זי צוגעגאנגען צו אנדריענען, האט איהר אנגענומען פארן האנד און כמעט אויסגעשריען: „געהט ניט אוועק“!...

— טאנטע!.. האט אנדריענע געזאגט: איך פרעג אייך, וואו בין איך יעטצט?!

— איהר ווילט ענטלויפען, איהר שרעקט זיך? האט די פירשטין סענדיזע געזאגט, קוקענדיג אויף איהר מיט א פערדרוסליכען בליק.

די ווארטער „איהר שרעקט זיך“ האט אנדריענען אזוי אויפגערעגט, דאס זי וואלט בעת מעשה אין פייער און אין וואסער געלאפען. זי האט דיזעלבע מינוט צוריק אויסגעטהון איהר פעלירינקע מיט דעם היטעלע און האט שטאלץ מיט א בעפעהלענדען טאן געזאגט: רעדט!.. איך וועל הערען!..

און די פירשטין האט ערצעהלט ווי דער קאממיסאר האט ביי איהר אין קלאפציממער געפונען א געהיימע טהיר, וועלכע איהר קאמערדינערקע גריבוא האט בעמערקט, און דארטען האט מען געפונען א האנדווער־קער, וועלכען איהר פלעמעניצע האט בעהאלטען, און דאס מען האט איהם [illegible] אוועקגעפיהרט אין טורמע...

— אנדריענע האט שוין מעהר ניט געוואלט הערען איהר טאנטעס רייד און האט גענומען איהר היטעלע און האט זיך געווענדעט צו

בַּאלֶענֶע: דָאקְטָאר! אִיךְ הָאבּ אַייךְ נָאר וָואס גֶעבֶּעטֶען וֶוענֶען אַ טוֹבָה בַּיים מִינִיסְטֶער.

— יַא... מִיט'ן גְרֶעסְטֶען פֶערגְנִיגֶען בִּין אִיךְ פֶערְטִיג אַייךְ צוּ דִינֶען...

אַייעֶר קַארֶעטֶע אִיז דָא?

— יַא!

— אַלְזָא זַייט אַזוֹי גוּט... אוּנ לָאמִיר שׁוֹין פָאהרֶען צוּם מִינִיסְטֶער...

— ווּי, אִיהר וֶועט פָאהרֶען אָן מַיין עֶרלוֹיבְּנִים? הָאט דִי פִירְשְׁטִין גֶעזָאגְט.

אִין דֶער צַייט, וָואס אַנְדְרֶעיֶענֶע הָאט גֶעפְרֶעגְט בַּיין דָאקְטָאר צוּ זַיין קַארֶעטֶע אִיז דָא, הָאט דֶעגְרִינִי גָאר אַ צִיטֶער גֶעטְהוּן מִיט'ן גַאנְצֶען קֶערְפֶּער אוּנ זַיינֶע אוֹיגֶען הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען זֶעהר צוּ בְּלִישְׁצֶען. עֶר הָאט גֶעגֶעבֶּען אַ פִּילבֶּעדוֹיטֶענְדֶען קוּק אוֹיפ'ן דָאקְטָאר, וֶועלְכֶער הָאט אִיהם מִיט'ן קָאפּ גֶעאֶנְטְוֶוערְט אוֹיף „יַא".

— פְרֵיילִין! אִיךְ הֵייס אַייךְ נִיט פָאהרֶען! הָאט דֶערווַייל דִי פִירְשְׁטִין מִיט אַ שְׁטְרֶענְגֶען טָאן גֶעזָאגְט.

דֶעגְרִינִי הָאט זִיךְ אוֹיךְ אַרַיינְגֶעמִישְׁט אִין זַייעֶר גֶעשְׁפְּרֶעךְ.

— מִיר דַאכְט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט, דָאס מֶען קֶען גֶעטְרוֹיֶען דֶעם הֶערְרְן דָאקְטָאר דִי פְרֵיילִין אַנְדְרֶעיֶענֶע.

דִי פִירְשְׁטִין הָאט בַּאלְד אַלֶעס פֶערְשְׁטַאנֶען. אִיהר גֶעזִיכְט הָאט אוֹיסְגֶעדְרִיקְט פְרֵייד.

דָאס אַלֶעס אִיז זָא גֶעשְׁוִוינְד פָארְגֶעקוּמֶען, דָאס אַנְדְרֶעיֶענֶע, וֶועלְכֶע הָאט נָאר גֶעדֶענְקְט פוּן אַנְרִיקָאלְס יֶעצְטִיגֶער לַאגֶע הָאט גָאר נִיט בֶּעמֶערְקְט וָואס עֶס טְהוּט זִיךְ אַרוּם אִיהר.

— דִי פִירְשְׁטִין הָא[illegible] עפוּנֶען פַאר נֵייטִיג נָאךְ אַ מָאל צוּגֶעהְן צוּ אִיהר פְלֶעמֶענִיצֶע אוּנ הָאט זִי גֶעפְרֶעגְט: אַלְזָא הָאט אִיהר בֶּעשְׁלָאסֶען מִיךְ נִיט צוּ פָאלְגֶען אוּנ אִ[illegible]ר ווִילְט דַוְוקָא פִיהרֶען אַ פְרֵייעֶס לֶעבֶּען

— איך האב אייך שוין איין מאל געזאגט, דאס איך וועל פון דיזען [illegible] ארויספאהרען און וועל לעבען ווי איך פערשטעה. מיין ווארט וועל איך קיין מאל ניט בייטען...

— מיינע הערען! איהר האט געהערט, האט די פירשטין ווייטער גערעדט, אומזאנסט מיינע מיהע. אללא זאל מיינע פלעמעניצע זיך אליין בעשולדיגען אין דעם, וואס איך וועל זיין גענייטיגט זי צו בעשטראפען פאר איהר אונפערשעמטע אויפפיהרונג.

— לאמיר פאהרען, הערר דאקטאר! האט אנדריענע געזאגט, קוקענדיג דער פירשטין גלייך אין די אייגען, ווייל יעדע איבעריגע מינוט, וואס איך בין דא, קען פערשאפען אומזאנסט טרערען דיזער ארדענטלי-קאמפאניע.

באלד נאכדעם איז זי ארויסגעגאנגען און באלעגיע מיט איהר.

דער לאקאי האט געהאלפען אנדריענע זיך אריינזעטצען אין קארעטע. און דער דאקטאר האט איהם עפיס שטילערהייט וואס געזאגט און אלס ער האט זיך געזעטצט גלייך מיט אנדריענען: האט ער א געשריי געטהון צום קוטשער: „צום הויז פון הערן מיניסטער".

דער קוטשער האט א שמיטץ געגעבען די פערד און די קארעטע איז געשווינד אוועקגעפאהרען.

V.

ביי דעם מיניסטער.

אלס אנדריענע האט זיך געזעטצט [illegible] איז שוין געווען א-בענדצייט. אנדריענע איז געווען זעהר [illegible] און האט צו זיך

ניט געקענט קומען. עס האבען זיך איהר געשטעלט טרערען אין די אויגען.

— מיין ליבע פריילין! הערט אויף צו וויינען, האט דער דאקטאר פריינדליך אונז זים געזאגט.

— איך ווייס אז איהר זייט מיר א אמתער פריינד, האט אנדריעווע געזאגט; איך וועל עס קיין מאל ניט פערגעסען דאס צוליעב מיר וועט מיין טאנטע פון אייך נקמה געהמען...

— וואס געהער אן דעם, האט באלעניע געאנטווערט מיט א געמאכ־טער גלייכגילטיגקייט, זיינען מיר דאקטורים, פריי פון פערשידענע נקמות...

— פונדעסטוועגען צוליעב וואס האבען זיי זיך פערזאמעלט?.. וואס פיר א מיטלען קען זי זוכען געגען מיר?.. ווייסט איהר אפשר ניט, דאקטאר?

— צווישען זיך ביידענדיג, ווי איך פערשטעה, האט זי געוואלט אייך נור אנשרעקען.

— אייך צו פערדאנקען, מיין ליבער דאקטאר, האט אנדריעווע לאבענד געזאגט, פיהל איך דאס עס קערט זיך מיר אום צוריק מיין פריהער־דיגע רוהיגקייט.

— אין לעבען, האט דער דאקטאר פילאזאפיש געאנטווערט ווענדט זיך נאר ווי מיר קוקען אויף יעדער זאך.

פריילין קארדאוויל, וועלכע פלעגט פאהרען אלע מאל אין א פער־מאכטע קארעטע האט זעהר ווייניג געקענט די פאריזער גאסען.

זאנאר דער דאקטאר האט זיך פעסט בעשלאסען צו העלפען דעגריני פונדעסטוועגען האט זיך איהם זעהר געוואלט וויסען, וואס בעהאלט מען דאס פון איהם. אלזא האט ער אנדריעווען געפרעגט: איהר האט געזאגט, דאס מען בעהאלט עטוואס פון אייערע אינטערעסען.

— יא... די מעשה פון דעם איז אזוי... האט אנדריעווע געזאגט

און האט איהם ערצעהלט פון דער ירושה, נאר ניט ריכטיג.

— ווער האט דאס אייך ערצעהלט? האט ער איילענדיג געפרעגט.

— איך קען דאס אייך ניט זאגען, ווייל דאס איז א סוד, האט זי געענטווערט, און האט זיך פערטראכט.

באלעניע האט אויך געשוויגען. ער האט יעטצט פערשטאנען, דאס דא האנדעלט זיך וועגען א ירושה און האט זיך בעשלאסען אוועקצושיקען א פאסקוויל וועגען דעם וואהין מען דארף...

ענדליך זיינען מיר געקומען צופאהרען, האט דער דאקטאר פריילין געזאגט, און האט אנדריענען געהאלפען ארויסגעהען פון קארעטע.

באלעניע האט זי אריינגעפיהרט דורך א גרויסען און ליידיגען קארידאר אין א זאל, אויסגעקלעפט מיט גרינע טאפעטען און מעהר אלס עטליכע שטולען מיט א לאמפע איז ניט געווען אין איהם. אנדריענען האט פערוואונדערט דעם מיניסטערס מעבעל און זי האט זיך אבגעשטעלט.

דער דאקטאר האט זי געבעטען ווארטען און אליין איז ער באלד פערשוואונדען דורך א זייטיגע טהיר'ל.

אנדריענע איז געבליבען אליין; זי האט געוואלט צורוקען צו זיך א שטול... נאר דער שטול האט זיך ניט גערידערט פון ארט. זי האט זיך איינגעבויגען און בעמערקט, דאס ער איז צוגעשמידט צו דער פאדלאגע. זי האט א שמייכעל געטהון און האט געטראכט: "ווער קען מאגליך דאס דער מיניסטער האט דא אויף אזוי פיל קיין צוטרויען, דאס מען מוז צושמידען די מעבעל צו דער פאדלאגע, כדי ער זאל ניט אוועקפיהרען מיט זיך...

עס איז אוועק מעהר ווי א פערטיל שטונדע און באלעניע איז ניט געקומען צוריק.

פלאצליך האט זיך איבער איהר קאפ אויפ'ן 2 טען שטאק געהערט שרעקליך-ווילדע געשרייען און געוויין מיט א געפויש פון עטליכע

מענשען וואלטען זיך ראנגלען.

זי האט זיך זעהר ערשראקען און איז בלאס געווארען; זי איז צוגעגאנגען צום פענסטער, וועלכעס איז געווען פון אינווענייג מיט אייזערנע גראטעס און האט עס באלד אויפגעעפענט; א שטראם פרישע לופט האט זיך אריינגעריסען אין צימער און אבגעפרישט איהר געזיכט. די לאמפע אויפ'ן טיש האט זיך באלד פערלאשען.

עס איז פאריבער איינייגע מינוט און צו איהר אין צימער זיינען אריין צוויי פרויען; איינע האט געהאלטען אין האנד א לאמפע און די צווייטע א קלייד פון גראבע ליינוואנד.

אנדריענע האט זיי געפרעגט וועגען באלעניע און האט געבעטען זיי זאלען איהר בריינגען א קארעטע. זיי האבען איהר געאנטווערט, דאס באלעניע איז שוין אוועקגעפארען און דאס עס איז שוין צייט זי זאל געהן שלאפען.

— איך זאל געהן שלאפען?.. וואו בין איך אבער?

— אין אזא הויז, וואו מען ערלויבט ניט צו שרייען און אויסלעשען די לאמפע.

אנדריענע האט זיי אנגעהויבען שטארק צו בעטען זיי זאלען זי בעפרייען, און דערפאר האט זי זיי צוגעזאגט זעהר פיעל געלד צו בעצאהלען, דאס האט אבער גאר ניט געהאלפען. דאן האט זי זיי געסטראשעט. זיי האבען איהר געוויזען א „צוואנג-העמד פאר משוגעים".

דא האט זי פערשטאנען וואס עס טהוט זיך מיט איהר; זי האט א ציטער געטהון און איז באלד אין חלשות געפאלען.

נישקשה, עס איז קיין סכנה... — האט טאמא געזאגט, לאמיר איהר אוועקלייגען אויפ'ן בעט און אויסטהון זי...

זיי האבען זי באלד איבערגעטראגען אין א צווייטעס צימער און אוועקגעלייגט אויפ'ן בעט און נעבען איהר אוועקגעשטעלט א לאמפע. עס איז פאריבערגעגאנגען איינייגע מינוט, זיי האבען שוין געוואלט אוועק-

געהן ווי אינגעם האט זיך אנדריענע אויפגעכאפט . . .

ווי זי האט ערזעהען די פרויען ווידער געבען זיך איז זי געווארען זעהר אויפגערעגט און איז געשווינד אויפגעשטאנען פון בעט און ניט-ווילענדיג האט זי אראבגעווארפען די לאמפע.

— אזוי ? איהר הייבט שוין אן צו דרעשען די לאמפען, האט מאמא מיט בעם געזאגט, — מיר וועלען אייך באלד אנטהון א „העמד" .

— געה, שווערזעניא, ברייננ א העמד ! איך וועל זי צוהאלטען . . . מיר דאכט או זי איז גאר פון די שטארקע משוגעים.

אין איינינע מינוט ארום, האט אנדריענע שוין געטראגען א „משוגעים העמד" .

די גאנצע נאכט האט זי ניט געשלאפען.

ווי גרוים זיינען אבער געווען איהר וואונדער און שרעק אלס אוהר 10 מארגענס איז צו איהר אריין דאקטאר באלעניע. ער האט צוגעשמייכעלט און איז געווען ווי פריהער זעהר פריינדליך.

— נו, וואס מיין קינד, האט ער מיט א בעזארגטען און פריינדליכען טאן געזאגט, האט איהר די נאכט גוט געשלאפען ?

VI.

דעם דאקטארס וויזיט.

אנדריענע איז געזעסען אויף איהר נייע בעט. ערזעהענדיג באלעניע האט זיך איהר אנגעהויבען צו מישען אין קאפ.

— ווי האט איהר, מיין ארעמעס קינד, די נאכט געשלאפען ? האט דער דאקטאר מיט א זיסער שטימע ווידער געפרעגט.

אַנדְרֶיעֶנֶע הָאט אַ וָוארְט נִיט גֶעקֶענְט אויסְרֵיידֶען

— גֶענוג, גֶענוג! הָאט דֶער דָאקְטָאר בֶּעוֶועגְט גֶעזָאגְט, אִיהר זַייט אויף מִיר אִין כַּעס... נִיט וַואהר? אִיךְ הָאבּ דָאס טַאקִי עֶרְוַוארְט מַיין לִיבֶּעס קִינְד!...

אַנדְרֶיעֶנֶע הָאט זִיךְ שׁוין נִיט גֶעקֶענְט אַיינהַאלְטֶען... זִי אִיז אויפְגֶעשְׁטַאנֶען, אוּנ וַוייזֶענְדִיג אויף׳ן טְהִיר, הָאט זִי מִיט אַ בֶּעפֶעהל גֶעזָאגְט: „עֶפֶענְט דִי טְהִיר"!

— מַיין לִיעבֶּעס קִינְד, הָאט דֶער דָאקְטָאר אַ שְׁמֶעקְטְהוּעֶנדִיג טַאבַּאק ווידֶער גֶעזָאגְט, לָאמִיר זִיךְ דורכְרֵיידֶען ווִי גוּטֶע פְרֵיינְד... אִיהר וַוייסְט דָאךְ אַז אִיךְ בִּין אַיְיער בֶּעסְטֶער פְרֵיינְד.

— אוּנ צוּלִיעבּ דֶעם טַאקִי וֶועל אִיךְ גֶעווִיס הַיינְט נִיט אַרויסגֶעהֶן פוּן דַאנֶען.

— דָאס אִיז גָאר אֵיינְפַאךְ אוּנמֶעגְלִיךְ... אִיהר וָואלְט זֶעהֶען ווִי עֶס פְלַאמְט בַּיי אַיךְ דָאס גֶעזִיכְט... אוּנ דֶער פוּלְס מוּז גֶעווִיס גֶעהֶן 90 אִין אַ מִינוּט... בֶּערוּהִיגְט זִיךְ מַיין לִיעבֶּעס קִינְד! הָאט דֶער דָאקְטָאר מִיט אַזאַ אוּמֶעדִיגֶע שְׁטִימֶע גֶעזָאגְט, דָאס אַנדְרֶיעֶנֶע הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען בִּיטֶער צוּ לַאכֶען.

— אַלְזָא זוּכְט אִיהר נָאר מַיין טוֹבָה.

— אָן שׁוּם צְוַוייפֶעל!... מַיינֶע גֶעדַאנְקֶען זַיינֶען אַלֶע מָאל אַייךְ צוּ טְהוּן נוּר גוּטֶעס

זָאגְט מִיר! הָאט אַנדְרֶיעֶנֶע גֶעפְרֶעגְט, וויפִיעל צָאהלְט מֶען אַייךְ דֶער פַאר וָואס אִיהר הָאט מִיךְ גֶעמַאכְט פַאר אַ מְשׁוּגָעֶנֶע?

— פְרֵיילִין! הָאט בַּאלֶעגֶע אויסגֶעשְׁרִיעֶן, וֶועלְכֶער הָאט זִיךְ בֶּעלֵיידִיגְט פוּן דֶער פְרַאגֶע.

— אִיהר וַוייסְט דָאךְ אַז אִיךְ בִּין זֶעהר רַייךְ, הָאט אַנדְרֶיעֶנֶע מִיט פֶעראַכְטוּנְג וַוייטֶער גֶעזָאגְט, אִיךְ וֶועל אַייךְ צְווַיי מָאל אַזוי פִיל גֶעבֶּען. זָאגְט נָאר וויפִיעל... אִיךְ בֶּעט אַייךְ, מַיין הֶערר אִין דֶעם נָאמֶען פוּן

אונזער פריינדשאפט, גיט מיר די געלעגענהייט אייך צו מאכען פאר א גביר.

— איהר האט דאך די וואָרטעריגען אויך געבאָטען געלד, האט דער דאקטאר קאלטבליטיג געאנטווערט.

— דאס איז נאך ניט אזוי... איך האב זיי געבאָטען אזוי פיל, וויפיעל מען קען נאר בעפרידיגען ארעמע פרויען. אבער אייך מיין העדר אלס קלוגען, וועלטליבען און געלעהר[illegible] נאר איין אנדערע זאך; אזא מענשען צאהלט מען אלע מאל פיל טייערער... אלזא צוליעב דעם וואס איך האב געבאָטען צו וועניג דיזע אונגליקליכע פרויען דארפט איהר זיך ניט ענטזאגען; איהר האט זיך ניט וואס צו שעמען, זאגט וויפיעל איהר פערלאנגט?...

— די וואָרטעריגס האבען מיר איבערגעגעבען, דאס איהר האט זיי געסטראשעט, מעגליך איהר וועט מיך אויך סטראשען?

— מיין יעטצטיגער סטראשען קען קיין ווערדע ניט האבען; ביי אונז פאנגט זיך אן א מלחמה אויף לעבען אדער טויט; אויף דעם אבער וועל איך אנווענדען גאר מיינע קרעפטען... מיין גאנצען פערשטאנד... און...

— איך שרעק זיך ניט, האט ער איהר איבערשלאגענדיג די רייד, קאלטבלוטיג געזאגט, און נאכהער האט ער אין פערלויף פון א גאנצער שטונדע איהר אויפגעוויזען, דאס זי איז ווירקליך ניט געזונד.

זי איז געבליבען זיטצען זעהר אבגעשוואכט און האט מיט ביידע האנד פערדעקט דאס געזיכט, נאר ענדליך האט זי אויפגעהויבען דעם קאפ; דאס געזיכט איז געוועזען עטוואס רוהיגער.

— הערר באלעניע האט זי ריהרענד געזאגט איך ווייס ניט, וואס איך האב אייך דא ניט לאנג אזוי פיל אנגערעדט, איך בין געוועזען צו-טומעלט, נאר יעטצט בין איך געקומען עטוואס צו זיך!.. הערט מיך אויס: איך בין אין אייערע האנד. צו איהר זייט מיר א פיינד צו א פריינד

דאס ווייס איך ניט. זאגט מיר דעם אמת צו איהר שרעקט זיך ווירקליך אז איך זאל ניט אראבגעהן פון זינען? אדער איהר זייט מעהר ניט דער שליח פון מיינע פיינדע, וועלכע ווילען נעהמען נקמה פון מיר? דאס ווייסט איהר גאר אליין. זאגאר איך בין ביים גאנצען מוטה, פונדעסט־וועגען פיהל איך זיך בעזיגט. וואס איהר זאלט פון מיר ניט פאדערען שטימם איך אויף דעם איין, איך גיב אייך אויף דעם מיין ערענווארט, און נאך דעם אלעם דארפט איהר מיר גאר ניט האלטען דא. ווען אבער אין געגענטהייל, איהר זייט געוויס זיכער, דאס איך בין ווירקליך אראב פון זינען, וואס וועגען דעם האט איהר אין מיר ערוועקט א שרעקליכען צווייפעל, דאן זאגט עס מיר, איך וועל אייך גלויבען. איך בין אונטער אייער שוטץ, אן פריינד, אן א ראטה... אלזא פערלאז איך מיך אויף אייך. זאגט מיר אבער וועמען בעט איך: מיין מערדער אדער מיין רעטער? דאס ווייס איך ניט, און זאג אייך... אט האט איהר מיין צו־קונפט, מיין לעבען...— נעהמט זיי... איך האב מעהר קיין קראפטען צו שטרייטען.

אנדריענעס ווארטער האבען פיל געווירקט אויף באלעניע; איהם האט זיך געשטעלט טרערען אין די אויגען און ער איז שוין געוועזן פערטיג אלעם איהר צו ערקלערען. ער איז צוגעגאנגען צו איהר.

אין דערזעלבער מינוט, ווי ער האט געוואלט זי נעהמען פאר'ן האנד, האט זיך פון הינטער'ן מהיר געהערט א דינענקע און קוויטשעדיגע שטיממעלע: „הערר באלעניע"!..

ראדען! האט דער ערשראקענער דאקטאר געמורמעלט, ער היט מיך.

— ווער רופט דאס אייך? האט אנדריענע איהם געפרעגט.

— א מאנן, וועלכען איך האב היינט פריה געבעטען קומען אהער, האט דער דאקטאר אומעדיג געאנטווערט.

— אלזא, וואס פאר אנ'אנטווארט וועט איהר מיר יעטצט געבען?

האט אנדריענע געפרעגט.

ער האט געשוויגען און ענדליך געאנטווערט, איך בין דערזעלבער. וואס איך בין אלע מאל געוועזן — א פריינד, וועלכער איז ניט פעהיג אייך אבצונארען, ביי די ווארטער האט ער א קוק געגעבען אויף א קליין פענסטער'ל...

אנדריענע איז שרעקליך בלאס געווארען און נאכדעם געבענדיג איהם די האנד, האט זי רוהיג געזאגט: איך דאנק. אייך; איך וועל זיך בעמיהען האבען מוטה, נאר לאנג וועט דאס נאך דויערן?

— מאגליך א מאנאט... בערוהיגט זיך... ווען דאס צימער געפעלט אייך ניט, קען מען אייך געבען איין אנדערעס.

— מיר איז אלץ איינס, האט אנדריענע געאנטווערט.

— צווייפעלט ניט און זייט מוטהיג.

— צום ווידערזעהען, הערר באלעניע; האט זי שטיל געזאגט, יעטצט איז מיין גאנצע האפנונג נאר אויף אייך.

איהר קאפ האט זיך אראבגעלאזען אויף איהר ברוסט און זי איז גע־בליבען זיצען אויף איהר בעט בלאס, אונבעוועגט און נידערגעשלאגען.

VII.

דער בריעף.

עס איז געוועזן 7 אוהר אין דער פריה. דרויסען איז געוועזן נאס און דונקעל. פראנציסקע האט די גאנצע נאכט ניט געשלאפען און געווארט אויף איהר זוהן; זי איז גאנץ פריה אויפגעשטאנען און געגאנגען זעהען אויב אנדריקאל איז שוין געקומען.

ראזע און בלאנש זיינען אויך אויפגעשטאנען . זיי האבען בעדויערט, דאס זיי זיינען צו לאסט פראנציסקען און דאס, פאר זיי וואלט גלייכער געווען , זיי זאלען זוכען ארבייט ; זיי האבען זיך בעשלאססען צו פרעגען ביי מאיע'ן אנ'עצה.

פראנציסקע האט זיך צוריקגעקערט אזוי שרעקליך בלאס און פער־קוממערט, דאס ראזע ערזעהענדיג זי האט אויסגעשריען : מיין גאטט ! וואס איז אייך ?

— אך, מיינע ליבע פריילינס ! איך קען שוין מעהר ניט בעהאלטען פון אייך מיין קוממער... און פראנציסקע האט אנגעהויבען צו וויינען... איך געה ארום ווי אן אקאפ... איך האב געוואַרט א גאנצען אבענד אויף מיין זוהן און ער איז יעטצט נאך אויך ניט דא... איך האב שוין קיין קרעפטען ניט געהאט צו האלטען דאס אויפ'ן הארצען... ער איז ניט געקומען... און צו דעם איז נאך מאיע אויך ניט דא. — נאר אין דערזעלבער מינוט האט זיך געעפענט די טהיר און מאיע איז אריין איהרע קליידער זיינען געווען זעהר נאס, ווייל א גאנצע נאכט איז גע־גאנגען ארעגען און שנעע.

מאיע האט ערצעהלט פראנציסקען וואס מיט אגריקאל'ן האט פאסירט און דאס די פריילין, וועלכע וואלט איהם געקענט רעטען איז צום אונגליק פון זינגען אראב, אזוי האט מען איהר געזאגט אין פאוויל־יאן , און דאס געכטען האט מען זי אוועקגעפיהרט אין דולהויז.

באלד נאך מאיעס קומען איז אריין לאריא דער פארבער און האט דערלאנגט פראנציסקען א בריעף און געזאגט, דאס מען האט איהם געבראכט פון אבאט דיובוא. פראנציסקע האט געגעבען דעם בריעף מאיען איבערצולעזען. אין בריעף איז געשטאנען פאלגענדעס :

„ליבע מאדאם באדוען !

„שטענדיג קומט איהר אויפ'ן איספאוויעד דינסטאג און שבת ; מארגען אבער און שבת בין איך זעהר פערנומען ; דארום זאלט איהר באלד

קומען צו מיר, ווארום אויב ניט וועל איך א גאנצע וואך אייך ניט קענען איספאווערזען".

— דער אללמאכטיגער גאטט האט צוגעהערט מיין געבעט וועגען אייך, האט פראנציסקע געזאגט צו די יתומות, ווייל יעטצט וועל איך האבען א געלעגענהייט זיך אנ'עצה האלטען וועגען אייך מיט זעהר א גע־עהרטען אונ ווירדיגען מאנן... גאטט איז מיין עדות, דאס איך זארג פאר אייך ווי פאר מיין זוהן.

נאכדעם האט פראנציסקע זיך געווענדעט צו מאיען אונ האט זי געבעטען געהן פערזעטצען עטליכע זילבערנע לעפעל מיט א צוידענע טיבעל, אונ פון די געלד זאל זי אוועקטראגען העלפט אגריקאל'ן אונ דאס איבעריגע וועט בלייבען אויף לעבענס־מיטעל ביז דאנאבערס צו־ריקקומען. באלד נאכדעם איז פראנציסקע ארויס פון צימער.

ענדליך האבען זיך ראזע אונ בלאנש ערווארט די גליקליכע מינוט — צו זיינען געבליבען אליין מיט מאיע'ן.

VIII.

פראנציסקע אויפ'ן איספאוועד.

„אלזא קענען מיר ערווארטען די צוויי מיידלעך אין צוויי שטונדען ארום אין קלויסטער ס"ט מאריע" — האט א מאנן פון האסקליבען אויס־זעהן, פראסט אנגעטהון מיט א פאראסאל אין האנד, געזאגט צום אבאט דיובוא, געהענדיג אויפ'ן גאס —, „איך פערלאז זיך אין גאנצען אויף אייך".

— איך האף דאס אויסצופיהרען, כדי צו רעטען זייערע זינדיגע

גְ...ית, הָאט דֶער אַבַּאט גֶעאֶנטווָערט

דֶער מַאנן, וָואס הָאט גֶערֶעדט צום אַבַּאט, אִיז גֶעוֶועזֶען אוּנְזֶער בֶּעקַאנ־טֶער רָאדֶען, וֶועלְכֶער אִיז פוּן אִיהם אַוֶועק אִין בַּאלֶענְיֶעס הָאסְפִּיטַאל זֶעהֶען אויבּ דֶער דָאקְטָאר הָאט אַלֶעס גֶעטְהוּן וִוי עֶר הָאט אִיהם גֶעהֵייס־סֶען וֶועגֶען אַנְדְרֵיעֶנֶע קַארְדַאוִויל.

אַבַּאט דִּיוּבּוּאַ, קוּמֶענְדִיג צוּ הוֹיזֶע, הָאט בַּיי זִיךְ שׁוֹין גֶעטְרָאפֶען פְּרַאנְצִיסְקֶע בָּארוּוֶען.

זִי הָאט אִיהם אַלֶע אִיהְרֶע זִינְד אוֹיסֶערְצֶעהלְט, וִוי דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז, אוּנ, דָאס אִיהר מַאנן הָאט גֶעבְּרַאכְט פוּן סִיבִּיר דֶעם גֶענֶערַאל סִימָאנְס צְווֵיי טָאכְטֶער, וֶועלְכֶע זַיינֶען נָאךְ נִיט גֶעהֵיילִינְט. דֶער אַבַּאט הָאט אִיהר גֶעזָאגְט, דָאס דִי מֵיידְלֶעךְ וֶועלֶען זַיין אוּנְגְלִיקְלִיךְ פַאר זֵייעֶרֶע זִינְד, אוּנ דֶערְפַאר וָואס זֵי הַאלְט זֵיי וֶועט מֶען זִי אִין גֵיהִנָם זֶעהר בֶּע־שְׁטְרָאפֶען אוּנ עֶר הָאט אִיהר אַנ עֵצָה גֶעגֶעבֶּען, אוּם צוּ רֶעטֶען זֵייעֶרֶע זִינְדִיגֶע נְשָׁמוֹת, זִי זָאל זֵיי אַרֵיינְגֶעבֶּען אִין אַ קְלוֹיסְטֶער; דֶעם מַאנן אָבֶּער זָאל זִי פוּן דֶעם גָאר נִיט עֶרְצֶעהלֶען. פְּרַאנְצִיסְקֶע הָאט זֶעהר נִיט גֶעוָואלְט אוּנ הָאט אִיהם עֶרְקְלֶערְט, דָאס דֶער מַאנן אִיז יֶעטְצְט נִיט צוּ הוֹיזֶע אוּנ אָן זַיין וִויסֶען קֶען זִי דָאס נִיט טְהוּן.

זִי הָאט אָבֶּער פָּארְט נִיט גֶעקֶענְט בַּיישְׁטֶעהן גֶעגֶען דִי שַׁאנֶע וָואר־טֶער אוּנ רִיכְטִיגֶע בֶּעוַוייזוּנְגֶען פוּן דֶעם גוּטְהֶארְצִיגֶען אַבַּאט.

— גָאטְטֶס ווִילֶען אִיז גֶעשֶׁעהֶען אוּנ וִוי אִיהר בֶּעפֶעהלְט מִיר, פָּאטֶער, וֶועל אִיךְ עֶרְפִילֶען, הָאט פְּרַאנְצִיסְקֶע עֶנְדְלִיךְ גֶעזָאגְט.

— יֶעטְצְט דַארְפְסְט דוּ שְׁווֶערֶען אִין גָאטְטֶס נָאמֶען, דָאס דוּ וֶועסְט אוֹיף קֵיין פַאל נִיט אוֹיסְזָאגֶען דֵיין מַאנן, וֶוען עֶר וֶועט בַּיי דִיר פְרֶעגֶען וואוּ עֶס גֶעפִינֶען זִיךְ דֶעם מַארְשַׁאל סִימָאנְס טָאכְטֶער.

— אִיךְ זָאג דָאס אַייךְ צוּ, פָּאטֶער! הָאט פְּרַאנְצִיסְקֶע, צִיטֶערְנְדִיג וִוי אַ בְּלַאט, גֶעזָאגְט.

— אין פאל אבער ווען מארשאל סימאן וועט קומען צופאהרען, זאלסט דו איהם אויך פון קיין זאך ניט זאגען, ביז נאגען זייגע טאכטער וועלען ניט קומען אויפ'ן גלייכען וועג.

— יא, פאטער!

— דו וועסט מיר ערצעהלען וואס וועט פאסירען צווישען דיר און דיין מאנן נאך זיין קומען צו פאהרען?

— יא, פאטער, האט פראנציסקע מיט א שוואבער שטיממע גע־אנטווערט.

— אין א שטונדע ארום וועל איך שיקען צו דיר א פרוי, וועלכע וועט שוין אליין אוועקפיהרען די מיידלעך אין קלויסטער... יעטצט געה אין נאטטעס נאממען!..

נאך דיזער ברכה האט פראנציסקע א זיפץ געטהון פון טיעפען הערצען און איז אוועק נאך הויז

.IX

דאגאבערם צוריקקומען.

אלס פראנציסקע איז שוין געוועזן נאהענט פון דער גאס בריז־מיש, האט א קירכענדינער זי דעריאגט און צוריקגעקערט צום אבאט, פון וועלכען זי איז נאר וואס אוועק.

איז דערזעלבער צייט איז צו איהר וואהנונג צו געפאהרען א קארעטע, פון וועלכער איז ארויסגעגאנגען מאדאם גריבוא.

דער פארבער לאריא, וועלכער איז געוועזן דער אויפזעהער אויף דיזעם הויז, האט איהר באלד געוויזען וואו די פרוי באדוען וואהנט. דער פרוי

גריבואַס קומען צו דער פרוי באַדוען ערקלערט זיך מיט דער נייע עצה פון דעגריני און סענדריזע.

זי איז אַריין אין צימער און האָט געפרעגט די פרוי באַדוען.

— זי איז יעטצט צו הויזע ניט דאַ, האָט מאַיע איהר געאַנטוואָרט, אויפקלויבענדיג פערשידענע זאַכען צום פערזעטצען אין לאָמבאַרד, ראָזע מיט בלאַנש זיינען געווען זעהר פרייליך, עס האָט געדאַכט, דאָס זיי האָבען זיך שוין ניט געשראָקען פאַר זייער צוקונפט, ווייל מאַיע האָט געזאָגט דאָס ניט שווער אַרבייטענדיג, וועלען זיי ביידע קענען פערדינען וועכענטליך 8 פראַנק.

— עס מאַכט ניט אויס, איך קען אויפוואַרטען, האָט גריבואַ געאַנטוואָרט, בעקוקענדיג די יתומות פון קאָפּ ביז די פיס. גריבואַ האָט זיך געזעטצט אויף אַ שטול.

אין איינינע מינוט אַרום האָט מען אָנגעקלאַפּט אין טהיר. אין צימער איז יעמאַנד אַריין און האָט געהאַלטען אין האַנד אַ בריעף.

— פון וועמען איז דער בריעף? האָט איהם מאַיע געפרעגט.

— דאָס איז אַ נייטיגער בריעף פון פרוי באַדוענס מאַנן.

— ווי? פון דאַנגאַבער'ן, האָבען ראָזע און בלאַנש אין איין שטימע אויסגעשריען.

— זיין נאָמען ווייס איך ניט, נאָר דיזער אָרדענטליכער מאַנן איז ניט ווייט פון דאַנען, — אין קאָנטאָר פון שאַרטרער דיליזשאַנסען.

— דאָס איז ער? האָט בלאַנש געזאָגט, ביטטע גיבען זיי מיר דעם בריעף?

ער האָט איהר באַלד אָבגעגעבען דעם בריעף.

גריבואַ האָט זיך זעהר געוואונדערט... זי האָט געוואוסט, דאָס מען האָט דאַנגאַבער'ן ערוואַרטעט פון פּאַריז אויף 3 טאָג און פּלעצליך איז ער ווידער דאַ.

ראָזע האָט דערווייל געשווינד איבערגעלעזען דעם בריעף

— מיין גאטט! וואס פאר אנ'אונגליק, האט זי געזאגט; דאגאבער האט פאהרענדיג פערלארען זיין געלד און האט געמוזט פאהרען צוריק מיט'ן דיליזשאנס אויף בארג. ער בעט מען זאל איהם צושיקען עטוואס געלד, ווען ניט וועט מען איהם דארטען פערהאלטען. אין שטוב איז א גראשען ניט דא, וואס טהוט מען דא יעטצט?

ביי די ווארטער האט זיך גריבוא ערפרעהט.

— בערוהיגט זיך פריילינס! האט מאיע געזאגט, איך געה שוין אין לאמבארד, עס איז ניט ווייט, און באלד ווי איך וועל נאר בעקומען געלד וועל איך איהם אהין טראגען.

— א! ליבע גוטע מאיע! האבען די יתומות געזאגט.

און זיי, האט מאיע געזאגט צום איבערברייננגער פון בריעף, זאלען איבערגעבען דיזען מאנן, דאס מען וועט איהם באלד צושיקען געלד.

מאיע האט זיך גענומען צום איינפאקען די זאכען און פרוי גריבוא האט הערווייל זיך טיעף פערטראכט, נאר ענדליך האט זי זיך אויפגעהויבען פון איהר ארט און געזאגט: ווי איך זעה וועל איך זיך ניט ערווארטען אויף מאדאם באדוען, אלזא גיט איהר איבער, דאס איך האב דא געווארט. איך וועל באלד קומען צוריק, און מיט די ווארטער איז זי ארויסגעגאנגען.

מאיע איז אויך באלד אוועק. אלס זי איז שוין געוועזן נאהענט פון לאמבארד איז צו איהר צוגעגאנגען א פאליציאנט און האט זי געפרעגט, וואס זי טראגט אין פעקיל. ארום זיי האבען זיך צוזאממענגעקליבען זעהר פיעל נייגעריגע, ווי דאס טרעפט זעהר אפט; זי האט ערצעהלט דעם פאליציאנט די ריכטיגקייט, ער האט אבער גאר ניט געוואלט הערען און האט זי ארעטירט. דאס איז געשעהען זעהר שנעל, פערבאנקענד מאדאם גריבואס גוטהערציגקייט.

ווי נור מאיע האט זיך בעוויזען אויפ'ן גאס מיט'ן פעקיל זאכען,

האט שוין מאדאם גריבוא איינגערוימט א סוד דעם פאליציימאנן, דאס זי האט א פערדאכט אז די זאכען, וועלכע מאנע טראגט, זיינען געגנבטע. נאכדעם האט זיך מאדאם גריבוא געשווינד אבגעטראגען אונ איז צוריק אוועק אויף בריז-מיש. זי איז ווידער ארויפגעגאנגען אויפ'ן פיערטען שטאק אונ איז אריין צו פראנציסקען אין קוואטיר. נור צו איהר גרויסען ערשטוינען האט זי געפונען, זיטצענדיג דאנאבער'ז מיט זיין פרוי אונ די יתומות.

X.

דער קלויסטער.

פריהער דארפען מיר ערקלערען ווי אזוי קומט אהער דאנאבער

דער דירעקטאר פון דיליזשאנסען קאנטאר האט באלד ערקענט אן זיין געזיכט, דאס ער איז איין ארדענטליכער מאנן, אלזא האט ער איהם געגלויבט, דאס ער וועט איהם אבשיקען דאס געלד אונ איהם געהייסען געהן נאך הויזע.

מען קען זיך פארשטעללען גריבואס שרעק אלס זי האט ערזעהען דעם אלטען סאלדאט. פראנציסקע האט זיך אויך ניט וועניגער פאר איהר ערשראקען. זי האט פערשטאנען אז דאס מוז געוויס זיין דיזעלבע פרוי, וועלכע דארף צונעהמען די יתומות.

אלס דאנאבער האט ערזעהען פרוי גריבוא, איז ער באלד אויפגע־שטאנען פון זיין ארט אונ האט אקוקגעגעבען אויף זיין פרוי.

עס איז געוועזען א קריטישע מינוטע, נאר די פרוי גריבוא האט זיך ניט פערלארען. זי האט ערצעהלט, דאס זי האט נאר וואס געזעהען ווי

האט אַרעסטירט די האַרבּאַטע מיידעל, וועלכע האט היינט אין דער פריה פאַר איהר אין די אויגען צוזאַממענגעבונדען אין אַ טוך פערשיעדענע זאַכען.

— וואס איז דאס פיר זאַכען? האט דאַנאַבער ביי זיין פרוי געפרעגט.

— איך בין זיך מודה מיין פריינד. איך האב ניט געהאט קיין געלד, אַלזא האב איך געבעטען מאַיען, דאס זי זאל נעהמען פון שטוב עטליכע זאַכען און זיי פערזעטצען אין לאָמבאַרד.

— דער פאָליציימאַנן האט מסתמא געמיינט, דאס זי האט זיי געגנבעט, האט דאַנאַבער אויסגעשריען, — אָרעמעס עהרליכעס קינד... אַך, ווי שרעקליך דאס איז. איהר האט, מאַדאַם, געדאַרפט זאָגען דעם פאָליציימאַנן, דאס איהר קענט זי.

— איך האב געבעטען רחמים ער זאל זי ניט אַרעסטירען, נאָר עס האט גאָר ניט געהאָלפען מיין ביטען און באַטען און ער האט זי אַוועקגעפיהרט אין פאָליציי... אַלזא האב איך מיך געאיילט אַהער. ווען זיי וועלען שוין לויפען אין פאָליציי וועט מען זי באַלד באַפרייען.

דאַנאַבער האט געשווינד געחאַפּט זיין הוטעל און, זאָגענדיג צו מאַדאַם גריבואַ: „צום טייפעל, דאס האט איהר באַלד געדאַרפט זאָגען", איז ער שנעל אַרויסגעלאָפען פון צימער.

ווי דאַנאַבער איז אַוועק, האט די פרוי גריבואַ באַלד דערלאַנגט אַ פערמאַכטען בריעף פראַנציסקען, וועלכע האט איהם באַלד גענומען לעזען.

— ווי פרייען וועט זיך דאס אייער פערוואַנדטע, ווען זי וועט אייך זעהען, האט גריבואַ קוקענדיג אויף די יתומות געזאָגט.

— אונזערע אַ פערוואַנדטע? האט בלאַנש פערוואונדערט געפרעגט.

— יאַ... זי האט זיך ערוואוסט אַז איהר זייט דאָ, האט זי מיך געשיקט מיט אַ בריעף צו פראַנציסקען, דאס זי זאל אייך אָבזאָגען אויף עטליכע

טאג צו איהר, האט גריבוא מיט א פריינדליכען טאן געאנטווערט.

— מיר קענען פאהרען צו אונזער פערוואנדטע, ניט ווארטענדיג אויף דאגאבער'ן? האט בלאנש געפרעגט ביי פראנציסקען.

יא, האט פראנציסקע קוים שטיל געאנטווערט.

— אלזא, פריילינס, האט גריבוא געזאגט, טהוט זיך אן און מיר וועלען שוין פאהרען.

— מיר זיינען שוין פערטיג, האבען זיי געאנטווערט און זיינען צוגעגאנגען צו פראנציסקען זיך זעגנען; זי האט זיך קוים איינגעהאלטען פון צו וויינען. ביים טהויער איז געשטאנען א קארעטע; זיי האבען זיך אלע דריי אריינגעזעטצט אין איהר. דער געטרייער הונד „מרוק„ איז אויך אריינגעשפרונגען אין קארעטע, נאר גריבוא האט איהם געהייסען ארויסטרייבען. די שוועסטער האבען ערפילט איהר וואונש... די קארעטע איז געשווינד אוועקגעפאהרען...

אלס גריבוא האט זיי געבראכט אין קלויסטער, האט זי ביים פארטיעזד אנגעקלונגען און באלד נאכדעם איז ארויסגעגאנגען א מאנאשקע, וועלכער זי האט געזאגט: איך האב געבראכט צוויי יונגע מיידלעך. דער אבאט דעגריני און פירשטין סענדריזע האבען בעפאהלען מען זאל זיי צושיידען און אוועקזעטצען אויף ברויט מיט וואסער, כדי זיי זאלען אבקומען פאר זייערע זינד.

— איך וועל וועגען דעם איבערגעבען דער מוטטער *) און עס וועט שוין זיין אין ארדנונג, האט די מאנאשקע געאנטווערט.

— ביטטע פריילינס! האט דאן גריבוא געזאגט צו די יתומות, וועלכע זיינען אין דער צייט געשטאנען נעבען „מרוקען", וועלכער איז נאכגע-

*) ביי די כריסטען רופט מען א גייסטליכען „פאטער" און א גייסטליכע „מוטטער". און צווישען זיך איין גייסטליכער דעם צווייטען „ברודער" און ביי פרויען „שוועסטער".

לאפען נאך דער קארעטע

ווען די מיידלעך זיינען שוין געוועזן אינוועניג, איז מאדאם גריבוא אוועק אבגעבען ראפארט דער פירשטין סענדיזע.

מרוק האט זיך געלייגט ביים טהויער פון קלויסטער ווארטען אויף די יתומות.

XI.

אויסגעהאלטען די שבועה.

פראנציסקע האט זיך בעגאסען מיט טרערען... זי האט געוואַרט אויף איהר מאנן און האט זיך געשראקען פיר זיין קומען.

דאנאבער איז טאקי באלד אריין אין צימער. ער איז געווען זעהר אומעדיג.

— נו וואס, דו האסט געזעהען מאיען? האט פראנציסקע איהם געפרעגט.

— איך האב זי געזעהען, אבער אין וואס פאר א לאגע! דאס הארץ צורייסט זיך מיר אויף שטיקער!.. איך האב געבעטען מען זאל זי בעפרייען, האט מען מיר אבער געאנטווערט, דאס פריהער מוז דער קאממיסאר קומען אהער, כדי... וואו זיינען דאס די קינדער? האט דאנאבער פלאצליך געפרעגט, אלס ער האט בעמערקט, דאס זיי זיינען ניט דא. פראנציסקע האט ניט געאנטווערט. ער האט ווידערהאלט זיין פראגע. „איך וויים ניט", האט זי שטיל געאנטווערט.

עס האט גאר ניט געהאלפען זיין פרעגען זי מיט גוטען און ניט מיט בייזען, זי האט זיך געהאלטען ביי דאס איהריגע „איך וויים ניט". —

מען קען זיך פֿארשטעלען ווי עס איז דעם אלטען סאלדאט געווארען אויפ'ן הארצען; ער איז געבליבען שטעהן ווי א צומישטער, ניט וויסענדיג וואס עס טהוט זיך מיט איהם. איינינע מינוט ארום האט ער זיך עטוואס בערוהיגט און זיך געזעטצט אויף א שטול. פֿראנציסקען האט ער אויך געהייסען זיך זעטצען; זי האט איהם געפֿאלגט.

— הער, מיין פֿרוי, האט דאגאבער געזאגט מיט א אומעדיגער שטימע, דו פֿערשטעהסט דאך, אז איך וועל דאס ניט לאזען אין לאנגען באנק... איך מוז וויסען וואו מיינע קינדער זיינען!.. זייער מוטטער פֿאר'ן טויט האט מיר זיי איבערגעגעבען; פֿערגעסס ניט, דאס איך פֿיהר זיי פֿון זעהר ווייט און האב זיי געבראכט אהער ניט צוליעב דעם איך זאל הערען פֿון דיר: „פֿרעג מיך ניט, איך קען דיר ניט זאגען וואו איך האב זיי אהין געטהון"! — שטעל זיך פֿאר, דאס יעטצט געהט אריין דער מארשאל סימאן און פֿרעגט מיך: „דאגאבער! וואו זיינען מיינע קינדער"? וואס וועסט דו הייסען אנטווערען?.. רייד דאך? באכט מיר, אז דו ביזט ניט שטומם

— אך, מיין פֿריינד!...

— הער, פֿון דיין אכצען און קרעכצען וועל איך דא גאר ניט אויפֿבויען... פֿארט אזוי, וואס וועסט דו הייסען אנטווערען דעם מארשאל?

— דעם גאנצען שולד ווארף ארויף אויף מיך — איך וועל אלעס איבערטראגען און וועל איהם אלעס ערצעהלען!..

— וואס וועסט דו איהם ערצעהלען?

— איך וועל איהם זאגען אז דו האסט געלאזען ביי מיר די קינדער און אליין בין איך אראב אויפ'ן הויף, און ווען דו ביזט געקומען צוריק האסט דו מיך געפֿרעגט וואו זיינען די קינדער, האב איך געאנטווערט, דאס איך קען ניט זאגען וואו זיי זיינען...

— הם! נישקשה פֿון א אנטווער און דו מיינסט טאקי, דאס דער

מארשאל וועט זיין צופרידען מיט אזא קלוגען אנטווער ? האט דאנאבער געזאגט .

— וואס קען איך העלפען אז איך קען בעססער זיך ניט פעראנטווערען, ניט פאר איהם אונ ניט פאר דיר . איך זאל אפילו וויססען, דאס איך וועל שוין שטארבען קען איך ניט...

דאנאבער האט א שפרונג געטהון פון זיין פרוים נארישער אנטווארט .

ער האט ווידער אנגעהויבען זיך צו בעטען זי זאל איהם זאגען וואו זיי געפינען זיך . ווער האט זיי אוועקגעפיהרט אונ צו זיי וועלען וועןעם איז קומען צוריק ; זי האט איהם אבער איין אנטווארט געגעבען „איך וויים ניט אונ פרעג ניט״ . ער האט איהר פארגעשטעלט זיינע צרות, וואס ער האט געהאט פון זיי אין וועג אונ דאס ער האט זיי געבראכט, כדי זיי זאלען קענען זיין ניט אנדערס דעם 13 פעברואר 1832 יאהר אויף דער הייליגער פראנציסקאנער גאס , הויז נומער 3 , אונ ווען ניט איז אלעס פערלארען !...

פראנציסקע האט איהם דערווייל צו וויססען געגעבען, דאס ביי גבריאל׳ן איז אויך געוועזען א מעדאליאן אויף וועלכען עס איז געוועזען אנגעשריבען 13 פעברואר, הייליגע פראנציסקאנער גאס, הויז נומער 3 , מיט איינינע פאפירען, וועלכע זי האט איבערגעגעבען איהר דוחאוניק , אבאט דיובוא, אונ ער האט זיי אוועקגעגעבען דעם העררן ראדען, וועלכער האט מיט זיין גרויס גנאדע ארייגעבראכט גבריאל׳ן אין דוחאוונע סעמינאריום .

פון פראנציסקעס ערצעהלונג האט ער דא פערשטאנען אז אין דעם אלעם איז שולדיג נור איהר גייסטליכער . ער האט זי אפען געזאגט , דאס ער געהט שוין צום אבאט דיובוא אונ וועט שוין דערגעהן פון איהם , וואו די קינדער געפינען זיך . פראנציסקע האט איהם געסטראשעט , דאס ער זאל זיך ניט אנהייבען מיט אזא הייליגען אונ געעהרטען מאנן ווי דער גייסטליכער איז , ווארום דאס איז ניט קיין שפילכעל . ער האט

אָבֶער זי ניט גֶעהֶערְט אוּנ הָאט זיךְ גֶענוּמֶען שׁוין אַװֶעקצוּגֶעהן, נוּר אִינְדֶעם זַיינֶען אַריין אִין צִימֶער דֶער קָאמְמִיסַאר, מַאיֶע אוּן אַ פָּאלִיצֵיי־מאנן, װֶעלְכֶער הָאט גֶעהאַלְטֶען אִין הַאנְד אַ פֶּעקִיל.

דֶער קָאמְמִיסַאר? הָאט דַאגָאבֶּער צוּ זיךְ גֶעמוּרְמֶעלְט, נָאךְ בֶּעסֶער װי גֶעװוּאוּנְשֶׁען, דָאס אִיז פּוּנְקְט צוּ דֶער זַאךְ...

— פְּרַאנְצִיסְקָע בָּאדוּעֶן װָאהְנְט דָא? הָאט דֶער קָאמְמִיסַאר גֶעפְרֶעגְט.

— אִיךְ בִּין דָאס, הָאט פְּרַאנְצִיסְקָע גֶעאֶנְטְװֶערְט, צוּגֶעהֶענְדִיג צוּ מַאיֶען אוּנ הָאט אִיהר אַרוּמְגֶענוּמֶען.

— אִיהר זֶעהט, דָאס אִיךְ הָאבּ נִיט גֶעגַנְבֶעט דִי זַאכֶען! הָאט דִי אָרֶעמֶע מַאיֶע גֶעזָאגְט צוּם קָאמְמִיסַאר.

— אַלְזָא גֶעהֶערֶען דִי זַאכֶען צוּ אַייךְ? הָאט דֶער קָאמְמִיסַאר גֶעפְרֶעגְט פְּרַאנְצִיסְקֶען.

— יָא, אִיךְ אַלֵיין הָאבּ דָאס אִיהר גֶעגֶעבֶען אַװֶעקצוּטְרָאגֶען אִין לָאמְבַּארְד.

דֶער קָאמְמִיסַאר הָאט זֶעהר עֶדֶעל גֶעבֶּעטֶען פֶערצֵייהוּנג בַּיי מַאיֶען אוּנ הָאט שׁוין גֶעװָאלְט אַװֶעקגֶעהן, נָאר דַאגָאבֶּער הָאט אִיהם אָבְּגֶע־הַאלְטֶען מִיט דִי װֶערְטֶער: הֶערר קָאמְמִיסַאר, אִיךְ הָאבּ צוּ אִיהנֶען אַ בִּיטֶע...

— רֶעדְט... אִיךְ הֶער...

— דָאס אִיז פוּן זֶעהר װִיכְטִיגֶען אִינְהַאלְט, אַלְזָא עֶרְצֶעהל אִיךְ פַאר אַייךְ װי פַאר אוּנְזֶער רִיכְטֶער, כְּדֵי אִיהר זָאלְט דָאס אִיבֶּערְגֶעבֶּען װוּאוּ עֶס גֶעהֶער.

אִיךְ הֶער אַייךְ װי אַ רִיכְטֶער!

אוּנ דַאגָאבֶּער הָאט אִיהם עֶרְצֶעהלְט דִי גַאנְצֶע גֶעשִׁיכְטֶע מִיט דִי יְתוֹמוֹת, עֶרְקְלֶערֶענְדִיג, דָאס אִין דֶעם אִיז שׁוּלְדִיג נוּר דֶער אַבַּאט דְריוּבּוּא. דֶער קָאמְמִיסַאר הָאט גֶעפוּנֶען פַאר נֵייטִיג אַרֶעטִירֶען פְּרַאנְצִיס־קֶען. דַאגָאבֶּער הָאט אִיהם אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ בֶּעטֶען עֶר זָאל דָאס נִיט טְהוּן,

ווייל ער בעשולדיגט דעם אבאט אבער ניט זיין.

— געגוג מיין פריינד, האט די נארישע פרוי געזאגט, דער ליבער גאטט וויל אזוי, אלזא נעהם איך, זיין דינסט, אן זיין שטראף מיט פערגניגען. זאל מען מיך ארעטירען אונ טהון וואס מען וויל מיט מיר אונ איך וועל אנדערש ניט זאגען ווי איך האב געזאגט...

— האט מיטלייד, זי איז דאך אראב פון זינען ! האט דאנאבער אויסגעשריען.

— וואס קען איך העלפען, מיר איז זעהר ניט אנגענעהם, דאס איך דארף אייער פרוי אויך ארעטירען, וועו אייער זוהן איז שוין ארעטירט...

— וואס?! האט דאנאבער אויסגעשריען.

— ווי, איהר האט נאך ניט געוואוסט? ענטשולדיגט, מיר פערדריסט זעהר וואס איך האב דער ערשטער אייך אנגעזאגט די ניט גוטע בשורה.

מיין זוהן! מיין זוהן! איז ארעטירט! האט דאנאבער איבערגעחזרט מיט שרעק. או! דאס איז שוין צו פיל!... אזוי פיל צרות מיט אמאל איז אויף מיר אראבגעפאלען.

פראנציסקע האט אויסגעהאלטען איהר שבועה אונ איז אוועקגעגאנגען מיט'ן קאממיסאר.

געכטען זיינען מיט מיר געווען די פרוי, דער זוהן, מיינע ליבע יתומעלעך, אונ יעטצט בין איך געבליבען איינער אליין! האט דאנאבער פערצווייפעלט געזאגט.

אלס ער האט דאס אויסגערעדט, האט ער הינטער זיך ערהערט א זיסע אונ טרויעריגע שטיממע: „הערר דאנאבער, איך בין דא... ווען איהר ערלויבט בין איך פערטיג אייך צו בעדינען“...

דאס איז געווען מאריע.

XII.

פלארינע.

אויפ'ן צווייטען טאג אין דער פריה האט מאיע זיך בעשלאסען צו געהן נאך וואווילאנער נאס אין קארדאווילס פאוויליאן. קומענדיג צום פאדיעזד פון פאוויליאן האט זי אנגעקלונגען. די טהיר האט איהר געעפענט פלארינע.

— וואס דארפט איהר? האט זי מאיען געפרעגט.

— איך וויל זעהען די פריילין קארדאוויל.

— איך האב דאך אייך נאך נעכטען געזאגט, אז זי איז דא שוין ניט דא.

— קען איך איהר ניט איבערגעבען דורך איהרע פערוואנדטע, דאס אגריקאל האט נייטיג איהר צו זאגען עטוואס וויכטיגעס.

פלארינע האט זיך פערטראכט. עס האט זיך ערוועקט אין איהר א גוטעס געפיהל צו טהון א טובה מיט איהר געוועזענער מאדאם. זי האט דאך געוואוסט וואס פיר א פיינדין סענדיזע איז דער פריילין קארדאוויל, אלזא האט זי פערשטאנען אז אגריקאל דארף קיינעם ניט ערצעהלען זיינע וויכטיגע נאיעס אויסער דער פריילין זעלבסט. זי האט זיך געווענדעט צו מאיען און האט געזאגט:

— אויב איהר ווילט טהון א טובה מיין מאדאם, זאל אייער ברודער קיינעם ניט ערצעהלען דאס, וואס ער האט איהר זעלבסט צו זאגען.

— די פריילין איז דאך אבער יעטצט ניט דא. אפשר קען מען דאס איהר איבערגעבען דורך איהרע פערוואנדטע?

— פון זיי טאקי דארפט איהר זיך היטען ווייל אויסער שלעכטע פאר

די פריילין קען מען ניט ערוואַרטען פון זיי.

— איך פערשטעה אייך! אָבער...

— איך קען אייך מעהר ניט זאָגען, און איך בעט אייך אַז ניט איהר און ניט אייער ברודער זאָלען פיר קיינעם אין דער וועלט ניט זאָגען, דאס איך האָב אייך וואָס געזאָגט...

— זייט זיכער!

— איך דאַנק אייך זעהר! האָט פלאָרינע געזאָגט.

— פאַר וואָס דאַנקט איהר מיר?

— פאַר די מינוט גליק, וואָס איהר האָט מיר פערשאַפט מיט דעם וואָס איך האָב געטהון אַ טובה מיין גוטער מאַדאַם און ניט פערגרעסערט מיינע צרות, וועלכע דריקען מיך זעהר...

— ווי, איהר זייט אונגליקליך?

— דאס וואונדערט אייך? יאַ... איך קען אייך מעהר ניט זאָגען, דאס ווי שלעכט אייך זאָל יעטצט ניט זיין וואָלט איך זיך מיט אייך געביטען

— היינט אָבער ווינש איך אייך דאס ניט, האָט מאַיע געענטווערט.

— פאַר וואָס עפּיס היינט?

— ווייל איך בין אָן אַ בּרעקיל אַרבּייט, וואָס פון דעם ציה איך מיין לעבענסמיטעל.

— איהר ווייסט וואָס, איך קען אייך טהון אַ טובה! האָט פלאָרינע מוטהיג געזאָגט... וויפיל פערדינט איהר אַ טאָג?

— כמעט 4 פראַנק אַ וואָך...

— 4 פראַנק אַ וואָך! האָט פלאָרינע אויסגעשריען געריהרט פון אַזא אָרעמקייט און שטאַרקער געדולד פון דער מיידעל.— איך וועל אייך געבען אַ שטעלע, וואו מען וועט אייך געבען אַמווענינגסטען 2 פראַנק טאָגליך.

— איז דאס מאָגליך?

— יאָ... מֶען דאַרף אָבֶּער גֶעהן אַהין צו הויזע אַרבֵּייטֶען. אֶפְשֶׁר וואָלְט איהר וֶועלֶען אָנקוּמֶען פאַר אַ דינסְט?

— אַ מֵיידֶעל פוּן מֵיין שְׁטאַנְד קְלוֹיבְּט נִיט, האָט מאַיֶע גֶעאֶנְטְוֶוערְט.

— אַלְזאָ, זאָגְט מִיר אֵייעֶר אַדְרֶעס...

— בְּרִיז־מִיש, נוּמֶער 3, פֵיערְטֶער שְׁטאָק... צו וואָס אָבֶּער, לִיבֶּע פְרֵיילִין דאַרְפְט איהר זִיךְ בֶּעמִיהֶען?..

— נֵיין, נֵיין, קֵיינֶער דאַרף נִיט וויסֶען, דאָס איהר זַייט גֶעקוּמֶען פוּן אֵייעֶר בְּרוּדֶער... אוּנ וֶוען איהר קוּמְט נוּר נאָךְ אֵיין מאָל, וֶועט מֶען אֵייךְ שׁוֹין האַלְטֶען אִין חָשַׁד... בֶּעסֶער, דאָס אִיךְ זאָל קוּמֶען צוּ אֵייךְ אוּנ פוּן דאָרְט וֶועל אִיךְ אֵייךְ שׁוֹין אַוֶועקְפִיהרֶען צוּ דִי אוֹיפְזֶעהֶערִין פוּן קְלוֹיסְטֶער ס"ט מאַרִיֶע, זִי אִיז אַ גאַנְץ גוּטֶע פְרוֹי אוּנ וֶועט גֶעווִיס אַנְטְהֵייל נֶעהמֶען אִין אֵייעֶר לאַגֶע.

— מִיט וואָס זאָל אִיךְ אֵייךְ אָבְּדאַנְקֶען, האָט מאַיֶע מִיט טְרֶערֶען אִין דִי אוֹיגֶען גֶעזאָגְט.

— זַייט דאָךְ נִיט קֵיין קִינְד! גאָטט זאָל נאָר גֶעבֶּען, דאָס מֵיין רֶעקאָמֶענְדאַצִיֶע זאָל זַיין מִיט נוּטְץ... אוֹיף אַגְרִיקאָל'ס בְּרִיעף אֶנְטְוֶוערְט נאָךְ דֶערְווייל נִיט.

— וואוּ אִיז אָבֶּער יֶעטְצְט דִי פְרֵיילִין?

אִיךְ ווֵייס נִיט וואוּ מֶען האָט זִי אַוֶועקְגֶעפִיהרְט... אַלְזאָ וואַרְט מאָרְגֶען אוֹיף מִיר.

— אִיךְ וֶועל וואַרְטֶען... צוּם ווִידֶערְזֶעהֶען.

XIII.

די „שוועסטער" פערעפעטוא.

די אויפזעהערין פון קלויסטער ס"ט. מאריע א פרוי פון הויבען געוואוקס, אנגעטהון אין א שווארצע קלייד און א ווייסען הייבעל, איז יעטצט געזעסען ביי זיך אין צימער ביי'ם שרייבטיש און האט צענזורירט די בריעף, וועלכע דעם גענעראל סימאנס טאכטער האבען געשיקט. דאס הייסט גאר איינפאך, זי האט זיי אויפגעקלעבט, דורכגעלעזען און פערקלעבט.

דער צייט איז אריין א בעדינערין און האט געמאלדען דאס די פירשטין סענדיזע ווארט אויף זי אין זאל, און פלארינע מיט א מיידעל ווארטען אין קליינעם קארידאר

— בעט פריהער די פירשטין! האט די אויפזעהערין געזאגט.

— וועלכער גליקליכער צופאל גיט מיר די מעגליכקייט צו האבען דאס פערגעניגען אייך צו זעהען? האט די מוטטער פערעפעטוא געזאגט, צוזוקענדיג א שטול צום קאמין און געבעטען די פירשטין זיך זעטצען.

— איך בין געקומען צוליעב די יתומות, דאס איז זעהר וויכטיג, און צום בעדויערין האב איך זעהר וועניג צייט דא צו פערברייגען, האט די פירשטין געאנטווערט.

— זיי זיינען אין בעזאנדערע צימער'ן, אזוי ווי איהר האט פערלאנגט... זיי זיינען יעטצט ביידע קראנק געווארען... איך האב גערעדט מיט זיי און איך בין ערשטוינט געווארען פון זייערע אנטווארטען... זיי זיינען גאר איינפאך געטצענדיגערקעס.

— צוליעב דעם טאקי האבען מיר זיי אריינגעגעבען צו אייך. נאר יעטצט איז דער סאלדאט, זייער געוועזענער בעגלייטער, געקומען געבטען צוריק אין פאריז, אונ ער וועט דאך מסתמא זיי זוכען, אלזא בעט איך אייך צו שטעלען מעהר וואכטער... בעזאנדערס די נאכט..

— זייט רוהיג... יא, איך האב צו אייך א ביטע: פלארינע פערלאנגט אנקומען צו אייך פאר א דינסט, אלזא בעט איך אייך ניט צו ענטזאגען מיר... איהר טרייהייט ווייסט איהר דאך... איך וועל אייך זיין זעהר דאנקבאר....

— גוט, עס איז געענדיגט; איך נעהם זי צו זיך. אונ זאגענדיג דאס האט זי א קוש געטהון דער אויפזעהערין אין האנד אונ איז באלד ארויס־געגאנגען.

איינינע מינוט ארום איז פלארינע אריינגעגאנגען.

— דו וועסט אנקומען היינט פאר א דינסט צו דער פירשטין.

— איך, מוטטער! אבער...

— דו מוזט אנקומען!.. די ווארטער האט זי געזאגט אזוי הארט אונ שטרייננ, דאס פלארינע האט אראבגעלאזען די אויגען אונ שטיל געזאגט. גוט איך וועל אנקומען.

— אויף דיזעלבע בעדינגונגען ווי דו ביזט געוועזען ביי איהר פלעמי־ניצע. פון אלעם וועסט דו מיר מוזען מיטטהיילען... איבערהויפט דערגעה צוליעב וועלכען ציעל האט גריבוא געבראכט אהער 2 יתומות.

— איך הער, מוטטער.

— ווער איז די מיידעל, וואס דו האסט געבראכט אהער?

— אנ'ארעמע הארבאטע מיידעל, וועלכע האט ניט פון וואנען צו לעבען, נאר זעהר קלוג אונ געבילדעט, ניט נאך איהר שטאנד. זי איז א נייטערין אונ יעטצט געפינט זי זיך אין א שלעכטע לאגע.

— שיק זי אהער אונ אליין זאלסט דו אויפווארטען אין מאסטער־סקאיע.

באלד נאכדעם, האט פלארינע ארייננעפיהרט מאיע'ן צו דער אויפ־זעהערין און אליין איז זי באלד ארויסגעגאנגען. מאיע מיט דער אויפזעהערין זיינען געבליבען אליין.

די מוטטער פערעפעטוא האט זי פון אלעם אויסגעפרעגט און האט איהר געזאגט, דאס זי גיט איהר א שטעלע אויף 2 פראנק א טאג. מען קען זיך פארשטעלען איהר פריידע, וועלכע איז אבער געוועזען ניט אויף לאנג. די מוטטער פערעפעטוא האט איהר ערצעהלט, דאס די שטעלע פאר איהר איז ביי איינע פרוי ברעמאן און דאס ברעמאנס טאכטער נאזע, וועלכע איז געקומען פון אמעריקא, איז ניט פרום און אזוי ווי איהר מאנן איז יעטצט ניט דא צו הויזע קומט צו איהר זעהר אפט א מאנופאקטוריסט הארדי. אלזא איז נייטיג, דאס מאיע זאל קומען יעדע וואך ערצעהלען וואס עס טהוט זיך אין ברעמאנ'ס הויז.

— יא מאדאם, קוקט ניט אויף מיך, וואס איך בין ארעם פונדעסט־וועגען וועל איך זיך ניט בעשליסען צו טהון אזא שאנדליכע זאך... ניין, מאדאם, פיר קיין געלד אין דער וועלט וועל איך ניט זיין קיין שפיאן... ענטשולדיגט מיר וואס איך האב אייך בעאונרוהיגט, האט מאיע געזאגט, זיך קוים איינהאלטענדיג פון צו וויינען.

— איך בעדויער זעהר וואס איך קען אייך ניט טהון קיין טובה.. געהט אין גאטטעס נאמען און ער זאל אייך ארויספיהרען אויפ'ן גלייכען וועג. זי האט זי בעגלייט ביז דער טהיר און האט געזאגט:

— געהט גלייך מיט'ן קארידאר און ווען איהר וועט קומען אונטען צו א טהיר זאלט איהר אנקלאפען; דארטען וועט איהר געפינען פלארינען און זי וועט אייך בעגלייטען. אדיע, מיין ליבע טאכטער!

מאיע איז באלד ארויסגעגאנגען. טרערען האבען זיך געגאסען פון איהרע אויגען. אום פלארינע זאל ניט בעמערקען, דאס זי האט גע־וויינט, האט זי זיך אבגעשטעלט אין קארידאר און איז צוגעגאנגען

צום פענסטער. צו איהר גרויסען ערשטוינען, האט זי ערזעהען ביים פענסטער פון געגענאיבערשטעהענדען הויז א בעקאנטע פערזאן, וועלכע האט געוואונקען מיט די אויגען און מיט די האנד צו א יונגער שאנער פריילין, וואס איז געזעסען אין גארטען אויף א באנק, ניט ווייט פון יענעם פענסטער.

אלס מאיע האט זיך גוט צוקוקט האט זי ערקענט ראזע סימאן. מאיע האט געוואלט א געשריי טהון צו איהר, נאר אין דעם אויגענבליק איז צוגעלאפען א מאנאשקע און האט ראזען אוועקגעפיהרט פון פענסטער. מאיע איז געבליבען שטעהן פערטראכט.

XIV.

מאיע און אנדריענע קארדאוויל

מאיע האט זיך ערמאנט אן פריילין אנדריענע און דאס זי איז אראב פון זינען, און ווייל זי האט געוואוסט, דאס דא איז א „דולהויז" האט זי זיך געקלערט, דאס די יונגע שאנע פריילין מוז זיין אנדריענע.

אין איהר האט זיך ערוועקט א שטארקע נייגעריגקייט און לוסט מיט איהר צו ריידען. און אום זיך איבערצוצייגען דאס די פריילין, וועלכע זיטצט אויף דער באנק איז ווירקליך אנדריענע קארדאוויל, איז מאיע דורך א גלעזערנע טהיר פון קארידאר ארויס אין גארטען, און בעמערקט צוגעגאנגען צום פארקאן, וואס האט אבגעטהיילט די גארטנער פון האספיטאל און קלויסטער.

— פריילין קארדאוויל! האט מאיע שטיל געזאגט.

— ווער איז דאס? האט פריילין קארדאוויל, זיך אומקערענדיג צום פארקאן, געפרעגט.

מאיע איז צוגעגאנגען נאהענטער און האט איהר אין קורצע ווארטען ערצעהלט, דאס זי איז אגריקאל׳ס א שוועסטער און דאס אגריקאל האט וואס וויכטיגעס איהר איבערצוגעבען.

אנדריענע האט ערצעהלט מאיע׳ן, דאס אין קלויסטער געפינען זיך אויך דעם גענעראל סימאנס צוויי טאכטער, און אום צו בעפרייען זיי האט זי געגעבען מאיע׳ן איהר רינג און געהייסען זאגען אגריקאל׳ס פאטער, דאס ער זאל מיט דעם רינג געהן צום גראף מאנבראן, וואנדאמער פלאץ נומער 7; ווען אבער ער וועט איהם ניט געפינען, זאל ער ווארטען אויף איהם און ערצעהלען אלעס וואס דא איז פארגעקומען. ער וועט געוויס דיזעלבע מינוט זיך געהמען צו דעם און מארגען אהער איבערמארגען וועלען די יתומות און זי אויך ווערען פריי... די צייט איז אבער זעהר טייער, מען קען אונז בעמערקען, האט אנדריענע ווייטער גערעדט, אלזא, מיין ליעבע, גיט מיר אייער האנד, האט זי מיט טרערען אין די אויגען געזאגט, אדיע, צום ווידערזעהען... מאיע האט איהר געגעבען די האנד, וועלבע אנדריענע האט א קוש געטהון.

אין דערזעלבער מינוט האבע זיך אין גארטען געהערט טריט. אנדריענע האט זיך געשווינד בעהאלטען צווישען די בוימער.

מאיע איז שנעל ארויס פון גארטען און איז אריין אין מאסטערסקאיע, וואו א מאנאשקע האט איהר געזאגט, דאס פלארינע איז שוין אוועק, ווייל זי האט זיך ניט געקענט דערווארטען אויף איהר; די מאנאשקע האט איהר געוויזען ווי מען געהט צום טהויער. מאיע איז געשווינד דורכגעגאנגען דעם גרויסען הויף און קומענדיג צום וואכטערס הייזעל האט זי געהערט ריידען: „יא, שוארעלי, די נאכט מוז מען בעססער היטען... איך וועל אנלאדען מיין ביקס מיט צוויי קוילען. — ביי מיר

ברודער, ניקאלאי, איז די קאסע אנגעשארפט גאר איין אנטיק"...

מאַיע האט אנגעקלונגען...

דער וואכטער איז ארויס און האט געעפענט דעם טהויער. אלס זי איז אבגעגאַנגען עטליכע טריט פון טהויער האט זי ערזעהען „מרוקען", וועלכער איז איהר ענטגעגען געלאפען און הינטער איהם איז געגאַנגען דאנאבער.

פלעצליך האט זי הינטער זיך ערהערט אַ שטאַרקע און קלינגענדע שטימע: „מיין ליבע מאַיע"!

די יונגע מיידעל האט זיך ארומגעקוקט און האט ערזעהען אַגריקאל'ן, וועלכער האט געמאכט צו איהר מיט'ן האנד און האט זיך געאיילט זי צו דעריאגען.

XV.

גוטע נאַכריכט.

מאַיע האט דאנאבער'ן מיט אַגריקאל'ן ערצעהלט, דאס זי האט געזעהען ראזע און בלאַנש און די פריילין קארדאוויל, וועלכע איז גאר ניט אַראב פון זינען.

— מיינע קינדערלעך! האט דאנאבער אויסגעשריען, אנגעהמענדיג מאַיען פאר די האנד. דו האסט זיי געזעהען?

— איך האב אָבער ניט געקענט ריידען מיט זיי.

— אך! מיין ליבע און גוטע מאַיע, האט אַגריקאל געזאגט, ווי אזוי אָבער האסט דו זיך ערוואוסט פון דער פריילין קארדאוויל.

— מיט א צופאלל.

מרוק איז געשטאנען נעבען קלויסטער און האט געבילט.

— די קינדער זיינען דארטען ? האט דאגאבער געפרעגט מאיען. דאגאבער האט פערשטאנען זיין הונד.

— יא, הערר דאגאבער.

— איך האב באלד פערשטאנען... א! יא, טהיערע זיינען בעססער פאר מענשען, נאר דו, מאיע, ביזט בעססער פאר מענשען און טהיערע. ענדליך וועל איך זעהען מיינע קינדער און וועל זיי נעהמען צו זיך. זאגענדיג דאס איז דאגאבער צוגעלאפען צו מרוקען.

— אגריקאל! האט מאיע געזאגט לאז ניט דיין פאטער קלאפען אין טהויער, ווען ניט איז אלעס פערלארען.

אגריקאל איז געשווינד צוגעלאפען צום פאטער און האט איהם ניט געלאזען קלאפען.

מאיע איז אויך צוגעגאנגען און האט געזאגט צום סאלדאט: הערר דאגאבער! קומט אוועק פון טהויער מען קען איהם עפענען און מען וועט אונז ערזעהען

דאגאבער האט גאר ניט פערשטאנען; וואס הייסט מען וועט ער־זעהען איזוואס, ער דארף דאך זיינע קינדערלעך, וועט ער אריינגעהן און וועט זיי נעהמען.

מאיע האט איהם אבער ערקלערט, דאס דאס הויז וואו זיי געפינען זיך איז א קלויסטער און מען האט זיי דא איבערגעוואלד אריינגעזעטצט, און דאס עס איז גלייכער אוועקצוגעהן פון דאנען.—דא ניט ווייט איז האספיטאלנער בולוואר, האט מאיע געזאגט, לאמיר געהן אהינצו.

אגריקאל האט קוים איינגעבעטען דעם פאטער ער זאל פאלגען מאיען און אוועקגעהן פון קלויסטער.

אלס זיי זיינען געקומען אויפ'ן בולוואר, האט מאיע איבערגעגעבען דאגאבער'ן דער פריילין קארדאווילס רינג און איהם געזאגט, וואס פריילין קארדאוויל האט געבעטען. — אויף קיין ארט האט דאגאבער ניט

געוואלט גלויבען אין מאיעס רייד און אנדערס ניט ער מוז שוין געהן צונעהמען זיינע קינדערלעך, וועלכע דארפען זיין מארגען אויף דער הייליגער פראנציסקאנער גאס... און ווען זיי וועלען מארגען דארט ניט זיין, ברעכט ער דאך זיין שבועה, וועלכע ער האט געגעבען זייער שטערבענדער מוטטער...

— אויף פראנציסקאנער גאס, נומער 3, האט אגריקאל אויסגעשריען, איבערשלאגענדיג דעם פאטער די רייד.

— יא! ווער האט אבער דאס דיר געזאגט דעם נומער? האט דאנאבער געפרעגט.

און אגריקאל האט זיי ערצעהלט ווי אזוי פריילין קארדאוויל האט איהם בעהאלטען אין א געהיימען צימער אין וועלכען ער האט געפונען א מעשענעם קנאפ אין וואנד און ווי ער האט געפראבירט צודריקען האט זיך באלד געעפענט א קליין טהיר'ל, פון וועלכע עס האט זיך אראבגעלאזען א קעסטעלע מיט פאפירען און א מעדאליאן, וואס אויף איהם איז געווען אנגעשריבען די אדרעסע פון דער הייליגער פראנציסקאנער גאס און דאס אויסערדעם איז געווען א גרויסער פערזיעגעלטער קאנווערט, אנגעשריבען מיט גרויסע בוכשטאבען: „אבצוגעבען דער פריילין קארדאוויל. באלד ווי זי וועט בעקומען דיזע פאפירען דארף זי זיי איבערלעזען" און עס איז געווען אונטערגעשריבען 2 בוכשטאבען: „ר. ק., פאריז, 12 נאוועמבער 1830". — אלס איך האב גוט בעקוקט די פעטשאטען אויפ'ן קאנווערט, האט אגריקאל ווייטער ערצעהלט, איז געווען דאס זעלבע „ר. ק.", פריש ווי מען וואלט זיי יעטצט געמאכט. איך האב באלד פערשטאנען, אז פריילין קארדאוויל מוז געוויס ניט וויססען פון דעם, אלזא האב איך זיי אוועקגעלייגט צוריק אויפ'ן זעלבען ארט און זיך בעשלאססען וועגען דעם צו ערצעהלען פריילין קארדאוויל; אייניגע מינוט נאכדעם אבער האט מען מיך געפונען און ארעטירט און איך האב זיך מיט איהר ניט געקענט זעהען.

וועגען דעם האב איך געשריבען צו דיר, מיין ליבע מאַמע, דו זאלסט זיין ביי דער פריילין קארדאוויל, און יעטצט ווי דו, ליבער פאטער, ביזט געקומען מיך אבנעהמען פון טיורמע, האב איך דיר געזאגט, דאס פריהער פאר אַלעם מוז איך זיין אין א נייטיגען ארט; דאס בין איך געוועזען אין פריילין קארדאווילס פאוויליאָן, נאר צו מיין גרויסען ערשטוינען האט מען מיר געזאגט, דאס זי איז אראב פון זינען און האלט זיך אויף אין דאקטאר באַלעניעס האספיטאל, און געהענדיג צום האספיטאל האבען מיר זיך יעטצט אלע דריי דא צוזאמענגעטראפען

— דער מעדאליאן איז אבער אהנליך צו דעם, וואס ביי דעם גענעראל סימאָנס טאכטער? האט דאגאבער געפרעגט, ווי אַזוי קען דאס זיין?

— דאס איז גאר איינפאך, פאטער, זיי זיינען פערוואנדטע און ווי איך ערמאן מיך האט זי אַליין מיר דאס געזאגט.

— זיינען ראזע און בלאנש איהרע פערוואנדטע?

— אן שום צווייפעל, האט מאַיע צוגעגעבען, ווייל זי אַליין האט מיר יעטצט געזאגט.

— נו, יעטצט פערשטעהסט דו שוין, האט דאגאבער געזאגט, דאס איך מוז זיי ניט אנדערש הײנט בעפרייען, ווען איך זאל אפילו דארפען אונטערצינדען דעם קלויסטער.

— פאטער, דאס שמעקט דאך אבער מיט קרימינאל.

— צום טייפעל, דו ווייסט אבער וואס דער קאממיסאר האט מיר עכטען געאנטווערט, אלס איך האב אנגעקלאגט דיין מוטטערס גייסטליכען? — „אַזוי ווי איך האב ניט מיט וואס דאס אויפצואווייזען, קען ער גאר ניט העלפען".

— יעטצט אבער, פאטער, ווענינסטענס, קען מען דאך יא אויפווייזען, ווייל מען ווייס דאך וואו זיי געפינען זיך. איהר קענט זיין רוהיג, פאטער, אויב איהר וועט געהן צום גראף מאנבראן און איהם ערצעהלען

די נאַנצע געשיכטע, וועט ער אַן צווייפעל געווים אַלעס טהון אום זיי צו בעפרייען. איך בעט דיך, ליבער פאטער, טהו דאס אונז צוליעב. דו, ליבע מאַיע, געה נאך הויזע אונ וואַרט אויף אונז.

— דאַנאָבער האט זיך בעטראַכט אונ ענדליך געזאָגט צו אַגריקאַלין: זאָל זיין ווי איהר זאָגט! איך וועל איך פאָלגען; אין פאַל אָבער דער קאָממיסאַר וועט דיר אַנטוועָרען, דאַס מען קען היינט ניט, אונ דאַס גלייבען וועט מיר אַנטוועָרען דער גראף מאַנבראַן... מיינסט דו אפשר דאס איך וועל זיצען אויפגעלייגט די האַנד! אונ וועל וואַרטען אויף „מאָרגען"? געווים ניט; איך ווייס וואָס איך האָב צו טהון. אַלזאָ דו לויף צום קאָממיסאַר, אונ דו, גוטע מאַיע, געה נאך הויזע אונ וואַרט אויף אונז, אונ איך וועל לויפען צום גראף. יאַ, זאָג מיר וואו ער וואָהנט?

— אויף וואַנדאָמער פּלאַץ, נומער 7, גראף מאַנבראַן...

— געדולד אונ מוטה פאטער! דו וועסט זעהען ווי דאס געזעטץ בע־שיטצט גוטע אונ אָרדענטליכע מענשען...

— אויב אַזוי איז געווים גוט! אין פאַל אָבער ווען ניט דאַרפען גוטע אונ אָרדענטליכע מענשען זיך זעלבסט בעשיטצען. צום ווידערזעהען אויף בריזמיש.

אין דער צייט וואָס דאַנאָבער, אַגריקאַל אונ מאַיע ניינען זיך צונאַנ־גען, איז שוין געוועזען גוט פינסטער.

XVI.

די ענטדעקונגען.

דאנאבער און אנגריקאל האבען ביידע גאר ניט געמאכט מיט זייער געהן זוכען הילף ביי אנדערע: דער קאממיסאר האט אנגריקאל'ן געאנטווערט, דאס ער האט דערווייל קיין רעכט ניט ארויסצונעהמען די מיידלעך פון קלויסטער, מארגען וועט ער יעגען דעם מעלדען דער העכערער נאטשאלסטווא און נאכהער וועט מען זעהען וואס מען האט צו טהון, און דעם גראף מאנבראן האט דאנאבער ניט געפונען צו הויזע; ער איז געוועזען אוועקגעפאהרען.

דאנאבער, אנגריקאל און מאיע זיינען יעטצט געזעסען פערקוממערט ביי זיך אין צימער. פלאצליך האט זיך געעפענט די טהיר און פראנציסקע איז אריין. די סצענע איז געוועזען זעהר רירענד אלס זי, בלייך ווי קאלך, ציטערנדיג, מיט אלע גלידער איז געפאלען אויף די קניע און האט געבעטען דאנאבער'ן, ער זאל איהר פערצייען די ליידען וואס זי האט איהם פערשאפט. עס פערשטעהט זיך, דאס דאנאבער און אנגריקאל האבען זי געקושט און געהאלזט און האבען ניט געוואוסט וואס צו טהון מיט איהר. פראנציסקע האט זיי ערצעהלט פון גבריאל'ן, וועלכען זי האט געזעהען, און דאס זיינע נאטשאלניקעס האבען איהם פערווערט ארויסגעהן פון זיין צימער און קיינעם ניט אריינלאזען צו זיך אויסער איהר; זיינע רייד און עצות האבען איהר געעפענט די אויגען און ער האט איהר געגעבען צו פערשטעהן ווי שולדיג זי איז געגען דאנאבער'ן און דאס איהר גייסטליכער דיובוא איז א פאלשער מענש און דאס זי האט אן דעם מאננס וויסען און ערלויבניס ניט געדארפט

אוועקגעבען אין קלויסטער דעם גענעראל סימאנ'ס טאכטער.

דאנאבער איז געווען זעהר גערירט פון פראנציסקעס ערצעהלונג און האט געזאגט: יעטצט פערשטעה איך, דאס גבריאל, ראנע, בלאנש, פריילין קארדאוויל, דיין מוטטער און מיר אללע קענען ווערען קרבנות פון די יעזואיטען. איך זעה. מען דארף האבען א גרויסע קראפט צו שטרייטען געגען זיי

— דו ביזט גערעכט, ליבער פאטער, די יעזואיטען קענען טהון אזוי פיל שלעכטעס, וויפיעל עס קענען טהון גוטעס גנאדיגע מענשען, ווי אונזער גבריאל, עס גיט קיין ערגערע פיינד פאר א יעזואיט.

— אלעס, וואס דא האט ביי אונז פאסירט שרעקט מיך זעהר, יעטצט אז איך האב זיך ערוואוסט וואס פיר א גריבער מען גראבט פאר אונז בין איך שוואכער געווארען. מיר דאכט זיך, דאס איך און מיינע ליעבסטע געהען ביי נאכט צווישען בייזע שלאנגען און שרעקליכע פיינד וועלכע מען קען ניט זעהען און ניט פערניכטען. ביז דער צייט האב איך זיך קיין מאל ניט געשראקען פאר'ן טויט, נאר יעטצט בין איך זיך טרה, דאס איך שרעק מיך זעהר פאר די לאנגע פאלעס.

— אט איז א בריעף פאר אייך, האט מאיע געזאגט, ווען דאנאבער האט געענדיגט.

— לעז איבער מיר זוהן: איך בין אזוי צוטומעלט דאס איך זעה כמעט ניט ווי צו לעזען.

אגריקאל האט געלעזען:

„אויפ'ן ים, 25 דעצעמבער 1831 יאהר.

„איך בענוטץ מיך מיט דעם שיף וואס געהט אב נאך אייראפא און שרייבע דיר, מיין אלטער קאמעראד איינינע ציילען, וועלכע דו וועסט בעקומען פריהער פאר מיינע לעטצטע בריעף פון אינדיע. יעטצט

בּיזט דו שוין גֶעווען אִין פַּאריז מִיט מיין פְרוי אונ קינד; זאָג ניי, דאס איך וועל אין גיכען זיין אין פראנקרייך. ניט פֶערגעסס דעם 13 פֶעברואר, אָן דעם ווענדט זיך די צוקונפט פון מיין פרוי אונ קינד".

„אדיע, מיין פריינד! ביין עוויג דיר דאנקבארער סימאָן".

— אַגריקאל, דער פּאטער, גיכער! האט מאָיע אויסגעשריען.

דער בריעף האט אויף דאגאבער'ן געמאכט אזא שלעכטען איינדרוק, דאס ער איז כמעט אין אָהנמאכט געפאלען אונ זיין געזיכט האט זיך בעדעקט מיט א טויטער בלאסקייט.

דער זוהן איז צוגעלאָפען אונ האט איהם צוגעהאלטען ער זאל ניט פאלען; דאגאבער איז אין איניגע מינוט ארום געקומען צו זיך. ער איז אויפגעשטאנען פון שטול: זיינע אויגען האבען געברענט ווי פייער אונ ער האט ווילד אויסגעשריען: ניין ניין איך וועל ניט זיין קיין בעטריגער, איך וועל ניט זיין קיין פארלעץ; איך שרעק מיך ניט פאר די לאנגע פאלעס אונ הייניטיגע נאכט מוזען ראָזע אונ בלאנש זיין פריי!

XVII.

דער בעפאל אויפ'ן קלויסטער.

סימאָנס בריעף האט דאגאבער'ן אריינגעגעבען א נייעם מוטה, ער האט זיך פאר קיין זאך שוין ניט געשראָקען אונ זיך פעסט בעשלאָסען דיזע נאכט צו בעפרייען ראָזע אונ בלאנש פון קלויסטער.

ער האט געהייסען אגריקאל'ן מאכען א גרויסען אייזערנעם קרוק (האק)

און אנגרייטען א שטריק. פראנציסקע און אגריקאל האבען איהם געבעטען בחמים ער זאל זיך ניט אונטערנעהמען צו בעפאלען ביי נאכט דעם קלויסטער, ווייל דערפאר קען ער האבען א קרימינאל פראצעס; ער האט אבער פון קיין זאך ניט געוואלט הערען און וויסען און האט געזאגט, דאס ער זאל אפילו וויסען אז דאס וועט איהם קאסטען דאס לעבען מוז ער ארויסנעהמען די קינדער פון קלויסטער.

זיי האבען זיך א לאנגע צייט געשפארט מיט דאנאבער'ן ער זאל ניט געהן און ענדליך ווי אגריקאל האט געזעהען אז עס וועט גאר ניט העלפען זייער בעטען זיך, האט ער אויך איינגעשטימט צו געהן צוזאמען מיט'ן פאטער. ער האט געמאכט א גרויסען אייזערנעם קרוק און צו־געבונדען צו איהם א שטריק.

עס האט געשלאגען 10 אוהר.

— עס איז שוין צעהן —, האט דאנאבער א ציטערטהוענדיג געזאגט, מיר טארען אפילו איין מינוט פערזאמען. אגריקאל נעהם מיט א זאק אויך.

מאיע האט זיי אבגעמעלדט אין וועלכען צימער פריילין קארדאוויל געפינט זיך, נאר וואו ראזע און בלאנש געפינען זיך האט זי ניט געוואוסט.

— אויב מיר וועלען מארגען ניט קומען, האט אגריקאל געזאגט צו מאיען, זי ארומנעהמענדיג, לאז איך ביי דיר די מוטטער... דאן וועסט דו געהן צום הערן האררי, — ער איז שוין געווים געקומען צו־פאהרען... אגריקאל האט זי זעהר ליעבליך ארומגענומען און געדריקט צו זיך...

און דו, מיין אלטע נעהם מיך ארום... פראנציסקע איז אן ווארטער געפאלען איהר מאנן אויפ'ן האלז.

בערוהיג זיך! האט דאנאבער געזאגט, און איז געשווינד ארויסגעגאנגען פון צימער. אגריקאל און דער געטרייער הונד „מרוק" זיינען מיט־

געגאנגען. דעם גאנצען וועג וואס זיי זיינען געגאנגען האבען זיי זיך בעראטהען ווי צו טהון.

קומענדיג צום קלויסטער האט אגריקאל פארווארפען און גוט צוגע-צעפעט דעם קרוק מיט'ן שטריק אויפ'ן פארקאן און איז מיט דער שטריק אריבערגעקראכען אין גארטען. ער האט פון אינווענינג אויפגע-עפענט א קליין טהיר'ל, דורך וועלכע דאנאבער מיט מרוק'ן זיינען באלד אריינגעגאנגען.

אגריקאל איז שטיל צוגעגאנגען צום פענסטער פון צימער, אין וועל-כען, לויט מאיע האט איהם אבגעמעלדט איז געוועזען אנדריענע, און האט גאנץ לייכט אנגעקלאפט אין שויב, באלד נאכדעם האט זיך אין פענסטער בעוויזען א יונגע מיידעל. אין האנד האט זי געהאלטען א ליכט, וועלכע זי האט אוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש. אלס זי האט א קוק געגעבען אין פענסטער איז זי אבגעשפרונגען צוריק. דער שמיד האט אבער צוגעלייגט דעם מונד צום שויב און לייכט א געשריי געטהון: דאס בין איך, אגריקאל באדווען!

ווי אנדריענע האט ערהערט דיזען נאמען, און ערמאנענדיג זיך איהר געשפרעך מיט מאיען, איז זי באלד צוגעלאפען צום פענסטער און האט איהם אויפגעעפענט.

— פריילין, האט דער שמיד גיך געזאגט, פערבריינגט ניט קיין צייט... דער גראף מאנבראן איז אין פאריז ניט דא, און איך מיט'ן פאטער זיינען געקומען אייך בעפרייען.

— איך דאנק אייך זעהר!... פריהער אבער בעפרייט דעם גענעראל סימאנס טאכטער.

— מיר ווייסען ניט די פענסטער פון זייערע צימער'ן.

— איין פענסטער איז אין אונטערשטען שטאק, דאס לעטצטע אין גארטען, און דאס צווייטע אויפ'ן צווייטען שטאק. רעטעט זיי גיכער, האט אנדריענע געזאגט; מיר מאכט ניט אויס דא צו בלייבען נאך

צייניגע טאג ;

— ניין, פריילין, פאר אייך איז זעהר וויכטיג, נאר היינט בעפרייט צו ווערען, האט דער שמיעד געאנטווערט.

— וואס רעדט איהר ?

— איך האב ניט קיין צייט אייך צו ערקלערען, געהט וואס גיכער...! איך וועל באלד קומען צוריק...

דאנאבער מיט אנריקאל'ן זיינען צוגעגאנגען צום ערשטען פענסטער, וואס אנדריענע האט זייא געזאגט אונ האבען אין איהם לייכט אנגעקלאפט ;

אין דעם צימער איז ווירקליך געווען ראזע. אלס זי האט ערהערט דעם קלאפ אין פענסטער, האט זי א ציטער געטהון נאר דאנאבערס שטימע האט זי ערמונטערט.

זי איז געשווינד אראבגעשפרונגען פון בעט אונ איז צוגעלאפען צום פענסטער; נאר אין דער מינוט האט זיך געהערט צוויי מאל אויסשיססען אונ קולות: „גנבים !... גוואלד" !..

ראזע איז פון שרעק אבגעשפרונגען פון פענסטער אונ ביי דעם שיין פון דער לבנה האט זי געזעהען ווי עטליכע מענשען האבען זיך געראנגעלט אונ „מרוק" מיט זיין בילען האט פערטויבט די קולות: „געוואלד ! באטעווע ! גנבים !.. מען שלאגט !... מען קוילעט" !...

XVIII.

די צוויי וואלף.

פונקט מיט צוויי שטונדען פאר דעם דאנאבער מיט אנריקאל'ן זיינען בעפאלען דעם קלויסטער איז ראדען מיט'ן אבאט דעגריג.

געזעסען אין זייער צימער אויף מילע-דע-אורסין גאס.

ראדען ווי אימער אין שמוטציגע קליידער איז געזעסען ביים פולט און האט געשריבען: דערזעלבער שטילער שרייבער ווי געווען, נאר אויסערדעם איז ער נאך געווען א „סאציוס" אויך, דאס הייסט נאכ'ן יעזואיטישען אוסטאוו, האט ער זיך געדארפט שטענדיג געפינען נעבען זיין נאטשאלניק. איהם היטען וואס ער טהוט און פון דעם אלעם האט ער געדארפט שרייבען אין רום צום גענעראל פון די יעזואיטען.

— זיינען דא גוטע נאכריכטען? האט דעגריני זיין שרייבער געפרעגט.

— זעהר גוטע.

— לעזט זיי איבער, איך וועל הערען.

— איידער איך וועל אייך זיי לעזען, האט ראדען געאנטווערט מוז איך אייך מעלדען, דאס מיט 3 טאג פריהער איז אהער מאראק געקומען.

— ווי אזו קומט ער אהער? מיר דאכט, אז מען האט איהם בעפאה-לען ער זאל פאהרען אין נארד-פראווינציען און ניט אנדערסוואו.

— איך ווייס ניט, האט ראדען געאנטווערט, צוליעב וואס מאראק האט אומגעבעטען זיין מארשרוט... ער זאגט, דאס ער איז געקומען אהער נור צו געבען עטליכע פארשטעללונגען מיט זיינע חיות... ער ווארט אונטען, און אלס געוועזענער דינער אייערער, ערלויבט ער זיך צו האפען אויף די עהרע אייך א קוש צו טהון אין האנד.

— דאס איז אונמעגליך! איהר ווייסט דאך וויפיעל מיר האבען היינט ארבייט... איהר האט געשיקט אויף די היילינגע פראנציסקאנער גאס?

— איך האב געשיקט. דער אלטער יוד זאגט, דאס מארגען 6 אוהר אין דער פריה וועלען מולארעס אויפברעכען די פערמויערטע טהיר.

— היינט דארף קיין זאך ניט זיין איבעריג, האט דעגריני געזאגט. — לעזט איבער די קאפיע פון דאקומענט וועלכער ליגט שוין 150 יאהר אין אונזער ארחיוו.

ראדען האט שווייגענדיג ארויסגענומען פון זיין שרייבטיש א פאפיר און האט געלעזען:

„דעם 9 פעברואר 1682 יאהר, האט דער „פאטער" אלכסנדר בורבאן געשיקט פאלגענדע נאכריכט:

„איינער פון אונזערע פאסטארען, איספאוועדענדיג א שטערבענדען, האט זיך פון איהם ערוואוסט זעהר א וויכטיגע זאך.

„איינער פון די פעהיגסטע און געפאהרליכסטע פראטעסטאנטישע פארשטעהער, מיט'ן נאמען מארי רענעפאן, דער ערגסטער פיינד פון אונזער הייליגער חברה, האט אנגענומען אונזער קאטאלישען גלויבען אום צו רעטען זיין רייכטהום, וועלכען מען האט געהאלטען צו קאנפיס־קירען. פערשידענע פערזאנען האבען ריכטיג בעוויזען, דאס מארי רענעפאן איז צו אונזער רעליגיע ניט מיט'ן גאנצען הארצען און דאס ער איז נאר מחלל השם, דארום האט מען זיינע גיטער קאנפיסקירט און איהם אליין פערמשפט אויף קאטארגע. ער האט אבער ניט געווארט און האט זיך אליין געמאכט דעם טויט.

יעטצט וועלען מיר שרייבען, דאס וואס קען אין דער צוקונפט זיין נוטצליך פאר אונזער חברה.

„זיין מאיעסטאט אונזער קעניג לודוויג דער פירצעהנטער מיט זיין פאטערליכער און כריסטליכער גנאדע צו דער רומישער קירכע און איבערהויפט, צו אונזער הייליגען ארדען, האט ערלויבט אלע קאנפיס־קירטע גיטער פון דיזען אפיקורס אוועקשייקען אונז. עס איז אבער בעוואוסט, דאס איין הויז פון די קאנפיסקירטע איז געבליבען אין אנ־דערע האנד אין פאריז, אויף דער הייליגער פראנציסקאנער גאס, נומער 3 און אויך א סומע געלד פון 50,000 פראנק. פאר'ן קאנפיס־קירען האט רענעפאן דיזעם הויז נאטאריאלנא איבערגעגעבען זיינעם א גוטען פריינד, וועלכען מיר האבען גאר נישט געקענט טהון, ווייל ער

איז געוועזן א אמתר אונ גוטער קאטאליק. דיזעס הויז, ווי רענעפאן אליין האט פערלאנגט פאר'ן טויט, האט דיזער פריינד פערמויערט מיט ציגעל אונ וועט עס עפענען ניט פריהער ווי אין 150 יאהר ארום. די 50,000 פראנק זיינען לײדער אוועקגעגעבען געווארען אין אונבעוואוסטע האנד מיט דער בעדינגונג, דאס מען זאל דאס געלד אבגעבען אויף פראצענט אין פערלויף פון די 150 יאהר, אונ נאך דיזען טערמין צוטהיילען דעם גאנצען קאפיטאל צווישען רענעפאנס נאכקאמענדע. אונ וויל דער קאפיטאל וועט שטענדיג זיין אויף פראצענט, מוז פון איהם אין 150 יאהר ארום ווערען ניט ווייניגער פון 40 מיליאן".

„רענעפאן שרייבט ניט אין זיין צוואה וועמען ער האט אוועקגעגעבען דאס געלד אויף פראצענט. ער בעט נאר זיין פאמיליע, דאס זיי זאלען צו וויסען געבען זייערע יורשים, דאס דעם 13 פעברואר 1832 יאהר דארפען זיי אללע צוזאמענקומען אין פאריז, אונ אום זיי זאלען דאס ניט פערגעססען האט ער געלאזט מאכען בראנזאווע מעדאליאנען אויף וועלכע איז אנגעשריבען דיזער וואונש אונ האט געהייסען געבען יעדען פון זיין פאמיליע אזא מעדאליאן; בעזאנדערס איז וויכטיג צו וויסען, דאס די יורשים דארפען זעלבסט קומען דעם 13 פעברואר, אבער ניט דורך זייערע א פאוועדענעם דען זאנסט פערליערען זיי די ירושה".

„דער אונבעקאנטער, וואס איז אוועק צוטהיילען די מעדאליאנען רענעפאנס יורשים איז אלט ניט מעהר ווי 36 יאהר, פון הויכען געוואוקס מיט א שטאלצען אונ טרויעריגען קוק אונ די ברעמען זיינען ביי איהם כמעט ווי צוזאמענגעוואקסען ווי איין שווארצער פאס פון איין שלייף ביז דעם צווייטען.

„פון דעם אלעם פערשטעהט מען, דאס עס איז ניט קאנפיסקירט געווארען דאס געלד, וועלכעס דער אפיקורס האט אוועקגעגעבען א אונבעקאנטען מענשען, אונ דארום איז דאס פאר אונז א גרויסער שאדען

און מיאוס אבגענארט, וואס דערפאר דארפען מיר זיך גוט אברעכענען אויב ניט יעטצט, איז וועניגסטענס אין דער צוקונפט"...

— גענוג, האט דעגריני, געזאגט, ענדליך וועלען מיר מארגען ירשענען דעם גרויסען קאפיטאל. מיר דאכט, אז איך האב פערהיט אלעס... זאגאר איין זאך אונבערוהיגט מיך זעהר...

— וועלכע?

— וואס מיר האבען ביז דער צייט פון דעם הויז-פערוואלטער ניט בעקומען קיין ערקלערונג וועגען דעם. האט מען געפראבירט ריידען מיט איהם?

— מען האט עס געפראבירט, האט ראדען געאנטווערט, עס איז אבער איהם מיט זיין פרוי ניט איינצובייטען... איבריגענס זיינען זיי פון אלטקייט געווארען ווי קינדער.

— עס גלויבט זיך מיר ניט, האט דעגריני געזאגט, דאס דער אלטער יוד סאמועל, דער יעטצטיגער פערוואלטער פון רענעפאנס הויז, זאל ניט וויסען וואו דאס געלד געפינט זיך... דען דיזע פערוואלטער שטעלע געהט דאך איבער אין זייער משפחה פון איינעם צום צווייטען.

— פון אונזערע דאקומענטען איז בעוואוסט, האט ראדען געזאגט, דאס אונזער ארדען האט שוין פון 1682 יאהר געארבייט צו בעקומען איין ערקלערונג פון די פערוואלטערס, נאר די מיהע איז געווען אומזאנסט, און דארום איז געבליבען די מיינונג, דאס די פערוואלטערס מוזען אליין אויך ניט וויסען וואו דאס געלד געפינט זיך. נאר איינינע יאהר צוריק האט מען זיך אויף איין איספאוויעד ערוואוסט, דאס עס עקזיסטירען זעהר גרויסע קאפיטאלען. אלזא ווייסען מיר דאס, וואס רענעפאנס יורשים ווייסען ניט.

— דאס איז ריכטיג... און, ענדליך קען איך זאגען, דאס אלעס וואס איז נור געווען מעגליך האבען מיר געטהון... ביי די ווארטער

האט ער זיך געווענדעט צו ראדען, ווי ער וואלט פרעגען ביי איהם זיין מיינונג.

ראדען האט געשוויגען.

דעגריני האט עטליכע מאל געפרעגט ביי איהם צו זיין מיינונג איז אויך אזוי, ער האט אבער געשוויגען און ניט געאנטווערט, נאר ענדליך האט ער געזאגט: „איך קען אייך אויף דעם קיין מיינונג ניט געבען; ווען עס וועט אויסגעפיהרט ווערען, וועט איהר דאן האבען א ריכטיגע אנטוואָרט אויף אייער פראגע".

דעגריני האט א קוועטש געטהון מיט די פּלייצעס און עס האט איהם באנג געטהון וואס ער האט גאר געפרעגט ביי דער „שרייבמאשינע", וועלכע נאך זיין מיינונג האט 3 מעלות: א גוטען זכרון, בענוגענט זיך מיט ווייניגעס און איז פינקטליך.

XIX.

די ברידער פון „מעשים טובים".

דער אבאט דעגריני האט איניגע מינוט געשוויגען און נאכדעם ווידער געזאגט צו ראדען: לעזט איבער היינטיגע נאכריכט וועגען רענעפאנס יורשים, אין וואס פאר א לאגע געפינט זיך יעדערער פון זיי.

ראדען האט געלעזען: „זשאק רענעפאן, מיט'ן נאמען „אבגעריסע־נער", האט מען היינט 8 אוהר אין אבענד אריינגעזעטצט אין טיורמע פאר חובות. סענדיזע האט בעפאהלען אין קלויסטער, דאס מען זאל בעסער צוהיטען ראזע און בלאנש סימאן. היינט 9 אוהר אבענדס האט מען זיי גוט פערשלאסען, און אויסערדעם האט מען אוועקגעשטעלט

וואכטערס מיט געווער. הערר הארדי געפינט זיך אין די זיד פראווינציען וויט פון פאריז. דער אינדיאנישער פרינץ געפינט זיך אין שלאס קאר־דאוויל און קען אונז גאר ניט שטערען"... אלעס געהט גוט און מען דארף גאר בעססער ניט. גבריאל האט שוין עטליכע מאל געבעטען אין זיינע בריעף איהר זאלט איהם געבען מאגליכקייט צו ריידען מיט אייך; ער איז זעהר בעטריבט, וואס 5 טאג ווי מען לאזט איהם ניט ארויס פון זיין צימער.

— מארגען ווען איך וועל געהן אויף די היילינע פראנציסקאנער גאס וועל איך זיין ביי איהם... אלזא, האט דעגריני מיט פרייד געזאגט, זיינען מיר זיכער, דאס רעגעפאנס יורשים וועלען מארגען געוויס ניט קענען זיין אויף דער הייליגער פראנציסקאנער גאס און מיר וועלען אונזער ציעל ערדייכען.

אינדעם איז דער דינער אריין און האט געמאלדען, דאס אונטען װארט א מאנן, וועלכער זאגט, דאס ער איז פון וואנדאיעל'ן אוים יאווא.

ראדען און דעגריני האבען מיט שרעק געקוקט איינער אויף דעם אנדער'ן.

— געהט זעהט ווער דאס איז, האט דעגריני געזאגט און אליין איז ער אריין דורך א זייטיגע טהיר אין א צווייטען צימער.

א מינוט נאכדעם איז נעבען ראדענען געשטאנען פארינזע.

ראדען, ווי ער וואלט איהם גאר ניט קענען, האט איהם געפרעגט ווער ער איז און וואס ער דארף צו איהם.

פארינזע האט איהם געאנטווערט, דאס ער האט איהם געזעהען אין שלאס קארדאוויל און דאס ער האט איהם דאן גערופען ביים נאמען און אויף די פראגע וואס דארף ער, האט ער דאן געאנטווערט: „יעצט, ברודער, גאר ניט, מיט דער צייט אבער זעהר פיעל". יעצט איז געקומען די צייט און דארום איז ער געקומען בעטען דאס פולע.

ראדען האט גאנץ קאלט געאנטווערט, דאס ער ווייס נאך אלס ניט מיט וועמען ער רעדט. פארינזע האט איהם געוויזען וואנדאיעלס בריעף; ראדען האט באלד ערקענט די האנדשריפט. פארינזע האט בעהאלטען דעם בריעף אין קעשענע און האט איהם ערצעהלט ווי אזוי ער האט איהם בעקומען...

— ווי רופט מען אייך? האט ראדען קאלטבלוטיג געפרעגט.

— פארינזע.

— אלזא, העדר פארינזע, וואס ווילט איהר פון מיר?

— איך האב זיך ערוואוסט פון וואנדאיעל'ס בריעף, דאס איהר געהערט גלייך ווי איך צו די ברידער פון „מעשים טובים"

— וואס זאגט איהר? האט ראדען ווידער געפרעגט;

— ביי אונז, ברודער, איז אויך אזא חברה ווי ביי אייך.

— איך וואלט זעהר וועלען וויסען וואס איז דער ציעל פון אייער חברה? האט ראדען ווידער געפרעגט.

— דערזעלבער ציעל וואס ביי אייך; מיר מאכען אויך פון לעבענדיגע מענשען טויטע טרופען!.. וואנדאיעל שרייבט אין זיין בריעף: „די גרויס־קייט פון אונזער „חברה" בעשטעהט אין דעם, דאס מיר מאכען פון א מענשען א טרופ"... און מיר טהוען אויך אזוי, פון מענשען מאכען מיר טרופען... אזוי פערלאנגט אונזער באחנואן.

— וואנדאיעל זאגט גאר, דאס די נשמה, דער ווילען, און געדאנקען דארפען זיין אונטערווארפען אונזער דיסציפלינע.

דאס איז ריכטיג... אייערע הרגענען די נשמה, און מיר דעם קערפער...

— איהר האט ווידער א טעות, האט ראדען געזאגט: אין בריעף רעדט זיך גאר וועגען „ווילען" און „געדאנקען".

— וואס טויג דען א קערפער אן א נשמה, אן ווילען און אן געדאנ־קען? מעגסט מיט מיר מסכים זיין, דאס די מענשען ווערען פון אונזער

שְׁטְרִיק אַזֶעלְכֶע פְּגָרִים ווי פון אייער דיסְצִיפְּלִינֶע ; אַלְזָא , בְּרוּדֶער , גִיבּ דִי האַנְד !.. עֶס לֶעבֶּען רוּם אוּנ בְּאחְוואַן !..

ראַדֶענְס גֶעזִיכְט הָאט זִיךְ נִיט אוּמְגֶעבִּיטֶען , זָאנַאר עֶר הָאט גֶעפִיהלְט , דַאס עֶר מוּז וואַנְדְראִיעלְס בְּרִיעף בֶּעקוּמֶען . וָואס פֶערלַאנְגְט אִיהר אָבֶּער ? הָאט עֶר פַארִיגְזֶען גֶעפְרֶעגְט .

— דַיין האַנְד , בְּרוּדֶער אוּנ מִיר וֶועלֶען אַרְבֵּייטֶען בְּשׁוּתְּפוּת .

— אוּנ אִיךְ בֶּעט אַייךְ אִיהר זָאלְט מִיר אַוֶועקְגֶעבֶּען וואַנְדְראִיֶעלְס בְּרִיעף הָאט רַאדֶען גֶעעֶנְטְוֶוערְט , אָדֶער טְרָאגְט זִיךְ אָפּ פוּן דַאנֶען !..

— אִיהר וֶועט זִיךְ אָבֶּער בַּאלְד בֶּעטֶען בַּיי מִיר אִיךְ זָאל נִיט אַוֶועקְגֶעהְן... אִיהר מֶעגְט וִויסֶען , דַאס אִיךְ ווייס אַלֶעס וֶועגֶען פְּרִינְץ דְזִשַאלְמֶע אוּנ דַאס מֶען הָאט אִיהם נֶעכְטֶען גֶעגֶעבֶּען אַ שְׁלָאפְּטְרוּנְק...

רַאדֶען הָאט נִיטְווִילֶענְדִיג אַ צִיטֶער גֶעטְהוּן אוּנ גֶעזָאגְט : אִיךְ ווייס אָבֶּער נִיט וֶועגֶען וֶועמֶען אוּנ פוּן וָואס אִיהר רֶעדְט .

— דִי גֶעשִׁיכְטֶע פוּן דֶעם אִיז , דַאס אַייער דָאקְטָאר , וֶועלְכֶער אִיז גֶעפָאהרֶען צוּזַאמֶען מִיט'ן פְּרִינְץ פוּן שְׁלָאס קַארְדָאווִיל , הָאט אִיהם מְכַבֵּד גֶעוֶוען מִיט „אָפִּיוּם״ .

— וָואס אִיז דַאס מַיין עֶסֶק ?..

— נָאר בַּיי אוּנְז אִין יַאוַוא , הָאט פַּארִינְזֶע ווייטֶער גֶערֶעדְט , אִיז דָא אַ בֶּעססֶערֶער מִיטֶעל ווי „אָפִּיוּם״ , מִיט דֶעם נָאמֶען „אַרֶעמָאוו״ , וֶוען מֶען זָאל דַאס אַ שְׁמֶעק טְהוּן קֶען מֶען אָבְּשְׁלָאפֶען אַ 30—40 שְׁטוּנְדֶען , אוּנ מִיט דֶעם טַאקִי הָאבּ אִיךְ נֶעכְטֶען מְכַבֵּד גֶעוֶוען אַייער דָאקְטָאר אוּנ דֶעם פְּרִינְץ הָאבּ אִיךְ גֶעבְּרַאכְט אִין פַּארִיז ; עֶר שְׁלָאפְט יֶעטְצְט אִין הָאטֶעל .

— אוּנ דֶער דָאקְטָאר

— שְׁלָאפְט אוֹיךְ אִין אַ הָאטֶעל , נָאר אִין מִיטֶען וֶועג צְווִישֶׁען פַּארִיז אוּנ שְׁלָאס קַארְדָאווִיל .

— אונגליקליכער! האט ראדען אויסגעשריען, איהר האט דאך דעם דאקטאר געקענט פערסמען?

— אזוי ווי ער האט געקענט פערסמען דעם פרינץ דשואלמע; יעטצט ווענדט זיך אן אייך צו דשואלמע וועט זיין מארגען אויף דער היילינגער פראנציסקאנער גאס אדער ניט. ביי די ווארטער האט ער ראדענען געוויזען א בראנזאווען מעדאליאן און האט געזאגט: דיזער בעווייזט, דאס איך זאג אמת... איך האב דאס אראבגענומען פון פרינץ, און אן איהם וועט ער ניט וויסען וואו ער דארף מארגען געהן. דאריבער בין איך יעטצט געקומען בעטען די פולע.

ראדען האט פון כעס און פערדרוס, ווי זיין געוואהנהייט איז געווען, געביסען די נאגיל ביז בלוט, און ענדליך האט ער צו פארינזען געזאגט; אפשר ווילט איהר דא גאר פון מיר אויסלאכען, ערצעהלענדיג מיר א זעלכע זאכען.

זאנאר פארינזע איז געווען ניט קיין בושת פנים, דאס הייסט, ער איז געווען, ווי מען זאגט, א שטארקער עזות פנים, איז ער פונדעסטוועגען פון ראדענס לעצטע ווארטער געבליבען שטעהן ווי צומישט.

היט זיך, ברודער, צווינג מיך ניט דיר צו בעווייזען מיט אותות ומופתים, דאס איך רייד דעם אמת.

— צו אלע שווארץ יאהר, געה פון דאנען, האט ראדען מיט כעס געזאגט, ווער האט דיך געבעטען קומען אהער; אז דו וועסט נאך א מאל וועלען מאכען א זעלכע קונצען, זאלסט דו וויסען וועמען אויסצוקלויבען.

פארינזע איז געבליבען ווי א ערשלאגענער.

— הערט! האט ער געזאגט, ווען איהר גלויבט מיר ניט, שיקט וועמען פרעגען אין האטעל; נאט אייך דיזע אדרעסע, און האט גערוקט ראדעגען אין האנד א געדרוקטע אדרעססע.

— וואס איז דאס? האט ראדען געפרעגט, און דערווייל האט ער גע-
שווינד איבערגעלעזען פון ווייטען די אדרעססע.

— לעזט איבער, האט פארינזע זיך ביי איהם געבעטען, און דאן וועט
איהר זעהען אז עס איז ריכטיג...

ראדען האט איהם נאך א ביסעל אנגעווידעלט און געהייסען דעם דינער
ער זאל איהם ארויס ווארפען.

גאנץ לאנגזאם איז פארינזע צוגעגאנגען צום טהיר און פאר'ן ארויס-
געהן האט ער געזאגט: היט זיך!.. מארגען וועט שוין זיין שפעט!

ווי נאר דער „ווערגער" איז ארויסגעגאנגען, איז דעגריני באלד
אריינגעגאנגען גלייך ווי קאלך און האט צו ראדענען געזאגט: וואס
האט איהר געטהון? איך האב אלעס געהערט. דיזער טויגעניכטס האט
געזאגט דעם אמת. דער אינדיאנער איז אין זיינע האנד און יעטצט וועט
ער זיך מיט איהם פערבינדען..

— שרעקט זיך ניט, האט ראדען גאנץ רוהיג געזאגט, ווי נאר ער
איז אריינגעגאנגען אהער האב איך באלד אנגעשריבען א צעטעלע
צו מאראק'ן.

— וואס איז פון דעם געווארען?

יעטצט ווייסען מיר אין וועלכען האטעל דשואלמע שטעהט איין..
און פארינזע וועט שוין ניט לויז ווערען פון מאראקס און גלית'ס
האנד.

— ווידער מיט געוואלד! האט דעגריני אויסגעשריען...

נאר אין דערזעלבער מינוט איז דער דינער אריינגעגאנגען און האט
ראדענען דערלאנגט א קליין פעקעלע.

— מאראק האט דאס געבראכט, האט דער דינער געזאגט.

דארען האט געשווינד אויפגעעפענט דעם פעקעלע און האט ארויסגענומען א מעדאליאן מיט וואנדאיעל'ס בריעף.

— עס איז אפילו מיט א געפאהר וועניגער, האט דער מארקיז געזאגט. פונדעסטוועגען אבער איז זעהר ניט אנגענעהם א זעלבע מיטלען.

ווער איז דען שולדיג אין דעם ווען ניט ער אליין... איך וועל שוין שיקען ווען עס איז אין האטעל צו דעם אינדיאנער...

— פונקט 7 אוהר אין דער פריה ברייננט צופיהרען גבריאל'ן אויף די היילינע פראנציסקאנער גאס; דארטען וועל איך זיך מיט איהם דורכריידען.

איך וועל איהם היינט וועגען דעם זאגען.

— ענדליך, האט דעגריני פערטראכט געזאגט, קומט אן די גליקליכע מינוט, אויף וועלכע מען האט אזוי לאנג געווארט!..

ענדע דעם דריטען טהייל.

פיערטער טהייל.

„דער 13 פעברואַר“.

I

דאס הויז № 3 אויף דער הייליגער פראנציסקאנער גאס.

אויף דער גאס סען-זשערווע אין פאריז איז געשטאנען א גרויס גע-מויערטעס הויז, וואס איז געווען כמעט ארום און ארום פערשלאגען מיט ברעטער. אין די שטארקע דעמבאווע טהירען, בעדעקט מיט שטויב און פערוואכסען מיט מאך איז געווען א קליין טהיר'ל דורך וועלכע מען האט געקענט אריין און ארויסגעהן אויף די הייליגע פראנציסקאנער גאס.

אין דיזען הויז האט געוואהנט דער פערוואלטער ר. סאמועל. אין גרויסען גארטען ארום הויז איז געשטאנען א 2-שטאקיגעס געמויערטעס הויז; אלע פענסטער פון דיזען הויז, דאס דאך און די קוימענס זיינען געווען פעסט בעשלאגען מיט בלעך.

דאס איז געווען דאס הויז אין וועלכען עס האבען זיך געדארפט אויפזאמלען רענעפאנס יורשים.

די נאכט פאר'ן 13 פעברואר האט זיך שוין באלד געענדיגט. אין איין פענסטער פון פערוואלטערס וואהנונג האט זיך געזעהען פייער.

סאמועל האט נאך ניט געשלאפען; ער איז געזעסען [illegible] א לאמפע אונ האט געשריבען דאס, וואס זיין פרוי אזבל האט איהם דיקטירט פון א נאטיצביכ'ל.

דער פערוואלטער דוד סאמועל איז געוועזן אלט א יאהר 80 מיט לאנגע, געדיכטע, גרויע, געגרייזעלטע האר אויפ'ן קאפ, פון מיטעלער געוואוקס, דאר, נאר נאך גענוג שטארק. ער איז געוועזן אנגעטהון אין אנ'אלטען לאנגען שלאפראק מיט ברייטע ארבעל. זיין פרוי אזבל איז געוועזן מיט 15 יאהר יונגער פון איהם. אויף איהר געזיכט האט מען געקענט בעמערקען א שטארקען קוממער אונ איהר בליק איז געוועזן אונבעוועגליך.

איינינע מינוט האבען זיי געשוויגען, ענדליך האט סאמועל געזאגט:

— אזבל, לאמיר איבערעכנען נאך אמאל דאס גרויסע פערמאגען פון הערן רענעפאנס יורשים.

גוט, מיין פריינד.

די געשיכטע פון רענעפאנס פערמאגען האט א גרויסע שייכות מיט סאמועלס פאמיליע, וועלכע האט שוין אין פערלויף פון דריי דורות געפיהרט די געשעפטען מיט די חשבונות פון דעם גרויסען קאפיטאל.

אין 1670 יאהר האט מארי רענעפאן אויף דער רייזע נאך פארטוגאל גערעטעט פון טויט אנ'אונגליקליכען יודען, וועלכען די אינקוויזיציע האט פערמשפט צום פערברענען. דיזער יוד איז געוועזן יצחק סאמועל, דעם יעטצטיגען פערוואלטערס זיידע.

אלס מארי רענעפאן האט זיך איבערצייגט, דאס יצחק סאמועל איז איין עהרליכער, קלוגער אונ פעהיגער מאנן, האט ער איהם פארגעלייגט צו זיין פערוואלטער אין זיינע גיטער אין פראנקרייך. יצחק סאמועל האט מיט פרייד אנגענומען דיזע שטעלע, האט עהרליך אונ גוט געפיהרט אלע רענעפאנס געשעפטען ביז וואנען די יעזואיטען האבען קאנפיסקירט דיזע גיטער. דאס האט זיך געטראפען איינינע טאג פאר רענעפאנס טויט.

מארי רענעפאן האט אין געהיים פון די יעזואיטען געשיקט רופען צו זיך: יצחק סאמועל'ן וועלכער האט ניט געוואוסט, דאס זיין וואהלטהאטער וויל זיך געהמען דאס לעבען. רענעפאן האט איהם איבערגעגעבען 150 טויזענד פראנק, וואס האבען זיך איהם אפגעשטעלט פון זיין גאנצען פערמאגען און האט איהם געבעטען אוועקגעבען דאס געלד אויף פראצענט; אויב ער וועט האבען א זוהן, זאל ער איהם איבערגעבען ווייטער פיהרען די געשעפטען מיט די חשבונות, אין פאלל אבער ער וועט קיין זוהן ניט האבען, זאל ער איבערגעבען דאס געלד זיינעם א פערוואנדטען, וועלכער זאל בעקומען דערפאר געהאלט, און דערזעלבער זאל איבערגעבען זיינע קינדער א. ז. וו. אין פערלויף פון 150 יאהר. אויסער-דעם האט רענעפאן איהם געבעטען זיין אויך פערוואלטער אין זיין הויז אויף דער היילינגער פראנציסקאנער גאס וואו ער וועט האבען אומזאנסט א וואהנונג, און אויב עס וועט מעגליך זיין זאל ער דיזעלבע שטעלע איבערגעבען זיינע קינדער.

יצחק סאמועל האט זיך אונטערגענומען אלעס צו ערפילען און האט ווירקליך ווארט געהאלטען. נאך זיין טויט האט זיין זוהן ארי-ליב סאמועל, וועלכער האט געלעבט 93 יאהר ווייטער געפיהרט די געשעפטען און חשבונות פון רענעפאנס קאפיטאל. דער יעטציגער פערוואלטער דוד סאמועל איז ארי-ליב סאמועל'ס א זוהן.

דוד סאמועל האט אויפמערקזאם איבערגעלעזען דעם רעסטער און געזאגט צו זיין פרוי: איך בעט דיך, אנגעל, קוק דו נאך אין נאטיצביכ'ל און איך וועל לעזען די סוממעס, וואס איך האב פערשריבען; מען מוז אלעס אין ארדנונג ברינגען, ווייל היינט ביי'ם איבערלעזען דער צוואה וועל איך מוזען פון אלעס אבגעבען חשבון דעם נאטאריוס און אויך איהם איבערגעבען דעם קאפיטאל.

— לעז מיין פריינד, און איך וועל נאכזעהען, האט די פרוי געזאגט.

סַאמוּעֶל הָאט אָנגֶעפַאנגֶען לַאנגזַאם אונ הויך צוּ לֶעזֶען :

דֶער חֶשְׁבּוֹן

פוּן דִי קַאפִּיטַאלֶען , וֶועלְכֶע דָוִד סַאמוּעֶל בַּארְף אִיבֶּערגֶעבֶּען הֶערְן רֶענֶעפָאנְס יוֹרְשִׁים :

דֶעבֶּעט . פ״ר.

2,00,0000 פראנק אין פראנ-
צאזישע בילעטען א
5% פון 1825 ביז
1832 יאהר על פי
קורס 99 פ״ר 50
סאנט 39.800,000

900,000 פ״ר. אין פראנ
צאזישע בילעטען א3%
געקויפט אין דיזעלבע
יאהרען א 74 פ״ר. 50
סאנט . . . . . . 22.275,000.

5,000 אקציעס פון פראנצא-
זישער באנק א 1,900
פ״ר. . . . . . . 9.500,000.

3,000 אקציעס פון די „פיער
קאנאלען״ א 1,115 פ״ר. 3.345,000.

125,000 נעאפאלישע דו-
קאטען א 82 פ״ר. ,
2.050,000 דוקאטען
א 4 פ״ר. 40 סאנט . 9.020,000

5,000 אסטרייכישע פאפירען
א 1,000 פ״ל. על פי
קורס יעדערע אין 93
פ״ל.—4.650,000 פ״ל.
א 2 פ״ר. 50 סאנט . 11.625,000.

75,000 פונט שטערלינג א
2.218,750=88,34 א 3%
פונט א 25 פ״ר יעדער
פינט . . . . 55.468,750.

1.200,000 פ״ל. א 2,1,20.0
האללאנדער א 60 פ״ר,
28.860,000 פ״ל. א 2
פ״ר. 10 סאנט. פיר א
נידערלאנדער פ״ל . 60.606,600

אין באנקאווע פאפירען,
גאלד אונ זילבער . . 535,250

ס״ה. 212.175,000

קְרֶעדִיט .

150,000 פראנק , וועלכע
מיין זיידע האט בעקו-
מען פון העררן רענעפאן
אין 1682 יאהר , אונ
מיין זיידע, מיין פאטער
אונ איך האבען זיי גע-
געבען אויף צינזען א
5% , אונ אלע האלב
יאהר צוגערעכנט די
פראצענט צום קאפיטאל,
לויט דעם חשבון , וואס
איז דא צוגעלייגט, איז
געווארען : 225.950,000

אב היזק פון באנקראטען ,
אויסגאבען אויף קאמ-
מיסיע אונ געהאלט פאר
3 פערוואלטערם : 13.775,000

ס״ה. 212.175,000

עס איז ריכטיג, האט סאמועל געזאגט, ווען ער האט איבערגעזע־הען אלע פאפירען. גאנץ ריכטיג, אין קעסטעלע ליגט טאקי צוויי הונדערט אונ צוועלף מיללִיאן הונדערט אונ פינף אונ זיעבציג טויזענד פראנק. ביי די ווארטער האט ער מיט שטאלץ א קוק געגעבען אויף זיין פרוי.

— מיין גאטט, איז דאס מאגליך! האט אזעל איבערראשט געזאגט.

— עס קען גאר איינפאכער ניט געבען אזעל... יעדער ווייס, דאס א קאפיטאל, וואס ברייננגט נור 5% יאהרליך. ווערט אין פערלויף פון 14 יאהר פערדאפעלט; יעטצט בעדענקט זיך, דאס אין די 150 יאהר איז דאך געוועזען אזאלכע 14 יאהריגע צעהנמאל... אין 1682 יאהר האט רענעפאן איבערגעגעבען מיין זיידען 150 טויזענד פראנק, איז אין פער־לויף פון פירצעהן יאהר, דאס הייסט, אין יאהר 1696 געווארען 300,000 פ״ר; 1710 : 600,000; 1727 : 1,200,000; 1738 : 2,400,000; 1752 : 4,800,000; 1766 : 9,600,000; 1780 : 19,200,000; 1794 : 38,400,000; 1808 : 76,800,000; 1822 : 153,600,000 פ״ר, אונ יעטצט צורעכענען די ציגזען פון די לעטצטע 10 יאהר האט שוין געבראכט זיין 225 מילליאן פ״ר.; פון דעם אבער אראברעכענען פערשידענע הוצאות מיט היזיקות, וועלכע איך האב אין חשבון אויסגעשריבען איז געבליבען 212,175,000 פ״ר. , אונ דאס ליגט טאקי דא אין קעסטעלע.

— יעטצט פערשטעה איך, האט אזעל נאכדענקענד געזאגט; גיב נור גאטט, דאס הערן רענעפאנס יורשים זאלען פערברויכען דיזעס גרויסע פערמאגען אויף גוטע טהאטען

די אוהר האט געשלאגען 7. סאמועל האט אוועקגעשטעלט דאס קעסטעלע צוריק אין אנאייזערנעם שראנק. אין דער צייט האט מען שטארק אנגעקלאפט אין טהויער.

— דאס זיינען געווים די מולארעס, וועלכע דער נאטאריוס האט געשיקט, האט סאמועל געזאגט; איך בעט דיך בינד צוזאממען אלע שליסלען; איך וועל באלד קומען נאך זיי.

סאמועל איז ארויסגעגאנגען און איז צוגעגאנגען צום טהויער, דורך א קליין פענסטער׳ל פון וועלכעס ער האט ערזעהען 3 מולארעס און א יונגען מאנן אנגעטהון אין שווארצען.

— וואס דארפט איהר? האט ער זיי געפרעגט.

— מיך האט אהער געשיקט דער נאטאריוס דיומעניל, האט דער מאנן אין שווארצען זיך אבגערופען, אום אכטונג צום געבען ביי׳ם עפענען דער פערמויערטער טהיר; דא האב איך א בריעף פון מיין פרינציפאל צום העררן סאמועל — פערוואלטער פון דיזען הויז.

— בעמיהט זיך אריינצו־ווארפען דעם בריעף אין קעסטעל, און פון דארטען וועל איך איהם שוין ארויסנעהמען.

דער מאנן האט געקוועצט מיט די פלייצעס, נאר ער האט סאמועל׳ס וואונש ערפילט.

ער האט איבערגעלעזען דעם בריעף, פערגליכען די אונטערשריפט פון נאטאריוס מיט אנאנדער בריעף פון איהם, און דאן האט ער געעפענט דעם טהויער און זיי אריינגעלאזען.

אין דערזעלבער צייט, ווען די מולארעס האבען זיך גענומען צו דער ארבייט אונטער די בעאבאכטונג פון דעם נאטאריוס שרייבער, האט זיך ביי׳ם טהויער אבגעשטעלט א קארעטע, און ראדען מיט גבריאל זיינען אריין אין הויז נומער 3 פון דער היילינער פראנציסקאנער גאס.

II.

דער יורש.

סאמועל האט זיי אריינגעפיהרט אין א צימער אויפ'ן ערשטען שטאק; ער האט זיי פארגעלייגט זיין אייגענע וואהנונג, נאר ראדען האט זיך ענטזאגט. ער האט פארגעשטעלט פאר סאמועל'ן דעם פאסטאר גבריאל, אלס איינעם פון רענעפאנס נאכקאמענדע. סאמועל האט זיך זעהר גע־פרעהט קוקענדיג אויף דאס סימפאטישע געזיכט פון דעם יונגען אבאט

– אהער וועט באלד קומען אונז פרעגען דער אבאט דעגריני, דער אפעקון פון העררן אבאט גבריאל, האט ראדען געזאגט; וועלען זיי אזוי גוט זיין און איהם אריינפיהרען אהער?

סאמועל האט פערשפראכען און איז א־ויס פון צימער; ראדען און גבריאל זיינען געבליבען אליין. ראדען האט דערוויל אנגעהויבען אויס־צופארשען ביי איהם צו ער ווייס ניט עטוואס וועגען דער ירושה.

א פיערטעל שטונדע נאכדעם איז מארקיז דעגריני אויך געקומען. ראדען האט איהם געשווינד איינגערוימט אין אויער: „ער ווייס פון קיין זאך ניט, און פאר דעם אינדיאנער האבען מיר זיך ניט מעהר וואס צו שרעקען".

דער אבאט דעגריני איז געווען בלאס און בעזארגט; ער האט זיך געווענדעט צו גבריאל'ן און געזאגט: דו האסט, מיין זוהן, מיט מיר צו ריידען וואס וויכטיגעס?

– יא, פאטער האט גבריאל געאנטווערט, און ניט ווילענדיג ארא־בגעלאזען די אויגען.

דעגריני האט זיך פערשטאנען אויף מענשען און האט באלד בעמערקט, דאס דער יונגער אבאט איז צוטראגען; די אורזאכע פון דעם האט ער אויך באלד ענטדעקט.

ראדען מיט גבריאל'ן זיינען געשטאנען בהדרת כבוד געגען דעגריני.

— איך האב דיר אויך וואס צו זאגען, אלזא פריהער הער מיך אויס און נאכדעם וועסט דו ריידען. 12 יאהר, האט דעגריני אנגעהויבען צו ריידען מיט זעהר א פריינדליכען און זיסען טאן: 12 יאהר צוריק האט דער פאסטאר פון דיין צווייטער מוטטער מיר צו וויסען געגעבען דורך דעם הערן ראדען, דאס דו ביזט איינער פון די בעסטע שילער אין אונזער „ערציהונגס-שולע"; אלס איך האב זיך איבערצייגט, אז דאס איז ריכטיג, האבען מיר אנגעהויבען פיעל אכטונג געבען אויף דיינע ערציהונג. שפעטער האב איך מיך בעטראכט דאס דו ביזט פעהיג צו זיין ניט נור א האנדווערקער אונטער גייסטליכע נאר צו ערהייכען פיעל גראסערס. איך האב וועגען דעם זיך דורכגערעדט מיט דיין מוטטער און האב דיך אריינגעגעבען אין אונזער סעמינאריום אן געלד. דאן איז פון דיזער גוטע פרוי, וועלכע האט דיך ערצויגען, אראב א לאסט, און דאס קינד, וועלכעס האט געגעבען גוטע האפנונגען, האט בעקומען פון אונז די בעסטע ארדענטליכע ערציהונג... איז דאס אפשר ניט אמת, מיין זוהן?

— דאס איז אמת, פאטער, האט גבריאל געאנטווערט.

— איך האב דאן נאך ניט געוואוסט, האט אבאט דעגריני ווייטער גערעדט, וואס פאר א קאריערע דו וועסט זיך אויסקלויבען, נאר איך בין געווען זיכער, דאס דו וועסט אויף אימער בלייבען א געטרייער זוהן צו אונזער קירכע. מיינע האפנונגען האבען מיך ווירקליך ניט אבגענארט, ריכטיגער זאגענדיג, האסט דו זיי נאך איבערגעשטיגען... דיזע איינציגע ווארטער וועגען דער פערגאנגענהייט זיינען נייטיג געווען, אום דו זאלסט פערשטעהן, אין וועלכער פערבינדונג און פערהעלטניס

דו בעפינדעסט זיך מיט אונז. יעטצט דארפסט דו מיך, מיין זוהן, אויסהערען אויפמערקזאם: איך גיב דיר איבער א סוד זעהר א וויכטי-גען, ניט נאר פאר דיר אליין, נאר פאר אונזער גאנצע חברה.

— אויב אזוי... פאטער, האט גבריאל איהם איבערגעשלאגען די רייד, זא קען איך ניט... און דארף ניט אויסהערען, ווען דא רעדט זיך נאר וועגען די אינטערעססען פון דער חברה...

— עס וואונדערט מיך, מיין זוהן! וואס איז דאס היינט מיט דיר? דו ביזט עפים זעהר -טראגען, דאס איז לייכט צו ערקענען אן דיין געזיכט: וואס בעדייט דאס? זאג... שרעק דיך ניט, פאר וואס קענסט דו מיך ניט אויסהערען!

— פריהער מוז איך אייך אויך ערצעהלען עטוואס פון דער פערגאנגענער צייט... וועלכע איך פערשטעה יעטצט פיעל בעססער ווי פאריהער; דאן וועט איהר שוין אליין פערשטעהן, דאס איך האב ווירקליך מעהר קיין רעכט ניט צו וויססען די אינטערעססען פון דער חברה: אונז וועט גע-ווים אין קורצען צושיידען א גרויסער תהום...

ביי די לעצטע ווערטער האבען זיך ראדען מיט דעגריני איבערגע-קוקט מיט שרעקליכע בליקען.

דעגריני אבער האט גאנץ קאלט געאנטווערט: איך גלויב אפילו ניט, מיין זוהן, עס זאל אונז קענען חאס צושיידען... נאר דו קענסט ריידען.. איך הער דיך!

— יעטצט איז טאקי 12 יאהר, האט גבריאל מיט א הארטער שטימע געזאגט: 12 יאהר זיינען אוועק פון דער צייט וואס איך בין אנגעקומען אין יעזואיטישען ארדען... איך בין אנגעקומען פול מיט ליעבע אונ-שולד און גלויבען... ווי אבער האט מען ענטוויקעלט אין מיר דיזע איינגעשאפטען? אין דעם טאג, וואס איך בין אנגעקומען, האט מיר דער לעהרער, ווייזענדיג אויף 2 שילער, אזוי געזאגט: אט דיזע וועלען זיין דיינע חברים; איהר וועט אלע מאל געהן שפאצירען צוזאממען דאס

וואס דיינע חברים וועלען ריידען דארפסט דו אויפמערקזאם צוהערען, כדי דו זאלסט קענען מיר נאכהער אלעס איבערערצעהלען: ווייל קינדער, האט מיר דער לעהרער ערקלערט, קענען אמאל ניטווילענדיג ארויפקומען אויפ'ן זיננען שלעכטע געדאנקען, אדער טהון א שלעכטע זאך, דארום, אויב דו האסט ליעב דיינע חברים, דארפסט דו מיר פון דעם ערצעהלען, אום איך זאל קענען זיי פערהיטען אויף ווייטער פון שלעכטעם... איך, אונשולדיגעם קינד, האב געפאלגט מיין לעהרער און האב געטהון ווי ער האט מיר געהייסען, מען האט מיך געניית צו טהון נידעריגע זאכען, און איך, נאטש איז מיין עדות, האב געמיינט, דאס איך טהו ארדענטליך; איך האב געהאלטען פאר א גליק צו פאלגען דעם לעהרער. וועלכען איך האב געעהרט ווי א פאטער, ווען איך האב איין מאל עפים פערזיננדיגט, האט מיר דער לעהרער געזאגט: דיר קומט א שטראף, נאר דאס מאל שענק איך דיר אויב דו וועסט נאר חאפען דיין חבר אויך ביי אזא עברה, ווי דו האסט געטהון. אט אזא גוטע ערציהונג האט מיר געגעבען מיין לעהרער, האט גבריאל ווייטער גערעדט, וועהרענדיג אלס מעהר און מעהר צוהיטצט; דעם לעהרערס בעפעהלען האבען מיך געשטופט וואס ווייטער און ווייטער אויף דעם שלעכטען וועג, איך בין געווארען א מסור, כדי צו בעפרייט ווערען פון שטראף, וועלכע איך בין ווערט געווען. אזוי האב איך געגלויבט, געפאלגט און זיך איינגעוואהנט צו טהון נור שלעכטעס. איין מאל, פונדעסטוועגן, אלס אין מיר האט זיך ערוועקט א גוטעס געפיהל, האב איך געפרעגט ביי מיין לעהרער: צו איז דען דאס מיין ציעל שטענדיג א "יאבעדניק" און "מסור" צו זיין; ער האט מיר אבער געאנטווערט. דאס עס איז ניט מיין זאך, איך דארף נור פאלגען און פעראנטווארטליך פאר אלעס וועט ער זיין...

— רייד ווייטער, מיין זוהן, האט העגריני געזאגט: איך זעה יעטצט, דאס נים אומזאנסט האב איך דיך ניט געוואלט לאזען פאהרען נאך

אַמֶערִיקאַ!

— גאָטט האָט אַזוי גֶעוואָלט, אַז אִין דֶעם נייעֶן, פְרוּכְטבּאַרֶען אוּנ גְלִיקְלִיכֶען לאַנְד, זאָל אַ זאַנְדֶערבּאַרֶער צוּפאַלל עֶפֶענֶען מִיר דִי אוֹיגֶען צוּ זֶעהֶען דִי פאַר גַנְגֶענֶע, יֶעטצְטִיגֶע אוּנ קִינפְטִיגֶע צַייט! האָט גַבְרִיאֵל ווייטֶער גֶערֶעדט: יאָ! אִין אַמֶערִיקאַ וְואָהִין אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען פוּן דֶעם פִינְסְטֶער'ן הויז, אִין וֶועלְכֶען אִיךְ הָאבּ פֶערבְּרַאכְט מַיינֶע בֶּעסְטֶע יוּנְגֶע יאָהרֶען אוּנ בֶּעגֶעגֶענֶענְדִיג צוּם עֶרְשְׁטֶען מָאל גאָטטֶעס גְרוֹיסְקֵייט מִיט זַיין שֶׁאַנֶער וֶועלְט, הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁוואָרֶען... אִיךְ וֶועל אַייךְ בַּאלְד עֶרְקְלֶערֶען דִי שְׁבוּעָה, נָאר גְלוֹיבְּט מִיר דָאס יֶענֶער טָאג אִיז גֶעוֶוען פַאר מִיר דֶער שְׁרֶעקְלִיכְסְטֶער: אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט אַבְּלֵייקֶענֶען דָאס, וָואס אִיךְ הָאבּ אַזוי לאַנְג טְהַייֶער גֶעהַאלְטֶען. אָ, הָאט עֶר צוּגֶעגֶעבֶּען מִיט טְרֶערְעז אִין דִי אוֹיגֶען: דַאן הָאבּ אִיךְ גֶעווֵיינְט נִיט וֶועגֶען זִיךְ אַלֵיין...

— דָאס ווייס אִיךְ, מַיין זוּהְן, אַז דוּ הָאסְט זֶעהר אַ גוּטֶעס הַארְץ הָאט דֶעגְרִינִי גֶעזָאגְט, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער מוֹרָא צוּ דוּ הָאסְט זִיךְ נִיט פֶערבְּלאַנְדְזֶעט; נָאר פֶערלָאז זִיךְ אוֹיף מִיר אוֹיף דַיין דוּחְאווֶנֶעם פָאטֶער אוּנ אִיךְ הָאף, דָאס מִיר וֶועלֶען פֶערְשְׁטַארְקֶען דַיין גְלוֹיבֶּען וֶועלְכֶעס אִיז, צוּם אוּנְגְלִיק, שְׁוואַךְ גֶעוואָרֶען; מִיר וֶועלֶען אַוֶועקְשְׁטוֹיסֶען דָאס פִינְסְטֶערְנִיס, וֶועלְכֶע דוּ הָאסְט אָנְגֶענוּמֶען פַאר לִיכְטִיגְקֵייט. — בְּרֵייד ווייטֶער.

אִין דֶער צַייט ווען דֶעגְרִינִי הָאט גֶערֶעדט, הָאט רָאדֶען אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַ נָאטִיצְבִּיכֶ'ל אוּנ הָאט עֶטְוואָס פֶערְשְׁרִיבֶּען.

גַבְרִיאֵל הָאט ווייטֶער גֶערֶעדט: אִיהר ווייסְט, פָאטֶער דָאס מַיינֶע קִינְדֶערְיאָהרֶען, וֶועלְכֶע זַיינֶען דִי בֶּעסְטֶע אִין לֶעבֶּען, זַיינֶען אַוֶועק אִין שְׁטֶענְדִיגֶען שְׁרֶעק אוּנ שְׁפִּיאָנְסְטְוֶוע. ווִי הָאבּ אִיךְ גָאר גֶעקֶענְט הָאבֶּען אֲפִילוּ אַ קְלֵיין גֶעפִיהל פוּן אָפֶענְהַארְצִיגְקֵייט אוּנ צוּטְרוֹיעֶן, ווֶען מֶען פְלֶעגְט מִיךְ יֶעדֶער מִינוּט בֶּעשְׁטְרָאפֶען אִיךְ זָאל נִיט קוּקֶען גְלֵייךְ אִין

די אויגען מיט וועמען איך רייד, כדי ער זאל ניט וויסען וואס פאר אנ'איינדרוק עס מאכען זיינע רייד אויף מיר. אין אזא ערציהונג בין איך געוואכסען ביז 15 יאהר. מען האט מיך ערוויטערט פון מיין צווייטער מוטטער, ברודער אונ פון דער ליעבער, פרייער וועלט. מיין צייט איז אוועק אין אוננוטצליכען לערנען אונ אויסחזר'ן טויזענדערליי פוסטע, רעליגיעזישע זאכען. איך פרעג אייך, פאטער, האט מען וועו ערוואָרמט אונזערע יונגע הערצער מיט א ווארט פון ליעבע?... ניין... קיינמאל... די געטטליכע ווארטער: „ליעבט איינער דעם צווייטען", האט מען פערביטען אויף די ווארטער: „היט זיך איינער פאר'ן צווייטען". האט מען אין אונז ערוועקט ליעבע צום פאטערלאנד אונ צו דער מענש־הייט? ניין, א ניין! ליעבע ערוועקט דאך ריינע מענשליכע געפיהלען מיר אבער טארען זיי ניט האבען... א גאנצעס האלב־יאהר האב איך ניט געזעהען מיין מוטטער אונ מיין ברודער. ענדליך זיינען זיי געקומען צו מיר. מיט איניגע יאהר צוריק וואלט איך זיי צוגענומען מיט טרע־רען אין די אויגען. דיזעס מאל אבער זיינען מיינע אויגען געבליבען טרוקען אונ דאס הארץ — קאלט ווי אייז. זיי זיינען אוועק פון מיר מיט פערדרוס, אונ דאס האט מיך נידערגעשלאגען: איך האב געזעהען ווי פערדארבען איך בין געווארען אין פינסטער'ן קבר, וואס הייסט די „יעזואיטישע שולע". איך האב געוואלט ענטלויפען פון איהר וואו מיינע אויגען וואלטען מיך געטראגען... אין יענע מינוטען פלעגט זיך ער־וועקען אין מיר מיינע אונטערדריקטע אונ דערשלאגענע ענערגיע; איך האב דאן מיט אייך, פאטער, געערעדט וועגען מיין צוקינפטיגעס לעבען. מיך האט געצויגען צו א זעלבסטשטאנדיגען לעבען, צווישען גוטע פריינד אונ פאמיליע... אז ווי נייטיג האב איך דאן געהאט די פרייהייט! איך האב נאך דאן געקענט געפינען דאס, וואס דאס לעבען פאדערט אונ וואס די יעזואיטישע שולע האט ביי מיר אוועקגערויבט. פאלענדיג אייך צו די פים אונ בעגיסענדיג זיך מיט טרערען, האב איך

איך געבעטען איהר זאלט מיר ערלויבען ווערען א סאלדאט אדער א האנדווערקער: מיר איז געווען אלץ איינס... איהר האט מיר אבער דארויף געאנטווערט. דאס מיין צווייטע מוטטער, וועלכע האט אליין געלעבט אין ארעמקייט פלעגט צונעהמען דאס לעצטע שטיקעל ברויט ביי איהר זוהן און מיר אוועקגעבען... זי, האט איהר געזאגט... האט גבריאל ווייטער גערעדט, זיך פאר איקענדיג און אראבלאזענדיג די אויגען, (ער איז געווען פון די מענשען, וואס שעמען זיך אפילו פאר דעם צווייטענס פערדארבענהייט): איהר האט מיר געזאגט, דאס ביי מיין מוטטער איז דער תכלית און וואונש...

— אז דו, מיין זוהן, זאלסט זיין א גייסטליכער, האט דעגריני געזאגט: דיזע עהרליכע און גוטהארציגע פרוי האט געהאפט, דאס מיט דעם וועסט דו זיך און זי רעטען. זי אליין האט דאס דיר ניט געוואלט זאגען, כדי דו זאלסט זי ניט חושד זיין...

— גענוג, פאטער, האט גבריאל איהם איבערגעשלאגען די רייד, ארויס-געהענדיג שויז פון געדולד, עס איז מיר ניט גוט צו הערען: פראנציסקע באדוען האט קיין מאל וועגען דעם ניט געקלערט און ניט פערלאנגט איך זאל זיין א גייסטליכער... נעכטען האט זי מיר אליין אלעס ערצעהלט. מען האט אונז ביידען אבגענארט.

— אזוי?.. איך בין וועניגער בעגלויבט אלס פראנציסקע; האט דעגריני שטרייננג געזאגט.

— בעפרייט מיך, פאטער, פון דיזער שווערער אנטווארט, האט גבריאל געאנטווערט.

— ערקלער מיר, מיין זוהן. וואס פערלאנגסט דו פארט? האט דעגריני אונרוהיג געזאגט, וואס ווילסט דו?..

אין דער מינוט איז סאמועל אריין און האט געזאגט: א בעיאהרענ-טער מאנן פרעגט דעם הערן ראהען.

— גוט איך דאנק אייך, האט ראדען עטוואס פערוואונדערט גע-
אנטווערט.

איידער ער איז ארויסגעגאנגען, האט ער דערלאנגט דעגריני א צע-
טעלע, אויף וועלכען עס איז געווען אנגעשריבען מיט א בלייפעדער
עטליכע ווארטער. דעגריני מיט גבריאל'ן זיינען געבליבען אליין.
דעגריני האט געשווינד צוגענומען ראדענס צעטעלע. ער האט איהם
אבער ניט איבערגעלעזען.

נאך דעם אוסטאוו פון יעזואיטישען ארדען האט גבריאל ניט געטארט
האבען קיין אייגענטהום. דארום האט אבאט דעגריני ארויסגענארט
ביי איהם א „געשענקשריפט" (Дарственная запись) מיט וועלכער ער
האט איבערגעגעבען דעם ארדען אלעס וואס ער וועט אמאל בעקומען
בירושה. ווען גבריאל וואלט זיך יעטצט ענטזאגען פון זייער חברה,
וואלט זיין „געשענקשריפט" לויט דעם געזעטץ פון דעם חברה, פער-
לירען זיין מאכט. פאר דעם האט זיך דעגריני זעהר געשראקען און
מיט גרויס אונגעדולד געווארט דאס ענדע פון גבריאל'ס געשפרעך.

גבריאל האט פארטגעזעטצט: איך מוז, פאטער, ענדיגען מיין ער-
צעהלונג פון דער פערגאנגענער צייט ביז מיין אבריזע נאך אמעריקא.
איך האלט דאס פאר א פפליכט. אלזא, איך האב קיין מאל ניט גע-
וואלט זיין א גייסטליכער, נאר איך האב איינגעשטימט אויף דעם,
מיינענדיג, דאס מיין מוטער ווינשט עס... מיט דעם געדאנקען בין
איך ארויס פון דעם פינסטערן הויז און בין אנגעקומען אין סעמינאר-
יום. איך האב געטראכט, אז דאס סעמינאריום איז א געבענטשטער
ארט, וואו מען לערנט נאר צו ליעבען איינער דעם צווייטען; וואו מען
ענטוויקעלט ביי די שילער עדלע מענשליכע געפיהלען, אום זיי זאלען
אין דער צוקונפט זיין גוטע לעהרער און דינען אלס גוטער ביישפיעל
פיר דאס פאלק... צום בעדויערען אבער... ניט דאס האב איך געפו-
נען... מיין הארץ, וועלכעס האט זיך אויף א מינוט ערוואַרמט. איז

ווידער געווארען א שטיק אייז... און די לעהרער האבען געארבייט מיט מיר ווי מיט איין אונבעוועגטער מאשינע. אנשטאט צו ענטוויקלען די גוטע איינגעזאפטען (מעלות) האבען זיי מיר געהייסען אויסלערנען פערשידענע טרוקענע מפרשים, וועלכע פיהרען דעם מענשען ניט צום גליק און ערוועקען אין איהם ליעבע צו דער מענשהייט, נאר אומעטער צו שנאה און עוויגער, עוויגער מלחמה... ענדליך בין איך געווארען א דוחאוניק... ווי אזוי דאס איז געשעהען ווייס איך ניט... ווייל מיין ווילען געהערט שוין לאנג ניט צו מיר. די גאנצע צייט, דאס הייסט די 3 מאנאטע, וואס איך בין געוועזען פערשפארט אין מיין צימער, האב איך אויסער אייך קיינעם ניט געזעהען, קיין אנדער שטימע אויסער אייערע האבען מיינע אויערען ניט געהערט. מיין גייסט איז געווארען זא אבגעשוואכט פון פאסטען און איינזאמקייט, דאס ביי נאכט פלעגען מיך מאטערען פערשידענע שרעקליכע בייזע חלומות; אין דער לאגע בין איך פערבליבען א געוויסע צייט... ענדליך האב איך געאיילט צו טהון דעם לעטצטען ווילען פון שטארבענדען גייסט און האב א שבועה געגעבען זיך אבצושיידען פון זיך זעלבסט...

— ערמאן זיך, מיין זוהן, האט דעגריני בלאס און ערשראקען ערווידערט: ערמאן זיך אן דעם טאג, וואס דו האסט געשווארען, האב איך דיך דען געניט צו שווערען? דאס האט זיך געווענדט אן דיר אליין, ווייל מיר געהמען אן א שבועה נאר אוים אייגענעם ווילען!

— אמת, פאטער, האט גבריאל געאנטווערט מיט א פערביטערט הארץ: ווען איך בין שוין געוועזען דערשלאגען, אבגעשוואכט פון די 3 פינסטערע מאנאטע, און האב זיך ניט געקענט ריהרען מיט קיין גליעד, האט איהר געעפענט די טהיר פון מיין טיורמע און געזאגט: „אויב דו ווילסט, שטעה אויף און געה: דו ביזט פריי"! דאן אבער האב איך שוין קיין ווילען ניט געהאט; דער איינציגער וואונש פון מיין אבגעשטארבענער נשמה איז געוועזען — די רוהיגקייט פון קבר... איך האב געגעבען

א שבועה, און בין געפאלען ווי א טויטער קערפער אין איירע הענד.. איהר האט אלע מאל בעהאלטען פון מיר דעם ציעל פון דער חברה אין וועלכער איך בין געווארען א מיטגליעד... איהר האט געפאדערט פון מיר איך זאל זיך אין גאנצען אבזאגען פון מיין ווילען לשם שמים. איך האב געפאלגט און האב מיין ווילען איבערגעגעבען אין די הענד פון מיינע נאטשאלניקעס. נאך דער שבועה האט איהר מיר געזאגט: דאס מיר שטעהט פאר א היילינע און וויכטיגע שליחות צו ערפילען. איך האב אייך געגלויבט... (ווי האב איך דען געקענט אייך ניט גלויבען?!..) און האב געווארט. נאר איך בין באלד קראנק געווארען; דאס האט זיך געטראפען נאך דער שרעקליכער נאכט... ווען איך בין געזונד געווארען האב איך אייך אנגעהויבען צו בעטען איהר זאלט מיר ערלויבען פאהרען נאך אמעריקא. איהר האט מיך ניט געוואלט לאזען, נאר צום סוף האט איהר איינגעשטימט; איך בין אוועקגעפאהרען. וואס פאר א פערגניגען האב איך ערפילט, נאך דעם לאנגען פערשטיקטען לעבען אין דער שולע און סעמינאריום, אויף דעם גרויסען ים!.. מיר האט זיך געדאכט, דאס איך בין ארויס פון א פינסטערע גרוב אין גן-עדן! דאס ערשטע מאל האט מיין הארץ פריי געקלאפט אין מיינע ברוסט! דאס ערשטע מאל האב איך געפיהלט, דאס איך בין א בעל-הבית אויף מיינע געדאנקען, און האב אנגעהויבען צו בעטראכטען מיין פערגאנגענעם לעבען... און האב אנגעהויבען צו צווייפלען: איך האב זיך זעלבסט געפרעגט: וואס פיר איין רעכט, וואס פיר איין ציעל האט מען געהאט מיך אזוי לאנג צו דריקען, פערניכטען מיין פרייהייט, מיינע געדאנקען, ווען גאט אליין האט מיר זיי געגעבען?

אינדעם איז ראדען אריין. ער איז צוגעגאנגען צו דעגריני און האט איהם שטילערהייט געזאגט: מען איז מיר געקומען זאגען, דאס דעם מארשאל סימאנס פאטער איז היינט פריה געקומען צופאהרען; ער איז פערפאהרען אין הארדי'ס פאבריק, אקוקגעבענדיג אויף

גבריאל'ן האט ראדען פרעגענדיג א בליק געגעבען אויף דעם אבאט, דיזער האט אראבגעלאזען דעם קאפ און זיך געווענדעט צו גבריאל'ן: רייד ווייטער, מיין זוהן, איך וואלט וועלען וויסען וואס גיכער, אויף וואס דו האסט זיך בעשלאסען?

— איהר וועט באלד וויסען. קומענדיג אין טשארלסטאן זיינען מיר אלע קשיות פערענטווערט געווארען. דער נאטשאלניק פון אונזער ארדען, וועלכען איך האב געפרעגט דעם ציעל פון אונזער חברה האט מיר אלעס ערקלערט. איך בין ערציטערט געווארען. איך האב אנגעפאנגען צו לעזען די יעזואיטישע ביכער און... האב געפונען אין זיי נאך שרעקליכערע זאכען: גנבה, רכילות, רציחה א. ז. וו. ז.. דאס אלעס האט מיר געעפענט די אויגען... און איך האב געגעבען א שבועה צו גאטט צורייסען מיין פערבונד מיט דיזער חברה...

ביי די ווערטער האבען דעגריני מיט ראדען געקוקט איינער אויף דעם צווייטען מיט ערשראקענע בליקען. גבריאל, פון גרויס אויפרעגונג, האט ניט בעמערקט זייער שרעק און האט פארטגעזעטצט אזו: גלויבט מיר... דאס מיר איז זעהר שווער געווען צו בעשליססען זיך אויף דעם, איך האב אבער געשווארען צו גאטט און וועל מיין ווארט ניט ביטען... קומענדיג צוריק פון אמעריקא האב איך איינינע מאל געבעטען מען זאל מיך לאזען זעהען זיך מיט אייך, נאר עס איז געווען אומזאנסט... נעכטען האט זיך מיר געמאכט צו ריידען מיט מיין צווייטער מוטטער. פון איהר האב איך דערגאנגען, וועלכע מיטלען... איהר האט געברויכט צו דעם, איך זאל ווערען גייסטליכער און זי זאל אוועקגעבען אין פרעמדע הענד די יתומות וועלכע זיינען גאר אונשולדיג. איהר פערשטעהט, פאטער, דאס דיזע ענטדעקונגען אליין זיינען גענוג איך זאל זיך בעשליסען צורייסען מיין בונד מיט אייער חברה. געוויס מוזען נאך זיין פיעל אונשולדיגע חברה-לייט, וועלכע האבען גרויס אמונה אין יעזואיטישען ארדען, ווי איך האב געהאט. איך בעדויער

זיי אונ בעט נאטט, דאס ער זאל זיי וואס גיבער עפענען די אויגען ווי מיר.

— אלזא מיין זוהן, ווילסט דו ניט אנדערס צורייסען דעם בונד מיט אונזער חברה?

— יא, פאטער, אונ איך בעט אייך איהר זאלט מיר מוחל זיין די שבועה.

— נאר דאס ווייסט דו, אז אונזער חברה קען דיך בעפרייען, אבער דו זעלבסט קענסט זיך ניט ענטזאגען פון איהר?

— ווען איך אליין בעט ביי אייך איהר זאלט מיר מוחל זיין די שבועה, הייסט דאס, אז זי האט ביי מיר א גרויסע ווערדע, ווען איהר אבער וועט מיר ענטזאגען, זאג איך אייך פאראויס, דאס איך וועל אויף קיין זאך ניט קוקען...

— דאס איז קלארע ווארטער! האט דעגריני געזאגט צו ראדען, אונ די שטימע איז איהם פערשטיקט געווארען.

ראדען איז צוגעגאנגען צו דעגריני אונ האט איהם אונרוהיג געפרעגט: איהר האט געלעזען מיין צעטעלע? ניין, האט דעגריני געשווינד געאנטווערט. ראדען האט זיך קוים איינגעהאלטען פון כעס אונ האט רוהיג געזאגט: לעזט איהם איבער. איבערלעזענדיג דאס צעטעלע, האט דעגריני געדריקט ראדען די האנד אונ שטיל געזאגט: דו ביזט געהערט: גבריאל איז אונזערער...

III.

צוריק זייער.

דעגריני האט זיך טיעף פערטראכט אונ זיין געזיכט אין געווארען פון מינוט צו מינוט ליכטיגער אונ פרייליכער. ראדען האט זיך אוועק־געשטעלט נעבען קאמין, אום ער זאל קענען אכטונג געבען אויף גבריאל'ן.

— ענטשולדיג, מיין זוהן, האט דעגריני אנגעפאנגען צו ריידען, דאס איך האב אזוי לאנג געשוויגען; דיין אונערווארטעטער וואונש, צו פער־לאזען אונזער חברה, האט ערוועקט אין מיר אזוי פיעל טרויעריגע גע־דאנקען, דאס איך בין קוים צו זיך געקומען... אלזא מיין זוהן, האסט דו וועניגסטענס גוט בעקלערט... וואס דו ווילסט טהון?

— יא, פאטער.

— צו פערלאזען אונזער חברה געגען מיין ווילען?

— דאס וועט מיר, פאטער, זעהר פערדריסליך זיין, נאר אין א נויט מוז איך בייגען מיין כאראקטער.

— א בערוהיג זיך, מיין זוהן איך דענק גאר ניט ביין וואונש ניט צו ערפילען...

איהר זייט מיר מוחל די שבועה?

איך אליין קען דאס ניט טהון, מיין זוהן; איך וועל וועגען דעם פריהער אנפרעגען אין רום.

— איך דאנק אייך פאטער.

— הייסט דאס, וועלען מיר זיך אין גיכען צושיידען... מיר וועלען אבער ניט אויפהערען גאטט צו בעטען, ער זאל דיך איינהיטען, הו

זאלסט ווייטער ניט פערבלאנדזען... דו ביזט געוועזן ארעם און מיר האבען דיך ערצויגען...

— איך בין אייך זעהר דאנקבאר דערפאר, פאטער.

— יא, איך ווייס דאס גאנץ גוט; ווייסט דו אבער, מיין זוהן, דאס מיר זיינען היינט אין געפאהר?!..

— אין געפאהר? האט גבריאל פערוואונדערט געפרעגט.

— ווייסט דו דען ניט, אז מען האט אונז אנגעהויבען צו דריקען און צו רודפ'ן... פאר וואס דען ווילסט דו אונז פערלאזען?

— פאטער! איהר קענט אזוי ניט דענקען וועגען מיר.

דעגריני האט זיך געמאכט ניט הערענדיג און האט ווייטער גערעדט:

— א, ווען אונזער ארדען וואלט געוועזן רייך און שטארק ווי פריהער וואלט גאר אנ'אנדער זאך געוועזן... יעטצט אבער קען איך דיך ניט נייטען דו זאלסט נעהמען אנטהייל אין אונזער געפאהר, פון וועלכער דו מאכסט זיך קלוג ארויס.

ראדען האט צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ אויף דעגריניס ווערטער.

— פאטער, האט גבריאל מיט איין ריהרענדער שטיממע געזאגט, אייערע ווערטער שניידען מיך ווי מיט מעססערס... איהר ווייסט גאנץ גוט, דאס איך בין ניט פעהיג צו נידערטרעכטיגקייט.

— ניין, האט ראדען זיך געווענדעט צו דעגריני, ווייזענדיג מיט'ן האנד אויף גבריאל'ן, אייער זוהן איז גאר קיין נאר ניט... ער זאגט זיך אב פון אונזער חברה, ווייל מען רודפט אונז און וויל נאך צונעהמען דאס, וואס ער האט אונז אמאל אבגעגעבען.

גבריאל האט אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל און האט אויסגעשריען: א גאטט

— פראנציסקא באדוען האט איהם געוויס ערצעהלט פון דער ירושה האט דעגריני בעמערקט.

ב פֿאטער, האט דער יונגער מיססיאנער געזאגט, קוים איינהאלטענדיג זיך פֿון כעס; ניין, איך בין ניט נידערטרעכטיג איך האב ניט געוואוסט, דאס דער ארדען איז אין געפֿאהר און פֿון דער ירושה האב איך זיך ערוואוסט נור דא, און פֿון אייך...

— מיר האבען אליין אויך ניט לאנג זיך ערוואוסט פֿון דער ירושה: אונזער פֿאטער פּראקוראר, זוכענדיג אין אונזער ארחיוו דאקומענטען, האט געפֿונען דיינע דאקומענטען אויך, פֿון וועלכע מיר האבען זיך ערוואוסט, דאס דיינער א אלטערזיידע, צו וועלכען עס האט געהערט דיזעס הויז, האט געלאזען א צוואה, וועלכע מען וועט לעזען היינט נאך האלבען טאג... נעכטען האבען מיר דיך נאך גערעכנט פֿיר אונזער'ן, און דו האסט דאך אבגעגעבען אלעס וואס דו וועסט א מאל בעקומען בירושה דער חברה, דארום בין איך היינט געקומען אהער אלם יורש אנשטאט דיר... נאר יעטצט אז דו האסט אומגעביטען דיין מיינונג וועגען דעם... קענסט דו זיך צונעהמען דאס, וואס דו האסט א מאל אבגעגעבען.

— איך האב נאך קיין מאל מיין ווארט ניט געביטען צוליעב מיין בוטצען!

— ווייסט דו אבער. מיין ליעבער זוהן, דאס די ירושה קען זיין זעהר א גרויסע?..

— ווען עס זאל אפילו זיין א קייזערליכעס פֿערמאגען! האט גבריאל שטאל'ץ און קאלטבלוטיג געאנטווערט; איך זאג אייך נאך א מאל, דאס איך פֿערלאנג ניט קיין ירושה און גיב אייך זי איבער גערן.

— איך האב דאס טאקי ערווארטעט פֿון דיר, מיין זוהן, האט דעגריני, קוים איינהאלטענדיג זיין פֿריידע, רוהיג געזאגט, און געגעבען אן אונבעמערקטען צייכען צו ראדענען.

ראדען איז באלד צוגעגאנגען צו גבריאל'ן און האט געזאגט: דאס אלעס איז גוט און ריכטיג, אבער דערווייל איז דאס נאך ווארטער...

— מיין הערר ?..

— ערלויבט נור, האט ראדען גאנץ קאלטבלוטיג בעמערקט; דער געזעטץ אנערקענט ניט אונזער ארדען און וועט ניט אננעהמען אייער פאפיר... און איהר וועט קענען אלע צייט צונעהמען צוריק וואס איהר האט געשאנקען.

— און די שבועה?

— די שבועה?.. האט איהר דען היינט ניט געזאגט, דאס די שבועה איז ביי אייך גאר ניט פון די גרויסע זאכען?

גבריאל האט אויף דעם ניט געאנטווערט; ער האט זיך געזעטצט ביים שרייבטיש, האט גענומען א בויגען פאפיר און האט אנגעשריבען פאלגענדעס:

„פאר גאטט, וועלכער זעהט און הערט אלעס: פאר אייך, אבאט דעגריני און הערר ראדען, די עדות פון דיזער שבועה, מאך איך יעטצט א נייע געשענקשריפט, און גיב איבער אויף אימער דעם בעפאללמאכטיגטען פון יעזואיטישען ארדען, אבאט דעגריני, אלעס וואס איך וועל בעקומען פון וועמען עס איז און וואס פאר א סומע עס זאל ניט זיין – דאס געלד זאל דינען צו שטיטצען ארעמע.

„דיזע געשענקשריפט האב איך געשריבען אום מיין פרייען ווילען דעם 13 פעברואר 1832 יאהר, אין פאריז, בעפאר מען האט געלעזען די צוואה פון מיין עלטערזיידען פון פאטערס צד.

גבריאל רענעפאן"

דיזען געשענקשריפט האט גבריאל דערלאנגט ראדענען וועלכער האט איהם אויפמערקזאם דורכגעלעזען, נאר דאס איז נאך געוועזען פאר איהם ווייניג, און האט געפאדערט גבריאל זאלט א פאפיר מאכען ביים נאטאריוס. גבריאל האט איינגעשטימט אויף דעם אויך.

אינדעם איז סאמועל אריין און האט געזאגט: דער נאטאריוס איז

געקומען... איך קען איהם אריינפיהרען אהער?

— ביטע! האט ראדען געאנטווערט, מיר דארפען טאקי מיט איהם עטוואס ריידען.

— איך וועל איהם באלד אהערפיהרען, האט סאמועל געזאגט און איז ארויסגעגאנגען.

אייניגע מינוט נאכדעם איז דער נאטאריום אריין צו זיי אין צימער...

.IV

דער רויטער זאל.

אין דער צייט, וואס דער נאטאריום איז אריין צו די אבאט'ן, איז סאמועל ארויפגעגאנגען אויפ'ן באלקאן פון דעם פערמויערטען הויז, האט ארויסגענומען פון טאש א שליסעל, אויף וועלכען עס איז געווען אנגעשריבען „פון רויטען זאל", און מיט ציטערנדע האנד אויפגעשלאסען א דאפעלטע טהיר און איז אריין אין א גרויסען זאל, די פארלאגע פון וועלכען איז געווען צוגעדעקט מיט א טירקעשען דיוואן (קאוויאר); ארום די וואנד זיינען געשטאנען בעגילטע שטולען; געגען דער פאראדנער טהיר איז געווען נאך א טהיר אריינצוגעהן אין א צווייטען צימער. פון ביידע זייטען טהיר זיינען געשטאנען צוויי קאמאדען, בעדעקטע מיט קופער און בליי, און אויף זיי זיינען געשטאנען צוויי גרינע וואזעס. דאס איינציגע פענסטער אין דיזען זאל איז געווען פערהאנגען מיט א גרויסען גארדין. גרויסע זילבערנע לייכטער און א זייגער האבען זיך אבגעשפיגעלט אין א גרויסען ווענעציאנישען שפיגעל. א גרויסער רונדער

טיש, מיט רויטע טוך בעדעקט, איז געשטאנען אין מיטען זאל.

צוגעהענדיג צום טיש, האט סאמועל ערזעהען אויף איהם א בויגען ווייסע פאפיר, אויף וועלכען איז געוועזען אנגעשריבען: „מיין צוואה זאל מען עפענען אין דיזען זאל. די איבריגע צימער'ן זאלען זיין פערשלאסען ביז מען וועט איבערלעזען מיין לעטצטען פערלאנג. מ. ר."

יא! האט דער יוד צו זיך גערעדט, לעזענדיג דיזע ציילען (שורות), דאסזעלבע האט מיר אויך פערזאגט מיין פאטער.

זאגענדיג דאס, האט ער אוועקגעלייגט אויפ'ן טיש א לעדערנעם פארטפעל און האט געוואלט שוין ארויסגעהן פון זאל, נאר ער איז געבליבען שטעהן פערוואונדערט: עס האט זיך געלאזט הערען פון צווייטען צימער א לאנגזאמער, קלינגענדער שלאגען פון א זייגער. עס האט געשלאגען 10. עס איז ווירקליך געוועזען פונקט 10 אוהר. סאמועל האט שוין אויס נייגיריגקייט געוואלט אריינגעהן אין צווייטען צימער, נאר ערמאנענדיג זיך אן דעם בעפעהל פון זיין פאטער, איז ער געבליבען שטעהן נעבען טהיר און האט זיך צוגעהערט. ער האט אבער גאר נישט געהערט. „דאס הויז מוז האבען היילען, דורך וועלכע עס געהן אריין אין די צימער'ן אונבעוואוסטע מענשען". טראכטענדיג אזוי איז ער צוגעגאנגען צום קאמין, וואס איז געשטאנען געגען פענסטער. די שטראלען פון דער זון זיינען געפאלען אויף צוויי בילדער וועלכע זיינען געהאנגען פון ביידע זייטען קאמין. איין בילד האט פארגעשטעלט אין גאנצען געוואוקס א וואונדערבאר שאנע פרוי פון א יאהר 25; זי איז געשטאנען אויף א הויכען בארג, פון וועלכען זי האט בעקוקט דעם גאנצען הימעל. איהר געזיכט איז געוועזען טיעפ־פערטראכט און אומעדיג. בעזאנדערס איהר בליק, אויפגעהויבען צום הימעל, האט אויסגעדריקט א מילדען און רוהיגען קומער. דאס צווייטע בילד האט פארגעשטעלט א מאנן פון א יאהר 35; זיין געזיכט איז אויך געוועזען זעהר שאן און האט אויסגעדריקט מילדהייט, רוהיגקייט און גוטהארציגקייט. זיינע האר פון בארד

און בלעטען זיינען געווען שווארצע. די בלעטען צוזאמענגעוואקסען ווי איין פאס פון איין שלייף ביז דעם צווייטען. אויף דעם בילד האט זיך אויך פארגעשטעלט דער הימעל, און פון דער ווייטען הינטער עטליכע סקאלעס האט זיך געזעהען דער ים, ווי ער וואלט זיך צוזאממענגעגאססען מיט די דונקעלע וואלקענס.

די שטראלען פון דער זון האבען נאך מעהר פערגרעסערט דעם אויסדרוק פון די בילדער. סאמועל האט ניט ווילענדיג א קוק געגעבען אויף די בילדער און איז איבערראשט געווארען: זיי האבען אויסגעוויזען ווי לעבענדיגע.

וואס פיר גוטע און שאנע געזיכטער! האט ער, בעטראכטענדיג די בילדער, געזאגט; זיי זיינען ווי עס ווייזט אויס ניט פון דער פאמיליע רעגעפאן, ווייל אלע פאמיליענבילדער, ווי מיין פאטער האט מיר געזאגט בעפינדען זיך אין „טרויערזאל“... נור נאך זייערע טרויעריגע געזיכטער האבען זיי אויך געקענט זיין דארטען. יא, מען דארף אלעס צוגרייטען, האט סאמועל ווייטער צו זיך גערעדט; עס האט שוין געשלאגען 10 א זייגער. ער האט פערנאנדערגעשטעלט ארום טיש די בעגילטע שטולען און האט פערטראכטערהייט פארגעזעטצט: דער טערמין איז נאהענט, פון די יורשים איז דערווייל געקומען נור איין יונגער גייסטליכער... איז דאס דען דער איינציגער יורש פון דער גאנצער פאמיליע רעגעפאן? ער איז א גייסטליכער... און מיט איהם וועט זיך ענדיגען דער דור רעגעפאן?.. עס איז שוין אבער צייט עפענען די טהיר צו איבערלעזען די צוואה. אזעל וועט באלד קומען אהער מיט'ן נאטאריוס... מען קלאפט... דאס איז זי.

סאמועל האט געעפענט די טהיר. צו זיין גרויסען פערדרוס אבער, האט ער ערזעהען אויפ'ן שוועל דעם איינציגען יורש גבריאל, בעגלייטעט פון ראדען און אבאט דעגריני. הינטער זיי איז געשטאנען אזעל און

דער נאטאריוס סאמועל האט א זיפץ געטהון און געזאגט: עס איז אלעס פערטיג; איהר קענט אריינגעהן.

V.

די צוואה.

גבריאל ראדען און אבאט העגריני זיינען אריינגעגאנגען אין זאל...

סאמועל האט געוויזען אויפ'ן פארטפעל, וועלכען ער האט אוועקגעלייגט אויפ'ן טיש און געזאגט צום נאטאריוס: גנאדיגער הערר! מען האט מיר בעפאהלען אוועקצולייגען דיזע רעכנונג דא און נאך דעם, אז מען וועט איבערלעזען די צוואה, וועל איך אייך געבען דעם שליסעל.

דאס איז ריכטיג, ביי מיר איז אויך אזוי פערשריבען. זאגענדיג דאס, האט דער נאטאריוס ארויסגענומען פון זיין פארטפעל א דיקקען פאקעט פערזיגעלט מיט צוויי גרויסע פעטשאטען; ביי דיזען קאנווערט איז געהאנגען אויף א זיידענעם שנירעל א בויגען פאפיר,

— מיינע העררען! ביטטע זעטצט זיך! איך וועל איבערלעזען דאס צעטעל, אין וועלכען עס איז פערשריבען וואס איך האב צו טהון פאר'ן עפענען און לעזען דער צוואה.

זיי האבען זיך אלע אוועקגעזעטצט. סאמועל האט זיך ניט געוואלט זעטצען און איז געשטאנען הינטער דעם נאטאריוס. דער נאטאריוס האט איבערגעלעזען פאלגענדעס:

„דעם 13 פעברואר 1832 יאהר זאל מען איבערטראגען מיין צוואה אויף די הייליגע פראנציסקאנער גאס, אין הויז נומער 3. פונקט 10 אוהר

זאל מען עפענען די טהיר פון רויטען זאל. אז אלע מיינע יורשים וועלען זיך פערזאמלען זאל מען אנהייבען צו לעזען די צואה, אונ פונקט 12 אוהר איבערגעבען די ירושה מיינע יורשים, וועלכע וועלען קומען דיזען 13 פעברואר, זעלבסט, ניט דורך בעפאללמאכטיגטע (Повѣренные) אויף די הייליגע פראנציסקאנער גאס, הויז נומער 3".

איבערלעזענדיג דאס האט דער נאטאריוס געמעלדעט; ווי די דאקומענטען ווייזען קומט ארויס גבריאל פראנסוא-מארי רענעפאן פון דער פאמיליע רענעפאן פון פאטערס צד אונ איז דעם בעל צואה'ס אנ'אור-איינקעל; אונ אזוי ווי קיינער פון די איבריגע יורשים זיינען ניט געקומען צו דער בעשטימטער צייט, זא מוז איך עפענען די צואה אין געגענווארט פון גבריאל רענעפאן. דער נאטאריוס האט געעפענט דעם פאקעט אונ ארויסגענומען פון קאנווערט א גרויסען בויגען פאפיר אויפגעלייגט אין פיערען.

אבאט דעגריני האט זיך מיט ביידע האנד אנגעשפארט אן טיש אונ ארויסגעלאזען א שווערען זיפץ. גבריאל האט געוואלט הערען די צואה מעהר אויסנייגיריגקייט אלס אויס אינטערעס. ראדען איז געזעסען זעהר אונגעדולדיג אבגערוקט פון טיש אונ האט געהאלטען אויף די קניע זיין אלטען הוט, אויף וועלכען עס איז געלעזען זיין טאשענאוהר

דער נאטאריוס האט פערנאנדערגענומען דעם פאפיר אונ האט אנגעפאנגען צו לעזען:

„ווילטאנעז, 13 פעברואר 1682 יאהר.

„דער טויט וועט מיך רעטען פון דער קאטארגע, אויף וועלכע מיינע פיינדע האבען מיך פערמשפט אלס איין אפיקורס. אויסערדעם איז מיר דאס לעבען שוין לאנג נמאס געווארען נאך פון דעם טאג אן, וואס מען האט געטוידט מיין זאהן. פון מיין גאנצען פערמאגען, וועלכען מען האט קאנפיסקירט, איז געבליבען ביי מיר הונדערט פונפציג טויזענד פראנק וועלכע איך האב איבערגעגעבען מיין גוטען פריינד. קיין

זאהן האב איך ניט מעהר, נאר פריינד האב איך צושפרייט אין גאנץ איראפא ווען איך וואלט צוטהיילען די 150 טויזענד פראנק צווישען מיינע פערוואנדטע וואלט דאס געוועזען פיר זיי א קליינע הילפע. דאריבער האב איך געטהון, ווי מיין גוטער פריינד האט מיר גע־ראטהען.

„איך געפין פאר נייטיג צו זאגען מיינע יורשים, ווער עס זיינען די פיינדע פון אונזער פאמיליע, כדי זיי זאלען קענען ווען עס איז ראבע געהמען פון זיי פאר זייער זיידען, נאר ראבע נעהמען אויף דער עהרליכסטע ארט. — מיין זיידע איז געוועזען א קאטליק, א מיטגליעד פון יעזואיטישען ארדען וועלכער איז אין יענער צייט געוועזען זעהר שטארק"...

ביי די ווארטער, האבען דעגריני, גבריאל און ראדען א קוק געגע־בען איינער אויף דעם צווייטען.

„... אז מיין זיידע האט אין איינינע יאהר ארום, האט דער נאטאר־יוס ווייטער געלעזען, זיך ערוואוסט פון דער מארדעריי פון דער חברה און זייער ציעל, האט ער באלד זיך אבגעזאגט פון דיזער חברה, פון קאטאלישען גלויבען און איז געווארען א פראטעסטאנט. דאס איז גע־ווען די ערשטע אורזאכע צו דער שרעקליכער שנאה פון דיזער חברה צו אונזער פאמיליע. געלויבט איז גאטט וואס זיינע דאקומענטען זיינען אריינגעפאלען אין עהרליכע האנד; מיין פאטער האט זיי מיר איבער־געגעבען. ווען מיין לעצטער ווילען וועט אויסגעפיהרט ווערען, וועט איהר זיי געפינען בעצייכענט מיט די בוכשטאבען א. מ. ס. ד. ג., אין א שווארצען קעסטעלע אין טרויערזאל

„מיין פאטער האט מען אויך זעהר פיהל גערודפט; ער איז ניט זיכער געוועזען מיט'ן לעבען און פערמאגען, נור איהם האט אבגעהיט א הימליש־שאנע פרוי, וועלכע ער האט כמעט פערגאטטערט. דאס בילד פון דיזער פרוי, וועלכע איך האב געזעהען איינינע יאהר פריהער און

דאס בילד פון דעםזעמאנן, וועלכען איך האב זעהר געעהרט, האב איך געלאזט אויסמאלען אונ אויפהיינגען אין רויטען זאל. איך האף, דאס מיינע יורשים וועלען מיט ליעבע א בליק געבען אויף זיי״.

ביי די לעטצטע ווארטער האבען זיך גבריאל אונ אבאט דעגריני וועלכע זיינען געזעסען מיט׳ן פלייצע צו די בילדער, ניט ווילענדיג אומגעקערט זיך. גבריאל האט א בליק געגעבען אויף די פרוי אונ איז אויפגעשפרונגען פון שטול אונ א געשריי געטהון.

דער נאטאריוס האט אויפגעהערט צו לעזען די צוואה אונ ערשראקען א קוק געגעבען אויף גבריאל׳ן.

VI.

דער לעטצטער טערמין.

וואס איז דיר, מיין זוהן? האט דעגריני ערשטוינט געפרעגט.

מיט אכט מאנאטען צוריק, האט גבריאל געאנטווערט, ווען איך בין געוועזען צווישען דיווילדע מענשען אונ זיי האבען שוין געוואלט אראבשניידען פון מיר די הויט, האט מיך, אט דיזע פרוי גערעטעט..

דיזע פרוי! האבען דער נאטאריוס, דעגריני אונ סאמועל אין איין שטימע אויסגעשריען.

נור איין ראדען האט געשוויגען אונ זיין געזיכט האט אויסגעדריקט אונגעדולד; ער האט זיך געביסען די נאגעל אונ פערדריסליך געקוקט אויף די וויזערס פון זיין אוהר.

— דאס איז נאר א צופעללינע אהנליכקייט, האט דעגריני בעמערקט.

— דאס אלעס אבער, האט ראהען געזאגט, געהערט ניט צו דער צוואה.

— יא, איהר האט רעכט, האט דער נאטאריוס געזאגט און האט ווייטער געלעזען:

„אזוי האבען די יעזואיטען געריפט מיין גאנצע פאמיליע און מיך אויך... יעטצט שטארב איך!.. א, גיב גאטט, אז מיט מיין טויט זאל פערלאשען ווערען זייערע שרעקליכע שנאה און זי זאל אמווענינגסטען ניט בעריהרען מיינע קרובים'ס נאכקאמענדע!.. היינט פריה האב איך גערופען צו זיך מיין בעסטען און עהרליכסטען פריינד יצחק סאמועל. איך האב איהם גערעטעט פון טויט, און מיט דעם האב איך איינגעהיט פאר דער וועלט אזא עהרליכען און גוטהארציגען מאנן. איידער מען האט קאנפיסקירט מיין פערמעגען איז ער געוועזען דער פערוואלטער פון איהם און האט איהם קלוג און עהרליך געפיהרט. איך האב איהם איבערגעגעבען 150 טויזענד פראנק. ער און זיינע נאכקאמענדע וועלען דאס געלד געבען אויף פראצענט און אין פערלויף פון 150 יאהר, פון דיזען טאג אן, וועט פון דעם קליינעם קאפיטאל ווערען א קייזערליכעס פערמאגען. איך פערלאנג פון מיינע יורשים זיי זאלען ערפילען מיין וואונש וועגען דער חלוקה און געברויך פון דיזען גרויסען קאפיטאל: אין פערלויף פון 150 יאהר קען זיך די פאמיליע זעהר פעראנדערען, זא דאס מיינע נאכקאמענדע וועלען געוויס געהערען צו פערשידענע קלאססען מענשען. צווישען זיי וועלען זיך געפינען פילאזאפען, העלדען, וואהלטהאטער, געלעהרטע, קינסטלער, בעל מלאכה'עם, מענשען פון מיטעלער קלאססע און פיעללייכט, אה—וועה! גרויסע פערברעכער אויך! איך פערלאנג אבער, דאס מיינע יורשים, ווער זיי זאלען ניט זיין, זאלען זיך ווידער פעראייניגען אין איין פאמיליע און זאלען ערפילען די גאטטליכע ווארטער: „ליעבט איינער דעם צווייטען". איך גלויב, דאס נור אין שטארקען פערבונד און פריינדליכען לעבען איינער מיט דעם

צווייטען בעשטעהט דאס צוקינפטיגע גליק פון דער מענשהייט. אלס ביישפיעל קען דיענען דיזעלבע חברה, וועלכע פערפאלגט מיין פאמיליע; ווען אזא חברה, וואס איז געגרינדעט נור צו פערניכטען יעדען פרייען ווילען, יעדען פרייען געדאנקען, יעדע פרייהייט אונ בילדונג, האלט זיך (עקזיסטירט) דאך שוין איינינע הונדערט יאהר, וואס קען אלזא ווערען פון א חברה, וועלכע זאל געגרינדעט ווערען אויף ברידערשאפט אונ ליעבע צו דער מענשהייט, מיט דעם איינציגען ציעל צו שטיטצען מענשען, צו ערלייכטען איהם די לאסט פון ארעמקייט, הונגער, אנגסט אונ שווערע ארבייט? א חברה וואס זאל אויף זיך נעהמען היילינ צו היטען אלעם, מיט וואס גאטט האט בעגליקט דען מענשען — ליעבע אונ מוטטערליכע געפיהלען, קראפט אונ קלוגהייט, שאנהייט אונ טאלאנט; ערוועקען אין מענשען א ריינע, היילינע אמונה אין גאטט, בילדען איהם ער זאל קענען פערשטעהן די רייכקייט פון דער נאטור? א, ווען מיינע נאכקאמענדע וואלטען אין 150 יאהר ארום, מיט הארצער פול ליעבע צו דער מענשהייט, זיך פעראייניגט אויף אזא ארט! וואס פיר ליכטיגע, ערקוויקענדע שטראלען וואלטען זיך שטענדיג פערנאנדערגעגאססען פון דיזע קוועלע „גנאדע (חסד) אונ ליעבע"! וואס פיר א וועלטענער ביישפיעל דאס וואלט געוועזען פיר די גאנצע וועלט! אויסערדעם וואלט דיזער בונד געקענט פערניכטען די שרעקליכע חברה, וועלכע האט מיך פאר א קרבן געבראכט צו איהר מענשענהאסס אונ וועלכע וועט מסתמא אין 150 יאהר ארום אויך ניט פערליערען איהר מאכט. כדי דער גרויסער קאפיטאל זאל אלע מאל עקזיסטירען אונ זאל פון יאהר צו יאהר גראססער ווערען, זאלען מיינע יורשים אויך אבלייגען, ווי איך האב געטהון, פיר זייערע נאכקאמענדע א סוממע אין צוויי מאל אזוי פיעל, וואס איך לאז זיי איבער יעטצט... דאן... אין 150 יאהר ארום, וואס פיר א נייע קוואל פון מאכט אונ וואהלטהאט וועט זיך ווידער בעוויזען!

„אין א שווארצען פולט, אין טרויערזאל, וועלען מיינע יורשים געפינען פאפירען, אין וועלכע עס איז בעשריבען איינינע מיינער געדאנקען וועגען דיזער חברה. דאס איז מיין לעטצטער ווילען אדער, בעססער זאגענדיג, מיינע לעטצטע האפנונג.

„איך פערלאנג, דאס די נאכקאמענדע פון מיין פאמיליע זאלען קומען אין דעם בעשטימטען טאג, זעלבסט, אבער ניט דורך בעפאללמאכטיגטע, כדי זיי זאלען איינער מיט דעם אנדערען בעקאנט ווערען; אנשטאט צו לעבען אבגעזאנדערט איינער פון צווייטען, וועלען זיי זיך פיעללייכט פעראייניגען אלע צוזאממען: דאס וועט זיין פאר זיי זעלבסט א גרויסע טובה און וועלען מיט דעם ערפילען מיין וואונש!

„מיינע פערוואנגעלטע קרובים האב איך פערנאנדערגעשיקט מעדאליאנען און האב זיי נור צו־וויססען געגעבען, דאס פאר מיינע נאכקאמענדע איז זעהר וויכטיג צו זיין אין פאריז אויף דער היילינער פראנציסקאנער גאס אין דעם טאג, וואס איז בעשטימט אויף די מעדאליאנען. די הויפטזאכע אבער האב איך געפירכטעט צו ענטדעקען פאר זיי, עס זאלען זיך ניט ערוויססען פון דעם די יעזואיטען... גיב גאטט, דאס מיינע פארזיכטיגקייט זאל מיט נוטצען זיין!..

„ווער עס וועט קומען אין דעם בעשטימטען טאג, דעם וועט געהערען די ירושה! אז מען וועט איבערלעזען די צוואה, זאל דער, בייוועמען עס געפינט זיך דאס פערמאגען, זאגען וויפיעל עס איז דא, און פונקט 12 אוהר זאלען מיינע יורשים איהם בעקומען און צוטהיילען איהם אויף גלייכע טהיילען. נאכהער זאל מען זיי ווייזען די איבריגע צימער'ן, אין וועלכע עס געפינען זיך זעהר טהייערע זאכען... בעזאנדערס דען „טרויערזאל".

„איך פערלאנג זיי זאלען ניט פערקויפען דיזעס הויז און עס זאל נוטצען פאר א פערזאמלונגס ארט פאר מיינע יורשים, ווען זיי וועלען ערפילען מיין לעטצטען פערלאנג. אין פאלל אבער, אז זיי וועלען ניט

וועלען צוזאממען לעבען אונ דאס גרויסע פערמאגען וועט זיי דינען צום אויסברייננען אויף שאנדליכע טהאטען, דאן... זאלען זיי אויף עוויג פערפלוכט זיין!.. אונ דער פערוואלטער זאל פערברענען דאס הויז, אלע פאפירען אונ די צוויי בילדער, וועלכע הייננען אין רויטען זאל.
איך האב געענדיגט.

„באלד וועט קומען מיין בעסטער פריינד יצחק סאמועל, וועלכער ווייס נאך ניט פון מיין נאהענטען טויט, ער וועט קומען מיט דעם נאָ־טאריוס. איך וועל איהם אבגעבען דיזען פערזיגעלטען קאנווערט.

„דיזע געהיימע צוואה, וועלכע איך האב מיט מיין אייגענער האנד געשריבען פון אנהייב ביז'ן סוף, זאל עהרליך ערפיהלט ווערען, אלעס ווי עס שטעהט אין איהר געשריבען.

„13 פעברואר 1682 יאהר, 1 אוהר אין דער פריה:

מארי רענעפאן".

גבריאל איז געוועסען איבערראשט, ער האט ניט געוואוסט וואס עס טהוט זיך ארום איהם. איהם האט שטארק פערדראסען ניט די ירושה, נאר דאס, וואס די צוואה וועט ניט ערפילט ווערען נאך רענעפאנס פער־לאנג, וואס די איבעריגע יורשים זיינען ניט געקומען צו דער צייט, אונ דורך דעם וועט רענעפאנס קאפיטאל אריינפאלען אין די האנד פון זיינע טויטפיינדע, אין דעם יעזואיטישען ארדען.

סאמועל האט איבערגעגעבען דעם נאטאריוס דען שליסעל אונ גע־זאגט: אין דיזען פארטפעל ליגט די רעכנונג פון די 150 טויזענד פראנק, וועלכע מיין זיידע האט בעקומען פון הערין מארי רענעפאן. מיין פרוי וועט באלד ברייננען דאס קעסטעלע מיט דעם געלד.

— ווי גרויס איז די סוממע? האט ראדען גאנץ קאלטבליטיג געפרעגט.

— ביי מיר אין קאססע געפינט זיך באנקאווע בילעטען אויף 212 מיללִיאן אונ הונדערט אונ פינף אונ זיעבציג...

— וואס... רעדט... איהר?.. האט דעגריני געשטאמעלט, איבער־שלאגענדיג סאמועל'ן די רייד.

— די רעכטע ... די רעכטע ציפער... זאגט! האט ראדען צוגעגע־בען מיט איין ציטערנדער שטימע.

— איך זאג אייך, מיינע גנאדיגע הערען, האט דער אלטער יוד גאנץ רוהיג ווייטער געזאגט, דאס ביי מיר אין קאססע געפינט זיך 212 מילל־יאן אונ הונדערט אונ זיעבציג טויזענד פראנק, דאס קענט איהר זיך איבערציינגען פון מיין רעכנונג. אט טראגט מיין פרוי דאס קעסטעלע.

זיין פרוי אבער איז אריינגעגאנגען אין צימער, האט אוועקגעשטעלט דאס קעסטעלע אויפ'ן טיש אונ איז באלד ארויסגעגאנגען. אין זאל איז געווארען שטיל אונ אלע זיינען געבליבען זיטצען ווי צומישטע. אויסער סאמועל'ן האט זיך אלעמען געדאכט, אז זיי זעהען דאס אין חלום. דעגריני מיט ראדען האבען גערעכנט אז עס וועט מעהר ניט זיין ווי א מיללִיאן 40. גבריאל הערענדיג פון א קייזערליכען רייכטהום, האט געמיינט, אז דאס בעשטעהט אין גאנצען פון א מיללִיאן 3—4; יעטצט פון אזא אונגעהויערע סוממע איז ער געבליבען ווי פערטויבט. עס האט איהם אנגעהויבען צו שווינדלען אין קאפ פון דעם געדאנקען דאס דיזעס גרויסע פערמאגען האט געקענט געהערען איהם אליין... דער נאטאריוס, וועלכער איז אויך געוועזען ניט ווייניגער איבערראשט, האט איבערגערעכנט סאמועלס רעכנונג אונ האט זיינע אויגען ניט גע־לויבט

פלאצליך האט זיך פון צווייטען צימער געלאזט הערען א לאנגזאמער קלינגען פון א זייגער. סאמועל האט א ציטער געטהון... אונ א טיע־פער זיפץ האט זיך ארויסגעריסען פון זיין ברוסט.

— פונקט צוועלף! האט ראדען א געשריי געטהון! אונ א כאפ געגע־בען מיט ביידע האנד דאס קעסטעלע.

— ענדליך!!! האט דעגריני געזאגט מיט איין אונבעשרייבליכער

פריידע; נאכדעם איז ער געפאלען גבריאל'ן אויפ'ן האלז און מיט היטץ געזאגט: אך מיין ליעבער זוהן... וויפיעל ברכות וועסט דו דאס בע־קומען פון די ארעמע־לייט!..

דער זייגער האט געגעבען דעם לעטצטען קלונג... אלע האבען זיך געשטעלט.

דער נאטאריוס האט מיט איין ציטערנדער שטיממע הויך געזאגט:
„אזוי ווי פון רענעפאנס איבעריגע יורשים איז ביז 12 אוהר קיינער ניט געקומען, ערפיל איך דעם בעל צוואה'ס פערלאנג און מעלדע פאר אלעמען וואס געפינען זיך דא, מיט'ן נאמען פון געזעטץ, דאס דער איינציגער יורש פון דעם גוט און געלד בלייבט גבריאל רענעפאן, וועלכער האט דיזעלבע ירושה אוועקגעגעבען מיט'ן גוטען ווילען דורך איין „געשענקשריפט" דעם הערן פרעדעריק עמנואל, מארקיז דעגריני. דיזען „געשענקשריפט" האב איך פערשטארקט און אונטערגעשריבען לויט דעם געזעטץ".

אינדעם איז אזעל אריינגעלאפען און האט האסטיג צום מאנן גע־זאגט: סאמועל... א סאלראט... ער וויל...

אזעל האט ניט געקענט ענדיגען. די טהיר האט זיך געעפענט און דאגאבער איז אריין. ער איז געווען שרעקליך בלאס; זיין לינקע האנד איז געהאנגען אויף איין בינדע. ער האט זיך אנגעשפארט אויף אנגריקאל.

ראדען, ערזעהענדיג דאגאבער'ן איז רויט געווארען און זיינע אויגען האבען זיך ווי מיט בלוט פערגאססען. ער האט זיך א ווארף געטהון אויפ'ן קעסטעלע מיט אזא רציחה און ווילדהייט, גלייך ווי ער וואלט וועלען איינשלינגען דעם גאנצען אוצר, ווען עס זאל איהם אפילו דאס לעבען קאסטען...

VII.

די אונערוואַרטעטע הילפע.

— ברודער! און איהר, מיין צווייטער פאטער! האט גבריאל שטיל געזאגט, צולויפענדיג צו דאנאבער'ן, א, גאטט אליין האט אייך אהער געבראכט!

דעגריני האט באלד פערשטאנען ראדענס שרעק און, רעכנענדיג זיך נאך 12 אוהר פאר א גאנצען בעל הבית אין דעם הויז, האט ער שטרייננ געפרעגט: ווער זייט איהר? און וואס פערלאנגט איהר?

— איך גלויב, אז איהר דארפט מיך קענען פון לייפציגער מלחמה, אין וועלכער דער גענעראל סימאן האט אייך ניט געוואלט אבגעבען זיין שווערד, ווען איהר האט איהם געפונען א פערוואונדעטען.

— אלזא וואס פערלאנגט איהר?

— איך וויל ארונטעררייסען די מאסקע פון דיין געזיכט, דו נידעריגער און אונפערשעמטער אבאט!

— איהר זאלט שווייגען! האט דעגריני רויטווערענדיג אויסגעשריען.

— איך זאג דיר נאך אמאל: דו ביזט דער נידערטרעכטיגסטער מענש, האט דאנאבער מיט מעהר היטץ געזאגט, דו האסט פאלגעבראכט די ערגסטע און נידעריגסטע מיטעלען, כדי צו בערויבען דעם מארשאל סימאנס טאכטער, גבריאל'ן און פריילין אנדריענע...

— וואס רעדט איהר? האט גבריאל אויסגעשריען, דעם גענעראל סימאנס טאכטער!..

דאנאבער האט ערצעהלט גבריאל'ן, דאס זיי זיינען איהם קרובות און דעגריני האט זיי בעהאלטען אין א קלויסטער זיי זאלען ניט קענען קומען

אהער צו דער צייט... גבריאל האט פון זיין זייט ערצעהלט דאגאבערן ווי אזוי מען האט ארויסגענארט ביי איהם א „געשענקשריפט", אונ אלעס, וואס ער וועט בעקומען בירושה, געהערט צום יעזואיטישען ארדען. דאנאבערס פערצווייפלונג איז געוועזן שרעקליך. ער האט זיך געבעטען ביים נאטאריוס ער זאל ניט לאזען בערויבען ארעמע יתומות. דער נאטאריוס אבער האט געאנטווערט, דאס לויט דעם געזעטץ האט ער קיין רעכט אבצוהאלטען די ערפילונג פון דער צואה אונ ער מוז טהון ווי אין צואה שטעהט געשריבען.

אינדעם זיינען אין זאל אריין 2 פערזאן. דער ערשטער איז געוועזן פארינזע. סאמועל איז צוגעגאנגען צו איהם אונ האט איהם געפרעגט ווער ער איז. פארינזע האט קוקענדיג אויף ראדענען, גאנץ רוהיג געאנטווערט: דער פרינץ דזשאלמא איז ניט לאנג געקומען אין פאריז; איך האב זיך געזעהען מיט איהם נעכטען אבענד אונ ער האט מיר געזאגט, דאס היינט איז איהם זעהר נייטיג צו זיין דא, נאר עס קען זיין, דאס צוליעב איין געגענשטאנד וועט ער אליין ניט קומען אהער, דאריבער בין איך געקומען אייך צו זאגען דאס.

אין דער מינוט איז צום טיש צוגעגאנגען די צווייטע פערזאן. דאס איז געוועזן דעם גענעראל סימאנס פאטער, א הויכער, געזונדער אונ שטארקער אלטער מאנן.

— איהר זייט אויך דא, הערר סימאן? האט אגריקאל איהם דריקענד די האנד פריינדליך געפרעגט.

— ווי דו זעהסט, ברודער, האט סימאן געאנטווערט. איך בין נאר וואס געקומען צופאהרען. דער הערר הארדי האט אליין געדארפט קומען אהער וועגען א ירושה, נאר אזוי ווי ער איז יעצט ניט דא אין פאריז האט ער מיך געבעטען איך זאל געהן פאר איהם.

— ווי, הערר הארדי איז אויך א יורש!

— יא!.. וואס ביזט דו אבער אזוי בלאס אונ צוטראגען?.. וואס

האט זיך דא געטראפען ?

דאגאבער אונ אנריקא, האבען איהם ערצעהלט, ווי מארקיז דעגריני, זיין זוהנם שרעקליכער פיינד, וועלבען ער האט אויך גוט געקאנט האט אריינגעזעטצט זיינע איינינקלעך אין א קלויסטער, כדי צו בערויבען זייער ירושה.

דעגריני'ן איז געווען אונערטרעגליך די גאנצע סצענע; ער האט זיך געווענדעט צום נאטאריום: גנאדיגער הערר, יעדע זאך דארף דאך געהמען ווען עס איז איין ענדע...

דער נאטאריום האט באלד ערפילט דעגריני'ס וואונש אונ הויך געמעלדעט, דאס די גאנצע ירושה געהערט צו העררן אבאט דעגריני, ווייל הערר גבריאל רענעפאן האט איהם אויף דעם ארויסגעגעבען א „געשענקשריפט". איבערצעהלענדיג דאס געלד, האט דער נאטאריום גענומען דאס קעסטעלע אונ געזאגט צום אבאט דעגריני: מיין הערר, געהמט דאס צו!..

— גאטט! ווי קענסט דו דאס דערלאזען אזא גזלה!.. האט גבריאל הערצרייסענד אויסגעשריען.

אין דער מינוט איז פארגעקומען עטוואס אונגעוועהנליך־וואונדערבארעס. אלס ראדען האט שוין געהאלטען דאס קעסטעלע אין האנד, האט זיך געעפענט די טהיר פון דעם צימער, וואו דער זייגער האט געשלאגען, אונ עס האט זיך בעוויזען א פרוי. ווען גבריאל האט זי ערזעהען איז ער געבליבען ווי פערשטיינערט. סאמועל אונ זיין פרוי זייגען געפאלען אויף די קניע אונ אפילו ראדען אליין האט אויך אנגעהויבען צו ציטערן ווי א בלאט אונ האט צוריק אוועקגעשטעלט דאס קעסטעלע אויפ'ן טיש.

דיזע פרוי, וועלכער בילד איז געהאנגען אויפ'ן וואנד איז גאנץ לאנגזאם צוגעגאנגען צום קאמאד אונ האט פון ערשטען שופלאד ארויסגענומען א פערזיגעלטען קאנווערט. נאכדעם איז זי צוגעגאנגען

צום טִישׁ און הָאט אִיהם אַװעקגֶעלֵייגְט נֶעבֶּען נָאטַארִיוּס. פֶערבֵּייגֶע־הֶענְדִיג נֶעבֶּען גַבְרִיאֵל'ן הָאט זִי אויף אִיהְם אַ שְׁטַארְקֶען און מֶעלַאנְכָא־לִישֶׁען בְּלִיק גֶעגֶעבֶּען; פֶערבֵּייגֶעהֶענְדִיג נֶעבֶּען שְׁמוּאֵל'ן און אִזֶבֶּל'ן הָאט זִי זִיךְ עֶטְוָואס אָבְּגֶעשְׁטֶעלְט, מִילְד גֶעקוּקְט אויף זֵיי און גֶעגֶעבֶּען זֵיי אַ קוּשׁ טְהוּן אִיהר אִין הַאנְד. זִי הָאט נָאךְ אַ מָאל אַ קוּק גֶעגֶעבֶּען אויף גַבְרִיאֵל'ן און אִיז גַאנְץ לַאנְגְזַאם אַרויסגֶעגַאנְגֶען פון זַאל.

— דָאס אִיז זִי!... זִי! קוּקְט זִיךְ אַיין אויף דִי בִּילְדֶער, וָועלְכֶע הֵיינ־גֶען דָא 150 יָאהר, הָאט סַאמוּעֶל צִיטֶערְנְדִיג גֶעזָאגְט.

אַלֶע הָאבֶּען נִיטוִוילֶענְדִיג אַ קוּק גֶעגֶעבֶּען אויף דִי בִּילְדֶער.

— ווִי אַזוֹי אָבֶּער הָאט זִי גֶעקֶענְט אַרַיינְגֶעהֶען אַהֶער! הָאט דֶעגְרִינִי גֶעפְרֶעגְט סַאמוּעֶל'ן.

— אִיךְ ווֵייס מֶעהר נִיט דָאס, וָואס מַיין פָאטֶער פְּלֶעגְט עֶרְצֶעהלֶען, אַז דִיזֶעס הויז הָאט אוּנְטֶער זִיךְ הֵיילֶען, וֶועלְכֶע צִיהֶען זִיךְ זֶעהר וַוייט.

— אויב אַזוֹי אִיז דָאךְ דָאס גַאנְץ גֶעוֶואהנְלִיךְ, הָאט דֶעגְרִינִי בֶּעמֶערְקְט־נָאר צוּלִיעב וָואס אִיז זִי גֶעקוּמֶען?

עֶרלויבְּט מַיינֶע הֶערֶען הָאט דֶער נָאטַארִיוּס, אַרויסנֶעהמֶענְדִיג פון קָאנְוֶוערְט אַ בּויגֶען פַּאפִּיר, גֶעזָאגְט, אִיךְ וֶועל אַייךְ אִיבֶּערלֶעזֶען דִיזֶען דָאקוּמֶענְט, דָאס גֶעהֶערְט צוּ דֶער צַוָואָה... בִּיטֶע, הֶערְט אויס!..

„מִיט דֶעם לֵייג אִיךְ אָבּ דֶעם טֶערְמִין פון דֶער צַוָואָה בִּיז דֶעם 1 טֶען יוּנִי 1832 יָאהר. דָאס הויז זָאל מֶען ווִידֶער פֶערמַאכֶען און דָאס גֶעלְד צוּרִיק גֶעבֶּען דֶעם, וֶועלְכֶער הָאט עֶס גֶעהַאלְטֶען, כְּדֵי צוּ צוּטְהֵיילֶען עֶס דֶעם 1 טֶען יוּנִי 1832 יָאהר צְווִישֶׁען דִי יוֹרְשִׁים. ווִילְטַאנֶעז, דִיזֶען 13 פֶעבְּרוּאַר 1682 יָאהר, 11 אוּהְר אִין אָבֶענְד.

מַארִי רֶענֶעפָּאן".

— דאס איז א פאלשעס פאפיר ! האט דעגריני אויסגעשריען.

— מיר זיינען חושד דיזע פרוי ! האט ראדען צוגעגעבען, און דיזעס פאפיר איז א נאכגעמאכטע.

— ניין, גנאדיגער הערר, האט דער נאטאריוס שטרייננ געאנטווערט, איך האב צוגעגליכען די אונטערשריפט און די פעטשאטען, זיי זיינען דיזעלבע ווי אין דער צוואה. איהר קענט זאגען אז דאס איז ניט ריכטיג. נאר די ערפילונג פון דער צוואה מוז אבגעהאלטען ווערען ביז דעם ערשטען יוני.

ביי די לעטצטע ווארטער האט זיך ביי ראדענען פון אונטער די נאגעל בעוויזען בלוט און זיינע בלאסע ליפען זיינען רויט געווארען.

גבריאל אגריקאל, סימאן און דאנאבער זיינען געווען אויסער זיך פון פריידע, נאר איין פארינזע איז געשטאנען אומעדיג נעבען בילד פון מאנן.

אבאט דעגריני איז געשווינד ארויסגעגאנגען פון „רויטען זאל" און וועטצענדיג זיך אין קארעטע האט ער מיט כעס א געשריי געטהון: „אין פאלאץ סענדיזע". ראדען האט זיך געזעטצט נעבען איהם.

אין א האלבשטונדע ארום איז די קארעטע ארויפגעפאהרען אויפ'ן הויף פון פאלאץ סענדיזע.

VIII.

דער נייער נאטשאלניק.

דעגריני און ראדען זיינען אריינגעגאנגען צו דער פירשטין אין וואהנונג.

— וואס האט זיך געטראפען? האט די פירשטין מיט אונגעדולד געפרעגט, ערזעהענדיג דעגריני'ס בלאסעם געזיכט.

— מיר האבען געארבייט אומזאנסט. האט דעגריני פערצווייפעלט געאנטווערט; די ירושה איז געוועזען 212 מיליאן...

— 212 מיליאן אך מיין גאטט! אונ עס איז שוין קיינע האפנונג נישט דא? האט די פירשטין ווידער געפרעגט.

— קיינע האפנונג! איך מוז שוין שרייבען אין רום וועגען אונזער אונגליק האט דעגריני בעמערקט ווייזענדיג מיט'ן האנד ראדעגען אויפ'ן טיש אונ שטאלץ געזאגט: „שרייבט"!

ראדען האט זיך געניגט אונ געזעצט אויף א שטול ביי'ם שרייבטיש.

דער אבאט האט געבעטען ערלויבניס ביי דער פירשטין אונ אנגעהויבען דיקטירען: „אלע אונזערע פלאנען האבען זיך ניט איינגעגעבען. רענעפאנס ירושה איז פערלארען אויף עוויג אונ וועט זיך שוין צוריק ניט אומקערען"...

ראדען איז פלאצליך אויפגעשטאנען אונ האט א ווארף געטהון די פעדער.

— וואס טהוט איהר? האט דעגריני איהם געפרעגט.

— עס מוז איין אנדערע געהמען! האט ראדען געמורמעלט: דיזער מענש געהט פון זיננען אראב! האט ער צו זיך גערעדט אונ איז לאנגזאם צוגעגאנגען צום קאמין.

— וואס איז דאס מיט אייך!.. וואס האט איהר אויפגעהערט צו שרייבען?

ראדען האט ניט געאנטווערט; ער האט ארויסגענומען פון פארטמאנע א פערשריבענעם בויגעלע פאפיר אונ דערלאנגט דעגריני. אלס ער האט דאס איבערגעלאזען האט ער זיך טיעף פערנייגט געגען זיין געוועזענעם סעקרעטאר אונ געזאגט: איהר האט א ווארף געטהון די פעדער,

ווען איך האב אייך דיקטירט דעם בריעף אין רום. איהר וועט זיך אפשר בעמיהען מיר צו ערקלערען, אין וואס בעשטעהט מיין פעהלער?

ראדען האט אויף דעם ניט געאנטווערט אונ, וויזענדיג מיט'ן האנד דעגריני'ן אויפ'ן שרייבטיש, האט ער געזאגט: „שרייבט"!

דער אבאט האט א ציטער געטהון ביי דיזעם בעפעהל, נאר ער־מאנענדיג זיך, דאס ער איז שוין אוים נאטשאלניק, איז ער אויפגעשטאנען פון זיין ארט, האט זיך געניינט געגען ראדען, זיך געזעטצט ביי'ם טיש, גענומען די פעדער אונ געזאגט צו זיין געוועזענעם שרייבער: „איך בין בערייט"!

ראדען האט דיקטירט אונ דעגריני האט געשריבען פאלגענדען בריעף

„דורך אבאט דעגרינים אונפעהיגקייט האט רענעפאנם ירושה גענומען א שלעכטען גאנג; דיזע ירושה איז ביז 212 מילליאן. עם איז נאך דא א האפנונג. מיר נעהמען זיך אונטער אריינצוטראגען אין קאססע פון דער חברה די סוממע נאר שיקט אונז א פארמאלנע פאללמאכט".

א פיערטעלשטונדע נאכדעם האט ראדען פערלאזען סענדיזעס פאלאץ.

.IX

דער גוטער בעל עצה.

אויפ'ן צווייטען טאג, נאך דער געשיכטע ווי דאנאבער אונ אנריקאל האבען געוואלט בעפרייען פריילין קארדאוויל פון קלויסטער, 4 אוהר ביי טאג איז אנדריענע געזעסען אין איהר צימער פון האספיטאל ביי

א טישל און האט געבלאטערט א בוך. די טהיר האט זיך געעפענט און דאקטאר באלעניע איז אריין. אריינגעהענדיג אין צימער, האט דער דאקטאר געטהון א שמעק טאבאק און, צושאקלענדיג מיט'ן קאפ איז ער צוגעגאנגען צו אנדריעוונען.

— מיר דאכט זיך, דאס די פאריגע נאכט האט ניט געשאדעט אייער געזונדהייט... האט דער דאקטאר מיט א זיסער שטימע געזאגט, יעטצט געהט אלעס צור בעססערונג: אייער געזיכט איז רוהיגער און די פארב פון די באקען איז פרישער, זאגאר אייערע אויגען האבען נאך ניט די ריכטיגע לעבהאפט, נאר איך האף, דאס אין קורצען וועט איהר אינגאנצען געזונד ווערען.

— מיט וועלכער פינקטליכקייט פון א אונפערשעמטען מענשען היט איהר דאס אב אייער וויזיט, האט אנדריעווע געזאגט, אום נור עהרליך צו פערדינען!..

— אך! האט באלעניע ערווידערט, פון דעם אליין זעהט מען, דאס איהר זייט נאך ניט פאלקאם געזונד, נור איך האף, אז שפעטער וועט איהר מיך שאטצען נאך מיין פערדינסט.

— א, איהר קענט זיכער זיין, הערר דאקטאר, דאס איך וועל אייך אבשאטצען נאך אייער פערדינסט.

— אט, הערט אויף מיט אייערע קינדערישע געדאנקען, לאמיר זיך דורכריידען ערנסט: איהר האט דען ווירקליך זיך פעסט בעשלאססען מיך איינצוקלאגען אין געריכטהויז?

— זייט זיכער, דאס איך וועל ניט בייטען מיין ווארט.

— איהר וועט זיך מיט דעם ערגער מאכען, ווייל באלד נאכדעם וועט מען ארעסטירען די 2 מענשען, וועלכע האבען אייך געוואלט פאריגע נאכט בעפרייען.

— שטעלט זיך פאר, דאס איך האב זיך בעשלאססען אייך ניט צו פערפאלגען, ווען אבער וועל איך בעפרייט ווערען פון דאנען?

— דָאס קֶען אִיךְ אַייךְ נִיט זָאגֶען, וַויל אִיךְ ווייס נִיט וֶוען איהר קֶענְט פָּאלְקָאם גֶעזוּנְד וֶוערֶען; אִיךְ הָאף, דָאס גָאר אִין קוּרְצֶען, אָבֶער...

— אִיךְ זֶעה, דָאס אַייעֶר שְׁאנְדְלִיכֶע קָאמֶעדְיֶע גֶעהמְט נָאךְ קֵיין עֶנְדֶע ! אִיךְ פְּרֶעג אַייךְ: וֶוען וֶועל אִיךְ אַרויסגֶעהן פוּן דַאנֶען ?

דֶער דָאקְטָאר הָאט אִיהר גֶעוָואלְט אֶנְטְוֶוערֶען, גָאר אִינְדֶעם אִיז דִי דִינְסְט אַרֵיין אוּנ הָאט גֶעמָאלְדֶען, דָאס עֶס זַיינֶען גֶעקוּמֶען צוּפָאהרֶען צְוַויי הֶערְרֶען, אוּנ אֵיינֶער פוּן זֵיי אִיז אַ רִיכְטֶער.

אַ רִיכְטֶער ! הָאט דֶער יֶעזוּאִיט אויסגֶעשְׁרִיֶען אוּנ אִיז בְּלַאס גֶעוָוארֶען

גָאטט צוּ דַאנְקֶען ! הָאט אַנדְרְיֶענֶע שְׁטִיל גֶעזָאגְט, עֶנְדְלִיךְ אִיז גֶעקוּמֶען דִי גְלִיקְלִיכֶע שְׁטוּנְדֶע.

— בֶּעט אַרֵיין דִיזֶע הֶערְרֶען אַהֶער ! הָאט דֶער דָאקְטָאר גֶעזָאגְט צוּ דֶער דִינְסְט.

אַלְס דִי דִינְסְט אִיז אַרויסגֶעגַאנְגֶען, הָאט דֶער דָאקְטָאר גֶעזָאגְט צוּ אַנדְרְיֶענֶען: אִיהר זָאלְט זִיךְ הִיטֶען ! פְּרֵייט זִיךְ נָאךְ נִיט אַזוֹי !

— אִיךְ שְׁרֶעק זִיךְ יֶעטְצְט נִיט פַאר אַייךְ, הָאט אַנדְרְיֶענֶע גֶעאֶנְטְוֶוערְט. דָאס הָאט גֶעווִיס גֶעמוּזְט קוּמֶען דֶער הֶערר מָאנבְּרָאן מִיט דֶעם רִיכְטֶער...

— פְּרֵיילִין, אִיהר זָאלְט זִיךְ הִיטֶען, צוּלִיעב אַייךְ וֶועט מֶען פֶּערְשִׁיקֶען אויף קַאטָארְגֶע. דֶעם אַלְטֶען סָאלְדַאט מִיט זַיין זוּהְן.

— אָ, אִיךְ גְלוֹיב אַייךְ נִיט... אִיהר מֵיינְט מִיךְ נוּר צוּ סְטְרַאשֶׁען !..

— אִיךְ זָאג אַייךְ נָאךְ אַ מָאל, וֶוען אִיהר וֶועט מִיךְ אָנקְלָאגֶען, וֶועלֶען זֵיי פוּן קַאטָארְגֶע נִיט בֶּעפְרֵייט וֶוערֶען.

— נֵיין ! אִיךְ וֶועל אַייךְ נִיט פָּאלְגֶען אוּנ אִיךְ וֶועל דֶעם רִיכְטֶער זָאגֶען דִי רֵיינֶע וַוארְהֵייט.

— אָט גֶעהט עֶר, הָאט בַּאלֶענְיֶע גֶעשְׁווִינְד גֶעזָאגְט; גֶעדֶענְקְט...

היט זיך !

— די טהיר האט זיך געעפענט און אין צימער איז אריין ראדען מיט איין מאנן אנגעטהון אין שווארצען. ראדען האט באלד געוויזען אויף די פריילין קארדאוויל און איז גאנץ שטיל אבגעטראטען אן אזייט.

באלעניע איז געוועזן איבערראשט. ער האט אנגעהויבען צו ווינקען און מאכען פערשידענע צייכענס צו ראדענען. איהם האט זיך געוואלט וויסען צוליעב וואס דער ריכטער איז געקומען, ראדען אבער האט זיך ניט גערירט פון ארט און זיך געמאכט ווי ער קאן איהם גאר ניט. דער דאקטאר האט ווידער אנגעהויבען צו ווינקען צו איהם, נאר ענדליך האט ראדען זיך געווענדעט צום דאקטאר און הויך געזאגט: וואס פערלאנגט איהר פון מיר, הערר דאקטאר? ביי די ווארטער האט זיך דער ריכטער אומגעקערט, און ראדען האט גאנץ קאלטבלוטיג צוגעגעבען: פון דער ערשטער מינוט וואס איהר, הערר ריכטער, זייט געקומען אהער, האט דער הערר דאקטאר אנגעהויבען ווינקען און מאכען צו מיר פערשידענע צייכענס. פון דעם פערשטעה איך, דאס ער וויל מיר זאגען א סוד, נאר אזוי ווי ביי מיר איז ניט דא קיין סודות בעט איך איהם ער זאל זאגען הויך, וואס פערלאנגט ער פון מיר.

ראדען האט דאס געזאגט אזוי שארף און קאלטבלוטיג, דאס דער בעריהמטער דאקטאר איז געבליבען ווי פערשטיינערט און איינינע מינוט האט ער א ווארט ניט געקענט אויסריידען.

X.

דער הונד איז בעגראבען.

– מיט וועמען האב איך די עהרע צו ריידען? האט דער דאקטאר באלעניע ענדליך זיך געפאסט מוטה און געפרעגט.

– איך בין געקומען אהער אלס ריכטער מאכען א סלעדסטוויע.

– אלזא ביטטע איך אייך, ערקלערט מיר אין וואס בעשטעהט דיזע סלעדסטוויע, האט דער דאקטאר זיך נייגענדיג געזאגט

– מען בעשולדיגט אייך דאס איהר האט געבראכט אהער דיזע פריילין געגען איהר ווילען. איז דאס ריכטיג, פריילין? האט דער ריכטער זיך געווענדעט צו אנדריענען.

גנאדיגער הערר! האט באלעניע געזאגט, ערלויבט מיר אייך צו בעמערקען, דאס איהר בעליידיגט מיך.

– איך רייד ניט מיט אייך, נאר מיט דיזער פריילין האט דער ריכטער שטריינג געאנטווערט.

– ערלויבט מיר עטוואס צו פרעגען, הערר ריכטער. בעפאר איך וועל אייך אנטווערען אויף אייער פראגע, האט אנדריענע נאך א קורצען באדענקען געזאגט.

– ביטטע.

– מיינע אנטווארט וועט זיך רעכנען אלס א פארמאלנע?

– איך בין געקומען אהער אום צו דערגעהן נור דעם אמת, אלזא קענט איהר ריידען וואס איהר ווילט.

– גאנץ ריכטיג ווען איך זאל אבער אנקלאגען יעמאנד, אום בעפרייט צו ווערען פון דאנען, קען איך נאכדעם יענעם מוחל זיין און, דאס

געריכט זאל איהם מעהר ניט פערפאלגען ?

— איהר זעלבסט קענט איהם מוחל זיין, נאר די רעגירונג קען ניט שענקען קיינע פערברעכען. אייער געשפרעך, גוטהארציגקייט און רוהיגקייט, בעווייזען, דאס מען האט מיר געזאגט דעם אמת.

— גנאדיגער הערר, האט באלעניע גאנץ קאלטבלוטיג ערווידערט, אין וואס אבער בעשולדיגט מען מיך.

מען בעשולדיגט אייך, דאס איהר האט מיט בעטרוג און פאלשקייט געבראכט פריילין קארדאוויל אהער אין דולהויז.

— וואס פיר איין נוטצען קען מיר ארויסקומען פון דעם ? האט דער דאקטאר צוקענדיג מיט די אכסלען ווידער געפרעגט.

— איהר האט מיט דעם געהאלפען אויספיהרען די נידערטרעכטיגע פלאנען פון איהרע פערוואנדטע.

— ווער האט זיך דאס דערוואגט מיך צו בעשולדיגען אין אזא שאנדליכע זאך ! האט דער דאקטאר אויסגעשריען מיט וואוטה.

— איך, האט ראדען קאלט געאנטווערט.

— א—יה—ר ?.. האט באלעניע געשטאמעלט און איז אבגעטראטען אויף צוויי טריט צוריק. איהר, וועלבער מיט עטליכע טאג פריהער...

באלעניע האט זיך אבגעהאלטען, ווייל ער האט פערשטאנען, דאס ווען ער זאל בעשולדיגען ראדענען, בעשולדיגט ער זיך.

— יא, איך בעשולדיג אייך, האט ראדען געאנטווערט, אויך אבאט דעגריני און די פירשטין סענדיזע, דאס איהר אלע האבען אינטריגירט צוליעב געלד. איהר האט אריינגעזעטצט פריילין קארדאוויל אין דיזעס הויז און דעם מארשאל סימאנס טאכטער אין קלויסטער, נור אום געלד צו בעקומען; יעטצט פערשטעהט איהר שוין ?

— אך, דאס איז ווירקליך ריכטיג ! האט אנדריענע לעבהאפט געזאגט, איך האב זיי אליין געזעהען די ארעמע קינדער...

— איך האב זאגאר געקענט אייך גאר ניט אנטווערען אויף אייער בעשולדיגונג... איך ווענדע זיך אבער צו דער פריילין קארדאוויל זעלבסט און בעט איהר זי זאל זאגען, צו האב איך איהר היינט אין דער פריה ניט געזאגט, דאס זי איז שוין געזונדער און אין קורצען וועט זי קענען פערלאזען מיין האספיטאל.

— גענוג אייך צו ערצעהלען בבא מעשיות! האט ראדען איהם שטריינג איבערגעשלאגען, עס קען זיין, דאס זי וועט אויך אזוי זאגען, נאר זי וועט דאס טהון אויס גוטהערציגקייט. קיינער האט ניט געזעהען און ניט געהערט ווי איהר האט גערעדט מיט דער פריילין קארדאוויל און איהר זאגט, דאס זי איז פון זיננען אראב... ניט דא וואס צו ריידען, מען דארף אייך טאקי גלויבען!

— גנאדיגער הערר, אבער!...

— גענוג אייך, מיין פריינד! אזעלכע מעשיות זאלט איהר ערצעהלען אייער געשטארבענער באבען.

— אט וואס! האט באלעניע אויסגעשריען. איך זאג און וועל זאגען, דאס נור איך מיט מיינע מיטלען האב געזונד געמאכט פריילין קארדאוויל דעם פערשטאנד... וואס ווילט איהר נאך?

— און איך וועל אויפווייזען, אז דאס איז פערקערט... האט ראדען איהם קאלט געאנטווערט; איך ווייס ריכטיג, דאס פריילין קארדאוויל איז קיין מאל פון זיננען ניט אראב און דאס, וואס איהר זאגט איז ליגען.

— אלזא, האט דער ריכטער זיך אריינגעמישט אין זייער געשפרעך, קען פריילין קארדאוויל פערלאזען דיזעם הויז.

— זי קען טהון ווי איהר אליין געפעלט, האט באלעניע געאנטווערט.

— וואס געהער אן די פראגע פאר וואס איהר האט זי דא פערשפארט, וועט איהר אויף דעם אלעם אנטווערען אין געריכטהויז.

וועגען דעם איז מיין געוויסען גאנץ רוהיג.

— איך ווינשע אייך פון טיעפען הארצען, אז עס זאל אויסקומען אויף אייערע ווערטער, האט דער ריכטער געזאגט, — נאכדעם, זיך ווענדענדיג צו אנדריעגען, האט ער צוגעגעבען: — איך פערשטעה גאנץ גוט, פריילין, דאס דיזע סצענע איז געוועזען פאר אייך זעהר אונערטרעגליך און בעליידיגענד; יעטצט וועט זיך ווענדען אן אייך, ענטווערער איהר וועט זעלבסט אנקלאגען העררן באלעגע פאר'ן געריכט, אדער איהר וועט דאס איבערגעבען דעם געריכטהויז אליין... אויסערדעם, האט מיר דיזער ארדענטליכער און גוטער מאנן געזאגט (ער האט געוויזען אויף ראדענען), דאס איהר וועט זיך ניט ענטזאגען צו נעהמען צו זיך דעם גענעראל סימאנס טאכטער, וועלכע איך בין געקומען אויך צו בעפרייען, פערלאנגט איהר פיעלליכט, דאס איך זאל זיי ברייגגען אהער?

— איך וועל אייך זעהר דאנקבאר זיין דאפיר, האט אנדריעגע פריינדליך געאנטווערט; זיי זיינען מיינע פערוואנדטע און, ווי נאר זיי זיינען געקומען צופאהרען אין פאריז, האב איך ווירקליך געקלערט צו נעהמען זיי צו זיך.

דער ריכטער האט זיך העפליך פערנייגט געגען אנדריעגען און איז באלד ארויסגעגאנגען.

— ערלויבט מיר אייך צו בעגלייטען, האט באלעגיע געזאגט, געהעניג פאראוים.

דער דאקטאר האט איהם בעגלייט ביז'ן טהויער און נאכדעם האט ער זיך געאיילט איבערצולעזען דאס צעטעלע, וועלכעס ראדען האט איהם געשווינד דערלאנגט אין דער צייט, וואס דער ריכטער האט גערעדט מיט אנדריעגען. אויפ'ן צעטעלע איז געווען אנגעשריבען פאלגענדעס:

„דער ריכטער וועט געהן אין קלויסטער דורכ'ן גאס און איהר לויפט

דורכ'ן גארטען צו דער „אויפזעהערין" אונ זאגט איהר, דאס זי זאל פאלגען מיין בעפעהל וועגען די צוויי יונגע מיידלעך; דאס איז זעהר וויכטיג"...

פון דעם האט דעם דאקטאר פערשטאנען, דאס ער האט זיך ניט וואס צו שרעקען, אונ, דאס ראדען האט געארבייט צום נוטצען פון דער היילינגער חברה.

XI.

דער וואהלטהאטער.

אלס דער ריכטער אונ דאקטאר באלעניע זיינען ארויסגעגאנגען, האט אנדריעגע קארדאוויל, קוקענדיג פריינדליך אויף ראדענען, געזאגט, ענדליך בין איך, אייך צו פערדאנקען, פריי... פריי... א, איך האב נאך קיין מאל אזוי שטארק ניט געפיהלט דאס פערגניגען פון דיזען ווארט! איך האב דא אין דעם הויז ניט לאנג געליטען, נאר איך בין אזוי גוט בעקאנט געווארען מיט דעם שרעקליכען לעבען דאס איך גיב זיך א נדר אויסצוקויפען יאהר יאהרליך אונגליקליכע, וועלכע מען האט פאר חובות אריינגעזעצט אין געפענגנים. א, איך בין ניט אין שטאנד אייך אויסצודריקען, ווי דאנקבאר איך בין אייך!

עס האט זיך געדאכט, דאס ראדען איז געווען עטוואס בערוישט פון עדלע אונ גוטע געפיהלען. זיינע האלבפערמאכטע קליינע אויגען האבען זיס געקוקט אויף אנדריעגען... אונ נאכהער, ווי ער וואלט וועלען אבטרייבען פון זיך די געדאנקען, האט ער צו זיך געזאגט: „גענוג... עס איז קיין צייט ניט דא זיך איבערצוגעבען צו זיסע געפיה-

לען... איך האב נאך מיין זאך ניט געענדיגט״... מיין ליבע פריילין, האט ער צוגעגעבען, זיך ווענדענדיגט צו אנדריענען: וועגען באנקבארקייט וועלען מיר נאך האבען צייט שפעטער צו ריידען... יעטצט האב איך געוואלט זיך דורכריידען מיט אייך וועגען וואס וויכטיגערעס... ווייסט איהר וועגען וואס? וועל איך אייך ערצעהלען: אונ ראדען האט איהר ערצעהלט די גאנצע געשיכטע פון דער ירושה, ווי די פירשטין סענדיזע אונ אבאט דעגריני האבען געארבייט אריינצוזעטצען איהר אין דולהויז אונ דעם מארשאל סימאנס טאכטער אין קלויסטער, נאר צוליעב דער גרויסער ירושה, וועלכע זי אונ די איבעריגע יורשים האבען געדארפט בעקומען דעם 13 פעברואר אויף דער היילינער פראנציסקאנער גאס. איבערהויפט. האט ער איהר ערצעהלט פון פרינץ דזשאלמא ווי ער איז אויך א יורש פון הערוועלבער ירושה אונ דאס מען האט איהם איינגעגעבען א שלאפטרונק, כדי ער זאל ניט קענען זיין אין דער בעשטימטער צייט אויף דער היילינער פראנציסקאנער גאס

— וואו איז יעטצט דער פרינץ? האט אנדריענע געפרעגט.

— דאס ווייס איך ניט; איך ווייס נור, דאס ער איז יעטצט אין פאריז; איך האף אבער דאס איך וועל איהם אויפזוכען; איך מוז איהם אויפזוכען, ווייל עס איז שווער ניט צו ליעבען אזא טהייערעס אונ עדלעס הארץ, ווי ער האט. איך זאג אייך פריילין דאס ער איז איין פראכטפאללער יונגער מאנן!

— איך בעט אייך טאקי ווענדט אן אלע מיטלען אום נור איהם אויפצוזוכען... ער איז מיינער א פערוואנדטער... אונ איז דא איינער אליין.. אן פריינד... אן א ראטה אן שטיטצע

— געוויס וועל איך איהם אויפזוכען, איהר דארפט מיך גאר ניט בעטען, האט ראדען געאנטווערט.

— איך וועל היינט זיך איבערציהען אין הויז, וועלכעס מען האט ניט לאנג אויסגעבויט פאר מיר. אונ איך האב זיך פעסט בעשלאססען

ניט צו וואהנען צוזאממען מיט מיין טאנטע , איך וויל לעבען אליין , ווי מיר וועט געפעלען . ווען איהר זייט שוין יא דער גוטער מלאך פון אונזער פאמיליע , בעט איך אייך צו זיין גוטהארציג צום פרינץ , ווי איהר זייט צו מיר . אונ צו דעם געגעראל סימאנס טאכטער ; טהוט די טובה אונ זוכט אויף דיזען ארעמען פרינץ ; איהר זאלט איהם וועגען מיך גאר ניט ערצעהלען אונ איהם נור אוועק פיהרען אין מיין פאוויליאן אויף וואווילאנער גאס , אונ איהם זאגען , דאס א אונבעקאנטער פריינד ... האט דאס אלעס פערזארגט אונ דאס עס וועט איהם קיין זאך ניט פעה־לען ; ער וועט לעבען ווי א פרינץ ...

– מען קען זאגען , דאס דיזער פרינץ איז ווערטה דען אנטהייל . וועלכען איהר נעהמט אין זיין לאגע ... עס איז גאר א פערגניגען אקוק צו געבען אויף זיין שאנעס אונ העלדישעס געזיכט ..

– האט איהר איהם דען געזעהען ? אונ וואו ?

– אין שלאס קארדאוויל ... וואס האב איך זיך צו בעהאלטען ... איך בין זיך מודה , דאס איך בין געפאהרען צו טהון א נידעריגע אונ שאנדליכע זאך ...

– איהר זייט געפאהרען אין שלאס קארדאוויל צו טהון ניט קיין ער־דענטליכע זאך !? האט אנדריענע איבערראש געפרעגט .

– אך , יא , ליבעס פריילין ! האט ראדען געאנטווערט . איך האב געהאט א בעפעהל פון אבאט דעגריני איך זאל פארלייגען אייער פער־וואלטער צו בלייבען ביי זיין שטעלע , מיט דער בעדינגונג , דאס ער זאל ווערען א שפיאן אונ א רכילותניק ... נאר דיזער ארדענטליכער מאנן האט זיך ענטזאגט פון דעם ...

– זאגט מיר אבער , ווער זייט איהר ? האט אנדריענע געפרעגט .

– איך בין ... ראדען ... דער געוועזענער סעקרעטאר פון אבאט דעגריני , אט ווי איהר זעהט , גאר אקליין מענשעלע ...

— אה !.. זייט איהר דער הערר ראדען... דעם אבאט דעגריני'ס סעקרעטאר ?

— דאס הייסט, דער געוועזענער סעקרעטאר, האט דער יעזואיט בעמערקט... איהר קענט פערשטעהן, דאס פון דער צייט אן וועט מיין פוס שוין מעהר ניט זיין ביי'ם אבאט דעגריני... ער איז מיר געווארען א שרעקליכער פיינד... אונ איך בין געבליבען אן א שטעלע... וואס קען מען העלפען... וואס רייד איך !.. אדרבא, מיר האט פיעל פערגניגען פערשאפט צו שטארען די שלעכטע מענשען אין זייערע פלאנער אונ צו העלפען די גוטע.

— אויב איהר האט ווירקליך געוואוסט, דאס עס איז א נידעריגע זאך, וואס דעגריני האט אייך איבערגעגעבען אויסצופיהרען מיט דיופאנען, ווארום האט איהר זיך דאס גאר אונטערגענומען ?

— אייך איז גוט צו רייען ווי אזוי איך האב זיך דאס אונטערגענומען ! פריהער בין איך געוועזען ענטציגט פון אבאט דעגריני; דאס איז איינער פון די פעהיגסטע אונ חיטרע מענשען אין דער וועלט, אונ, ווי איך האב זיך פארגעסטערן ערוואוסט, איז ער אויך פון די געפאהרליכסטע; ער האט מיך פערטומעלט מיט זיינע גלאטע ריידעלעך, דאס ער שיקט מיך אויסצופיהרען זעהר א וויכטיגע אונ הייליגע זאך... מיט'ן אמת זאגענדיג, איז דיין ציעל געוועזען זעהר א וויכטיגער; אבער אט פארגעסטערן... האב איך זיך ארומגעזעהען, דאס איך האב א גרויסען טעות געהאט אין איהם... איך בעט אייך, ליבע פריילין, טהוט מיר די טובה, לאמיר אויפהערען צו ריידען פון מיין רייזע נאך שלאס קארדאוויל, מיר וועלען בעססער ריידען וועגען דעם, וואס אייך אינטערעססירט, דען פון בעססערע געדאנקען ווערט די זעלע ריינער אונ עדלער.

— אלזא האט איהר דעם פרינץ געזעהען אין שלאס קארדאוויל ?

— יא, איך האב איהם געזעהען ניט לאנג, נאר איך האב איהם באלד

ליעב בעקומען. פערלאזט זיך אויף מיך, איך װעל ענדיגען דאס, װאס איך האב אנגעהויבען. זייט זיכער, דאס ניט נאר איהר אליין אונ מארשאל סימאנס טאכטער, נאר אויך דזשאלמא װעט פון אייערע פיינד'ס שרעקליכע האנד בעפרייט װערען. ליידער אבער ניט ער איז דער לעצטער.

– װער איז דען נאך פערמישט אין דעם?

ראדען האט איהר ערצעהלט פון הערן הארדי אונ זשאק רענעפאן, װי דעגריני האט זיי אויך געפאנגען אין זיינע נעטצען, אום זיי זאלען ניט קענען בעקומען זייער ירושה.

– דער אבאט דעגריני איז דאך קיין יורש!

– ניט יעטצט איז די צייט אייך צו ערקלערען, נאר איך זאג אייך, דאס אבאט דעגריני איז דער ערגסטער פיינד פון אייער גאנצע פאמיליע.

– ערלויבט מיר אייך צו פרעגען, האט אנדריענע געזאגט, מיט װאס האב איך דאס פערדינט ביי אייך, דאס איהר נעהמט אנטהייל ניט נאר אין מיין לאגע אליין, נאר אין דער לאגע פון אלע מיינע פערװאנדטע?

– אך, מיין גאטט! װען איך זאל דאס אייך זאגען, האט ראדען שמייכלענדיג געאנטװערט, װאלט איהר געלאכט פון מיר... אדער איהר װאלט מיך גאר ניט פערשטאנען.

– זאגט, איך בעט אייך, מיין הערר, צװייפעלט ניט אין זיך אונ ניט אין מיר.

– אז איהר װילט דאס דורכאויס װיססען, װעל איך אייך זאגען גאנץ אפען. איך נעהם אנטהייל אין אייך אונ אין אייערע פערװאנדטע װייל איהר האט זעלטענע מעלות, איין זעלטען גוט'ס הארץ מיט ליעבע צו מענשען איבערפיללט, ערהאבענע געדאנקען, א שטאלצען אונ אונאבהענגיגען כאראקטער.

— פון וואַנען ווייסט איהר אָבער מיין האַרץ און מיין כאַראַקטער ?

ראָדען האָט איהר ערצעהלט, דאָס דעגריני האָט איהם געגעבען איבערשרייבען אַ פּאַפּיר, אויף וועלכען ער האָט איהם געהייסען צו־שרייבען, דאָס דיזעס פּאַפּיר זאָגט עדות, אַז נאָכ'ן פאַמיליענראָטה און לויט דאָקטאָר באַלענגע האָט אַנערקענט, איז פרייליין קאַרדאַוויל פון זינגען אַראָב און, דאָס מען דאַרף זי אָבגעבען אין „דולהויז".

— איך ווייס, האָט אַנדריענע ביטער געזאָגט: זיי האָבען אין געהיים מיין געשפּרעך מיט דער טאַנטע פערשריבען.

— איך האָב זיך גענומען צום איבערשרייבען... און איך האָב זיך אָבגעשטעלט; איך האָב ניט איבערגעלעזען קיין 5 שורות... ווי ? וואַנזיניג ?.. האָב איך אויסגעשריען: פּריילין קאַרדאַוויל איז וואַנזיניג ? גיכער זיינען די משוגע, וועלכע שרייבען אונטער אַזעלכע פּאַפּירען ?.. וואָס מעהר איך האָב געלעזען בין איך געוואָרען נאָך מעהר פער־וואונדערט... ענדליך האָב איך געענדיגט לעזען... אָ, איך בין ניט אין שטאַנד אויסצודריקען וואָס איך האָב דאַן געפיהלט ? דאָס זיינען געוועזען פריידע, שמערץ, ענטוזיאַזמוס ?.. (די העכסטע שטופע ענט־ציקונג).

— מיין הערר.. האָט אַנדריענע געזאָגט.

— יאָ, מיין ליבע פריילין, ענטוזיאַזמוס... זאָל איך ניט בעליידיגען דיזעס וואָרט... אַלזאָ ווייסט איהר, דאָס דיזע אידעען, זאָלכע נייע, זאָלכע זעלבסטשטאַנדיגע, זאָלכע אַרדענטליכע, וועלכע איהר האָט ענטוויקעלט אין דעם געשפּרעך מיט דער פירשטין סענדריזע, זיינען ביינאַהע גלייך מיט די אידעען פון דעם מענשען. וועלכען איהר וועט שפּעטער ליעב בעקומען, ווי גאָר איהר וועט איהם ערקאָנען...

— ווער איז ער ? האָט אַנדריענע געפרעגט, וועהרענדיג זעהר פער־אינטערעססירט.

— ניין... ניין... האט ראדען געאנטווערט, עס איז נאך יעטצט ניט די צייט אייך דאס צו ענטדעקען... איך קען אייך נור זאגען דאס פון דעם דאקומענט, וואס איך האב געלעזען, האב איך זיך איינגאנצען ערוואוסט, ווי די פיינדע האבען אייך און אייערע פערוואנדטע געוואלט אונגליקליך מאכען. דאן האט זיך נאך מעהר פערשטארקט דער אנטהייל, וועלכען איך האב גענומען אין אייער שיקזאל, און איך האב זיך בעשלאססען די איבעריגע קרבנות אויך צו רעטען. ניט קוקענדיג אויף מיין שוואכקייט, האב איך זיך פעסט בעשלאססען צו פערברויכען אלע מיטלען, אלעם צו אפפערען, אום נור אנצוקלאגען אבאט דעגריני... איך האב אויף דעם אויפגעקליבען גענוג מאטעריאל, דאס צו דערווייזען אין געריכטהויז... היינט פריה האב איך פערלאזען דאס הויז פון אבאט; איך האב צו איהם אנגעשריבען א בריעף... און איהם ערקלערט, דאס איך קען פאקטיש אויפווייזען אלע זיינע שאנדליכע טהאטען, און, דאס ער קען זיך פערטהיידיגען. און דאן בין איך געגאנגען צום ריכטער און זיי וויסען...

אין דער מינוט איז א ווארטערין אריין אין צימער און האט געזאגט צו ראדען: דעם מאנן וואס איהר און דער הערר ריכטער האבען געשיקט נאך בריז־מיש, איז צוריקגעקומען

— האט ער אבגעגעבען דעם בריעף?

— יא.

גוט!.. געהט.

די ווארטערין איז ארויסגעגאנגען.

.XII

סימפאטיע צו דעם פילאזאף.

ראדענס ערצעהלונג האט אין אנדריעגען ערוועקט א שטארקע נייגי־דיגקייט און ער האט אויף איהר געמאכט א גוטען איינדרוק מיט זייגע זיסע רייד. נאר פלאצליך איז איהר געקומען אין קאפ א געדאנקען פון צווייפעל וועגען ראדענס עהרליכקייט.

— מיין הערר, האט זי צו איהם געזאגט, איך בין אימער אפענ־הערציג מיט די לייטע, וועלכע איך אכטע, און, ווען איך האב נאר וועגען זיי א צווייפעל, דאן זאג איך עס זיי באלד, אום זיי זאלען זיך קענען פערענטווערען און מיך ענטשולדיגען, אויב איך האב א טעות געהאט.

ראדען האט ווי פערוואונדערט אנגעקוקט אנדריעגען, עס האט געשיינט, דאס ער טראכט וועגען וואס קען אנדריעגע צווייפלען. נאך איינער קורצען פויזע האט ער געאנטווערט: איהר רעדט פיעלייכט וועגען מיין פאהרען נאך שלאס קארדאוויל און וועגען מיינע בעדינגונ־גען, וואס איך האב פארגעלייגט אייער עהרליכען פערוואלטער?.. ליבער גאטט! איך...

— ניין, ניין, מיין הערר... האט אנדריעגע איהם איבערגעשלאגען די רייד: איהר האט זיך אליין מודה געוועזען און פאר מיר איז דאס גענוג, איך פערשטעה, דאס מען האט אייך געצוואונגען... איהר האט אנדערס ניט געקענט טהון... נאר ערקלערט מיר ווארום א מאנן מיט אזא גלייכען שכל און גוטע פעהיגקייטען, ווי איהר, האט בעטראטען אזא שאנדליכע שטעלע ביי דעם אבאט?

– יא, עס איז ריכטיג, האט ראדען שמייכלענד געאנטווערט איך וועל אייך דאס אויך ערקלערען. מיין איינציגער פעהלער איז די פויל־הייט... יא, די פוילהייט, פון וועלכער דער גייסט בלייבט אונבעוועגט אונ דער מענש ווערט אינגאנצען מאראליש נידערגעשלאגען. מיט די 12 הונדערט פראנק, וואס איך האב בעקומען יאהרליך ביי דעם אבאט דענגריני, האב איך זיך געהאלטען פיר דעם גליקליכסטען אויף דער וועלט; איך האב אין איהם געגלויבט, ווי אין א היילינגע זאך, דאס ער איז פעהיג נאר גוטעס צו טהון, זיינע געדאנקען זיינען געווען מיינע, זיין ווילען – מיינער. נאך מיין ארבייט פלעג איך געהן אויף מיין ארעמע קווארטירע, איינהייצען אין אויווען, אבגעגעססען מיטטאג, נאכהער זיך גענומען לעזען א פילאזאפישעס בוך, אונ פלעג זיך פער־טראכטען. מיינע פערשפארטע געדאנקען פון א גאנצען טאג פלעגען זיך ארויסרייסען אויף די פרייהייט אונ מיך אוועקשלעפען הויך גאנץ הויך. אונ מיר האט זיך געדאכט, דאס פון דארטען געוועלטיג איך איבער מיין נאטשאלניק אונ איבער די גראסטע מאנגער פון דער וועלט. אין אזעלכע געדאנקען פלעג איך א מאל אבזיטצען א 2—3 שטונדען ביז איך פלעג איינשלאפען. אויף דעם צווייטען טאג פלעג איך געהן מיט פריידע אויף מיין שטעלע, וויסענדיג, דאס מארגען וועל איך פון הונ־גער ניט שטארבען, גאר ניט זארגענדיג וועגען צוקונפט, אונ מיט אונ־געדולד ערווארטעט דעם אבענד; איך האב געשריבען אויטאמאטיש, ווי א מאשינע, אונ צו זיך צייטענווייס זאגען: פונדעסטוועגען... ווען איך וואלט אבער וועלען!!

– געוויס... וואלט איהר געקענט ווי איין אנדערער, אונ אפשר נאך בעססער ווי איין אנדערער, ערגרייכען צו א הויכער שטופע (מדרגה), האט אנדריעווע געזאגט, וועהרענדיג זעהר גערירט פון ראדענס פראק־טישער פילאזאפיע.

– יא, דאס בין איך זיכער, דאס איך וואלט געקענט ערגרייכען

א הויכע שטופע, נאר מיר פלעגט שטענדיג ארויפקומען אויפ'ן זיננען צו וואס דארף איך דאס?.. אט דאס איז די אורזאכע פון דעם, דאס מענשען מיט איינינע אייגענשאפטען זיינען פיר אנדערע ניט פערשטאנדליך... פאר וואס? דערפאר, ווייל דיזעלבע מענשען בענוגענען זיך אפט מיט דעם זאגען: „ווען איך וואלט אבער וועלען"!

— וואס וועט איהר גבער יעטצט טהון אן איין שטעלע? האט אנדריעגע איהם געפרעגט.

— א ביסעל געלד האב איך; דערווייל וועט דאס מיר זיין גענוג ביז וואנען איך וועל אויפווייזען אלע שאנדליכע טהאטען פון אבאט דעגריני... א 3—4 טאג וועט זיין גענוג אויף דעם... נאכהער וועל איך אויף דער פראווינץ קריגען א שטעלע ביי א סבארשציק פון פאדאטע. מיינער א גוטער פריינד האט מיר מיט איינינע צייט צוריק פארגעלייגט אזא שטעלע, נאר איך האב דאן ניט געוואלט צושיידען זיך מיט'ן אבאט דעגריני, זאגאר מען האט מיר געבאטען זעהר גרויסע געהאלט... שטעלט זיך פאר מען האט מיר געוואלט געבען 800 פראנק... 800 פראנק אויף אלעם פערטיגען...

— ווי, האט אנדריעגע געפרעגט מיט אנטהייל: אין 3—4 טאג ארום פאהרט איהר אוועק פון פאריז?

— ניט שפעטער, דאס איז מיר זעהר נייטיג... איבער פיעלע אורזאכען האט ראדען געאנטווערט. — אוועקפאהרענדיג אבער, האט ראדען מיט א פריינדליכע מינע קוקענדיג אויף אנדריעגען צוגעגעבען, וועל איך מיטנעהמען וועניגסטענס די איבערצייגונג, דאס איהר זייט מיר א ביסעל דאנקבאר דערפאר, וואס איך האב ענטדעקט אין אייך אזעלבע אייגענשאפטען, וועלכע עס איז אין אונזער צייט ניט צו געפינען אין קיין פריילין פון אייערע יאהרען און אין אייער לאגע.

— א מיין העדר, האט אנדריעגע שמייכלענד געזאגט: מיינט ניט דאס איהר כוזט מיך צוריק לויבען דערפאר, וואס איך האב געלויבט

אייער גייסט ...

— אך, ליבער גאטט... איך חנפה אייך ניט, מיין ליבע פריילין צו וואס? מיר וועלען זיך דאך שוין קיין מאל מעהר ניט זעהען... ניין, איך חנפה אייך ניט... איך פערשטעה אייך... און מעהר גאר נישט... איידער איך האב אייך פערזאנליך געזעהען האב איך, לעזענדיג אייער געשפרעך מיט דער פירשטין, ניט אינגאנצען געקענט אייער כאראקטער, נאר יעטצט איז ער פאר מיר גאנץ קלאר.

— דאס וואונדערט מיך.

— וואס קען איך טהון? איך זאג אייך אפען דאס, וואס איך פיהל יעטצט צום ביישפיעל פערשטעה איך זעהר גוט, דאס אין אייער געשפרעך האט איהר געוואלט דערווייזען דער פירשטין און אבאט דעגריני, דאס א פרוי מיט ריינע געפיהלען, מיט א געזונדען פערשטאנד, מיט איין אונאבהענגיגען גייסט קען לעבען אליין, אהנע אויף איהר אכטונג צו געבען... דאס הייסט, אהנע אפעקונעס... איהר ווילט, ווי די מאננער, האבען איין אייגענעם ווילען, אליין זיין פעראנטווארטליך פאר אלע אייערע טהאטען, אום צו דערווייזען, דאס א פרוי קען זיך גלייכען צו א מאנן אין פערשטאנד, אויסרעכנונג, שטארקען ווילען און נאך איבערשטייגען איהם אין אדעלקייט און אכטונג צו זיך... אט דאס איז אייער ציעל. בעססער דארף מען ניט. וועט ווער נעהמען פון אייך א ביישפיעל? איך האף אז יא. ווען אפילו ניט, דאך פערשאפט דאס אייך גרויסע עהרע...

— אום גאטטעס ווילען, זאגט מיר, ווער זייט איהר, פון וואנען ווייסט איהר אזוי גוט מיינע פערבארגענע אידעען און גיט זיי צו א נייעם לעבען א נייעם גייסט? פאר וואס מאכט איהר מיך אזוי גרויס אין מיינע אויגען, דאס יעטצט בין איך איבערצייגט, דאס פיר מיך איז גאר איין עהרע צו דעם וואס איך ציעל זיך און נאך פיעללייכט א נוטץ פאר פיעלע אנדערע שוועסטער..? זאגט מיר, ווער זייט איהר?

ווער איך בין פריילין? האט ראדען געאנטווערט: איך האב דאך זיך שוין געזאגט, איך בין איין ארעמער, אלטער מאנן, וועלכער זיטצט א גאנצען טאג און שרייבט פרעמדע געדאנקען און אין אבענד געהט ער צו זיך אויסצוארבייטען זיינע איגענע אידעען, און פון זיין בוידעם קוקט ער אראב אויף די ארדענטליכע מענשען, וועלכע שטרעבען צו פערבעססערען דאס אללגעמיינע לעבען, און נעהמט אויך אנטהייל אין דעם. איך זאג אייך, ליבע פריילין, דאס מיר שטרעבען צו איין ציעל, זאגאר איהר טהוט דאס ניט אויסרעכנענדיג, נאר לויט אייער גוטעם געפיהל הייסט אייך. לעבט אימער שאן, פריי, גליקליך! דאס איז פאר אייך בעשאפען; גיט זיך איבער צום לוקסוס און קינסטלעריי; עדעלט נאך מעהר אייערע געפיהלען, אייער געשמאק, פערפיינערט נאך מעהר אייער זינן, בעהערשט דורך קאקעטריע און ריינהייט די דומע הערדע (עדר) מאנער, וועלכע וועלען אייך ארומרינגלען, ווי נאר זיי וועלען ערזעהען, דאס איהר לעבט איין: זיי וועלען מיינען דאס איהר זייט אגרינגע רויב פיר זייערע געלוסטיגקייט: עגאיזם (אייגענליעבע)... לאכט זיך אויס פון זייערע נארישע ווארטער; זייט די קעניגין פון דער געזעללשאפט און געאכטעט, ווי א קעניגין... ליעבט... גלאנצט... געניסט... דאס איז די ראליע, וועלכע די נאטור האט פיר אייך בעשאפען. איהר וועט מיינען, דאס איהר לעבט נאר פיר פערגניגען און דאך וועט איהר לעבען פיר איין ערהאבענעם ציעל, ווי עס איז ווירדיג פיר איינע וויכטיגע און שאנע זעלע. פיעללייכט וועלען מיר זיך אין איניגע יאהר ארום ווידערטרעפען... איהר וועט ווערען אימער שאנער און גלאנצענדער ווי יעטצט, איך אימער אלטער און אונבעקאנטער ווי היינט; עס איז אבער אלץ איינס... איך בין איבערצייגט, דאס איינע געהיימע שטיממע זאגט אייך יעטצט, דאס צווישען אונז ביידען ניט גלייכע מענשען, איז דא א פערבארגענער בונד, וועלכער וועט קיין מאל צושטארט ווערען!

אַנדרִיעָנע איז גֶעזֶעסען אוּנ האָט מִיט פֶערגְנִינֶען גֶעהֶערט רָאדֶענְס רייד, ער האָט אויפְגֶעהֶערְט צוּ ריידען אוּנ זִי האָט אִיהם נאָך אַלֶץ גֶע־הֶערְט. נאָך אֵיינֶער פּויזֶע האָט אַנדרִיעָנֶע צוּ אִיהם גֶעזָאגְט מִיט אִיהר גֶעוואָהנְלִיכֶער פְרֵיינדְלִיכְקֵייט.

אַ מַאנן מִיט אַייעֶרֶע אֵייגֶענְשַׁאפְטֶען דאַרף נִיט זַיין גֶעדרִיקְט אִין דֶער לאַגֶע... אִיךְ פִיהל, דָאס אַייעֶרֶע עֵצוֹת קֶענֶען אִין פִיעל זַאכֶען מִיר נוּטצְלִיךְ זַיין; אויסֶערדֶעם האָט אִיהר גֶעזָארְגְט מִיךְ צוּ בֶּעפְרֵייעֶן פוּן דאַגֶען אוּנ אוֹיךְ אַנְטְהֵייל גֶענוּמֶען אִין שִׁיקְזַאל פוּן מַיינֶע פֶערוואַנדְטֶע; דאס קֶען אִיךְ נִיט פֶערגֶעסֶען אָהנֶע דאַנקְבַּארְקֵייט... אִיהר האָט זֶעטצְט קֵיין שְׁטֶעלֶע... עֶרלוֹיבְּט מִיר.

קֵיין וָוארְט מֶעהר וֶועגֶען דֶעם, מַיין לִיבֶּע פְרֵייליִן, האָט רָאדֶען מִיט אַ פֶערקִימֶערְטֶער מִינֶע גֶעזָאגְט; אִיךְ פִיהל צוּ אַייךְ אַ מִיטְּעֶ מִימְפַּאטְיֶע; אִיךְ רֶעכֶן, דאס וֶוען עֶס אִיז וֶועט אִיהר דאַרפֶען פְרֶעגֶען אַיין רַאטְה בַּיי אַייעֶר אַלְטֶען פִילָאזָאף; צוּלִיעב דֶעם אַלֶעם מוּז אִיךְ אוּנ וִויל זַיין אוּנאַבְּהֶענְגִיג פוּן אַייךְ...

אִיז דֶען מִיר נִיט עֶרלוֹיבְּט אַייךְ דאַנקְבַּאר צוּ זַיין?

— נֵיין... אִין גֶעגֶענְטְהֵייל, האָט רָאדֶען גֶעאֶנטְוֶוערְט; אָ, גְלוֹיבְּט מִיר, לִיבֶּע פְרֵייליִן, עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צֵייט, דאס אִיהר וֶועט מִיר אָבְּדַאנְקֶען, וִוי פַאר אַייךְ אוּנ פַאר מִיר פַּאסְט.

אִינְדֶעם אִיז אַרַיין אַ וָוארְטֶערִין אוּנ האָט גֶעזָאגְט צוּ אַנדרִיעָנֶען: גְנֶעדִיגֶע פְרֵייליִן, אוּנְטֶען וַוארְט אַ האַרבַּאטֶע מֵיידֶעל, וֶועלְכֶע וִויל אַייךְ זֶעהֶען. דֶער הֶערר דָאקְטָאר האָט גֶעזָאגְט, דאס אִיהר קֶענְט עֶמפְפַאנ־גֶען וֶועמֶען אִיהר ווילְט... הֵייסְט אִיהר זִי אַהֶער אַרֵיינְפִירֶען?.. זִי אִיז זֶעהר שְׁלֶעכְט אָנְגֶעקְלֵיידֶעט, זָא דאס אִיךְ האָב נִיט גֶעוואָגְט...

— פִירְט זִי בַּאלְד אַרַיין! האָט אַנדרִיעָנֶע לֶעבְּהאַפְט גֶעזָאגְט.

דִי וָוארְטֶערִין אִיז אַרויסגֶעגַאנְגֶען אוּנ בַּאלְד נָאכְדֶעם אִיז מַאזֶע אַרֵיינ־גֶעגַאנְגֶען אִין צִימֶער.

XII.

דער השד.

פריילין קארדאוויל איז מיט אויסגעשטרעקטע ארעמס מאיען ענטגעגען געגאנגען אונ האט זי פריינדליך ארומגעהמענדיג געזאגט: יעטצט טהיילט אונז שוין נוט אב קיין פארקאן איהר האט שוין ניט מעהר פיר וועמען צו פירכטען?

מאיע איז געוועזען זעהר גערירהט פון אנדריענעס פריינדליכקייט אונ טרערען האבען זיך איהר געשטעלט אין די אויגען. אנדריענע האט מיט איהר טאשענטיכ׳ל אבגעווישט מאיען די טרערען, אונ, ווענדענדיג זיך צו ראדען, געזאגט: קוקט זיך איין אויף איהר, מיין הערר, זעהט ווי מילד זי איז... דאס איז א טהייערעס הארץ... דאס איז איינע פון די הערצער, וועלכע מיר זוכען.

— אונ וועלכע מיר געפינען, האט ראדען בעמערקט, נייגענדיג זיך געגען דער נייטערין.

מאיע האט לאנגזאם א טיעפען קוק געגעבען אויפ׳ן יעזואיט. זי האט ניט געקענט אראבנעהמען פון איהם די אויגען אונ איהר הארץ האט שטארק אנגעפאנגען צו קלאפען, ווי זי וואלט פיהלען א געפאהר. פון דער ערשטער מינוט איז דער יעזואיט איהר ניט געפעלען געווארען.

— פון יעטצט אן וועלען מיר זיך שוין ניט צושיידען! האט אנדריענע לעבהאפט געזאגט.

— וואס פיר גוטס האב איך אייך געטהון? מיט וואס האב איך פערדינט ביי אייך זא פיעל גנאדע? האט מאיע געפרעגט. האט איהר דען

ניט די ערשטע מיין ברודער גוטעס געטהון ? . .

— א, איך רייד יעטצט ניט וועגען דאנקבארקייט . האט אנדריענע געאנטוואָרט, מיר זיינען קוויט . . . יא, זאָגט מיר, מייז ליעבע ווי אזוי קומט איהר אהער ?

— הערר דאנאבער האט היינט פריה בעקומען א בריעף, אין וועלכען מען שרייבט איהם, דאס ער זאל קומען אהער, אונ דא וועט ער ערהאלטען גוטע נאכריכט וועגען דעם, וואס איהם אינטערעסירט מעהר פון אלעם . . . ער האט געגלויבט, דאס געווים האנדעלט זיך וועגען דעם גענעראל סימאנס טאכטער, האט ער מיך געבעטען איך זאל מיטגעהן . . .

אנדריענע האט אקוק געגעבען אויף ראהען; דיזער האט א שאקעל געטהון מיט'ן קאפ אונ געזאגט: יא, יא, ליבע פריילין איך האב גע־שריבען צו דיזען עהרליכען סאלדאט . . . אבער מיין נאמען האב איך ניט אונטערגעשריבען; ווארום — וועט איהר שפעטער וויסען.

— פאר וואס זייט איהר, מיין ליבעס קינד, געקומען אהער אליין ? האט אנדריענע מאיען געפרעגט.

— דער הערר דאנאבער איז געגאנגען אין קלויסטער זעהען אויב די יתומות זיינען דארטען.

— וועלכע אונפארזיכטיגקייט ?

— איך האב זיך ביי איהם געבעטען ער זאל ניט געהן, האט מאיע געזאגט, ער האט מיר אבער ניט געפאלגט.

— מיט אזא היטציגען קאפ וועסט דו זיך ניט אזוי גיך אויסרייסען. האט ראהען שמייכלענד געזאגט.

— גיב גאטט מען זאל איהם נור דארטען ניט ערקענען, האט אנ־דריענע געזאגט, ערמאנענדיג זיך וואס דער דאקטאר באלעניע האט איהר געסטראשעט.

— מען וועט איהם גאר ניט אריינלאזען; איבעריגענס וועט דער

ריכטער זיי באלד ברייננגען אהער. איך האב דא שוין מעהר ניט וואס צו טהון... איך האב אנדערע זארג. איך מוז זיך ערקונדיגען וואו דער פרינץ געפינט זיך; זאגט מיר, איך בעט אייך, ליבע פריילין, ווען אונ וואו קען איך אייך געפינען, אום אייך צו בענאכריכטען וועגען פרינץ.

— איהר וועט מיך געפינען אין מיין נייען הויז אויף דער גאס אנזשו... יא, איהר ווייסט וואס מיר איז יעטצט איינגעפאלען, האט אנדריענע נאך א קורצען נאכדענקען געזאגט; עס וועט זיין פאר מיר פיעל גלייכער, דאס דער פרינץ זאל ניט וואהנען אין מיין פאוויליאן, איך האב פאר איהם זעהר א שאנעם הייזעל ניט ווייט פון מיר.

— ווי! האט ראדען איבערראשט געפרעגט, ער זאל...

— איך וויל דורכאויס, דאס דזשאלמא זאל ניט וויססען, ווער עס שטיטצט איהם..., איבריגענס, וועלען מיר מארגען וועגען דעם זיך דורכרייען... פריהער פאר אלעם דארף מען דעם פרינץ זעלבסט געפינען.

— אייער וואונש וועל איך ערפילען, האט ראדען רוהיג אונ נייגענדיג זיך ביז דר'ערד געאנטווארט, אונ מארגען וועל איך אייך צו וויססען געבען וואס איך האב געמאכט מיט מיין זוכען.

— אלזא ביז מארגען... איך וועל אייך ערווארטען מיט אונגעדולד, האט אנדריענע פריינדליך געזאגט. ערלויבט מיר צו האפען אויף אייער ראטה אין דער צוקונפט. איך בין אייך שוין אזוי אויך א בעל חוב.

— זיי וועלען מיר קיין בעל חוב ניט בלייבען, מיין ליבע פריילין האט ראדען זיך נייגענדיג געזאגט אונ איז צוגעגאנגען צום טהיר.

קוים האט ער ארויסגעשטעקט דעם קאפ דורכ'ן טהיר, איז איהם דאנאבער געקומען ענטגעגען.

— אך!.. ענדליך האב איך איינעם פארט געפאקט... האט דער

פאלבאט הויך אויסגעשריען און געחאפט דעם יעזוּאיט פאר'ן קראגען.

.XIV

דער וואלף אלס שאפס.

— גוואלד, ער ערשטיקט מיך! האט ראדען געחריפעט און געפרובירט זיך בעפרייען פון דאנאבערס אייזערנע האנד.

אנדריענע איז ערשראקען צוגעלאפען צו דאנאבער'ן און געזאגט: מיין הערר!.. וואס טהוט איהר?..

— וואס איך טהו? האט דאנאבער, ניט אבלאזענדיג ראדענען, גראב געאנטווערט; איך וועל אט דיזען מארדער, פון דער באנדע רענעגאטען (Измѣнникъ, Zdrajca) אזוי לאנג שטיקען, ביז ער וועט מיר זאגען, וואו מיינע ארעמע קינדער געפינען זיך.

— א, באטעוועט מיך! האט ראדען געקרעכצט.

— איך בעט אייך, מיין הערר!.. לאזט איהם אב.. הערט מיך פריהער אויס, האט אנדריענע זיך געבעטען ביי דאנאבער'ן.

— הערר דאנאבער! האט מאיע געזאגט אנהאפענדיג דאנאבער'ן פאר'ן ארבעל און געוויזען אויף אנדריענען. דאס איז דאך פריילין קארדאוויל און אין איהר געגענווארט אזעלכע...

— ביי דעם נאמען קארדאוויל, זיין זוהנס וואהלטהאטערין, האט דאנאבער ראדענען באלד אבגעלאזען. פערצייהט, פריילין האט ער פערשעמט געזאגט, איך האב אייך ניט געקאנט און ערזעהענדיג דיזען טויגעניכט, בין איך ניטווילענדיג אין כעס געווארען.

— מיין גאטט! וואס האבען זיי צו דיזען הערען? הערט מיך אויס

וועט איהר אלעס ערפאהרען...

— ענטשולדיגט פריילין וואס איך שלאג אייך איבער די רייד, האט דער סאלדאט געזאגט, און זיך ווענדענדיג צו ראדען, האט ער צוגע־געבען: דאנקט דער פריילין און טראגט זיך אב פון דאנען וואס גיכער, ווען ניט וועט איהר זיך ערגער מאכען.

— אום גאטטעס ווילען, בערוהיגט זיך! האט אנדריענע דאנאבער'ן געבעטען.

— ווי זאל איך מיך בערוהיגען! האט דאנאבער מיט פערצווייפלונג געזאגט, וואס זאל איך יעטצט טהון: דער מארשאל סימאן קומט צו־פאהרען היינט אדער מארגען אין פאריז...

— איז דאס מאגליך! האט אנדריענע געפרעגט.

ראדען האט געמאכט א בעוועגונג פון איבערראשונג און פריידע.

נעכטען אבענד, האט דאנאבער פארטגעזעטצט, האב איך בעקומען א בריעף פון מארשאל אוים האוור *); שוין 3 טאג לויף איך ארום ווי א פערסמטער און זוך די יתומות און קען ניט דערגעהן, וואו זיי געפינען זיך... פון די לאנגע פאלעס קען מען אלעס ערווארטען... (ער האט געוויזען אויף ראדען).

— ערלויבט מיר אבער, האט ראדען געזאגט, אייך צו ערקלערען...

— פורט פון דאנען! האט דאנאבער געשריען, פורט פון דאנען, אז דו האסט נאך גאנצע ביינער!.. ווען ניט די פריילין קארדאוויל וואלט איך דיר געוויזען ווער איך בין...

ראדען האט ווי פערוואונדערט געצוקט מיט די אכסלען; ער איז צוגעגאנגען צו אנדריענען און האט שטיל געזאגט: ארעמער סאלדאט! פון שמערצען איז ער גאר פון זינען אראב, ער קען מיך ניט אויס־הערען, אלזא איך בעט אייך, ליבע פריילין, ערקלערט איהם אלעס...

---

*) א פארטאווע שטאדט אין נארד פראנקרייך.

דערווייל, האט ראדען ווייטער געזאגט, ארויסגעהמענדיג פון טאש א קליין פעקעלע, — גיט דאס איהם איבער... דאס וועט זיין מיין נקמה פון איהם...

אנדריעגע האט צוגענומען דאס פעקעלע אונ ערשטוינט אנגעקוקט דעם יעזואיט; דיזער האט צו געלייגט זיין הייליגע האנד צום מונד אלס צייכען זי זאל שווייגען אונ איז באלד מיט שנעללע טריט ארויס פון צימער.

אלס ראדען איז ארויסגעגאנגען, האט אנדריעגע זיך געווענדעט צו דאגאבער'ן אונ איהם פריינדליך געפרעגט: וואס איז מיט אייער וואונד?

— איך דאנק אייך, פריילין האט דאגאבער אומעדיג געאנטווערט... עס איז ניט געפעהרליך; איך האב זאגאר קיין צייט וועגען דעם צו קלערען; מיר טהוט זעהר לייד, דאס איך האב זיך ערלויבט אין אייער געגענוואַרט זא גראב צו בעהאנדלען דיזען אונפערשעמטען מאנן... איך האב אבער מעהר שוין ניט געקענט אריבערטראגען.

— פונדעסטוועגען, איז אייער מיינונג וועגען איהם ניט ריכטיג.

— איך קען איהם אבער שוין ניט פון היינט. ער איז דעם אבאט דעגרייני'ס א קאמפאניאן...

— איך לייקען דאס ניט אב, אונ דענאך האט דאס איהם ניט גע־שטערט צו בלייבען איין עהרליכער אונ גוטער מאנן.

— ער?...

— יא, אונ צו דער צייט קלערט ער נאר וואס גיכער אייך צוריק־געבען אייערע קינדער.

— ער?... האט דאגאבער איבערגעחזרט, וועט מיר אבגעבען מיינע קינדער?

— יא, אונ אפשר נאך גיכער ווי איהר רעכנט.

— פריילין, דיזער טויגניכטס האט אייך פערדרעהט דעם קאפ...

— גייז, הערר דאגאבער, האט אנדריעגע שמייכלענד געאנטווערט.

איך האב ריכטיגע בעוויזען אויף דעם: ערשטענס האט ער מיך בעפרייט.

— איז דאס מעגליך?!.. האט דאנאבער ערשטוינט געזאגט.

— יא... אונ אט איז נאך א זאך, וועלכע וועט אייך אפשר מיט איהם שלום מאכען, האט אנדריענע געזאגט, דערלאנגענדיג דאנאבער'ן דאס קליין פעקעלע.

דאנאבער האט איבערראשט אנגעקוקט אנדריענען אונ האט אויפגעפאקט דאס פעקעלע; אין איהם איז געלעגען זיין מעדאל, וועלכען מען האט געגנבעט ביי איהם אין האטעל „ווייסער אדלער".

— מיין מעדאל!.. מיין מעדאל!.. האט ער ווי א וואהנזינניגער געשריען, דאס איז מיין מעדאל! פון גרויס פריידע האט ער איהם אנגעהויבען צו קושען.

אנדריענע אונ מאיע זיינען געווען טיעף געריהרט פון דאנאבערס פריידע.

דאנאבער איז ווי א בליטץ באלד ארויסגעלאפען, אום צו דעריאגען ראדען; ער האט איהם עריאגט אונטען אויפ'ן לעטצטען טרעפ.

— מיין הערר! האט דאנאבער מיט א בעוועגטער שטיממע געזאגט, איהר מוזט שוין צוריקגעהן מיט מיר.

— דא ניט לאנג האט איהר מיך ארויסגעטריבען אונ יעטצט זייט איהר מיט אמאל אזוי גוט געווארען צו מיר...

— איך האב אייך פאר מענשען אין די אויגען בעלייידיגט — אונ אין זייער געגענווארט וויל איך בעטען ביי אייך אום ענטשולדיגונג...

— איך בין דאס אייך מוחל... איך אייל מיך אוועקצוגעהן...

— וואס הארט דאס מיר, דאס איהר האט קיין צייט, אונ, ווען איהר ווילט ניט מיטגעהן זאג איך אייך, דאס די פריידע, וועלכע איהר האט מיר פערשאפט מיט דעם מעדאל, וועט פאר מיך ווירקליך קיין פריידע זיין.

— אויב אזוי, קומט איך געה מיט אייך!..

— אט איז ער! האט דאגאבער, אריינפיהרענדיג ראדענען אונטער'ן ארעם, מיט פריידע געזאגט; אונ יעטצט, גנאדיגער הערר, האט דאגאבער ווייטער גערעדט, איך בעט אייך אום ענטשולדיגונג, איהר קענט זיך ניט פארשטעלען, וועלכע פריידע איהר האט מיר פערשאפט מיט דעם מעדאל... דיזען טהייערען שאטץ האט מיר דער קייזער זעלבסט אנגעטהון!..

— געבענטשט זאל זיין מיין אלטע האנד, וואס האט אייך אבגעגעבען דיזען טהייערען שאטץ! האט ראדען מיט א יראת שמים פנימ'ל געזאגט. גלויבט מיר, דאס דיזער טאג וועט זיין פיר אונז אלע א פריילעבער, לויט איך האב אייך געשריבען אין מיין בריעף.

— ווען איהר האט ווירקליך געשריבען דעם בריעף, ווארום האט איהר זיך ניט אונטערגעשריבען?

— ווייל איך האב מורא געהאט דער אבאט דעגריני זאל זיך ניט דערוויסען.

— אלזא וועל איך ווידערזעהען מיינע קינדער?

ראדען האט א שאקעל געטהון מיט'ן קאפ אויף יא.

— איהר זעהט, האט אנדריענע שמייכלענד בעמערקט, איך האב אייך געזאגט, אז איהר בעשולדיגט אומזאנסט דיזען מאנן; די קינדער וועט דער ריכטער באלד ברייגנען אהער אונ איך וואלט פערלאנגען, אויב איהר וועט ערלויבען, נעהמען זיי צו זיך.

— איך דאנק אייך פון טיעפען הערצען, פריילין, האט דאגאבער געאנטווערט, נאר איך זאל האבען דאס רעכט ניט אבטרעטען פון זייער צימער אונ זיי היטען... ווען דער מארשאל וועט קומען צופאהרען, וועט דיזער חיוב אראבגענומען ווערען פון מיר... גיב נאר גאטט ער זאל גיכער קומען...

— יא, האט ראדען געזאגט, גיב גאטט דער מארשאל זאל וואס

גיבער קומען, אונ דאן וועל איך איהם ענטדעקען אלע שלעכטע טהאטען פון אבאט דעגריני געגען איהם אונ זיינע פערוואנדטע. א, ווען איהר וואלט וויססען ווי ער האט פערשפרייט זיינע נעטצען אויף אייך אלע. אונ ראדען האט בּיסלעכווייס זיי ערצעהלט די גאנצע מאכט פון דער יעזואיטישער חברה אונ דאס דעגריני איז דער הויפּטפיהרער פון דער חברה אונ וועלכע מיטלען ער פערברויכט אום זיי נאר צו פאנגען אין זיינע נעטצען. אנדריענען האט ער געגעבען צו פערשטעהן, דאס יער מאכט איז אזוי גרויס, דאס אום צו ערהייבען זייער ציעל קענען זיי זאגאר אונטערקויפען איהרע בעסטע פריינד, אונ דאריבער האט ער איהר, אלס גוטער פריינד, געראטהען, זי זאל זעהען איהרע בעסטע צו ערווייטערען פון זיך, ווייל צום ענדע קענען זיי איהר אבנארען (מיט דעם האט ער געמיינט מאיען, ווייל זי איז איהם געשטאנען אין וועג אין זיינע פלאנער). איך בעט אייך, פריילין קארדאוויל, האט ראדען ווייטער גערעדט, אונ אייך, ליבער העררר, ווי ווייט מעגליך זאלט איהר זיך היטען פאר אייערע בעסטע פריינד אונ קיינעם ניט פערטרויען אייערע פאמיליענאינטערעססען, בעפאר איהר וועט יענעם גוט ערקענען. אונ איהר אויך, ליבע פריילין, האט ראדען, זיך ווענדענדיג צו מאיען, צוגעגעבען: פאלגט מיין ראטה... שרעקט זיך פאר זיי... שלאפט אימער, ווי דאס גלייכווארט זאגט, מיט איין אויג...

— איך, מיין העררר, האט מאיע געזאגט, וואס האב איך געטהון? פאר וועמען האב איך זיך צו שרעקען?

— וואס האט איהר געטהון?.. ליעבער גאטט... ליעבט איהר דען ניט די פריילין קארדאוויל? האט איהר דען ניט געזארגט צו בעפרייען זי פון דאנען? אך, מיין ארעמעס קינד, דאס אליין איז שוין גענוג זיי זאלען ווערען אייערע פיינד. מיט איינעם ווארטע, איהר דארפט זיך אלע היטען ווי נור מעגליך איז. אין א נויט קענט איהר איך ווענדען צו מיר;

איך האב זיך ערוואוסט אין די 3 טאג אזוי פיעל כון זייער מאכט אונ מיטלען, וועלכע זיי געברויכען צום פאנגען זייערע קרבנות, דאס מיר וועט זיין לייכט אייך צו פערהיטען איהר זאלט ניט אריינפאלען אין די גריבער, וועלכע זיי גראבען אין געהיים פאר אייך.

— אינדעם האט זיך געעפענט די טהיר אונ דער ריכטער איז אריין אין צימער.

— אונ דעם מארשאל סימאנס טאכטער? האט אנדריענע איבערראשט געפרעגט.

— צום בעדויערען, האב איך זיי ניט געפונען, האט דער ריכטער געאנטווערט.

— וואו זיינען זיי?.. וואס איז געווארען פון זיי?.. 3 טאג פריהער זיינען זיי דאך געווען אין קלויסטער, האט דאגאבער פערצווייפעלט געפרעגט.

ראדען האט לאנג ניט געווארט — ער האט געמאכט פים אונ איז אונבעמערקט באלד פערשוואונדען געווארען.

מיין גאטט! וואס האט אייך אבער די אויפזעהערין פון קלויסטער געאנטווערט? האט אנדריענע געפרעגט.

— די אויפזעהערין האט געזאגט, דאס זי וויים גאר ניט, האט דער ריכטער געאנטווערט; זי האט מיר ערלויבט צו בעזוכען אלע צימער'ן, איך האב אזוי געטהון, נאר מיין זוכען איז געווען אומזאנסט...

— מען האט זיי געווים אנדערסוואו אוועקגעשיקט! אונ ווער וויים?.. אפשר זיינען זיי, מיינע פייגעלעך, גאר קראנק... אך, מיין גאטט! מען וועט זיי אומברייגען... מען וועט זיי אומברייגען, האט דאגאבער מיט הערצרייסענדער שטימע געזאגט.

— וואס זאלען מיר יעטצט טהון? גיט אונז א ראטה, וואס פאר א מיטעל קען מען געפינען?... האט אנדריענע זיך אומגעקעהרט, מיינענדיג, דאס ראדען שטעהט הינטער איהר.

בֶּעמֶערקֶענְדִיג, דָאס רֶאדֶען אִיז נִיט דָא, הָאט זִי מַאיֶען אוּנרוּהִיג גֶעפְרֶעגְט: וואוּ אִיז דָאס דֶער הֶערר רֶאדֶען?

— אִיךְ ווייס נִיט, פְרֵיילִין, הָאט מַאיֶע, זִיךְ אַרוּמקוּקֶענְדִיג, גֶעאֶנטְ־וֶוערְט; עֶר אִיז אַוֶועקגֶעגַאנְגֶען.

— עֶס קוּמְט מִיר פָאר זֶעהר זָאנְדֶערבַּאר, הָאט אַנדְרֶיֶענֶע בֶּעמֶערקְט; עֶר הָאט זָאגַאר נִיט גֶעזָאגְט, אַז עֶר גֶעהט אַוֶועק.

— אִיךְ הָאבּ אַייךְ דֶען נִיט גֶעזָאגְט, אַז עֶר אִיז אַ פַאלְשֶער, אוּנ־פֶערשֶׁעמְטֶער מַאנן, הָאט דַאנְגֶער מִיט כַּעַס גֶעזָאגְט: זֵיי זֵיינֶען אַלֶע פוּן אֵיין חֶבְרָה!..

— נֵיין, נֵיין, גְלוֹיבְּט דָאס נִיט, הָאט אַנדְרֶיֶענֶע עֶרווידֶערְט; פוּנדֶעסְטְ־וֶועגֶען בֶּעדוֹיעֶר אִיךְ וָואס עֶר אִיז יֶעטְצְט נִיט דָא; עֶר וָואלְט אוּנְז גֶע־קֶענְט אַ רַאטְה גֶעבֶּען.

דַאנְגֶער אִיז גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֶעהן טִיעף פֶערקִימֶערְט, זָא דָאס עֶר הָאט גָאר נִיט גֶעהֶערְט, ווִי דֶער רִיכְטֶער הָאט אַנדְרֶיֶענֶען פַאר׳ן אַוֶועק־גֶעהן פֶערשְׁפְּרָאכֶען, דָאס עֶר וֶועט אָנוֶוענְדֶען אַלֶע מִיטְלֶען, אוּם נָאר צוּ בֶּעפְרֵייעֶן דִי יְתוֹמוֹת. אַנדְרֶיֶענֶען הָאט זֶעהר בֶּעאוּנרוּהִיגְט דֶעם סָאלְדַאטס שְׁווַייגֶען אוּנ זִי הָאט זִיךְ בֶּעשְׁלָאסֶען וָואס גִיכֶער צוּ פֶערלָא־זֶען דִיזֶעם הויז אוּנ מִיטְנֶעהמֶען דֶעם סָאלְדַאט אוֹיךְ. אַלְס זִי אִיז צוּגֶע־גַאנְגֶען צוּ דַאנְגֶער׳ן, הָאבֶּען זִיךְ פוּן דְרוֹיסֶען גֶעלָאזְט הֶערֶען שְׁנֶעלֶלֶע טְרִיט אוּנ אַ מֶאנְלִיכֶע, שְׁטַארְקֶע, קְלִינְגֶענְדֶע שְׁטִימֶע: וואוּ אִיז עֶר? וואוּ אִיז עֶר?

דַאנְגֶער הָאט זִיךְ פְּלֶאצְלִיךְ אוֹיפְגֶעוואַכְט ווִי פוּן שְׁלָאף, הָאט אַ גֶעשְׁרֵיי גֶעטְהוּן אוּנ אִיז צוּגֶעלָאפֶען צוּם טְהִיר.

דִי טְהִיר הָאט זִיךְ גֶעעֶפֶענְט... אוּנ מַארשַׁאל סִימָאן אִיז אַרֵיין.

.XV

מארשאל סימאן.

דער מארשאל פעטער סימאן, הערצאג דע ליני, איז געוועזן הויכגעוואקסען מיט איין אפענעם און קלוגעם געזיכט; אנגעטהון אין א בלויען אויבערמאנטעל, פערשפילעט ביז ארויף. אריינגעהענדיג אין צימער איז זיין געזיכט געוועזן בעזארגט, נאר ווי ער האט ערזעהען דאנאבער'ן איז ער געווארען מונטערער. ער איז געפאלען דעם אלטען סאלדאט אויפ'ן האלז, איהם צוגעדריקט צום הערצען און פריינדליך אויסגעשריען:

— מיין פריינד! מיין אלטער גוטער פריינד! ביזט דו געקומען צו דער צייט?

— יא, הערר גענעראל, עס איז אבער אלעס אבגעלייגט אויף 4 מאנאטע.

— און מיין פרוי?.. מיין קינד?

בייי דיזער פראגע האט דאנאבער א ציטער געטהון און גאר ניט געאנטווערט.

— זיי זיינען היער ניט דא? האט דער גענעראל מעהר איבערראשט אלס אונרוהיג געפרעגט. מען האט מיר אין דיין וואהנונג געזאגט, דאס איך זאל געהן אהער און איך וועל זיי דא געפינען... אלזא זיינען זיי היער ניט דא?

— הערר גענעראל... האט דאנאבער געזאגט און איז בלאס געווארען, הערר גענעראל...

— דו שרעקסט מיך! האט דער מארשאל סימאן געזאגט, האפענדיג

דאַנאָבֶער'ן פאַר'ן האַנד.

אין דיזֶער מינוט איז צו זיי צוּגֶעגאַנגֶען אַנדרֶיֶיעֶנֶע

— הערר מאַרשאַל! האָט זי גֶעזאָגְט מיט אַ זיסֶער אונ בֶּעוֶועגְטֶער שְׁטימֶע: איך בין אַנדרֶיֶיעֶנֶע קאַרדאַוויל... אַייעֶרֶע ליבֶּע קינְדֶערְס אַ פֶערוואַנדְטֶע...

מאַרשאַל סימאָן האָט זיך הֶעפְלִיךְ גֶענֵייגְט אונ איבֶּערראַשְׁט פון אַנדרֶיֶיעֶנֶעס שׁאֶנְהייט גֶעזאָגְט: זייֶנֶען זיי... אַ פֶערוואַנדְטֶע פון מייֶנֶע קינְדֶער...

יאַ, הערר מאַרשאַל! פון דיזֶעם שֶׁאֶנֶען צווילליִנג...

— אַךְ, גאָטט!.. ווי גְלִיקְלִיךְ איך בין... אַנשְׁטאַט אייֶנֶע האָב איך צְוֶוויי... וואו אָבֶער זייֶנֶען זיי? אום גאָטטֶעס ווילֶען! זאָגְט מיר, וואָס בֶּעהאַלְט איהר פון מיר!

— אַייעֶרֶע טאָכְטֶער זייֶנֶען גֶעזוּנְד, האָט אַנדרֶיֶיעֶנֶע גֶעאַיילט צו אֶנְט-וועֶרֶען פאַר דאַנאָבֶער'ן.

— אונ מיין פְרוֹי?

— הערר גֶענֶעראַל! האָט דאַנאָבֶער ענְדְלִיךְ גֶעאֶנְטוֶוערְט איך בין גֶעקוּמֶען אַליין... מיט אַייעֶרֶע צְוֶוויי טאָכְטֶער פון סיבּירִיֶען...

— זייעֶר מוּטטֶער, זייעֶר מוּטטֶער אָבֶּער! האָט מאַרשאַל סימאָן הערצְרייסֶענְד גֶעפְרֶעגְט מיט זיין שְׁטימֶע.

— איך בין אַוֶועקְגֶעפאָהרֶען 2 טאָג נאָךְ איהר טוידְט, האָט דער אַלְטֶער סאָלְדאַט גֶעאֶנְטוֶוערְט.

— זי איז גֶעשְׁטאָרְבֶּען!.. האָט פֶעטֶער סימאָן איבֶּערגֶעחֲזֶרְט, זי איז גֶעשְׁטאָרְבֶּען!.. ער האָט זיך אָהנְמאַכְטִיג אַראָבגֶעלָאזְט אויף אַ שְׁטוּל אונ אויסְגֶעבְּרָאכֶען אין אַ גֶעוויין.

אַנדרֶיֶיעֶנֶע אונ דאַנאָבֶער האָבֶּען מיט הדרת כבוד גֶעקוּקְט אויף דעם אוּנגְלִיקְלִיכֶען מאַרשאַל.

ענְדְלִיךְ איז ער אויפְגֶעשְׁטאַנֶען אונ האָט צו אַנדרֶיֶיעֶנֶען גֶעזאָגְט:

פֶערצֵייהְט, גְנֶאדִיגֶעס פְרֵיילִין... אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִיט גֶעקֶענְט בֶּעהֶערְשֶׁען!... זַייט זָא גוּט, פִיהְרְט מִיךְ אַרַיין צוּ מַיינֶע אָרֶעמֶע יְתוֹמוֹת... הָאט דֶער מַארְשַׁאל מִיט אַ צִיטֶערְנְדֶער שְׁטִימֶע גֶעזָאגְט.

— הֶערר מַארְשַׁאל, הָאט אַנדְרֶיעֶנֶע גֶעזָאגְט, מִיר עֶרְוַוארְטֶען אוֹיךְ אַייעֶרֶע קִינְדֶער, לֵיידֶער הָאט אוּנְז דִי הָאפנוּנְג אָבְּגֶענַארְט... זֵיי דַארְפֶען אָבֶּער נָאךְ נִיט פֶערצְוֵוייפְלֶען.

— פֶערצְוֵוייפְלֶען, הָאט דֶער מַארְשַׁאל אִיבֶּערְגֶעחָזֶרְט, אַקוּקְגֶעבֶּענְדִיג אוֹיף אַנדְרֶיעֶנֶען אוּנ דַאגָאבֶּער'ן וואָרוּם זָאל אִיךְ צְוֵוייפְלֶען? מַיין גָאטט, וָואס אִיז וִוידֶער?

— אִיהר וֶועט זֶעהֶען אַייעֶרֶע קִינְדֶער הָאט אַנדְרֶיעֶנֶע אוּמֶעדִיג גֶעאֶנְטְוֶוערְט. אִיהר אַלְס זֵייעֶר פָאטֶער, וֶועט זֵיי גֶעוִויס גִיכֶער אוֹיפְווּכֶען.

— אוֹיפְזוּכֶען?! הָאט דֶער מַארְשַׁאל מִיט שְׁרֶעק גֶעזָאגְט. זַיינֶען דֶען מַיינֶע טָאכְטֶער נִיט דָא?

— נֵיין, מֶען הָאט זֵיי אַוֶועקְגֶעטְרִיבְּט בַּיי דִיזֶען עֶהְרְלִיכֶען מַאנן אוּנ אַרַיינְגֶענֶעבֶּען אִין אַ קְלוֹיסְטֶער...

— אוּנְגְלִיקְלִיכֶער, הָאט דֶער מַארְשַׁאל, צוּגֶעהֶענְדִיג צוּ דַאגָאבֶּער'ן, מִיט כַּעס גֶעזָאגְט, דוּ וֶועסְט מִיר פַאר אַלֶעם אֶנְטְוֶוערֶען...

— אָ, הֶערר מַארְשַׁאל, בֶּעשׁוּלְדִיגֶען זֵיי אִיהם נִיט.

— הֶערר גֶענֶערַאל! הָאט דַאגָאבֶּער מִיט אַ שְׁמֶערְצְלִיכֶער שְׁטִימֶע גֶעזָאגְט, אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג... אַלְס אִיךְ בִּין גֶעוֶוען גֶעצְוואוּנְגֶען אָבְּצוּפָאהְרֶען פוּן פַארִיז צוּלִיעבּ אַייעֶרֶע אִינְטֶערֶעסֶען, הָאבּ אִיךְ אִיבֶּערְגֶעלָאזֶען דִי קִינְדֶער בַּיי מַיין פְרוֹי... מַיין פְרוֹי'ס גֵייסְטְלִיכֶער הָאט אִיהר דֶעם קָאפּ פֶערדְרֶעהט אוּנ אִיהר אַיינְגֶערֶעדְט, דָאס אַייעֶרֶע טָאכְטֶער וֶועט זַיין בֶּעסֶער אִין קְלוֹיסְטֶער ווִי בַּיי אוּנְז; זִי הָאט אִיהם גֶעגְלוֹיבְּט אוּנ הָאט אָבְּגֶעלָאזֶען דִי קִינְדֶער; יֶעטְצְט זָאגְט מֶען אִין קְלוֹיסְטֶער, דָאס מֶען וֵוייס נִיט וואוּ זֵיי גֶעפִינֶען זִיךְ. דָאס אִיז דִי רֵיינֶע וָואהְרְהֵייט... טְהוּט מִיט

מיר וואס איהר ווילט... איך דארף נור שווייגען און אלעס פאר גוט אננעהמען.

— דאס איז אבער שאנדליך! האט דער מארשאל געזאגט, אויף וועמען קען מען זיך שוין פערלאזען, ווען ער האט מיך אבגענארט... מיין גאטט!..

— א, הערר מארשאל, זיי בעשולדיגען איהם אומזאנסט, האט אנדריעגע געזאגט; ער האט געאפפערט זיין לעבען, זיינע עהרע נור אום צו בעפרייען אייערע קינדער פון קלויסטער... דא איז שוין געוועזען א ריכטער אויך און האט גאר ניט געקענט מאכען.

— וואו איז דען דיזעס קלויסטער? האט דער מארשאל, זיך אויסציהענדיג אין גאנצען הויך, מיט כעס געפרעגט; וואו איז דיזעס קלויסטער? די לייטע ווייסען נאך מסתמא ניט, וואס א פאטער איז, ווען מען רויבט פון איהם אוועק די קינדער?..

אין דיזער מינוט אבער האט זיך געעפענט די טהיר און ראדען האט אריינגעפיהרט אין צימער ראזע און בלאנש.

אנדריעגע האט איהם די ערשטע ערזעהען און איז איהם ענטגעגען געלאפען.

— מיינע אָרעמע קינדער! האט ראדען, ווייזענדיג אויפ׳ן מארשאל, שטיל געזאגט, דאס איז אייער פאטער.

— הערר מארשאל! אט זיינען... אייערע קינדער! האט אנדריעגע לעבהאפט געזאגט.

ווי דער גענעראל האט זיך נור אומגעקעהרט זיינען ראזע און בלאנש איהם ארויפגעפאלען אויפ׳ן האלז; אין צימער איז געווארען שטיל, מען האט מעהר ניט געהערט קושענדיג זיך און פריידעאויסגעשרייען.

— געהט דאך אבער צו נעהענטער און געניסט וועניגסטענס דאס פערגניגען וואס איהר האט פערשאפט! האט אנדריעגע, זיך אבווישענדיג די אויגען, געזאגט צו ראדענען, וועלכער איז געשטאנען נעבען

טְהִיר אונ הָאט גֶעמַאכְט אַ מִינֶע, ווי עֶר וָאלְט גֶעוֶועזֶן זֶעהר גֶערִיהְרְט פון דיזֶער סְצֶענֶע.

אַלְם דַאנְאבֶּער הָאט עֶרְזֶעהֶען רָאדֶען מִיט דִי קִינְדֶער, אִיז עֶר גֶע־בְּלִיבֶּען ווי פֶערְשְׁטֵיינֶערְט אונ הָאט זִיךְ נִיט גֶעקֶענְט רִיהְרֶען פון אָרְט. עֶנְדְלִיךְ אִיז עֶר צוגֶעגַאנְגֶען צום יֶעזואִיט אונ אִיז אִיהם גֶעפַאלֶען צו דִי פִים: אִיהר הָאט מִיךְ גֶערֶעטֶעט, הָאט דַאנְאבֶּער מִיט טְרֶערֶען אִין דִי אויגֶען גֶעזָאגְט וָואס אִיהר הָאט גֶעבְּרַאכְט דִי קִינְדֶער...

— גָאטט זָאל אַייךְ דֶערְפַאר בֶּענְטְשֶׁען! הָאט מַאיֶע גֶעזָאגְט.

— מַיינֶע לִיבֶּע פְרַיינְד, דָאס אִיז שוין צו פִיעל, הָאט רָאדֶען גֶע־שְׁטַאמֶעלְט; אִיךְ דַארְף שוין אַוֶועקְגֶעהן... אִיךְ מוז אויפְזוּכֶען דֶעם פְּרִינְץ... צום וִוידֶערְזֶעהֶען, מַיין פְרַיינְד, צום ווידֶערְזֶעהֶען!

בַּיי דִי וָוארְטֶער הָאט עֶר זִיךְ גֶענֵייגְט גֶעגֶען אַנְדְרֶעֶנֶען, דַאנְאבֶּער'ן, מַאיֶען אונ אִיז בַּאלְד פֶערְשְׁוואונְדֶען.

אַ שְׁטוּנְדֶע נָאכְדֶעם, הָאבֶּען פְרֵיילִין קַארְדֶאוויל אונ מַאיֶע, דֶער מַארְשַׁאל סִימָאן מִיט דִי טֶאכְטֶער אונ דַאנְאבֶּער פֶערלָאזֶען דֶעם דָאקְ־טָאר בַּאלֶענִיֶעס הָאסְפִּיטַאל

ענדע דעם פיערטען טהייל.

פינפטער טהייל.

I.

דער פרינץ דזשאלמא אין פאריז.

3 טאג איז שוין פאריבער נאך אנדריענס בעפרייאונג פון דאקטאר באלעניעס האספיטאל; דזשאלמא האט לאזירט אין נייעם הויז, וועלכעס אנדריענע האט געלאזט אויספוטצען פאר איהם נאכ'ן אינדישען געשמאק (גוסט).

דער יונגער פרינץ דזשאלמא איז יעטצט האלבגעלעגען אין א פראכט־פאלל מעבלירטען זאל אויף א טהייערער זאפע, זיינע שווארצע האר פערקאמט מיט א שרונד, זייגען איהם אין וועללען אראבגעהאנגען ביז די שולטערן. זיין ברוינעס געזיכט איז געוועזן רייצענד שאן. ער האט אין דער לינקער האנד געהאלטען א מונדשטוק פון א לאנגע פייף (Трубка). זיין ראק פון פראכטפאללען ווייסען קאשמיר, ארומגעגארטעלט מיט א זיידענעם שאל, האט איהם געגרייכט ביז די קניע דזשאלמעס מילדעס און טאפפערעס געזיכט איז געוועזן גאנץ רוהיג. זיינע שווארצע אויגען האבען מעחאניש געבלאנדזעט פון איין זאך אויף דער צווייטער אין צימער. נעבען איהם אויף דר'ערד איז געזעסען דער ווערגער פארינגע.

פארינזע איז אנגעקומען צו דזשאלמען, ווייל ער איז גוטפריינד געווארען מיט ראדען.

אין צימער האט געהערשט א טויטע שטילקייט. ענדליך האט דזשאלמא געזאגט: די צייט געהט אוועק און דער אלטער גוטער מאנן איז נאך אלץ ניט דא... ער וועט אבער קומען... זיין ווארט איז א ווארט.

— זיין ווארט איז א ווארט, גנאדיגער הערר, האט פארינזע איבערגעחזרט, ווען ער האט אונז מיט 3 טאג פריהער בעפרייט פון דעם הויז וואו מען האט אונז פערשלעפערטע אוועקגעפיהרט, האט ער אייך געזאגט: „דער אונבעקאנטער פריינד, וועלכער האט נאך אייך געשיקט אין שלאס קארדאוויל, האט מיך געשיקט צו אייך, פרינץ; פערלאזט זיך אויף מיך געהט מיט מיר, פאר אייך איז שוין פערטיג איינע שאנע וואהנונג, ווי פאר אייך פאסט. אויסערדעם האט ער נאך צוגעגעבען: פערשפרעכט מיר ניט ארויסצוגעהן פון דיזען הויז ביז וואנען איך וועל צוריקקומען; דאס פאדערען אייערע אייגענע אינטערעססען; אין 3 טאג ארום וועלען מיר זיך ווידערזעהען, דאן וועט איהר זיין פאלקאם פריי”... איהר האט אויף דעם איינגעווילגט און זייט 3 טאג ניט ארויסגעגאנגען פון דיזען הויז.

— און איך ווארט אויף דיזען אלטען מיט אונגעדולד האט דזשאלמא פערטראכטערהייט געזאגט, מיר איז אומעדיג... דא אין פאריז איז דאך דא זא פיעל זאכען צו בעוואונדערן! און בעזאנדערס...

דזשאלמא איז געבליבען שטיל און האט זיך פערזונקען אין געדאנקען וועגען פאריזער שאנע פריילינס.

אין דער צייט איז צום פאדערעד פון זיין הייזעל צוגעפאהרען א פראכטפאללע קארעטע. אין איהר זיינען געזעסען אנדריענע און איהר קאמערדינערין פלארינע.

.II

צווייפעל.

אום צו ערקלערען ווי אזוי קומט יעטצט אנדריעגע צו דזשאלמעס הייזעל, וועלען מיר פיהרען דעם לעזער צו אנדריעגען אין וואהנונג.

אלס אנדריעגע האט פערלאזען דעם דאקטאר באלעניעס האספיטאל, האט זי זיך גלייך אריינגעצויגען אין איהר פאלאץ אויף דער גאס אנזשו. זי האט ארויסגעפאדערט פון שלאס קארדאוויל דיופאן מיט זיין פרוי. דיופאנען האט זי געמאכט פיר פערוואלטער איבער איהר נייעס הויז אונ זיין פרוי פיר עקאנאמקע (אויפזעהערין איבער הויזליכע זאכען). נאכ׳ן ראטה פון גראף מאנברען, אן׳אלטער גוטער פריינד פון איהר זעליגען פאטער, האט זי גענומען א שטאלמייסטער, הערן באנוויל, זעהר א געבילדעטער אונ ארדענטליכער מאנן, וועלכער האט אכטונג געגעבען אויף די פערד אונ קארעטען, אונ פלעגט אויסרייטען מיט איהר שפאצירען.

אנדריעגע האט צו זיך גענומען די זעלבע קאמערדינערינען: זשארזעטע, העבא אונ פלארינע. מאיען האט זי אויך ניט פערגעססען אונ האט איהר געמאכט ביי זיך פיר סעקרעטאר צו פיהרען די חשבונות צום שטיצען ארעמע מענשען. וועגען פרינץ האט זי זיך אויך בעזארגט אונ האט געבעטען דעם גראף מאנבראן ער זאל איהם פיהרען אין די בעסטע געזעלשאפט, אום ער זאל ווערען מעהר ציוויליזירט. זי האט ניט געדענקט איהם צו מאכען פיר דעם העלד פון איהרער צוקונפט אונ האט זיך פעסט בעשלאססען איינגע מאנאטע זיך נאך גאר ניט צו

זֶעהֶען מִיט אִיהם, אוּנ עֶס זָאל בְּלַייבֶּען אִין גֶעהַיים, דאס זִי אִיז זַיינֶע אַ פֶערוַואנדְטֶע.

8 אוֹיהר פְּרִיה אַלְם אַנדְרֶיעֶנֶע אִיז שׁוֹין גֶעוֶועזֶען אָנגֶעקְלַייבֶעט, הָאט זִי גֶעשִׁיקְט רוּפֶען צוּ זִיךְ מַאיֶען. מַאיֶע אִיז בַּאלְד גֶעקוּמֶען. אִיהר גֶעזִיכְט אִיז גֶעוֶועזֶען בְּלַאס אוּנ פֶערקִימֶערְט.

— גְנֶאדִיגֶע פְרֵיילִין, הָאט מַאיֶע אוּמֶעדִיג גֶעזָאגְט, אִיךְ הָאבּ נִיט אוּמְזָאנסְט חוֹשֵׁד גֶעוֶועזֶען... רָאדֶען הָאט אַייךְ בֶּעטְרָאגֶען.

— וָואס רֶעדְט אִיהר?

— הֶערר רָאדֶען אִיז אַ בֶּעטְרִיגֶער, גְנֶאדִיגֶע פְרֵיילִין.

— עֶר?.. עֶס גְלוֹיבְּט זִיךְ מִיר נִיט...

— אַךְ, גְנֶאדִיגֶע פְרֵיילִין... אִיךְ הָאבּ קֵיין טָעוּת גֶעהַאט. פוּן דֶער עֶרשְׁטֶער מִינוּט, וְוִי אִיךְ הָאבּ אִיהם נוּר עֶרזֶעהֶען, אִיז עֶר מִיר נִיט גֶע־פֶעלֶען גֶעוָוארֶען אוּנ עֶס הָאט מִיר אָנגֶעהוֹיבֶּען צוּ קְלַאפֶּען אִין הֶערְצֶען: אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעשְׁרָאקֶען... פַאר אַייֶערטְוֶועגֶען.

— פַאר מַיינְטְוֶועגֶען? וָוארוּם נִיט פַאר אַייֶערטְוֶועגֶען?

— אִיךְ וַויים נִיט; אָט אַזַא אַיינְדרוּק הָאט עֶר גֶעמַאכְט אוֹיף מִיר, אַלְס אִיךְ הָאבּ אִיהם עֶרזֶעהֶען...

— וְוִי אַזוֹי אָבֶּער הָאט אִיהר זִיךְ עֶרקוּנְדִיגְט, דָאס אַייֶער חָשַׁד אִיז רִיכְטִיג

— גֶעכְטֶען הָאבּ אִיךְ אַוֶועקגֶעטְרָאגֶען מַיין שְׁוֶועסְטֶער צֶעפִּיזֶע דָאס גֶעלְד, וָועלְכֶעס רָאדֶען הָאט מִיר אִין אַייֶער גֶעגֶענְוַוארְט גֶעגֶעבֶּען, אַלְם שְׁטִיטְצֶע פַאר אִיהר פוּן אַ וָואהלְטְהֶאטִיגֶער פְרוֹי... אִיךְ הָאבּ זִי נִיט גֶע־טְרָאפֶען אוּנ בִּין הַיינְט פְרִיה נָאךְ אַ מָאל גֶעגַאנגֶען; פֶערצַייהְט מִיר אָבֶּער, וָואס אִיהר דַארפְט אוֹיסהֶערֶען אִיבֶּערִיגֶע זַאכֶען.

— עֶרצֶעהלְט, מַיין פְרַיינְדִין.

מִיט מַיין שְׁוֶועסְטֶער אִין נַאכְבַּארשַׁאפְט, הָאט מַאיֶע רוֹיטְהֶוֶוערֶענְ־דִיג וַוייטֶער גֶערֶעדְט, וָואהנְט אַ מֶיידֶעל, וָועלְכֶע פִיהרְט נִיט קֵיין

אַרדענטליבעם לעבען. . . זי האט אַ בעקאַנטען יונגען מאַנן, ...ט'ן נאָמען דיומולען, דיזער האט איהר ערצעהלט, דאָס ער קען זעהר גוט ראַדען און, דאָס ער האט אין דעם הויז אַ געהיימע וואָהנונג.

— דאָס האט ראַדען מיר אַליין געזאָגט . . .

— געכטען אָבער איז ביי איהם געוועזען דער אַבאַט דעגרעני.

— אַבאַט דעגרעני ? !

— יאָ, גנאַדיגע פרײַלין, ער האט פערבראַכט ביי איהם גאַנצע 2 שטונדען. און אין דעם מוז געוויס שטעקען אַ פינסטערער פּלאַן.

מען האט אייך אָבגענאַרט, ליעבעס קינד.

— ניין, גנאַדיגע פרײַלין, די מיידעל, וועלכע וואָהנט ביי מיין שוועסטער האט איהם אַליין געזעהען.

— ניין . . . ניין, האט אַנדרעע ציטערנד געזאָגט, עס איז אונמעגליך. דאָס איז געוויס אַ איר־טהום. מען דאַרף קיין מאָל ניט אורטהיילען דעם צווייטען פון דער שלעכטער זייט.

— גנאַדיגע פרײַלין האט מאַיע מיט פערדרוס געזאָגט, ניט איך אַליין אָבער דענק וועגען איהם שלעכטעס.

— ווי אַזוי

— היינט פריה, ווען איך בין צוריקגעקומען נאָך הויז, האָב איך געטראָפען פלאָרינע, וועלכע האט בעמערקט מיין פערקיממערטעס געזיכט און מיך געפרעגט די אורזאַכע פון דעם; איך ווייס ווי זי איז אייך זעהר איבערגעבען. איך האָב איהר אַלעס ערצעהלט. זי האט זיך ערשראָקען ניט ווענינער אַלס איך; נאָך אַ קורצען נאַכדענקען האט זי צו מיר געזאָגט: בעט ביי דער פרײַלין אום ענטשולדיגונג, וואָס איך בין אַוועק אָן איהר ערלויבניס, איך וועל אַריבערגעהן זיך ערקונדיגען וועגען דעם און באַלד צוריקקומען . . .

ביי די לעטצטע ווערטער האט זיך די טהיר געעפענט און פלאָרינע איז אַריין.

בעמערקענדיג פלארינעס בעאונרוהיגטעס געזיכט, האט אנדריעגע שנעלל געפרעגט: וואס הערט זיך נייס? פון וואנען קומסט דו?

— פון סענדיזעס פאלאץ גנאדיגע פרייליין.

— וואס האסט דו דארט געטהון? האט אנדריעגע פערוואונדערט געפרעגט.

— הײנט פריה האבען זיי (זי האט געוויזען אויף מאיע'ן) מיר פערטרויט פון אבאט דעגריני'ס געהיימען בעזוך ביי ראדענען; דאס האט מיר געשיינט אלס זעהר אנערנסטע זאך... און ווידער האב איך מיר געקלערט, אויב ראדען איז געוועזען די טאג אין פאלאץ סענדיזע אויך דאן איז קיין צווייפעל. דאס ער איז א בעטריגער...

— דאס איז ריכטיג, האט אנדריעגע זעהר אונרוהיג בעמערקט.

— איך האב געפרובירט דערגעהן ביי דער פרוי גריבוא וועגען ראדען איך האב אבער גאר ניט געקענט מאכען... פון איהר בין איך געגאנגען אין פאוויליאן... נאר ווי איך בין געקומען צום טהיר'ל פון גארטען האב איך בעמערקט ראדענען, וועלכער איז שנעלל געגאנגען פון פאלאץ...

— איז הערר ראדען געוועזען ביי דער פירשטין? האט אנדריעגע אויסגעשריען. ערצעהלט ווייטער, פלארינע.

— איך האב לאנג ניט געווארט און האב זיך בעהאלטען הינטער'ן פאוויליאן... און פון דארט האב איך בעמערקט אויפ'ן גאס שטעהן א קארעטע; איינגע מינוט נאכדעם האט זיך ראדען שנעלל אריינגעזעטצט אין איהר, און איך האב געהערט ווי ער האט א געשריי געטהון צום קוטשער: בלאנשענגאס, 39.

— צום פרינץ!

— יא, גנאדיגע פרייליין; עס איז אן צווייפעל, אז ער האט איך אבגענארט, וועט ער אויך דעם פרינץ אבנארען.

— א, דאס איז שרעקליך, שרעקליך, האט מאיע שטיל געזאגט.

— וואָרום אָבער, האָט ער מיך און מיינע פֿערוואַנדטע גערעטעט און אַנגעקלאַגט דעם אַבאַט דערגריני? האָט אַנדרעיעווע געזאָגט. מען קען ווירקליך פֿון זינען אַראָבגעהן... אָ, עס קען ניט געבען קיין שרעקליכערע זאַך אַלס צווייפֿעל!

— אויפֿ'ן וועג, האָט פֿלאָרינע געזאָגט קוקענדיג מיט אַנטהייל אויף איהר ווירטהין, האָב איך בעקלערט אַ מיטעל דורך וועלכען מיר וועלען קענען אַלעס דערגעהן...

— וואָס איז דאָס פֿיר אַ מיטעל? האָט אַנדרעיעווע איבעררראַשט געפֿרעגט.

— הערר ראָדען וועט דאָך באַלד זיין ביים פּרינץ, האָט פֿלאָרינע געזאָגט. דער פּרינץ געפֿינט זיך אימער אין זאַל, די גלעזערנע טהיר פֿון וועלכען געהט אַרויס אין ווינטערגאַרטען (שפּעקט, Теплица)... און אונז וועט זעהר לייכט זיין זיך צו בעהאַלטען צווישען די בלומען, זאָ דאָס מען וועט אונז ניט קענען זעהען.

— שפּיאָניהען? האָט אַנדרעיעווע מיט שטאָלץ געזאָגט, וואָס דיר קען איינפֿאַלען.

— פֿערצייהט, גנעדיגע פֿריילין, האָט פֿלאָרינע בעליידיגט געאַנטוועטט, דאָס איז אָבער דער איינציגער מיטעל צו דערגעהן דעם אמת.

אַנדרעיעווע האָט זיך פֿערטראַכט און ניט געוואוסט אויף וואָס זיך צו בעשליסען. ענדליך האָט זי זיך געווענדעט צו פֿלאָרינען: געה, בעט דעם הערר באַנוויל ער זאָל הייסען איינשפּאַנען די קאַרעטע.

— שטימט איהר איין? האָט מאַיע מיט פֿריידע און מיט טרערען אין די אויגען געפֿרעגט.

— יאַ... האָט אַנדרעיעווע בעוועגט געאַנטוועטט. ווען מען וויל מיט מיר שטרייטען מוז איך זיין בערייט אויף דעם. — שנעלל, פֿלאָרינע, גיב מיר מיין מאַנטעל און הוט און געה, זעה, די קאַרעטע זאָל זיין. און איהר, מיין פֿריינדין, האָט אַנדרעיעווע זיך געווענדעט צו מאַיען.

נווארט אויף מיך קא.

א האלב שטונדע נאכדעם האט זיך אנדריענעס קארעטע אבגעשטעלט ביים גארטענטהיר'ל פון דזשאלמעס וואהנונג אויף דער גאס בלאנש. פלארינע איז אריין אין ווינטערגארטען און באלד געקומען צוריק מיט דער נאכריכט, דאס די טהיר פון זאל איז פערהאנגען און זיי וועלען קענען שטעהן אונבעמערקט.

אנדריענע איז שנעלל ארויסגעשפרונגען פון קארעטע.

III.

דער גוטהערציגער יעזואיט.

צעהן מינוט פריהער בעפאר אנדריענע איז אריין אין ווינטערגארטען, האט פארינזע אריינגעפיהרט ראדען צום פרינץ. דזשאלמא האט איהם מיט פריידע עמפפאנגען.

— ענדליך זייט איהר געקומען, האט ער, דריקענד ראדען די האנד געזאגט, און איך בין פאלקאם גליקליך!..

— איך פערשטעה. ליבער פרינץ, דאס אייך איז געוועזן אונערטרעג־ליך די 3 טאג צו זיטצען פערשפארט אין צימער; דאס האבען אבער געפאדערט אייערע אייגענע אינטערעסען.

— איך וועל מארגען קענען געהן בעקוקען די שטאדט?..

— אפילו היינט, מיין ליבער פרינץ.

— איך מוז דא געוויס האבען פערוואנדטע, האט דער פרינץ נאך קורצען נאכדענקען געזאגט.

— מיט'ן אמת זאגענדיג, האט ראדען געאנטווערט, האט איהר

פערוואנדטע . . . און מאקי גאר פון פיינעם יחוס... מיט זעלטענע גוטע הערצע ...

— בײ דיזע ווארטער איז דזשאלמעס געזיכט נאך שאנער געווארען; די עדעלסטע געפיהלען האבען זיך אין איהם ערוועקט; נאך איינער פויזע אי ער אויפגעשטאנען און האט מיט א בעוועגטער שטיממע געזאגט: „קומט" !

— וואהין ליבער פרינץ ! האט ראדען איבערראשט געפרעגט.

— צו מיינע פערוואנדטע; איך וויל זיי אבדאנקען פיר דאס גוטעס, וואס זיי טהוען מיט מיר.

— ערלויבט, ליבער פרינץ ערלויבט... איהר וועט זיך נאך זעהען מיט זיי... וואס איילט איהר זיך ... און ווידער פערלאנגען זיי צו בלייבען אונבעקאנט.

— צו וואס דארף מען זיך בעהאלטען, ווען מען טהוט גוטעס ?

— איך האב אייך שוין געזאגט, ליבער פרינץ, דאס דורך דיזע בעקאנטשאפט קען געשטארט ווערען אייער געהיימען פריינד'ס רוהע.

— ווען ער וועט זיך בעקאנען מיט מיר... אלס פריינד?

— יא, ליבער פרינץ.

— דזשאלמעס געזיכט איז אומעדיג געווארען; ער האט שטאלץ אויפגעהויבען דעם קאפ און שטרייננג געזאגט: ווען דיזער פריינד וויל ניט דאס איך זאל איהם קאנען, זא שעמט ער זיך פאר מיר אדער איך מוז מיך שעמען פאר איהם. איך נעהם נור אן פריינדשאפט פון די מענשען, פיר וועלכע איך בין ווירדיג אדער זיי זיינען פאר מיר ווירדיג... איך פערלאז שוין דיזעס הויז.

— ביי דיזע ווארטער איז דזשאלמא אויפגעשטאנען מיט אזא ענטשלאססענהייט דאס ראדען האט אויסגעשריען: אבער הערט דאך, מיין ליבער פרינץ, פערגעסט ניט, דאס איהר זייט יעטצט ניט אין

אינדיען נאר אין אייראפא, און דא זיינען גאר אנדערע זיטטען ווי ביי אייך.

— איהר האט רעכט, מיין פאטער דא זיינען אנדערע זיטטען; איך גלויבע אבער, דאס אויף דער גאנצער וועלט דארף אן ארדענטליכער מאנן ניט בעהאלטען זיין פריינדשאפט פון צווייטען ארדענטליכען מאנן.

— ווען עס קען אבער פאר אייך זיין שאדליך ארויסצווייזען די פריינדשאפט?

דזשאלמא האט פערטראכטליך אקוק געגעבען אויף ראדען און גאר ניט געאנטווערט.

ענדליך האט דזשאלמא פערטראכט געפרעגט: מיין פריינד איז א מאנן אדער א פרוי?

א פרוי און געראדע איינע אלטע...

אלזא וועט זי קענען פאר מיר זיין אנשטאט א מוטטער...

אין דער צייט איז אריין פארינזע און האט זיך געווענדעט צו ראדענען: יעמאנד האט געבראכט צו אייך א בריעף; ער איז געווען אויף אייער קווארטיר און דארט האט מען איהם געזאגט דאס איהר געפינט זיך דא. זאל איך צונעהמען דיזען בריעף? ער איז פון אבאט דענגריני.

— איהר ערלויבט, ליבער פרינץ? האט ראדען געפרעגט

דזשאלמא האט א ווינק געגעבען מיט'ן קאפ אויף יא.

א מינוט נאכדעם האט פארינזע אריינגעטראגען ראדען דעם בריעף.

.IV

אנדריענע אונ דזשאלמא.

אלס פארינזע איז ארויס פון זאל, האט ראדזשין אנגעהויבען צו זאגען ביי זיך אלע טאשען, ווי ער וואלט וואס זוכען.

— אך, מיין גאטט! האט ער ענדליך געזאגט, וואס טהו איך יעטצט?

— וואס האט זיך געטראפען? האט דער פרינץ געפרעגט.

— איך האב צו הויזע פערגעססען מיינע בריללען, האט ראדען מיט א זויערע מינע פון פערדרוס געאנטווערט, און זיי בין איך ווי אן א האנד... איך וואלט וועניגסטענס האבען ווער עס זאל מיר פארלעזען.

— פיעללייכט וואלט איך אייך איבערלעזען, האט דער פרינץ געזאגט.

— איהר, ליבער פרינץ, האט ראדען ווי פערוואונדערט געפרעגט וועט מיר איבערלעזען דעם בריעף? איך האב אייך ניט געוואלט מטריח זיין, נאר אויב איהר ווילט מיר טאקי טהון די טובה, וועל איך עס קיין מאל פערגעססען.

ביי די ווארטער, האט ראדען דערלאנגט דעם פרינץ דעם בריעף אונ דזשאלמא האט הויך איבערגעלעזען:

„... איהר זייט היינט געוועזען אין פאלאץ סענדיזע אונ, דאס איז א נייער בעוויז פון אייער שנאה. איך שרייב צו אייך דאס לעטצטע מאל; מעגליך איך וועל גאר ניט אויספיהרען, ווי איך האב ניט געקענט אויספיהרען מיט אייך געבעטען אויף דער נאס קלאוויס, נאר איך האב פערשפראכען, אונ וויל מיין ווארט ניט ביימען...

„ערשטענס זאג איך אייך: „איהר זאלט זיך היטען! ווען איהר וועט אבער ניט פאלגען איז דא פיעלע מיטלען צו דערוויזען די לייטע, וועלכע איהר בעשיטצט, דאס איהר זייט א בעטריגער, דאס איהר אליין האט אנטהייל גענומען זיי צו טהון שלעכטם און, דאס יעטצט זייט איהר געווארען זייער בעשיטצטער כדי אייך זאל ארויסקומען פון דעם א טובה. מיר זיינען אין שטאנד דאס ריכטיג צו בעווייזען.

„מיט איינעם ווארטע, מיר בעפעהלען אייך היינט אבענד צו פערלאזען פאריז אויף א האלב יאהר... און פאהרען נאך פרייסען צו איינעם פון אונזערע פריינד; איהר וועט ביי איהם האבען א וואהנונג און עסען; עס וועט אייך קיין זאך ניט פעהלען. פון דער צייט אן, וואס איהר וועט אוועקפאהרען פון פאריז, וועט איהר בעקומען מאנאטליך געהאלט 1,000 פראנק; אויסערדעם, וועט איהר פאראויס בעקומען 1,000 פראנק און 20,000 נאך דעם האלב יאהר... מיר דאכט אז עס איז גענוג פאר אייך...

„מיינט ניט אז איהר האט שוין אויסגעפיהרט. די אנקלאגע אויף אונז פאר'ן געריכטהויז האט איהר נאך ניט אויסגעפיהרט און וועט ניט אויספיהרען; דער ריכטער וועלכער האט אנגענומען די אנקלאגע וועט ביטטער חרטה קריגען אויף דעם. איהר קענט מיט דיזען בריעף טהון וואס איהר ווילט. מיר ווייסען וואס און צו וועמען מיר שרייבען. איהר וועט בעקומען דיזען בריעף 3 אוהר; אויב מיר וועלען 4 אוהר ניט בעקומען פון אייך איינגענהאנדיגע שריפטליכע איינשטימונג אויף אונזער פארלייגונג, דאן וועט זיך אנפאנגען ביי אונז א שטרייט אויף לעבען אדער טויט, ניט מארגען, נור היינט אבענד".

דזשאלמא האט געענדיגט לעזען דעם בריעף און אויפמערקזאם אקוק געגעבען אויף דעם יעזואיט; ראדען האט זיך געמאכט ניט זעהענדיג דיזען קוק און האט זיך געווענדט צו דזשאלמען; ערלויבט מיר, פרינץ, צו רופען פארינזע'ן, און ביי די ווארטער האט ער אנגעקלונגען.

פארינזע איז אריין. ראדען האט גענומען דעם בריעף, האט איהם צוריסען אויף קליינע שטיקלעך אונ האט געזאגט צו פארינזען: גיט איבער דיזע שטיקלעך פאפיר דעמזעלבען מאנן, וועלכער האט געבראכט דעם אונפערשעמטען בריעף אונ זאגט איהם אז דאס איז מיינע אנטוואָרט.

פארינזע האט צוגענומען פון ראדענס האנד די שטיקלעך פאפיר אונ איז באלד ארויסגעגאנגען.

— פיעללייכט איז דיזער קריעג פאר אייך געפאהרליך ליבער פאטער, האט דער פרינץ מיט אינטערעס געפרעגט.

— יא, ליבער פרינץ, מעגליך ער איז געפאהרליך; וואס קען איך אבער מאכען... איך וועל זיך ניט אונטערגעבען!

— א, איך גלויב אייך, האט דזשאלמא מיט פרייהע געזאגט; איך בעוואונדער שטענדיג אייער גייסט... דזשאלמא איז געבליבען שטיל. אונ האט זיך פערטראכט. מיין הארץ איז איבערפיללט מיט דאנקבארקייט צו דער פרוי, וועלכע בעשיטצט מיך יעטצט, האט ער ענדליך געזאגט צו ראדען.

— א, יא, דיזע פרוי לעבט נור צום טרייסט פאר די עלענדע אונ צום שטאלץ דער פרויען; יא, זי איז נור בעשאפען פיר דעם אמת אונ מיידעט אויס פאלשקייט. זעהט איהר, נאך איינינע טאג! פריהער האט דיזע פרוי צו מיר געזאגט די וואונדערליכע ווארטער: „מיין ליבער הערר ווען איך בין חושד יעמאנד וועלכען איך ליעב אונ אכטע, דאן"...

ראדען האט ווייטער ניט געקענט ריידען. דער פארהאנג, וועלכער האט אבגעטהיילט דעם זאל פון ווינטערגארטען, האט זיך פלעצליך אויפגעהויבען אונ דזשאלמא האט צו זיין גרויסען ערשטוינען ערזעהען אנדריענע קארדאוויל.

— זייט איהר געקומען אהער... פריילין? האט ראדען מיט א גע-

מאכטער איבערראשונג געזאגט.

— יא, מיין ליבער הערר, האט אנדריענע מיט א בעוועגטער שטיממע געאנטווערט, איך בין געקומען צו ענדיגען די פראזע (זאטץ), וועלכע איהר האט אנגעפאנגען; איך האב אייך געזאגט, דאס ווען איך בין יעמאנד חושד דאן זאג איך עס יענעם. דאס ערשטע מאל אין מיין לעבען האב איך יעטצט בעגאנגען א חיטראסט. פאר דיזע שוואכקייט פערדיען איך א שטראף און איך האב דיזעלבע בעקומען: איך מוז אייך בעטען אום ענטשולדיגונג... און ווענדענדיג זיך צו דזשאלמען, האט זי צוגעגעבען: יעטצט, פרינץ קען שוין מעהר ניט זיין קיין געהיימניס. דאס איך בין אייערע פערוואנדטע, פריילין קארדאוויל, און איך האף, דאס איהר וועט אויך אנגעהמען די פריינדשאפט פון א שוועסטער ווי איהר האט אנגענומען פון אייער מוטטער.

דזשאלמא האט ניט געאנטווערט; ער איז געשטאנען ווי בעצויבערט פון אנדריענעס שאנהייט.

אום צו מאכען איין ענדע פון דיזער פיינליכער לאגע, האט אנדריענע זיך געווענדעט צו ראדען און מיט א ציטערנדער שטיממע געזאגט: בּיטטע מיין הערר... רעדט מיט'ן פרינץ; גיט איהם נאך א מאל איבער מיין ביטטע... איך קען דא מעהר ניט בלייבען.

מיט די ווערטער איז זי צוגעגאנגען צום טהיר. דזשאלמא האט זיך אויפגעהאפט ווי פון שלאף און איז צוגעלאפען צו אנדריענען; אויסשטרעקענדיג צו איהר די האנד, האט ער מיט א זאנפטער שטיממע געזאגט: א, געהט ניט אוועק... בלייבט דא פערלאזט מיך ניט... איך האב אזא לאנגע צייט געווארט אויף אייך!

— פרינץ, עס איז מיר אונמעגליך דא לאנגער צו בלייבען

איהר וועט אבער ווידער קומען? איך וועל אייך ווידער זעהען?

— א, ניין, קיינמאל!.. קיינמאל! האט אנדריענע שטיל געאנטווערט און איז פערשוואונדען געווארען צווישען די בלומען פון ווינטערגארטען

אלס פלארינע איז פארביינעגאנגען נעבען ראדען, האט ער צו איהר גאנץ שטיל געזאגט: מען דארף מארגען אנדערע מאכען מיט מאיען.

פלארינע האט א ציטער געטהון און איז באלד ארויסגעגאנגען נאך איהר ווירטהין

דזשאלמא איז געשטאנען מיט איין אראבגעלאזענעם קאפ. זיין שא־נעם געזיכט האט אויסגעדריקט שמערצליכען קוממער

ראדען איז צוגעגאנגען צו איהם און האט מיט א פאטערליכען טאן געזאגט: איך האב זיך טאקי געפירכטעט איך צו בעקאנען מיט איינער וואהלטהאטערין און האב אייך געזאגט, דאס זי איז אנ'אלטע פרוי; ווייסט איהר ווארום, ליבער פרינץ?

דזשאלמא האט ניט געאנטווערט און האט געווענדעט זיין פייכטע געזיכט פון טרערען צו ראדען.

— איך האב געוואוסט, דאס פריילין קארדאוויל איז זעהר שאן און דאס אין איערע יאהרען איז זעהר גרינג זיך צו פערליעבען... האט ראדען ווייטער גערעדט, און איך האב געוואלט אייך פערהיטען פון דיזען אונגליק, מיין ליבער פרינץ דען איערע בעשיטצערין איז שוין שטארק פערליעבט אין א יונגען מאנן...

ביי דיזע ווארטער האט דזשאלמא זיך געחאפט מיט ביידע האנד ביי דער ברוסט, האט א ווילדען געשריי געטהון און איז אהנמאכטיג געפאלען אויפ'ן זאפע; ראדען האט איהם איניגע מינוט בעטראכט און קאלטבלוטיג געזאגט: נא... צו דער זאך... עס געהט גאר ניט שלעכט..

נאכדעם האט ראדען גענומען דעם הוט אין האנד און איז גאנץ לאנגזאם ארויסגעגאנגען. ער איז געווען זעהר צופרידען פון זיך.

V.

דאס טאגעבוך.

אין דעמזעלבען טאג וואס אנדריענע האט זיך דאס ערשטע מאל געזעהען מיט דזשאלמען, 9 אוהר אבענד, איז אונזערע אלטע בעקאנטע פלארינע גאנץ שטיל אויף די שפיץ פינגער מיט א ליכט אין האנד אריינגעגאנגען אין מאיע'ס שלאפציממער. זי איז צוגעגאנגען צו א קליינעם שרייבטיש, האט אויפגעעפענט אלע שובלאדען, האט זיי דורכגעזוכט, נאכהער האט זי אין בעראלמער געזוכט, און ענדליך האט זי געפונען אין א שראנק פון קליידער, אין אנ'אלטען קאפפערט א דיקקעס העפט (קאיעט) פאפיר. זי האט עס שנעלל דורכגעבלאטערט און צוריק אוועקגעלייגט אויפ'ן זעלבען ארט. נאכדעם האט זי אלעם געבראכט אין ארדנונג, גענומען דאס ליכט און איז אונבעמערקט פון יעמאנד ארויסגעגאנגען. אין דער צייט איז מאיע געוועזען ביי אנדריענען; זי האט דארטען זעהר לאנג געדארפט פערברענגען; דאס האט פלארינע געוואוסט און האט זיך ניט געהאט פאר וועמען צו שרעקען.

. . . .

אויף מארגען אין דער פריה נאך דיזער געשיכטע, איז מאיע געזעסען פערזונקען אין געדאנקען ביי זיך אין שלאפציממער נעבען אויווען, וועלכער האט זיך געהייצט. אין צימער איז געוועזען שטיל. פון צייט צו צייט האט זיך נור געהערט דאס טיק–טאק פון װאנדזייגער.

אינדעם איז צו איהר אין צימער אריין א בעיאהרענטע פרוי, וועלכע האט זי בעדינט, און האט צו איהר געזאגט: איך פרעגט א יונגער מאנן, מיט'ן נאמען אגריקאל.

ביי דיזען נאמען האט מאיע פון פריידע א לייכטען געשריי געטהון, איז עטוואס רויטה געווארען אונ איז באלד צוגעלאפען צום טהיר, וועלכע האט געפיהרט אין זאל, וואו אגריקאל האט געווארט.

— גוט מארגען, ליבע מאיע האט דער שמיעד געזאגט פריינדליך זי ארומנעהמענדיג אונ א קוש געטהון.

— גאטט! האט מאיע אונרוהיג געזאגט, ווער האט דיך פערוואונ־דעט? פאר וואס געהסט דו פערבונדען דעם קאפ?

— בערוהיג זיך ליעבע מאיע דאס איז ניט געפאהרליך, האט דער שמיעד געאנטווערט... איך וועל דיר באלד ערצעהלען ווי אזוי דאס האט פאסירט...

מאיע האט איהם אריינגעפיהרט צו זיך אין צימער

— איך וועל אנפאנגען פון וויכטיגסטען, ליבע מאיע, האט אגריקאל זיך זעטצענדיג נעבען מאיע׳ן אויף א שטול געזאגט, אויסערדעם האב איך צו דיר א ביטטע אויך

— ערצעהל גיכער...

— פון דער צייט וואס מיין מוטטער מיט גבריאל׳ן וואהנען אויפ׳ן דארף אונ דער פאטער ביי דעם גענעראל סימאן ווייסט דו דאך דאס מיין וואהנונג איז אין פאבריק פון העררן הארדי. אונזער ווירטה איז די טאג אבגעפאהרען נאך דער פראווינץ. היינט פריה אראבגע־הענדיג אויפ׳ן הויף האב איך בעגעגנעט איינע שאנע יונגע פרוי... איהר געזיכט איז געוועזען זעהר בלאס אונ פערקיממערט; איך בין צו־געגאנגען אונ האב זי געפרעגט וואס זי דאו

עס איז ריכטיג דאס דער הערר האררי איז געפאהרליך קראנק, האט זי מיך געפרעגט... עס פערשטעהט זיך דאס איך האב איהר געאנטווערט, דאס ער איז געזונד אונ דאס ער איז יעטצט צו הויזע ניט דא... ווי! האט זי לעבהאפט געזאגט, איז ער דען נעכטען אין אבענד ניט געוועזען פערוואונדעט דורך א מאשינע אין פאבריק, ווען ער

איז געגאנגען בעקוקען די ארבייט ? דאס איז א ליגען , האב איך איהר געאנטווערט ; מיינע אנטוואָרט האט זי בערוהיגט ; מיט א שטראהלענדעם געזיכט פון גרויס פריידע , האט זי זיך געזעטצט אין איהר קארעטע און איז געשווינד ארויסגעפאהרען פון אונזער הויף .

— אן צווייפעל , דיזע פערזאָן ליעבט דיין ווירטה , האט מאיע בעמערקט .

— איך דענק אויך אזוי ; איין זאך פערשטעה איך אבער ניט , דאס ווי נאר זי איז ארויסגעפאהרען פון הויף , האט איהר נאכגעיאָגט א מאנן אין א קארעטע וועלכע האט געוואָרט נעבען טהויער .

— ווען דארף קומען דער הערר האַרדי צופאהרען ?

— מאָרגען אָדער איבערמאָרגען . גיב מיר אַנ׳עצה , ליבע מאיע , ווי זאל איך טהון ? זאל איך וועגען דעם ערצעהלען דעם הערן האַרדי אָדער ניט ?

— ערקלער מיר , אנגריקאל , האט מאיע נאך א קורצען נאכדענקען געזאָגט , ווער האט דיר פערוואונדעט דעם קאפ ?

— מיר דאכט זיך , דאס מיין וואונד איז אויך א ביסעל שייך צום הערן האַרדי , האט דער שמיעד געאנטווערט .

— וואס רעדסט דו ?

— שוין פון איינינע צייט , האט אנגריקאל ווייטער גערעדט , קומען פאר אין די געגענדען פון אונזער פאבריק זאנדערבארע זאכען . דא ניט לאנג איז געקומען צופאהרען אין דארף „וויליערס” , וועלכע איז א פיערטעל ווערסט פון אונז , א הויכער און שאנער אבאט און אין א קורצער צייט האט ער מיט זיינע זיסע דרשות ביי די ארומיגע איינוואהנער פערשווארצט דעם הערן האַרדי׳ס נאמען . ווערסט דו דאך פרעגען אויף וואס פאר אנ׳ארט ? גאר איינפאך ; דער הערר האַרדי האט געמאכט פיר די ארבייטער אנ׳ארט אוסטאוו וויפיעל שטונדען אין מעת-לעת זיי דארפען ארבייטען און ווען יעדער פון אונז דארף בעקומען א טהייל

פון זיין רוח. צום סוף אויסטאוו האט וער אויך אנגעגעבען איינינגע איינפאכע רעגעלען (правила) ווי מיר, ארבייטער, דארפען זיך אויפפיהרען, און יעדער מענש קען די רעגעלען פערשטעהן און אויספיהרען. דיזע רעגעלען האט ער ארויסגענומען פון פערשידענע פילאזאפישע ביכער... פון דעם האט דיזער אונפערשעמטער אבאט געדרונגען, דאס דער הערר הארדי האט קיין רעליגיאן, קיינע מענשליכע געפיהלען און, דאס אונזער גאנצע פאבריק איז א סם־המות פאר אלע ארומיגע איינוואהנער, דערפאר וואס מיר געהען זאנטאג ניט הערען זיינע דרשות. דיזער אבאט האט זיי איינגערעדט, דאס גאטט וועט זיי בעשטראפען צוליעב אונז, אפיקורסים, אזוי רופט ער אונז שטענדיג; די חלירע קומט אן, האט ער זיי ערקלערט און זיי זיינען אונגליקליך, ווען זיי האבען אונז פאר שכנים. און מיט אזאלכע דרשות האט ער אויסגעפיהרט, דאס די ארומיגע איינוואהנער האבען זיך שוין איינינגע מאל מיט אונז געקריגט און געשלאגען; אין איינע פון אזאלכע געשלעגען האב איך בעקומען מיט א שטיין אין קאפ.

— עס איז אבער ניט געפעהרליך?

— ניין, כמעט גאר נישט... פון דעם אלעם, האט אגריקאל ווייטער גערעדט, געפינסט דו ניט ליעבע מאיע, דאס דער הערר הארדי האט פיעל שונאים?

— איך קלער אויך אזוי, און דאריבער וואלט איך דיר באטהען ווען ער וועט קומען, איהם אלעם ערצעהלען...

— איך וועל מאקי אזוי טהון, האט אגריקאל בעמערקט און יעטצט וועלען מיר ריידען וועגען מיינע אייגענע אינטערעסען... און אגריקאל האט איהר ערצעהלט, דאס ער האט זיך פערליעבט אין זעהר א שאנע און קלוגע פריילין, מיט'ן נאמען אנזשעלא, וועלכע וואהנט מיט איהרע עלטערן אין פאבריק; זי איז איהם זעהר געפעלען און דענקט צו הייראטהען מיט איהר... דאריבער איז ער יעטצט געקומען צו איהר בעטען

זי זאָל זיך זעהען מיט דער פֿריילין און געבען איהר מיינונג. מאַיע האָט איהם פֿערשפּראָכען צו זיין מאָרגען אין פאַבריק. אַגריקאָל האָט זיך פֿריינדליך אָבגעזעגענט מיט מאַיע'ן און איז אַוועקגעגאַנגען.

אין דעמזעלבען אָבענד, ווען אַלעס איז געווען שטיל אין פּאַלאַץ קאַרדאַוויל איז מאַיע, וועלכע איז ביז 10 אוהר געווען ביי אַנדרעען, אַריין צו זיך אין שלאָפצימער און האָט שרעקליך ביטטער געוויינט. אַלס זי האָט זיך גוט אויסגעוויינט איז זי צוגעגאַנגען צום שרייבטיש און איז כמעט אַ גאַנצע נאַכט אָבגעזעסען ביים טאָגעבוך און האָט געשריבען.

אין דער פֿריה איז אַגריקאָל געקומען און זי איז מיט איהם געגאַנגען אין פאַבריק.

ווי מאַיע מיט אַגריקאָל'ן זיינען אַוועקגעגאַנגען, איז פֿלאָרינע באַלד נאָכדעם אַריין צו מאַיע'ן אין צימער, האָט גענומען דאָס טאָגעבוך און אויף דעם אָרט אַוועקגעלייגט אַ בריעף, וועלכען ראָדען האָט איהר געגעבען. פֿלאָרינע, קומענדיג צו זיך אין צימער, האָט אויס נייגיריגקייט גענומען לעזען דאָס טאָגעבוך. וואָס ווייטער זי האָט געלעזען איז זי געוואָרען מעהר פֿעראינטערעסירט און זעהר גערירט.

מיר וועלען עטוואָס בעקאַנט מאַכען דעם לעזער מיט מאַיעס טאָגעבוך:

„.... היינט איז מיין געבורטסטאָג. געכטען בין איך געווען ביי מאַדאַם באַרוען. אויפ'ן קאָמאָד האָב איך בעמערקט אַ שאַנע קעסטעלע מיט אַ קיסעלע פון רויטהען פּלוש. איך בין רויטה געוואָרען פון גליק. איך האָב געקלערט, דאָס דיזער געשאַנק איז פאַר מיך. אַגריקאָל איז אַוועקגעגאַנגען און האָט מיטגענומען דאָס קעסטעלע. מאַדאַם באַרוען איז קיין מאָל ניט געווען אַזוי פֿריינדליך צו מיר, ווי דיזען אָבענד. מיר האָט זיך געדאַכט, דאָס זי וויל זיך לייגען שלאָפען פֿריער ווי אַלע מאָל, אום איך זאָל זיך קענען מעהר אָנפֿרייען מיט דער

מַתָּנָה, װעלכע אַגְרִיקָאל האט אָנגעגרייט פיר מיך. אָ, װי שטארק האט געקלאפּט מיין הארץ, װען איך בין שנעלל געלאָפען צו זיך אין צימער? איך האב זיך שטוואס אָבגעשטעלט ביי דער טְהיר, װי איך וואלט װעלען מיט דעם פערלאַנגערען מיין גליק. ענדליך בין איך אַריין. מיינע אויגען זיינען פול געוואָרען מיט טרערען פון פרייד. איך האב אַקוקגעגעבען אויפ'ן טיש... אויפ'ן שטול... אויפ'ן בעטט... דאס קעס־טעלע איז ניט דא... עס האט מיר פערדריקט אין הערצען. איך האב זיך געטראכט: מארגען װעל איך עס האבען. איך האב געוואַרט א גאַנצען טאג. עס איז געוואָרען נאכט... עס איז גאר נישט דא. דאס קעסטעלע איז געווען ניט פיר מיך... אויפ'ן דעקעל איז דאך געווען א קיסעלע... דאס קען נאר נוטצען פיר א פרוי... װעמען הען האט אַגְרִיקָאל געקענט אַוועקשאַנקען דאס „קעסטעלע?"... אָ, איך לייד שרעק־ליך אין דיזער מינוט. דער געדאַנקען, דאס אַגְרִיקָאל װעט מיר גראַטו־לירען מיט מיין געבורטסטאג — איז א קינדערישער געדאַנקען... אמווע־ניגסטענס וואלט דאס פיר מיך געווען א בעוויז, דאס ער געדענקט דאס איך האב אַנאנדער נאמען אויסער מיין צונאמען „מאיע"... ווי גרויס וואלט געווען מיין גליק, ווען אַגְרִיקָאל וואלט זיך בענוטצט מיט מיינע אימעניגעס אונ מיך זאגאר איין מאל גערופען מיט'ן וואהרען נאמען „מאגדאלענע"... ער דארף אָבער פון דיזען וואונש קיין מאל ניט וויסען".

„היינטיגער טאג איז פיר מיך געווען א גליקליכער. איך האף צו בע־קומען ארבייט אונ דיזען גליק װעל איך האבען צו פערדאַנקען איינער גוטער אונ ליעבער פריילין פלארינע. זי װעט מיך מארגען אַוועקפיהרען אין קלויסטער ס"ט. מאריע, וואו זי קלערט צו קריגען פיר מיך א שטעלע"...

„אימער װעל איך מיט דאַנקבארקייט ערמאנען דעם נאמען פון דער פריילין. וואס האט אַנטהייל גענומען אין דער ביטערער לאגע פון מיך,

ארעמע און אונגליקליכע. איבריגענס וואונדערט דאס מיך ניט; זי איז געראטען אין איהר ווירטהין, פריילין קארדאוויל, אנגריקאלס וואהלט־האטערין. אך! איך קען איהר אבער מיט גאר נישט אבדינגען... איך קען נור ווינשען... געדענקען און ליעבען זי".

דיזע איינפאכע פריינדליכע ווארטער, מיט וועלכע מאיע האט אויס־געדריקט איהר דאנקבארקייט, האבען זעהר געווירקט אויף פלארינגען. זי האט שוין מעהר ניט געקענט ביישטעהן דעם גוטען געפיהל. האט פערלאזען דאס צימער און מיטגענומען דאס טאגעבוך און זיך פעסט בעשלאססען, אויב מאיע איז נאך ניט צוריקגעקומען, אוועקלייגען עס אויפ'ן זעלבען ארט און זאגען ראדען, דאס זי האט ניט געקענט געפינען דאס טאגעבוך.

VI.

זי איז אוועקגעגאנגען.

מיט א האלבע שטונדע פריהער, בעפאר פלארינע האט זיך בע־שלאססען צוריק אוועקלייגען דאס טאגעבוך, איז מאיע געקומען פון הארדים פאבריק, וואו זי האט א לאנגע צייט פערבראכט מיט דער פריילין אנזשעלא, וועלכע איז איהר זעהר געפעלען געווארען, און האט פון טיעפען הערצען געראטהען אגריקאל'ן ער זאל חתונה האבען מיט איהר.

עס האט געשלאגען 10 אוהר אבענד. מאיע איז אריין צו זיך אין שלאפצימער, האט אנגעצונדען א ליכט און זיך געזעצט אויף א שטול נעבען שרייבטיש. איניגע מינוט איז זי געזעסען טיעף פערטראכט,

נאכדעם איז זי לאנגזאם אויפגעשטאנען און צוגעגאנגען צו א שראנק. מיין איינציגער טרייסט, האט זי צו זיך גערעדט, וועט זיין דער שטוממער עדות פון אלע מיינע ליידען און יעטצטיגען קוממער; וועניגסטענס האב איך צו זיך גאר ניט; איך האב אגריקאל'ן געזאגט דעם אמת. ווייל די פריילין איז מיר זעהר געפעלען געווארען און ער וועט מיט איהר ווירקליך גליקליך לעבען. ווען איך וועל לעזען דאס טאגעבוך וועט עס זיין א טרייסט פאר מיינע יעטצטיגע ליידען. ביי דיזע ווארטער האט מאיע געעפענט דעם קאפפערט. דאס טאגעבוך איז ניט געוועזן. אנשטאט איהם איז געלעגען א בריעף. מאיעס געזיכט איז געווארען טויט בלאס, די פיס האבען זיך אונטער איהר געבויגען און זי איז כמעט אין אהנמאכט ניט געפאלען, דער גרויסער שרעק אבער האט איהר געגעבען קראפטען אויפצומאכען דעם בריעף. פון איהם איז ארויסגעפאלען א פינפהונדערטפראנקענשיין. מאיע האט איהם ניט אויפגעהויבען און געלעזען דעם בריעף:

„פריילין! אין טאגעבוך איז זא אריגינעל און גוט בעשריבען פון אייער שטארקער ליעבע צו אגריקאל'ן, דאס מיר האבען געפונען פאר נייטיג איהם דאס צו ענטדעקען. מיר בענוטצען זיך מיט דער געלעגענהייט און וועלען געבען צו לעזען אייער טאגעבוך פיעלע אנדערע פערזאנען. מיר וועלען דיזעס טאגעבוך דרוקען, אום צו פערברייטען אייערע עדלע געפיהלען, וועלכע איהר דריקט אויס אין איהם. פיר איינעם וועט דאס זיין צום וויינען, פיר דעם צווייטען צום לאכען; זא פיהרט זיך שוין אויף דער וועלט; מיר זיינען אבער זיכער, דאס אייער טאגעבוך וועט מאכען א גרויסען פוראר (רושם) אין דער לעזעוועלט".

„איהר וועט דאך מסתמא וועלען אויסמיידען דעם כבוד, וועלכער שטעהט אייך פאר אין דעם הויז, וואו איהר שפיעלט יעטצט א ראליע פון א גרויסע דאמע, הגם עס פאסט גאר ניט פיר אייער פיגור

אלזא שיקען מיר אייך 500 פראנק, אום איהר זאלט זיין פערזארגט".

„דאס טאגעבוך געהט שוין ארום פון האנד אין האנד".

„אייער קאללעגע, אנגעבעטעטער הארבאטער".

„א אללמאכטיגער גאטט"! דאס מאיע אויסגעשריען. איינינע מינוט איז זי געבליבען שטעהן ווי פערשטיינערט און האט זיך מיט קיין גליעד ניט געקענט ריהרען; פלאצליך איז איהר ארויפגעקומען אויפ'ן זיננען צו פערלאזען אויף אימער דיזעס הויז. זי איז גאנץ רוהיג צוגעגאנגען צום שרייבטיש און האט מיט א ציטערנדער האנד אנגעשריבען פאלגענדע ווערטער:

„... גאטט זאל בענטשען פריילין קארדאוויל פאר דאס גוטס, וואס זי האט מיר געטהון; זי זאל מיר פערצייהען וואס איך פערלאז איהר הויז וואו איך קען מעהר ניט בלייבען".

אויפ'ן צעטעלע האט זי אוועקגעלייגט די 500 פראנק, האט אויסגעטהון די קליידער, וואס אנדריענע האט איהר געגעבען, און אנגעטהון איהרע אלטע זאכען. אין דיזער מינוט האבען זיך געגאססען טרערען פון איהרע אויגען ווי פון א קוואל; זי האט געוויינט ניט ווייל זי דארף ווידער טראגען די אלטע קליידער אדער זי בלייבט עלענד אין שטיטצע, נור אויס דאנקבארקייט צו דער פריילין קארדאוויל... זי איז געפאלען אויף די קניע און האט ביטער געוויינט, אדיע... אויף אימער אדיע... פריילין קארדאוויל! האט זי מיט א פערשטיקטער שטימע שטיל געזאגט. פלאצליך האט זי זיך אויפגעהויבען און זיך צוגעהערט... איהר האט זיך געדאכט, דאס יעמאנד געהט. דאס איז ווירקליך געוועזען פלארינע, וועלכע האט, ליידער צו שפעט צוריקגעבראכט דאס טאגעבוך.

מאיע איז שנעלל ארויס פון איהר צימער אין זאל און פון איהם דורכ'ן פארצימער אויפ'ן הויף און האט אנגעקלאפט ביים וואכטער אין פענסטער. די טהירען האבען זיך געעפענט. מאיע האט פערלאזען דעם פאלאץ קארדאוויל און אנדריענע האט אנגעווארען א טריע איבער־

געבענע װארטערין. אויף אזא ארט איז ראדען בעפרייט געװארען פון א שרעקליכען און קלוגען פיינד.

פלארינע, װעלכע האט צו שפעט חרטה געקראגען, איז כמעט אין דער זעלבער מינוט, װען מאיע האט פערלאזען דעם פאלאץ, אריין דורך א הינטער טהיר צו איהר אין צימער. דאס הארץ האט איהר פערדריקט און עס האבען זיך איהר געשטעלט טרערען אין די אויגען, בעמערקענדיג דאס זי האט שוין פערשפעטיגט און מאיע האט אויף אימער פערלאזען זייער הויז.

איבריגענס, האט זי זיך געטרייסט, דאס יעטצט װעט זי שוין ניט האבען פיר װעמען זיך צו שרעקען ביים אויספיהרען ראדענס בעפעהלען.

אויפ'ן צװייטען טאג נאך דיזער געשיכטע האט אנדריעװנע אויף איהר בריעף, אין װעלכען זי האט צו װיססען געגעבען ראדען פון מאיעס פערשװינדונג, בעקומען פון איהם פאלגענדע אנטװארט:

„ליבע פריילין! איך מוז היינט פריה פאהרען צום העררן הארדי אין פאבריק און מיר איז אונמעגליך צו זיין ביי איך, איהר פרעגט מיך װאס קען בעדייטען דאס די ארעמע מיידעל האט פערלאזען אייער הויז. איך האב אבער אייך ניט װאס צו אנטװערען, װייל איך װייס אויך ניט. איך קען אייך נור ערמאנען מיינע װארטער װעגען דער געהיימער חברה װעלכע רינגעלט ארום מיט געהיימע שפיאנען דעם, אויף װעמען האט נייטיג אכטונג צו געבען.

„איך בעשולדיג קיינעם ניט, איך זעה נור פאקטיש װאס עס האט פאסירט... דיזע מיידעל האט מיך בעשולדיגט, און איך, װי איהר װייסט, בין אייער ערגעבענסטער טרייער דינער. זי איז געװעזען ארעם און דענאך האט מען געפונען ביי איהר 500 פראנק.

„איהר האט מיט איהר זא פיעל גוטעס געטהון און צום סוף איז ז

ענטלאפען פון אייער הויז, ניט זאגענדיג אפילו פאר וואס און פאר ווען.

„איך בעשולדיג קיינעם ניט, איך ראטה אייך נור איהר זאלט זיין פארזיכטיגער און זיך היטען פאר אייערע נאהענטסטע פריינדע. אייער ערגעבענסטער דיגער ראדען".

VII.

די פאבריק.

אנגריקאל, וועלכער, האט גאר ניט געוואוסט פון מאיעס פערשווינדונג, איז 9 אוהר אין דער פריה (עס איז געווען רוהעטאג) געשטאנען ביים שפיגעל און האט געמאכט זיין טואלעט. ער האט זיך יעטצט פארבערייט צו געהן אבשטאטען א וויזיט זיין כלה אנזשעלא.

מיר וועלען עטוואס בעשרייבען אנגריקאלס וואהנונג, פיר וועלכע ער האט געצאהלט, ווי אלע אנדערע קאוואלערען פון הארדי'ס פאבריק, 75 פראנק א יאהר. דיזע וואהנונג אויפ'ן צווייטען שטאק איז בעשטאנען פון א שאן מעבלירטען גרויסען צימער און א קליין פארצימער; די פענסטער זיינען ארויס אין א גרויסען פרוכטגארטען. די פאדלאגע איז געווען גאנץ ריין אויסגעוואשען. אין דיזער וואהנונג, ווי אויך אין אלע אנדערע וואהנונגען פון די ארבייטער איז געווען איינגעפיהרט גאזבעלייכטונג און וואסערלייטונג (водопроводъ, wodociag). אין פערגלייך מיט דער וואהנונג אין גאס בריז-מיש, וואו ער האט געצאהלט 90 פ"ר. איז דא געווען א וואהרער פאלאץ. אזאלכע בילליגע, בעקוועמע און שאנע וואהנונגען האבען אלע ארבייטער געהאט

אין הערר האַרדי'ס פּאַבריק

אַלס אַנגריקאל איז שוין געווען פערטיג מיט זיין טואַלעט, איז ער שנעלל אַוועק צו זיין כלה אַנזשעלאַ. דאס איז געווען אַ בילד־שאַנע מיידעל פון 17 יאָהר, אַנגעקליידעט איינפאַך, זויבער און געשמאַקפאַלל.

— איך בין געקומען ערפילען מיין פערשפּרעכען, האט אַנגריקאל אריינגעהענדיג אין אַנזשעלעס וואהנונג געזאגט, ווען אייער מוטטער ערלויבט נור, קענען מיר שוין געהען בעקוקען אונזער פאַבריק

— געוויס ערלויב איך אַנגריקאל! האט אַנזשעלעס מוטטער פריינדליך געאַנטווערט.

— שאַדע, דאס אייער ליעבע שוועסטער איז יעטצט ניט געקומען, האט אַנזשעלאַ געזאגט צו אַנגריקאל.

— מאַיע? יאַ, מיר פערדריסט דאס אויך... דאס מאַכט אָבער ניט אויס, זי וועט אַנ'אַנדער מאל זיין ביי אייך.

אַנזשעלאַ האט אַ קוש געטהון די מוטטער אונז איז געאַרמט מיט אַנגריקאל'ן אַרויסגעגאַנגען פון צימער.

— אַז איך בין געקומען צופאהרען פון דער פּראָווינץ אַהער און האָב ערזעהען דיזעס שאַנע הויז, בין איך איבערראַשט געוואָרען, האט די יונגע מיידעל געזאגט. ווען איהר וואָלט וויסען ווי אָרעם און געדריקט עס לעבען די אַרבייטער אין די פאַבריקען פון פּראָווינץ... עס איז שרעקליך צו צוזעהן!... איך אַליין האב אויך פערזוכט פון דעם לעבען... דאַ אָבער זיינען אַלע אַרבייטער זאַ גליקליך און צופרידען!.. מיר דאַכט זיך אַלץ אַז איך זעה דאס אין חלום... ווען איך פרעג די מוטטער וועגען דעם, אַנטווערט זי מיר: „דער הערר אַנגריקאל וועט דיר שוין אַלעס ערקלערען"?

איך בין העכסט צו פרידען, דאס איך דאַרף אייך ערקלערען וואָרום אונזערע אַרבייטער לעבען אַזוי גליקליך. דאס איז גלייך ווי איך

וואלט איך זאגען: די ארבייטער זיינען דא אזוי גוט פערזארגט, דאס זיי קענען זיך ערלויבען נאך א גראסערען גליק אויך... אויסצוקלייבען זיך א בעגלייטערין אין לעבען. דא האט ער שוין קיין מורא ניט צו פעראייניגען זיין ארעמקייט מיט א צווייטער ארעמקייט...

אנזשעלא האט אראבגעלאזען די אויגען און איז עטוואס רויטה געווארען.

— דאנקענד אונזער'ן פרינציפאל, לעבען מיר דא אלע גליקליך און קענען דענקען פון פאמיליענלעבען, ניט מורא האבענדיג, דאס די ליעבסטע... װעלען נאכהער דארפען שרעקליך ליידען. מיט איינעם ווארטע, עס איז זעהר לייכט איך צו דערווייזען, דאס היער איז קיין נארישקייט... צו ליעבען און דאס קליגסטע איז... צו הייראטהען!

— קומט... עס איז שוין... צייט... צו... געהן? האט אנזשעלא פערשעמט געזאגט.

— מיר געהן שוין, אנזשעלא, האט אגריקאל צופרידען געאנטווערט, און מיט די ווערטער זיינען זיי ביידע ארויסגעגאנגען אויפ'ן הויף.

אגריקאל האט איהר געוויזען אלע וואהנונגען פון די ארבייטער, די אללגעמיינע קיך צום קאכען און באקען, און א סטאלאווע, וואו אלע ארבייטער עססען, א מאסטערסקאיע (ווארשטאט) צום וועש נייען, א אפטהעק מיט א האספיטאל פיר קראנקע און א ביבליאטהעק מיט ביכער צום לעזען.

— ווי גוטהארציג, גראסמוטהיג און רייך מוז זיין דער הערר הארדי, ווען ער איז אין שטאנד זא פיעל גוטעס צו טהון! האט אנזשעלא פון

גרויס פערוואונדערונג געזאגט.

— איך זאג אויך דאסזעלבע, דאס דער הארדי איז ווירקליך דער בעס־טער מענשענפריינד אין דער וועלט! ער טהוט גוטעס צוליעב גוטעס, אבער ניט אויס אייגעננוטץ. שטעלט זיך אבער פאר, ווען ער זאל אפילו זיין דער ערגסטער עגאיסט... וואלטען איהם פונדעסטוועגען די טובות, וואס ער טהוט מיט אונז, געבראכט פיל רוח!

— איז דאס מעגליך? ווען איהר זאגט דאס גלויב איך אייך, דאך... אויב טהון גוטס ברייננט ווירקליך נוטצען, פאר וואס געפינען זיך אויף דעם וועניג בעלנים?

— ווייל עס גיבט זעהר זעלטען, דאס אין איין פערזאן זאלען זיך פעראייניגען די 3 וויכטיגע מעלות: וויסען קענען און וועלען.

— א, יא! דער גרעסטער טהייל וואס ווילען קענען ניט און וויסען ניט!...

— און די וואס קענען שוין יא ווייסען ניט און ווילען ניט!...

— ערקלערט מיר אבער, הערר אגריקאל ווי אזוי ברייגגען פארט דעם העררן הארדי די טובות, וואס ער טהוט מיט זיינע ארבייטער, זא פיעל נוטצען?

איך וועל דאס אייך ערקלערען! שטעלט זיך פאר: דער הערר הארדי איז ניט דאס וואס ער איז, זאנדערן א געוועהנליכער געשעפטס־מאנן; קלערט נור וועגען זיך זעלבסט ווי רייכער צו ווערען אום צו פערגרעסערען די געשעפטען און ער אליין זאל נור הנאה האבען פון דער וועלט. דאן וואלט ער צו זיך אזוי זאגען: „אום ווירקליך צו מאכען

גוטע געשעפטען, דארף איך נעהמען א גוטען פרייז פיר מיינע וואארע (סחורה), פערברויכען וואס וועניגער רויען מאטעריאל די ארבייטער זאלען פלייסיג ארבייטען; מיט איינעם ווארטע, די וואארע זאל מיר קאסטען בילליג, אבער זי זאל זיין געמאכט פרימא דע פרימא, כדי איך זאל קענען נעהמען גוטע פרייזען".

— געוויס, דאס איז גאר, וואס יעדער פאבריקאנט קען פערלאנגען.

— דאריבער וואלט דער הערר הארדי, זיך אזוי בערעכנען: „מיינע ארבייטער וואהנען זעהר וייט פון פאבריק און צוליעב דעם מוזען זיי זעהר פריה אויפשטעהן; פון ניט דערשלאפען ווערען זיי אבגעשוואכט; אויסערדעם ליידען זיי קאלט און קומען אין פאבריק אויסגעווייקטע פון רעגען און שנעע. איידער זיי נעהמען זיך צו דער ארבייט געהט אוועק פיעל צייט און די ענערגיע געהט פערלארען... וואס פיר אנ'ארבייט קען מען שוין דאן ערווארטען פון זיי?

— דאס איז גאנץ ריכטיג. איך געדענק ווי איך אליין פלעג זעהר אפט קומען אין פאבריק א פערפרוירענע און אויסגעווייקט פון רעגען.

— אונזער פאבריקאנט וועט זיך געהן מיט זיין רעכנונג ווייטער: „ווען מיינע ארבייטער וועלען אבער האבען וואהנונגען אין פאבריק, וועט שוין דאן זיין אנ'אנדער זאך, לאמיר אויסרעכנען: א בעווייבטער ארבייטער צאהלט אין פאריז פאר א שלעכטע וואהנונג אויף א פינס-טערער שמוטציגער גאס 250 פראנק יאהרליך. זיין גאנץ לעבען איז זא פערביטערט און פערפינסטערט, דאס ניטוויללענדיג ווערט ער אויסגע-מאגערט און אבגעשוואכט. וואס קען שוין אזא מענש אויפטהון? די אונבעווייבטע לעבען ניט בעססער פון זיי; פאר א וואהנונג צאהלען זיי 150 פראנק; הייסט דאס, אז מיינע 146 ארבייטער בעווייבטע און 115 אונבעווייבטע בעצאהלען יאהר יאהרלין: ס"ה 50 טויזענד פראנק.

דאס הייסט 5% פון אגאנצען מיללִיאן. אום זיי זאלען פערלאזען אין פאריז זייערע שמוטציגע נאסע וואהנונגען, וועל איך זיי בעססער געבען פאר העלפט געלד ליכטיגע און ריינע וואהנונגען ביי מיר אין פאבריק, זא דאס ס"ה וועט עס זיי אלע קאסטען ביז 26 טויזענד פראנק יאהרליך. דאס הויז מיט וואהנונגען פיר אלע ארבייטער וועט מיר קאסטען ס"ה 500 טויזענד פראנק. הייסט דאס, אז איך וועל האבען זיכערע ...ח 5%, און די דירה געלד וועל איך צו אלער צייט קענען בעקומען פון זייער געהאלט. שוין ניט רעכענענדיג, דאס מיינע ארבייטער וועלען קומען אין פאבריק קראפטיגע און אויסגעשלאפענע.

— יעטצט, העדר אגריקאל הייב איך אן צו פערשטעהן, דאס מען קען ווירקליך טהון ...טעס אוים איינענונ...ץ!

— עס איז קיין צווייפעל, דאס יעדעס געשעפט קען גלאנצען און זיין גוט, ווען עס ווערט נור געגרינדעט אויף עהרליכקייט און מיט שכל. יעטצט לאמיר זיך אומקערען צוריק צו אונזער פאבריקאנט און מיר וועלען הערען וואס ער קלערט ווייטער: „דער ענגלישער ארבייטער, וועלכער עסט פלייש און טרינקט גוטען ביער, טהוט אויף אין זיין ארבייט צוויי מאל מעהר, אלס דער פראנצאזישער, וואס ערנעהרט זיך מיט מאגערע שפייזען. אויף אזא ארט, ווען מיינע ארבייטער וועלען גוט עססען, וועלען זיי בעססער ארבייטען; ווי מאכט מען אבער, דאס זיי זאלען גוט עססען און איך זאל פון אייגען טאש ניט צולייגען קיין געלד? גאר איינפאך: אזוי ווי ביי די זעלנער אדער אין די פאנסיאנען ווערט דאס געלד, וואס יעדער דארף פערברויכען אויף זיין מיטטאג, צוזאמענגעלייגט אין איינעם, זא וועל איך עס מאכען. אנשטאט 260 בעזאנדערע מאגערע מיטטאגלעך, וועלען מיינע ארבייטער האבען איין גרויסען פרישען און געשמאקען מיטטאג. צום פערפערטיגען דאס עססען וועט זיין גענוג 3 פרויען און עטליכע קינדער פון די ארבייטער; האלץ, מעל, פלייש, וויין א. ד. ג. וועל איך קויפען ...טאם (אנגל

און דאס וועט אויסמאכען א סך ביליגער. איך זעלבסט קען צו דעם גאר ניט צו לייגען, ווייל מיין געלד וועל איך אלע מאל קענען אבי־רעכענען פון זייער געהאלט. בהמות אויף פלייש וועלען מיר קויפען לעבעדיגע און ברויט באקען אין אונזער אייגענער פעקארניע. מיט איינעם ווארטע, פאר א קראנק א טאג וועט יעדער ארבייטער האבען זאט און גוט צו עססען".

— דער חשבון איז ריכטיג און עס איז איהם זעהר לייכט צו פערשטעהן, הערר אגריקאל!

— דאס איז נאך ניט איננאנצען; אונזער פאבריקאנט געהט מיט זיין רעכנונג ווייטער: „יעטצט האבען מיינע ארבייטער גוטע וואהנונגען און פרישע קרעפטיגע ביליגע שפייזען, לאמיר זיי אויך פערזארגען מיט קליידונג. קויפענדיג גאנצע שטיקער טוך אין פאבריק, קען מען מיט דער הילפע פון עטליכע פרויען און טאכטער פון די ארבייטער אויפנייען וועש און קליידער פאר זעהר א ביליגען פרייז; דאסזעלבע, ווען מען זאל מאכען גרויסע בעשטעללונגען ביי די שוסטער און קירז־נער, וועט אויך זיין א העלפט איינגעשפארט"... ווי דענקט איהר. פריילין אנזשעלא, זיינען די חשבונות פון אונזער פאבריקאנט ריכטיג?

— עס איז שווער צו גלויבען, דעננאך קומט דאס אויס אזוי ריכטיג און איינפאך!

— געוויס... עס קען גאר איינפאכער ניט געבען ווי צו טהון גו־טעס... פערגעססט ניט, פריילין אנזשעלא, דאס אונזער פאבריקאנט טהוט דאס אלץ נור צוליעב זיין אייגענע טובה... גאר ניט קלערענ־דיג פון ברידערשאפט און, דאס מען דארף העלפען דעם צווייטען אין נויט; ער וויל גאר ניט וויססען, דאס פערבעססערענדיג די לאגע פון די ארבייטער, פערבעססערט ער מיט דעם זייער כאראקטער און לערנט זיי אב פון שעדליכע געוואהנהייטען... ער וויל גאר ניט

פערשטעהן, דאס דער שטארקער מוז העלפען דעם שוואכען און סוף כל סוף: „יעדער עהרליכער מאנן, וואס וויל נור ארבייטען, האט רעכט צו פאדערן ארבייט און פיעל ער ברויכט צום לעבען"... גיין, אונזער פאבריקאנט האַרט דאס גאר ניט; איהם פעהלט דאך ניט... די ארבייטער?.. זיי זיינען אבער נור ארבייטער... ער געהט מיט זיין גאנג, דאס ער דארף נור פערדיענען, און ווירקליך דער קאפיטאל מיט וועלכען ער האט פערבעססערט די לאגע פון זיינע ארבייטער טראגט איהם 5%.

— דאס איז גאנץ ריכטיג.

— וואס וועט איהר שוין זאגען, ווען איך וועל אייך דערווייזען, דאס עס לאהנט אפילו אונזער פאבריקאנט צו געבען זיינע ארבייטער אויך א טהייל פון זיין רוח.

— מיר דאכט, אז דאס איז שווער צו דערווייזען.

— מיר וועלען אלץ געהן מיט דעמזעלבען גאנג פון אונזער פאבריקאנט: „יעטצט זיינען מיינע ארבייטער, כדי זיי זאלען קענען מעהר ארבייטען, פערזארגט אויפ'ן בעסטען ארט. ווי פערגרעסערט מען אבער דעם רוח? מאכען בילליגע וואארע און טהייער פערקויפען? פאבריצירען בילליגע וואארע איז נור מעגליך, ווען מען זאל וואס וועניגער פערברויכען רויען מאטעריאל, גיך און גוט מאכען. אלזא ווי טהוט מען פארט אז די ארבייטער זאלען זיך סטארען איינצושפארען מאטעריאל און יעדער אין זיין ספעציאלנאסט זאל מאכען גוט און מיט א בילליגען מיטעל? אום צו נעהמען גוטע פרייזען פאר די וואארע, מוז זי זיין גוט געמאכט. מיינע ארבייטער ארבייטען גוט, דאס איז אבער וועניג, זיי מוזען ארבייטען ווי צום בעסטען.

— איך פרעג אייך, הערר אגריקאל, וואס [illegible] א אינטערעס קע־האבען דער ארבייטער צו מאכען די ארבייט נאך בעסער, ווען [illegible] האט איהר שוין געמאכט גוט?

— אט אין דעם טאקי, פריילין אנזשעלא, בעשטעהט די גאנצע פראגע, „וואס קען דאס זיי אינטערעסירען” ? דאריבער בעקלערט זיך דער פאבריקאנט אזוי: „ווען די ארבייטער אבער וועלען זיין „פעראינטערעססירט” אין איינשפארען רויען מאטעריאל, ווען זיי וועלען זיין „פעראינטערעססירט” אין ארויסגעבען גוט און שנעלל די ארבייט מיט בילליגע און גוטע מיטלען, דאס הייסט אז זיי אליין טאקי זאלען אויך האבען פון דעם נוטצען, דאן וועל איך מיין ציעל גענויס ערהייכען. אלזא איז דער בעסטער מיטעל איך זאל זיי געבען א טהייל פון מיין רוח; אויף אזא ארט וועלען זיי אליין זיך שוין סטארען דאס זייערע איינקינפטע זאלען גראסער ווערען.

— יעטצט, הערר אגריקאל, פערשטעה איך שוין !

— און אונזער פאבריקאנט טאקי האט קיין טעות געהאט אין זיין רעכנונג. נייל פריהער פלעגט דער ארבייטער, בעפאר ער האט בעקומען א טהייל פון רוח, צו זיך זאגען: „עס לאהנט מיר טאקי צו האררעווען איבער די קראפטען פאר מיין פרינציפאל, וואס פאר א נוטץ וועל איך פון דעם האבען, אז איך וועל זיך שוין סטארען ? וואס פאר א צאלונג אזא ארבייט”. יעטצט אבער אז דער ארבייטער בעקומט א חלק פון זיין פרינציפאלס פערדיענסטען, לאהנט איהם שוין צו זיין פלייסיגער און עקאנאמישער אין מאטעריאל; דאריבער ניט גענוג וואס יעדער סטארעט זיך אויפצוטהון מעהר ווי אלע מאל, גיט ער נאך אכטונג אויפ'ן צווייטען: ווי נאר יעמאנד שטעהט אב פון דער ארבייט אדער אונאויפמערקזאם ארבייטעט, האט יעדער רעכט איהם צו זאגען: „ברודער, מיר ליידען אלע צוליעב דיין פוילקייט און אונפארזיכטיגקייט, עס טויג ניט אזוי”.

„אנשטאט אויסצוקלערען נייע מיטלען אין דער מלאכה, רעדט צו זיך דער פאבריקאנט ווייטער, אנשטאט צו מאכען ערפינדונגען און פערבעססערונגען, בלייבען זאגאר די בעסטע בעלי מלאכות איינגעשלא-

פען, ארבייטען אב זייער גאנצעס לעבען ווי מאשינען אן נשמות און אן פערשטאנד. דער היזק פון דעם איז זעהר גרויס. עס איז קיין צווייפעל, דאס א פלייסיגער, ענטוויקעלטער האנדווערקער, וועלכער הארעוועט אב זיין גאנצעס לעבען אויף איין מלאכה, מוז זיך אין דער מלאכה פון טויזענד מיטלען אויסקלויבען איינעם, ווי צו ארבייטען גיכער אדער בעססער; איך וועל פרובירען גרינדען א־ראטההויז, וואו די ווערקפיהרער און די בעסטע ארבייטער פון מיין פאבריק וועלען זיך קענען בעראטהען וועגען זייער ארבייט אין יעדער הינזיכט. איך בין זיכער, דאס ווי באלד זיי האבען נור א טהייל אין מיינע פערדיענסטען, וועלען זיי שוין מיט אלער מאגליכקייט זעהען איינצופיהרען אין מיין פאבריק נייע נוטצליכע מיטלען צום פאבריצירען בעססערע וואארע"... און דער פאבריקאנט וועט טאקי גאר קיין חרטה קריגען אויף דעם. פון גרויס פערוואונדערונג איבער די פיעלע נייע נוטצליכע ערפינדונגען, וואס די ארבייטער האבען איהם יעטצט געמאכט וועט ער אויסשרייען: „גזלנים! פאר וואס האט איהר מיר דאס פריהער ניט געזאגט, איהר וואלט דאך מיט דעם מיר איינגעשפארט א העלפט געלד און צייט"? — „בעל הבית, וועט איהם אנ'ארבייטער אנטווערען, וואס וואלט איך האבען פון דעם, ווען איהר וואלט שוין איינגעשפארט אי געלד, אי צייט? יעטצט איז אבער גאר אנ'אנדער זאך: אויסער מיין געהאלט בעקום איך א טהייל פון אייערע פערדיענסטען; איהר בעגעהט זיך מיט מיר ברידערליך און איהר בעראטה זיך מיט מיר ווי מיט א קאמפאניאן; אויף אזא אויפ'ן בין איך מחויב און מיין אייגענע נוטץ פאדערט שוין איך זאל אייך ענטדעקען אלעס וואס קען נוטצליך זיין אין מיין מלאכה און בריינגען נוטצען דער פאבריק און אייך"! און דאן, פריילין אנזשעלא, וועלען אונזער פאבריקאנטס ווארשטאטען ווערען די פראכטפאללסטע און וועלען דיענען אלס ביישפיעל פיר פיעלע אנדערע פאבריקאנטען. — יעטצט לאמיר נעהמען א פאבריקאנט, וואס

זאל דאס אלעס טהון ניט פון אייגענוטץ נור פון גוטען הערץ אונ מיט שכל. ער זאל זארגען ניט נור וועגען מאטעריאלישען צושטאנד פון די ארבייטער, אבער אויך וועגען זייער מאראלישעס לעבען, זיך בעמיהען צו ענטוויקלען זייערע פעהיגקייטען, אויסעדלען זייער חאראקטער אונ בילדען זייערע זיטטען; ווען דיזער מאנן זאל די 300 ארעמע ארבייטער נעהמען אונטער זיין שוטץ, ווען ער זאל זיי בעהאנדלען ווי זיינע אייגענע ברידער, ווען ער ז״ל אין זיי ערוועקען ליעבע צו בילדונג אונ קינסטלעריי, ווען ער זאל קענען זיי גליקליך מאכען, זיי זאלען שטאלצירען מיט זייער פאך אונ זיין צופרידען מיט זייער לאגע. וועלכע אנדערע פערשילטען פון פערצווייפלונג... דאן... וואלט דיזער מאנן, פריילין אנזשעלא... דיזער... אך מיין גאטט! אט איז ער אליין... זעהט... אט איז ער... דער הערר הארדי!

אין דער מינוט איז ווירקליך אין הויף אריינגעפאהרען הערר הארדי מיט זיין בעסטען פריינד בלעססאק, וועלכער האט איהם שאנדליך בעטראגען.

באלד נאכדעם האט מען אויפ׳ן וועג פון פאריז געזעהען פאהרען א קארעטקע; אין איהר איז געזעסען ראדען.

VIII.

דער אונגליקליכער פאבריקאנט.

הארדי איז מיט זיין פריינד אריינגעגאנגען אין וואהנונג.

הארדי איז געוועזען פון הויכען געוואוקס אונ פון זעהר סימפאטישען אויסזעהען.

הערר בּלעססאק איז אַ לאַנגע צייט ווערטה געווען האַרדי׳ס בּרידער־ליכע פריינדשאַפט. ענדליך אָבער האָבען אַבּאַט העגריני און ראָדען איהם געמאַכט פאַר אַ יעזואיט און איהם בּענוצט צום אויספיהרען זייערע שרעקליכע פּלענער.

בּיידע גוטע פריינד זיינען געזעסען אין זאַל געגען קאַמין און האָבען געהאַלטען צווישען זיך אַ געשפּרעך.

— איהר ווייסט ליעבער מאַרסעל, האָט האַרדי געזאָגט, דאָס וואָס אַ טאָג ווייטער און ווייטער ווערט בּיי מיר שטאַרקער די ליעבּע צו מאַרגאַריטען.

— עס איז קיין וואונדער, ווען אייערע בּיידענס כאַראַקטערען זיינען כּמעט גלייך.

— דאָס איז ריכטיג, מאַרסעל... איך פירכטע אָבער זי זאָל ניט אַוועקפאָהרען...

— איהר האָט ניט וואָס מורא צו האָבען. איהר מוטטער האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו קלערען וועגען די רייזע נאָך אַמעריקאַ, וואו דער הערר נאַזי האָט זיך, ווי עס ווייזט אויס, בּעזעטצט אויף אימער און אינגאַנצען אויפגעהערט צו אינטערעסירען זיך וועגען זיין פרוי...

אינדעם איז אין זאַל אַריין אַ דינער און האָט געמעלדען הערין האַרדי, דאָס יעמאַנד האָט נייטיג מיט איהם צו שפּרעכען.

— בּעט אַריין דיזען הערין אַהער! האָט האַרדי געזאָגט צום דינער.

דער דינער איז אַרויס און אַ מינוט נאָכדעם האָט ער אַריינגעפיהרט אין זאַל ראָדענען.

— דער הערר האַרדי? האָט דער יעזואיט געזאָגט, ניט וויססענדיג צו וועמען ער זאָל זיך דאָ ווענדען.

— דאָס בּין איך, האָט האַרדי געענטווערט.

— איך האָב אייך, גנעדיגער הערר עפּיס וואָס צו זאָגען.

— איהר קענט רײדען־דיזער הערר איז מיין פריינד, האָט

האַרדי געאַנטוואָרט.

— איך האָב אָבער געוואָלט ריידען מיט אייך אונטער פיר אויגען האָט ראַדען ווידער געזאָגט.

בלעססאַק האָט שוין געוואָלט אַרויסגעהן, נאָר האַרדי האָט איהם געהייסען בלייבען.

— עס מאַכט ניט אויס, האָט האַרדי בעמערקט, איהר קענט ריידען אין זייער געגענוואַרט; איך האָב פון זיי קיין סודות.

ראַדען האָט ווי פערוואונדערט געצוקט מיט די אַקסלען

איך בין געקומען אַלס עהרליכער מאַנן אייך טהון אַ טובה, האָט ער געזאָגט.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ טובה

— איך וויל אייך דערווייזען, דאָס איהר זייט געוואָרען אַ קרבן פון אַ שרעקליכען בעטריגער.

— מיר דאַכט זיך, מיין הערר, דאָס איהר האָט אַ טעות.

— איך קען דאָס ריכטיג דערווייזען.

— מיט וואָס קענט איהר דאָס דערווייזען ?

— מיט בריעף, האָט ראַדען רוהיג געאַנטוואָרט; אַ מאַנן, וועלכען איהר האָט געהאַלטען אונ האַלט יעטצט אויך פיר דעם בעסטען גוטען פריינד, האָט אייך שאַנדליך בעטראָגען!..

— ווי רופט מען דיזען מאַנן ?

— מאַרסעל בלעססאַק.

ביי דיזע ווערטער איז בלעססאַק שרעקליך בלאַס געוואָרען אונ האָט קוים אויסגערעדט: מיין הערר!..

האַרדי אָבער האָט איהם גענומען פאַר'ן האַנד אונ שנעלל געזאָגט: שאַ, שווייגט, מיין פריינד! אונ ווענדענדיג זיך צו ראַדען, האָט ער מיט אַ שפּאָטישען טאָן געזאָגט: אַה! זיי בעשולדיגען דעם העררן בלעססאַק, קאָנט איהר איהם אָבער ?

— איך קאן איהם ניט, נאר איך האב פון איהם בריעף; מיט די װאָרטער האט ער ארויסגענומען פון טאש א בריעף און האט דערלאנגט הארדי'ן.

דאן האט שוין הארדי גאר אנדערש א קוק געגעבען אויף זיין פריינד.

— מארסעל! האט דער פאבריקאנט, אבשפרינגענדיג אויף עטליכע טריט א היבשער, אויפגעשריען, — וואס איז אייך? ווי בלאס איהר זייט!.. איהר ענטווערט ניט...

— אזוי, איז דאס הערר בלעססאק? האט ראדען בנעמות געפרעגט.

— הערט איהר דען ניט מארסעל, וואס דיזער מאנן רעדט? האט הארדי שטיל געזאגט, ער בעשולדיגט דאך אייך, דאס איהר זייט א בעטריגער. און זאגענדיג דאס, האט ער בלעססאקן אנגענומען פאר'ן האנד. זי איז געוועזען קאלט ווי אייז.

— מיין גאטט, איהר ענטווערט ניט!..

— אזוי ווי איך האב געזעצט די עהרע זיך צו זעהען פערזאנליך מיט'ן הערר׳ן בלעססאק, האט ראדען ווייטער געזאגט, פרעג איך איהם: צו קען ער גאר אבלייקענען, דאס ער האט ניט געשיקט עטליכע בריעף אויף מילע-הע-אורסין גאס צום הערר׳ן ראדען?

בלעססאק האט געשוויגען.

אום זיך איבערצוצייגען דאס ראדען זאגט ווירקליך אמת, האט הארדי אויפגעעפענט דעם בריעף און האט איבערגעלעזען נור איינינע צייל׳ען. עס איז גענוג געוועזען זיך צו איבערצייגען, דאס בלעססאק האט איהם שאנדליך בעטראגען.

— נידערטראכטיגער! האט ער אויסגעשריען, א קוק געבענדיג מיט פעראכטונג אויף זיין געוועזענעם פריינד, און ווענדענדיג זיך צו ראדען, האט ער צוגעגעבען: איך דאנק אייך, מיין הערר, וואס איהר האט

דערוויזען די נידערטראכטיגקייט פון דיזען פאדלעץ! אונ...

אינדעם האבען זיך פון הינטער דער טהיר געהערט עטליכע שטימען אונ באלד נאכדעם איז אין זאל אריין א בעיאהרענטע פרוי.

— מאדאם דיונואר! האט הארדי געשווינד צולויפענדיג צו דער פרוי האסטיג געפרעגט, וואס האט פאססירט?

— א גרויסעס אונגליק, האט די פרוי אומעדיג געאנטווערט.

— מארגאריטע? האט הארדי מיט א הערצרייסענדער שטימע אויסגעשריען.

— זי איז אוועקגעפאהרען...

— אוועקגעפאהרען! האט הארדי האסטיג איבערגעחזרט, מארגאריטע איז אוועקגעפאהרען!

— די מוטטער האט זיך פון אלעם ערוואוסט אונ 3 טאג צוריק איז זי אוועקגעפאהרען מיט איהר!

— איז מארגאריטע... אוועקגעפאהרען... דאס איז ניט אמת, מען נארט מיך! האט הארדי ווי א וואהנזינניגער געשטאמעלט, אונ מיט די ווארטער איז ער ארויסגעלאפען פון זאל.

נעבען פאדיעזד האט אויף בלעססאקען געווארט א קארעטע. הארדי האט זיך געשווינד אריינגעזעטצט אין איהר אונ האט א געשריי געטהון צום קוטשער:

— וואס גיכער פאהר... איז פאריז!..

די קארעטע איז שנעלל אוועקגעפאהרען מיט'ן וועג וואס פיהרט נאך פאריז.

— עס געהט אלעס ווי געשמירט, האט ראדען צו זיך גערעדט, ארויסגעהענדיג פון הארדי'ס וואהנונג, יעטצט בלייבט נור איבער דעם פרינץ דזשאלמא אריינצושדכנען מאחראווע ראזע (צעפיזעס א חברטע).

אינדעם האבען זיך פון ווייטען געהערט שרעקליכע קולות אונ א געזאנג.

ראדען האט זיך צוגעהערט און זעטצענדיג זיך אין קארעטע, האט ער צו זיך געמורמעלט: אונזער געעהרטער קארעספאנדענט ישעיהו וואנדאיעל איז יעטצט גאר ניט חושד, דאס די וועכסלען, וועלכע ער האט פון באראן טריפא, זענען קוראנט.

ביי די ווארטער האט ער געהייסען דעם קוטשער פאהרען נאך פאריז.

א האלבע שטונדע נאך ראדענס אוועקפאהרען זיינע פיעלע ארבייטער פון באראן טריפאס און אנדערע פאבריקען און אויך פיעלע איינוואהנער פון די ארומיגע דארפער בעפאלען הארדי'ס פאבריק. צום אונגליק זיינען כמעט אלע ארבייטער אוועק אין שטאדט און די איבעריגע וואס זיינען געבליבען אין פאבריק האבען זיך ניט געקענט שטעלען אויפ'ן פלאץ געגען 200 מאנן שכורים, וועלכע זיינען בעפאלען ווי ווילדע חיות, אום צו פערגיסען זייערע ברידערס בלוט דערפאר וואס זיי לעבען בעססער ווי זיי און וויל זייער פרינציפאל איז א גוטער מענש... זיי האבען צובראכען אלע שויבען אין די וואהנונגען, די בעסטע מאשינען אין פאבריק און אלעס וואס איז נור מעגליך געווען האבען זיי צוגנבעט. אין דיזען געשלעג האט גענעראל סימאנס פאטער בעקומען מיט א שטיין אין קאפ און איז באלד אויף אנ'ארט געשטארבען. איבערהויפט האבען זעהר פיעל געארבייט ראדענס אגענטען. ענדליך האבען זיי אונטערגעצונדען די פאבריק...

. . . .

עס איז געווארען נאכט. די לבנה האט העלל געשיינט אין בלויען הימעל און עס האט געבלאזען א קאלטער, שטארקער שטורמווינד. אין פעלד איז געגאנגען א מאנן. דאס איז געוועזן דער העררר הארדי; ער איז געגאנגען פון פאריז צופוס.

מען האט איהם ניט אבגענארט: די פרוי, וועלכע ער האט שטארק

געליעבט, איז ווירקליך אוועקגעפאהרען נאך אמעריקא און האט אויף אימער פערלאזען פאריז. די מוטטער האט איהר אפילו ניט ערלויבט אנצושרייבען פאר׳ן אוועקפאהרען עטליכע ווערטער צו דעם מאנן, פאר וועלכען זי האט אלעס געאפפערט.

ביי וואס איז ער יעטצט געבליבען?

... און זיין רוהיגער היים, וואו הונדערטער ארבייטער האבען גליק־ליך געלעבט און געבענטשט זיין נאמען!...

געהענדיג איז הארדי ארויף אויף א בארג; אין דער צייט האט שוין געברענט דאס הויז מיט די וואהנונגען פון די ארבייטער און גאנצע שטיקער פלאמען פייער מיט רויך האבען זיך ווי שלאנגען מיט א שרעקליכער קראפט געצויגען צום הימעל. הארדי׳ן איז פינסטער גע־ווארען אין די אויגען קוקענדיג אויף דיזע קארטינע; פלאצליך האט א גרויסע פלאם פייער זיך ארויסרייסענדיג דורכ׳ן געדיכטען רויך בע־לויכטען דעם גאנצען הימעל און די גאנצע געגענד מיט׳ן בארג, אויף וועלכען איז געשטאנען דיזער אונגליקליכער מאנן...

IX.

די ליעבע.

עטליכע טאג נאך דער שרפה אין הארדי׳ס פאבריק, איז אנדריענע געזעסען מיט׳ן גראף מאנבראן ביי זיך אין קאבינעט.

— ווארום זייט איהר זא אומעדיג, ליעבער גראף? האט אנדריענע געפרעגט.

— צוליעב איך מיין ליעבעס קינד, האט דער גראף געאנטווערט.

— צוליעב מיר ? האט אנדריענע פערוואונדערט געפרעגט.

— יא... זאגט מיר אבער, וואס זייט איהר עפים היינט אזוי פערקימערט... איהר האט געווים קרענקונג ?

— ליבער גראף! אלע מאל טרעפט איהר, נאר דיזעס מאל האט איהר גראדע ניט געטראפען... איך זאג אייך אפען, דאס איך בין נאך קיין מאל זא פריילין ניט געוועזען, ווי היינט גאר אזוי! ?

- יא! איך בין יעטצט גליקליך, ווייל איך בין פאלקאם פריי...

— איהר זאגט אפילו, דאס איך האב היינט ניט געטראפען, נאר איך מוז אייך זאגען אפען, דאס איהר מוזט זיין פערליעבט... איך וואלט זיך קיין מאל ניט ערלויבט אייך דאס צו זאגען, ווען עס וואלט זיך ניט האנדלען וועגען לעבען אדער טויט פון ארעמען פרינץ, וועלכען איך ליעב ווי א אייגענעם זוהן.

— עס קומט מיר פאר זעהר זאנדערבאר, דאס מיינע ליעבע זאל דעם פרינץ פערשאפען שמערצען, האט אנדריענע איראניש געאנטווערט. וואס קען דאס איהם אינטערעסירען אויב איך ליעב יא, אדער ניט ?

— וואס קען דאס איהם אינטערעסירען ?.. דאס איז א צו הארטע פראגע, מיין ליעבעס קינד. דער פרינץ איז פערליעבט אין אייך און האט שוין צוויי מאל זיך געוואלט נעהמען דאס לעבען און איהר וואונדערט זיך, דאס אייער ליעבע פערשאפט איהם זא פיעל שמערצען!..

— ליעבט ער דען מיך ? האט אנדריענע איבערראשט געפרעגט.

— ווי דאס גאנצע לעבען.

אנדריענע איז רויטה געווארען און באלד נאכדעם בלאס און איז אהנמאכטיג געבליבען זיטצען.

— ניין גאטט! וואס איז אייך ? האט מאנבראן ערשראקען גע־פרעגט.

— איז דאס ווירקליך וואהר, וואס איהר האט געזאגט, האט אנדריע-
נע שטיל געזאגט.

— מען ליעבט אייך מיט אלע קראפטען.

— וואס רעדט איהר? און די פרוי? האט אנדריענע קוים אויס-
גערעדט.

— וועלכע

— די, וועלכע איז געוועזן די אורזאכע פון דיזעם קוממער?

— אויסער אייך, האט ער וועגען קיינעם ניט געקלערט און דיזע פרוי
זייט איהר דאס אליין.

— איז וועניגסטענס וואהר וואס איהר זאגט?

— איך שווער אייך ביי מיין עהרענווארט..

— מיר אבער האט מען פערקערט געזאגט..!

— ווער?

— ראדען.

— דאס דזשאלמא!!?

— האט זיך שטארק פע.יעבט אין א פרוי נאך דעם ווי ער האט
מיך דאס ערשטע מאל געזעהען.

— ראדען האט דאס אייך געזאגט! האט דער גראף איבערראשט אויס-
געשריען, און ער האט אויך דעם פרינץ געזאגט, דאס איהר זייט אין
יעמאנד פערליעבט.

איך!

און צוליעב דעם טאקי האט דער פרינץ געוואלט זיך געהמען דאס
לעבען...

— דאס עבען האט מיך אויך געבראכט צום צווייפעל.

— אלזא ליעבט איהר איהם, ווי ער ליעבט אייך?

— אויב איך ליעב איהם!?..

אינדעם איז אין צימער אריין פלארינע און האט געזאגט: דער

הערר ראדען איז געקומען, זאל איך איהם אריינפיהרען אהער?

— יא, יא! האט דער גראף מאנבראן פאר אנדריענען געאנטווערט... איהר זאלט איהם גלייך אהער אריינפיהרען... שטימט איהר איין אויף דעם? האט ער זיך צו אנדריענען געווענדעט.

— יא, האט אנדריענע געאנטווערט און איהרע אויגען האבען געפינקעלט ווי פייער.

אך, איז דאס אנ'אלטער פלוט! האט דער גראף מאנבראן בעמערקט, זיין פרומעס פנימ'ל איז מיר שוין פון לאנג ניט געפעהלען.

X.

געבאך גאר אונשולדיג.

ראדען איז אריין אין צימער און האט באלד בעמערקט, דאס ער וועט דא האבען קאלט און וואַרם.

— און אט זייט איהר, בעל טובה, האט דער גראף מיט א שפּאַטישען טאן געזאגט.

— גוט מארגען אייך, פילאזאף און שרעקליכער פיינד פון פאלשקייט און בעטריגעריי!.. האט אנדריענע פון איהר זייט געזאגט

— איך מוז זאגאר צונעהמען פון אייך ניט קיין פערדינטע קאמפּלימענטען, האט דער יעזואיט שמייכלענד געאנטווערט. ערלויבט מיר אבער צו פרעגען פאר וואס קומט דאס מיר?

— דערפאר וואס איהר זייט אַ קלוגער מאנן, גנעדיגער הערר! האט אנדריענע געאנטווערט.

— און איך, מיין ליבער הערר, גיב אייך אב כבוד האט מאנבראן

צוגעגעבען, נור ווייל איהר זייט דער אמת אליין.

— מיט וואס האב איך דאס פערדיענט אזא כבוד פון אייך

— דערפאר וואס איהר האט געזאגט דעם פרינץ, דאס איך ליעב יעמאנד אונ האט זיך ניט מטריח געוועזן צו זאגען אז דיזער יעמאנד איז ער אליין.

— אונ דער פריילין קארדאוויל האט איהר ניט פערגעססען צו ענטדעקען, דאס דער פרינץ איז ליידענשאפטליך שוין פערליעבט אין איינע פרוי, האט דער גראף צוגעגעבען.

— איך פערשטעה דאס ניט, הערר גראף, האט ראדען מיט א היינעריגער שטיממע געאנטווערט, וואס קען דאס אינטערעסירען אזא אלטען ארעמען מאנן, ווי איך בין, צו מאכען אינטריגעס צווישען צווייא ליעבענדע.

— גענוג, גענוג פאטעריל! האט דער גראף מיט א פעראכטליכען טאן ערווידערט, איך זאג אייך, דאס איהר זאלט זיך ווייטער היטען צו טהון אזעלכע נידערטראכטיגע זאכען! ווייסט איהר דען ניט אז עס איז דא גענוג מיטלען צו בעשטראפען אזא אונפערשעמטען בעטריגער, ווי איהר זייט.

— מיין ליבער גראף! האט אנדריענע מיט פארוואורף געזאגט.

— איך פרעג אייך, הערר גראף האט ראדען תמ'עוואטע געזאגט, וואס פאר א טובה האט מיר געקענט ארויסקומען פון דעם.

— געווים, גאר א גרויסע טובה, האט דער גראף הארט געאנטווערט, אונ ווי איך זעה, זייט איהר פון די לייט, וועלכע האבען פון דעם צווייטענס אונגליק גרוים פרייד אונ נוטצען.

— דאס איז צו פיעל פאר מיך, הערר גראף, האט ראדען געזאגט. איך וואלט זיך בעגנוגען מיט נוטצען אליין.

— מיינט ניט, דאס איהר וועט מיך מיט אייער אונפערשעמטער קאלטבלוטיגקייט פערטומלען דעם קאפ, האט דער גראף ווייטער גערעדט.

ווער ווייס, אויב דאס איז ווידער ניט נייע שרעקליכע פלאנער פון דער פירשטין סענדיזע געגען דער פריילין קארדאוויל?

אנדריענע האט אויפמערקזאם געהערט דעם גראף; פלאצליך האט זי א ציטער געטהון, אוג ווי א נייער געדאנק וואלט איהר ארויפקומען אויפ'ן זינגען, האט זי זיך געווענדעט צו ראדען און מיט א רוהיגער, פעסטער שטימע געזאגט:

— מען זאגט, דאס א גליקליכע ליעבע טהוט וואנדער... און יעטצט הויב איך אן צו גלויבען אין דעם; דען אלס איך ערינערע מיך אן אלע אייערע טהאטען קומען זיי מיר יעטצט פאר גאר אין אנדערע פארבען.

— אין וועלכע, מיין ליעבע פריילין?!

— אום איהר זאלט עס גענוי וויסען, מוז איך אייך דערמאנען פון איניגע טהאטזאכען: מאיע, וועלכע איז מיר געווען מיט לייב און זעעלע איבערגעגעבען, האט אייך ניט געקענט ליידען און ניט איין מאל מיר געזאגט, דאס איך זאל זיך היטען פאר אייך... פלאצליך האט זי געהיימניספאלל פערלאזען מיין הויז, און דאס איז אפשר ניט אייער שולד, דאס איך האב אומזאנסט געדענקט וועגען איהר שלעכטעס. הערר מאנבראן ליעבט מיך, ווי זיין אייגענע טאכטער, און מיט'ן אמת זאגענדיג, סימפאטיזירט ער אייך ניט און צוליעב דעם האט איהר געזעהען מיט אלער מעגליכקייט צו צורייסען צווישען אונז די פריינדשאפט. ענדליך דער פרינץ האט מיך ליידענשאפטליך געליעבט און איהר האט אנגעווענדעט דעם שאנדליכען בעטרוג, אום צו פערלעשען אין איהם דיזעס געפיהל. ווארום טהוט איהר דאס אלץ אזוי?... דאס ווייס איך ניט... איך בין אבער זיכער דאס ניט פון גוטפריינדשאפט...

— מיר שיינט, גנאדיגע פריילין, האט ראדען שטרייננג געזאגט דאס איהר האט גאר פערגעססען די טובות, וואס איך האב אייך

געטהון . . .

— איך לייקען ניט אב, דאס איהר האט מיך בעפרייט פון דאקטאר באלעניעס האספיטאל, איך בין אבער זיכער געווען, דאס מיט א פּאר טאג שפּעטער וואלט איך זא ווי זא בעפרייט געוואָרען דורך די הילפע פון גראף מאנבראן, וועלכען איהר זעהט דא יעטצט.

— איהר טרינקט זיך, איך רעטע, זייט איהר מיר דאנקבאר? ניין! יעדענפאללס וואלט אייך אנ'אנדערער שפּעטער גערעטעט.

— אייער פערגלייך הינקט אביסעל, האט אנדריעגע שמייכלענד ערווידערט. דער האספּיטאל איז ניט קיין טייך, און זאגאר איך האב זיך יעטצט ערקונדיגט, דאס איהר זייט ווירקליך א קינסטלער צו שווימ־מען צווישען צוויי ברעגען, אין דער הינזיכט אבער, וואלט אייער שווימען קיין נוטצען געבראכט און איהר האט איינפאך מיר געעפענט די טהיר, וועלכע וואלט איינינע טאג שפּעטער זיך געמוזט עפנען.

— זעהר גוט, מיין ליעבעס קינד, האט דער גראף לאבענד בע־מערקט.

— איך ווייס, האט אנדריעגע ווייטער גערעדט, דאס איהר האט געזארגט ניט וועגען מיר אליין; איהר האט אויך דעם מארשאל סימאנ'ס טאכטער בעפרייט, איך רעכן אבער, דאס מארשאל און הערצאג דע־ליני וואלט אליין אויך געקענט בעפרייען זיינע טאכטער... איהר האט זאגאר אוועקגעגעבען דעם סאלדאט זיין מעדאל, דאס איז גאנץ אר־דענטליך פון אייך... ענדליך האט איהר איינגעקלאגט דעם אבאט דעגריני און דאקטאר באלעניע; דאס הייסט איהר האט געטהון דאס, וואס איך אליין האב זיך בעשלאסען צו טהון... איבריגענס בעווייזט עס, דאס איהר זייט זעהר א קלוגער מאנן . . .

א מיין פריילין, האט ראדען ווי אונטערטהאניג געזאגט.

יעטצט פערשטעה איך, האט אנדריעגע פארטגעזעטצט, דאס [illegible] זיסע בייד אין דאקטאר באלעניעס האספּיטאל האבען מיר

ווירקליך פערבלענדט די אויגען... נאר פון דער צייט אן האלט איך אייך פיר מיין ערגסטען פיינד, דען יעטצט זעה איך שוין אייער ציעל, נאר איך האב נאך ניט ענטדעקט, מיט וועלכע מיטלען איהר דענקט איהם צו ערהייכען: יעדענפאללס מוזען די מיטלען זיין ניט וועניגער שרעקליכע ווי די ערשטע; איך שרעק זיך אבער ניט; מארגען וועל איך צו וויסען געבען אונזער גאנצער פאמיליע פון דער געפאהר, וואס שטעהט אונז פאר, מיר וועלען אלע צוזאממען ענערגיש שטרייטען געגען אונזערע פיינד, דען געוויס מוז זיך עס נאך אלץ האנדלען וועגען דיזעלבע גרויסע ירושה, וועלכע איז פאסט ניט אריינגעפאהלען אין אונזערע פיינד'ס האנד...

— איהר האט מיר אבער, פריילין, פערשפראכען אויך אנ'עצה צוגעבען, האט ראדען מיט אנ'אונגעוועהנליכער קאלטבליטיגקייט בעמערקט.

— מיין עצה איז קורץ. איהר זאלט גאר ניט אנהייבען צו שטרייטען מיט מיר, ווייל עס גיבט שטארקערע ווי איהר אונ אלע אייערע מיטגליעדער: דאס איז איינע פרוי, וועלכע בעשיטצט איהר גליק.

ביי די ווארטער האט ראדען ניטוויללענדיג אציטער געטהון, נאר ער האט זיך באלד געפאסט מוטה אונ מיט א פעראכטליכען טאן פון מיטלייד רוהיג געאנטווערט: מיין ליעבע פריילין, מיר וועלען זיך געוויס שוין מעהר ניט זעהען... איך מוז אייך אבער נאך א מאל זאגען, דאס איך פעראנטוואר זיך קיין מאל ניט, — נאר די צוקונפט וועט מיך פעראנטווערען. אונ איך האב די עהרע צו בלייבען אייער אונ אויך דעם הערן גראפ'ס דינער, האט ראדען צוגעגעבען אונ זיך העפליך בייגענדיג פערלאזען דאס צימער.

קוים האט ראדען פערלאזען דאס צימער, איז אנדריעגע באלד צוגעגאנגען צום שרייבטיש אונ האט שנעלל אנגעשריבען אויף א בויגעלע פאפיר איניגע צייל... פערזיגעלט אין א קאנווערט אונ דערלאנגט

דעם גראף מאנבראן.

— איך וועל זיך דאך פריהער ווי מארגען ניט זעהען מיט פרינץ. האט זי געזאגט, און האבענדיג אזא שרעקליכען פיינד ווי ראדען מוזען אלעס פארזעהען...

— איהר האט רעכט, מיין ליעבעס קינד...

— דיזער בריעף וועט איהם גענוג בערוהיגען... און מיר ניט רויבען דאס גליק מארגען צו זעהען זיך מיט איהם.

— גוט... איהר טהוט ווי א חכמה, מיין ליעבעס קינד, איך וועל באלד זיין ביים פרינץ און איהם אבגעבען דעם בריעף... יא, הייטע פאהרען מיר שפאצירען אין עליזאישען פארק און נאכהער וועל איך אייך פיהרען אין היימאטה פון אייער האלבנאטט, דאס הייסט אין טהעאטער, וואו איהר וועט זעהן דאס וואהרע לאנד אינדיען מיט זייגע לייבען און טיגערען... הייטע וועט אין טהעאטער פארטע-סענט-מארטין זיין א פארשטעללונג מיט ווילדע טהיערע, און עס שאדעט ניט פיר אונז א ביסעל פערגוויילען און זיך צערשטרייען.

— איך דאנק אייך זעהר, דאס וועט מיך ווירקליך א ביסעל ערמונטערען; דאס געשפרעך מיט ראדענען האט מיך עטוואס אויפגערעגט.

— דאס איז אנ'אלטער טויגעניכטס... מיר וועלען נאך וועגען דעם פרוי ריידען... איך איל יעטצט צום פרינץ, נאכדעם וועל איך מיט הערר מארינוואל קומען אהער און מיר וועלען צוזאממען פאהרען שפאצירען...

און דער גראף מאנבראן האט שנעלל פערלאזען אנדריענעס וואהנונג. ער איז געוועזען זעהר פריילעך און צופרידען.

XI.

אין טהעאטער.

אין גרויסען זאַל פון טהעאטער האט געקאכט און גערוישט פון די פיעלע צושויער וואס זיינען געקומען זעהען דעם קאמפף פון טהיערענ־בעצאהמער מאראק מיט דער בעריהמטער שווארצער פאנטערא „מלאך־המות״.

אנדריענע און הערר מארינוואל מיט זיין פרוי זיינען אויך געקומען אין טהעאטער; דער גראף מאנבראן האט פערשפראכען שפעטער צו קומען.

מאראק איז שוין געשטאנען הינטער'ן פארהאנג בערייט צו געבען זיין פארשטעללונג.

— קען מען שוין אנקלינגען, הערר מאראק? האט דער רעזיסאר, צוגעהענדיג צו מאראק'ן, געפרעגט; די אוווערטורע געדויערט נור צעהן מינוט.

— יא, איהר קענט אנקלינגען, האט מאראק געאנטווערט.

כמעט אלע ערטער אין טהעאטער זיינען געווען בעזעטצט. נעבען סצענע אין א לאזשע פון ערשטען יארוס איז געזעסען אנדריענע מיט הערר און פרוי מארינוואל. געגען זיי אויף דער אנדער זייט איז איין לאזשע נאך געווען ליידיג.

דער פארהאנג האט זיך אויפגעהויבען. די סצענע האט פארגע־שטעלט א גרויסען אינדישען וואלד מיט הויכע, דיקקע בוימער און ווי פון דער ווייט זעהט זיך עטוואס דער רויטהער הימעל; אין דער לינקער זייט סצענע ביינאהע אונטער אנדריענעס לאזשע צווישען גרויסע

שמיקער פעלזענשטיינער האט זיך געזעהען א שווארצע און טיעפע הייל. די דעקאראציע איז געווען זא פראכטפאלל געמאכט, דאס די צושויער האט זיך געדאכט, דאס זיי זיינען ווירקליך אין אי[illegible].

אינדעם האט זיך געעפענט די טהיר פון דער לידיגער לאזשע און א מאנן אנגעטהון אין אינדישע קליידער איז אריין און האט אוועק־געשטעלט 2 שטולען. דאס איז געווען פארינזע.

אלע צושויער אין טהעאטער האבען מיט נייגירדע געווענדעט זייערע בליקען אויף די לאזשע, ווא פארינזע איז אריין. די אויפמערק־זאמקייט פון פובליקום האט זיך נאך מעהר פערגרעסערט, אלס אין דיזעלבע לאזשע איז אריין א רייצענד שאנער יונגער מאנן אויך אנגע־טהון ווי א אינדיאנער אין א ווייסען קאשמירענעם ראק מיט ברייטע ארבעל; מיט א בלויען אינדישען היטעלע אויפ'ן קאפ, און ארומגע־גארטעלט מיט א בלויען גורט. אויף זעלבען עס איז געהאנגען א לאנגער דאלך, געפאסט מיט טהייערע שטיינער. דיזער יונגער מאנן איז געווען דזשאלמא. באלד נאך איהם איז אריין א פרוי, דער קא־מערדינער האט באלד אראבגענומען פון איהר דעם מאנטעל און דאס פובליקום האט ערזעהען א רייצענד שאנעם מיידעל. געקליידעט זעהר רייך אבער גאר אן געשמאק. דאס איז געווען צעפיזעס חברטע, מיט'ן נאמען „מאהראווע ראזע"; אויף איהר איז געווען פיעל שמוק (צירונג). אין איין האנד האט זי געהאלטען א גרויסען בוקעט בלומען.

— זעהט וואס עס טהוט זיך דארטען אין לאזשע געגענאיבער האט די מארקיזע מארינוואל בעמערקט.

אנדריענע האט געווענדעט איהרע בליקען אויף די לאזשע, ווא דזשאלמא איז געזעסען נעבען א יונגער מיידעל, וועלכע האט איהם [illegible] צערעמאניע געגעבען שמעקען איהר בוקעט בלומען.

וואס זעה איך!.. האט אנדריענע בלאס וועהרענדיג ווי א לייבע צו זיך געזאגט, דזשאלמא איז היער מיט א יונגער מיידעל... פון מיין בריעף האט ער דאך שוין געקענט וויסען, וועלכעס גליק עס ערוואַרטעט איהם...

אנדריענע האט ניט געוואוסט, דאס דער גראף האט איבערגעגעבען דעם בריעף פארינזע, וועלכער האט עס ניט אבגעגעבען דזשאלמען.

ביי דעם געדאנקען, דאס דזשאלמא האט זיא שרעקליך בעליידיגט, זיינען אנדריענעס בלאסע באקען רויטה געווארען און זי האט צו זיך שטיל געזאגט: ראדען האט מיך ווירקליך ניט גענארט! זי האט זיך אבער באלד בעהערשט און רוהיג געאנטווערט דער מארקיזע: וואס פיר זאנדערבארעס האט איהר געגענאיבער בעמערקט?

— זעהט איהר דען ניט די אינדיער?

— אך, יא... זעהר גוט, האט אנדריענע מיט א פעסטער שטימע געאנטווערט.

אלס דזשאלמא האט ערזעהען אנדריענען האט ער זיך געוואלט אויפהויבען פון זיין ארט, נאר פארינזעס אייזערנע שווערע האנד האט איהם ניט געלאזען און האט געזאגט צו איהם אין אינדישער שפראכע: מוטה... און מארגען וועט דיזע שטאלצע פריילין פאלען צו אייערע פיס.

— מארגען וועט זי מיך שרעקליך האססען! האט דער פרינץ פערקיממערט געאנטווערט.

— אויב זי וועט בעמערקען אייער שוואכקייט;

אין די 3 טאג, וואס גראף מאנבראן איז ניט געוועזן ביי דזשאל-מען, האט פארינזע איהם איינגערעדט, דאס ער וועט געווינען אנד-רייענעס ליעבע נור דאן, ווען ער וועט איהר ווייזען, דאס ער ליעבט אנ'אנדערע.

פון אנפאנג האט אנדריענע געוואלט אוועקפאהרען פון טהעאטער; זי האט אבער בעמערקט, דאס דזשאלמא קוקט אויף איהר און דאס ער האט צוגעטראגען דעם בוקעט פון זיין בעגלייטערין צו זיינע ליפען (דאס האט איהם געראטהען פארינזע); דאס האט איהר גענוג מוטה געגעבען צו בלייבען אין טהעאטער.

אין דער צייט האט זיך אנגעפאנגען די פארשטעללונג. מאראק האט זיך בעוויזען אויפ'ן סצענע ווייט צווישען די בוימער; אין האנד האט ער געטראגען א בויגען מיט עטליכע פיילען. ער איז לאנגזאם געקראכען איבער די פעלזענשטיינער צום הייל, פון וואנען די שווארצע פאנטערא האט ארויסגעשטעקט דעם קאפ און האט שרעקליך געברומט. מאראק האט זיך עטליכע מאל אבגע-שטעלט, ווי ער וואלט מורא האבען, דאס די פאנטערא זאל איהם ניט ערזעהען, און אלס ער איז געקומען אין מיטען סצענע האט ער אנגעצויגען א פייל און האט זיך א לאנגע צייט געציעלט... דער פייל איז מיט א גערויש פערשוואונדען אין הייל, וואו די פאנטערא האט זיך מיט שרעקליכע קולות בעהאלטען... מאראק האט אוועקגעלייגט דעם בויגען, האט גענומען א דאלך אין די ציין און איז אויף אלע פיער געקראכען צום הייל, ווי ער וואלט וועלען דערהרגנען די נעבאנעטע פאנטערא. אלס ער איז שוין געוועזן נאהענט פון הייל,

הָאט עֶר דֶעם דָאלְךְ פֶעסְט גֶענוּמֶען אִין הַאנְד אוּנ הָאט אוּיס־גֶעוַוארְט אַ גְלִיקְלִיכֶע מִינוּט ארויפצוּפַאלֶען אויף דִי פַאנְטֶערַא , וָועלְכֶע הָאט מִיט אִיהרֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע קולות פֶערְהִילכְט דֶעם גַאנְצֶען טְהֶעאַטֶער . פְּלֶאצְלִיךְ הָאט מָארָאק אַ שְׁרֶעקְלִיכֶען גֶעשְׁרֵיי גֶעטְהוּן אוּנ אִיז אַרויפְגֶעפַאלֶען אויף דִי פַאנְטֶערַא . דֶער „מַלְאַךְ־הַמָוֶת“ הָאט זִיךְ מִיט אַזַא וואוּטְה אַרויפְגֶעוָוארְפֶען אויף זַיין בַעַל הַבַיִת , דָאס אַנְדְרְיֶענֶע הָאט פוּן שְׁרֶעק מִיט בֵּיידֶע הֶאנְד פֶערְדֶעקְט דָאס גֶעזִיכְט . דָאס בּוּקֶעט בְּלוּמֶען , וָועלְכֶעס זִי הָאט גֶעהַאלְטֶען , אִיז אִיהר אַרויסְגֶעפַאלֶען פוּן הַאנְד אויפ'ן סְצֶענֶע אוּנ הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶע־קַייקֶעלְט אִין הֵייל , וואוּ מָארָאק הָאט זִיךְ גֶערַאנְגֶעלְט מִיט דֶער פַאנְטֶערַא .

שְׁנֶעלל וִוי אַ בְּלִיטְץ , וִויטְהֶענְד וִוי אַ טִיגֶער אִיז דְזְשַאלְמַא מִיט אֵיין שְׁפְּרוּנְג גֶעוֶוען אויפ'ן סְצֶענֶע , הָאט אַרויסְגֶעצויגֶען זַיין דָאלְךְ אוּנ אִיז אַרַיינְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען אִין הֵייל , אוּם אויפצוּהויבֶּען אַנְדְרְיֶענֶעס בּוּקֶעט . . . אִין דִיזֶער מִינוּט הָאט דֶער פֶערְוואוּנְדֶעטֶער מָארָאק אַ שְׁרֶעקְלִיכֶען גֶעשְׁרֵיי גֶעטְהוּן אוּנ הָאט גֶערוּפֶען אוּם הִילְפֶע . עֶרְזֶעהֶענְדִיג דְזְשַאלְמֶען אִיז דִי פַאנְטֶערַא נָאךְ מֶעהר צוּרֵייצְט גֶעוָוארֶען אוּנ הָאט זִיךְ מִיט אַלֶע קְרֶאפְטֶען גֶערִיסֶען פוּן קֵייט אוּנ זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אויף דִי הִינְטֶערְשְׁטֶע פִיס , אוּם צוּ חַאפֶּען מִיט דִי צֵיין דְזְשַאלְמֶען , וָועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען זֶעהר נָאהֶענְט פוּן אִיהר . דְזְשַאלְמַא הָאט אויגֶענְבְּלִיקְלִיךְ זִיךְ אַרָאבְּגֶעלָאזֶען אויף דִי קְנִיע אוּנ צְוֵויי מָאל הַאסְטִיג אַרַיינְגֶעשְׁטָאכֶען דֶעם דָאלְךְ דִי פַאנְטֶערַא אִין בּויךְ . דִי פַאנְטֶערַא הָאט אַרויסְגֶעלָאזֶען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶען בְּרוּם אוּנ אִיז מִיט'ן גַאנְצֶען קֶערְפֶּער אַרויפְגֶעפַאלֶען אויף דְזְשַאלְמֶען . אִין טְהֶעאַטֶער אִיז גֶעוָוארֶען טויט שְׁטִיל . מֶען הָאט נוּר גֶעזֶעהֶען וִוי

דזשאלמא האט זיך געראנגעלט מיט דער פאנטערא, ענדליך אבער איז ער אויפגעשטאנען בלייך און אינגאנצען פערבלוטיגט; מיט א ווילדען שטאלץ און מיט פינקעלדע אויגען האט ער איין פוס ארויפגעשטעלט אויף די פאנטערא און, האלטענדיג דאס בוקעט א האנד געווענדעט אויף אנדריענען אזא בליק וועלכער האט אויסגעדריקט זיין וואהנזיניגע ליעבע צו איהר.

אנדריענע איז געבליבן אין אהנמאכט.

ענדע דעם פינפטען טהייל.

זעכטער טהייל.

"דער ערשטער יוני"

I.

די חלירע.

א שרעקליכע טרויעריגע צייט...

שוין אכט טאג ווי די אונגערבארמליכע װאנדערין, די חלירע, האט איינגעהילט די פרייליכע שטאדט פאריז אין א שווארצען "טרויערשלייער"... אט דא ניט לאנג האבען אלע פרייליך געלעבט, געארבייט, געגעסען, געטרונקען, געשפאצירט און גאר אין א קורצער צייט איז געווארען אזא אומוועכסלונג: וואו מען איז געגאנגען און וואו מען איז געשטאנען האט מען נור געזעהען פעריאמערטע, פערקלאגטע און צושראקענע פנימ'ער; אין אלע הייזער, וואו פריהער, ווי גאר אבענד, פלעגט זיין ליכטיג, און איבעראלל האט געהערשט געזונד, גליק, פרייליכקייט, איז יעטצט פינסטער-חושך און מען הערט נור בעקלאגען די ליעבסטע פון הערצען. אויף אלע גאסען זעהט מען נור פיהרען צו די בית-עולמות גאנצע וואגענס פול מיט טויטע און עס

שטעהן דארט פיעלע גראבער מיט פאקעלי און רידלען אין די האנד און בעגראבען הונדערטער מענשען...

די אונפערשעמטע חלירע האט דעם ערשטען בעזוך געמאכט אונזער אלטען בעקאנטען הערן ראדען; שוין אכט טאג ווי ער ליגט גוסס קראנק, אויסגעדארט ווי א סקעלעט, אין איינער פון די יעזואיטישע וואהנונגען אויף דער גאס וואזשיבאר; ראדענס דאקטאר איז געוועזען באלעניע, און זיינער א שילער איז די גאנצע צייט געזעסען ביי ראדען. דאקטאר באלעניע איז אין דער פריה אליין געוועזען און האט געזאגט, דאס מען מוז איהם מאכען אנאפעראציאן, פון וועלכער ער קען געזונד ווערען

דעגריני איז געזעסען נעבען ראדענס בעטט און האט איהם פון א פאפיר געלעזען פאלגענדע געהיימע נאכריכטען: „ושאק רעגעפאן, וועלכער האט די לעטצטע צייט זעהר פיעל געשכורת מיט מאראק'ן... איז פארגעסטערן געשטארבען...

ביי די ווארטער האט ראדען אנגעהויבען פון פריידע צו ציטערן און מיט זעהר א שוואכער שטימע האט ער קוים געזאגט: איהר זעהט... עס האט זיך שוין אנגעפאנגען... די שטראף... איינער... פון זיי... איז שוין געשטארבען... און פערגעסט ניט... דאס דער טויטשיין (свидѣтельство о смерти) וועט איינבריינגען אונזער חברה... 40 מיליאן... ווייל... איך...

ראדען האט ניט געקענט מעהר ריידען די שטימע איז איהם פערשטיקט געווארען און ער האט מיט די האנד געוויזען דעגריני אויף די רפואות. דעגריני האט איהם באלד איינגעגעבען א לעפעל מעדיצין; עס איז איהם עטוואס לייכטער געווארען. ער האט ווידער א וואונק געגעבען צו דעגריני ער זאל לעזען ווייטער. דעגריני האט געלעזען „פלארינע איז געשטארבען פון דער חלירע. פארן טויט האט דיזע נידערטרעכטיגע מיידעל זיך מתודה געוועזען פיר די פריילין קארדאוויל

און איהר ענטדעקט, דאס זי האט געדיענט ביי איהר אלס שפיאן פון הערן ראדען.

ראדענס געזיכט האט אויסגעדריקט פערדרוס פון דיזער נאכריכט און ער האט א מאך געטהון מיט'ן האנד ער זאל ווייטער לעזען.

„... דער מארשאל סימאן, האט דעגריני ווייטער געלעזען, האט פערבראכט מיט זיינע טאכטער גאנצע צוויי שטונדען, וואס דאס האט שוין לאנג ניט פאסירט. און דאנאבערס ערנסטעס געזיכט ווערט פון דעם, ווי עס ווייזט אויס, פריילּיכער, דאס צייגט אז דעם מארשאלס לאגע האט זיך פערבעססערט. דאנאבער געהמט שוין מעהר ניט צו פון בריעפטראגער די אנאנימע בריעף, וועלכע ער ערקענט נאך דער האנדשריפט. מיר האבען אנאנדער מיטעל ווי ער זאל אונזערע בריעף בעקומען.

ראדען האט שרעקליך געליטען.

„אגריקאל באדוען, האט דעגריני ווייטער געלעזען, האט זיך ערוואוסט, וואו זיין פרינציפאל הארדי געפינט זיך; ער האט דורך איינעם פון אונזערע דינער, וועלכען ער האט אונטערגעקויפט, געשיקט א בריעף צו הארדי'ן ... — דארטען איז דא איינער אויף איין אויג בלינד, האט דעגריני מיט כעס צוגעגעבען, וועלכען איך בין אלע מאל חושד ... וועניגסטענס איז דאס נאך ניט קיין ריכטיגער בעוויז, דאס ער האט אונז בעטראגען! צווייפעלט ניט ליבער פאטער. עס קען זיך נאך אלעס פערבעססערען.

ראדען איז געלעגען קראפטלאז און עס האט איהם געדרייט אין דבייען.

דעגריני האט ווייטער געלעזען.

„... גבריאל רענעפאן, וועלכער האט נאך קיין מאל ניט בעזוכט פריילין קארדאוויל, איז פארגעסטערן, 2 אוהר נאך האלבען טאג, געוועזן ביי איהר אין פאלאץ און האט דארטען פערבראכט ביז 5 אוהר. באלד

ווי ער איז אװעקגעגאנגען האט מען 2 דינער פון פאלאץ קארדאוויל געשיקט איינעם צום מארשאל סימאן און דעם צווייטען צו אגריקאל באדוען און נאכהער צום פרינץ דזשאלמא.

„געכטען, 1 אוהר נאך האלבען טאג, האבען מארשאל סימאן מיט זיינע טאכטער אבגעשטאטעט א וויזיט פריילין קארדאוויל; באלד נאכ־דעם זיינען אויך געקומען גבריאל און אגריקאל באדוען. זי האבען דארטען פערבראכט ביז 4 אוהר און גבריאל מיט אגריקאל'ן זיינען שפעטער אוועק אלס זיי. אבאט גבריאל איז אוועק גלייך נאך הויזע און אגריקאל איז אוועקגעגאנגען אין א ווינהאנדעל אויף דער גאס ארפא. ער האט זיך געזעטצט אין א ווינקעל און האט זיך געהייסען דערלאנגען א פלאש וויין. א האלבע שטונדע נאכדעם איז אהין געקומען א מאנן פון א יאהר 30, א שווארצהאָריגער, פון הויכען געוואוקס און אויף איין אויג בלינד. ער האט זיך געזעטצט נעבען שמיעד און האט מיט איהם א לאנגע צייט געריעדט, צום אונגליק אבער האט מען גאר גיט געקענט הערען וואס זיי ריידען, ענדליך האט אגריקאל איהם דערלאנגט א קליין פעקעלע מיט געלד און א בריעף. דיזער בלינדער האט איהם פערשפראכען אבצוגעבען דעם בריעף און באלד נאכדעם איז דערזעלבער אוועק אין גאס וואזשיראר און איז אריין אין דאס יעזו־איטישע הויז. אויף מארגען 2 אוהר איז אגריקאל ווידער געקומען אין דעמזעלבען ווינהאנדעל אויף דער גאס ארפא וואו באלד נאכדעם איז דער בלינדער מאנן אויך געקומען און האט איהם דערלאנגט א בריעף. אגריקאל האט דעם בריעף לאנג ניט געלעזען און ביידע האבען באלד פערלאזען דעם ווינהאנדעל. דער בלינדער איז אוועק אין דאסזעלבע הויז אויף דער גאס וואזשיראר, און אגריקאל איז אוועק צו דער פריילין קארדאוויל.

„מען האט זיך ערוואוסט, דאס באראן טריפאס בעפאללמעכטיגטען לעאנארד, איז מען חושד, דאס ער האט אונטערגעצונדען האר־דיס

פאבריק אונ פאליציי זוכט איהם יעטצט צו ארעטירען.

„אנריקאל באדוען האט זיך דורך בריעף צוזאממענגערעדט מיט העררן האדי אונ פאליציי פערפאלגט די לייטע, וועלכע האבען פער־ניכטעט די פאבריק פון טריפאס קאנקורענט.

„פון דעם אלעם קען מען פערשטעהן, דאס פריילין קארדאוויל האט זיך בעשלאססען דורכאוים אויסצופיהרען וואס זי האט געסטרא־שעט ראדעגען אונ האט זיך שטארק גענומען צום פעראייניגען איהרע פערוואנדטע אין איין בונד".

עס איז שווער צו בעשרייבען ראדעגס לאגע אין דער גאנצער צייט, וואס דעגריני האט געלעזען דיזע געהיימע נאכריכטען. עס האט איהם געווארפען געטרייסעלט, געדרייט די ביינער אונ די צייגער. א קאלטער שוויים האט איהם ארויסגעשלאגען אונ זיין געזיכט איז גע־ווארען געל ווי וואקס אונ די אויגען איינגעגראבען אין קאפ.

אינדעם איז אריין דער דאקטאר באלעניע.

II.

די אפעראציאן.

באלעניע איז באלד צוגעגאנגען צו ראדעגען, האט איהם גוט בע־טראכט אונ געטאפט דעם פולס.

— מען מוז איהם וואס גיכער מאכען די אפעראציאן, האט ער צו דעגריני געזאגט; זי איז אפילו שווער איבערצוטראגען אבער קיין אנדער מיטטעל איז ניט דא.

דער דאקטאר האט אלעס פארבערייט צו דער שווערער אפעראציאן

און האט אריינגערופען צו זיך 3 מאנאכען צו הילפע;

די אפעראציאן איז געווען גאנץ איינפאך: מען האט צוגעלייגט אין 4 ערטער אויף ראדענס ברוסט אנגעצונדענע קנויטען פון בוימוואל, און מען האט געברענט די הויט...

פון אנפאנג איז ראדען געווען גאנץ רוהיג און ער האט נייגיריג זיך צוגעקוקט צו דער צערעמאניע פון דער אפעראציאן; דער ערשטער ברען מיט דער בוימוואל אויפ'ן הוילען לייב, האט איהם גאר ערמונטערט און ער האט זיך ווי א שלאנג אויפגעדרייט אין דרייען; שרייען האט ער ניט געקענט, ווייל די לונגען זיינען געווען פערלייגט און ער האט קוים געקענט אטהמען.

— איהר מוזט ליידען, ליבער פאטער ראדען, האט דער דאקטאר געזאגט, אויב איהר ווילט נאר געזונד ווערען; שטארקט זיך איבערצוטראגען די שמערצען און איהר וועט זיין גערעטעט.

ראדען האט אנגעהויבען צו ווינקען צום דאקטאר ער זאל איהם געבען טינט מיט א פעדער, ווייל ער וויל שרייבען. דאס האט מען איהם געקענט ערלויבען. דער דאקטאר האט איהם דערלאנג אלעס נייטיגעס און ראדען האט ליגענדיגערהייט אנגעשריבען: „איהר זאלט שוין שיקען זאגען דעם באראן טריפא, דאס זיין בעפאללמאכטיגטען לעאנארד וויל מען ארעטירען: זאל ער זיך פערהיטען".

דער דאקטאר האט דאס צעטעלע אבגעגעבען דעניזי, וועלכע איז באלד ארויסגעגאנגען ערפילען ראדענס וואונש;

— איך בעט אייך, ליבער פאטער, איהר זאלט יעטצט ליגען רוהיג, האט דער דאקטאר געזאגט, עס וועט לאנג ניט דויערען.

ראדען האט גאר ניט געאנטווערט. ער האט ביידע האנד ארויפגעלייגט אויפ'ן קאפ, האט אויסגעשטעלט די ברוסט און פערמאכט די אויגען. עס איז געווען שרעקליך צו קוקען, ווי דער דאקטאר מיט די מאנאכען האבען געפרעגעלט ראדענס הויט, קיין פלייש איז ניט

געווען... די הויט האט אין פיער ארטער געפלאצט... און אין צימער איז געווארען א ריח פון געבראטענע פלייש... אין אזעלכע שרעקליכע שמערצען איז ראדען געלעגען און האט א מינוט ניט אויפגעהערט צו קלערען וועגען רענעפאנס ירושה.

ער האט ווידער געגעבען א וואונק אויף דאס פאפיער און פעדער, נאר דער דאקטאר האט איהם ניט געפאלגט און געהייסען די מאנאכען בלאזען די קנייטען.

ראדען האט זא שטארקט געקריצט מיט די ציין, דאס ער האט זיי כמעט ניט צו בראכען און די ברוסט האט זיך זא העפטיג געהויבען און דאס פלייש געפרעגעלט אונטער'ן פייער, דאס עס האט זיך ענדליך ארויסגעריסען פון די לונגען א שרעקליכער קריינקליכער געשריי... אבער פריי, שטארק און קלינגענד.

די ברוסט איז פריי, האט דער דאקטאר פריילין אויסגעשריען: ער איז גערעטעט... די לונגען ארבייטען ווי צום בעסטען... בלאזט מיינע הערען, בלאזט וואס שטארקער, און איהר ליבער פאטער ראדען, ווען עס איז מעגליך, שרייט, געוואלדעוועט, קרעכצט... מיר מאכט דאס ניט אויס... און אייך וועט זיין גרינגער...

ראדען האט געהערט, דאס ער איז גערעטעט; און זאגאר ער האט אין דער צייט נאך מעהר געליטען ווי פריהער. ווייל דאס פייער איז שוין געקומען צו די ביינער... פונדעסטוועגען איז ער געווען טייפליש שאן. זיין געזיכט האט געשיינט פון א ווילדער שטאלצקייט; מען האט געזעהען. דאס דיזער מערדער פיהלט דאס ער איז צוריק שטארק און מאכטיג און וועט ווידער קענען ארבייטען אין זיינע מארד־טהאטען...

זיך דרייענדיג אין דרייען פון גרויס שמערצען, האט ער אויסגערעדט פאלגענדע ווארטער:

— איך האב געזאגט, דאס איך וועל בלייבען לעבען!...

— אונ איהר האט ריכטיג געזאגט, האט דער דאקטאר טאפענדיג דעם פולס געאנטווערט. אייער פולס איז יעטצט ווי עס געהער צו זיין; די לונגען פריי מיט איינעם ווארטע, איהר זייט געראטעוועט...

אין דער צייט האט שוין די בוימוואל געענדיגט ברענען. מען האט אראבגענומען די אינסטרומענטען אונ אויף ראדענס אויסגעטריקענטער ברוסט האט מען געקענט זעהען 4 ברייטע, רונדע וואונדען, שווארצע ווי קויל... ראדען האט אראבגעלאזען די אויגען א קוק צו געבען אויף זיינע וואונדען, אונ האט זיך גוט איינגעקוקט אויף זיי עטליכע סעקונדען... א ביטערער שמייכעל האט פערקרימט זיין מויל אונ האט ציטערנד מיט זיין בלאסען פינגער אויף די וואונדען, געזאגט:

— אבאט דעגריני... זעהט וואס פיר א וואונדער!... 1 רענעפאן... 2 רענעפאן... 3 רענעפאן... 4 רענעפאן... וואו איז דער פינפטער?.. אה.. אט איז ער... די וואונד קען בעשטעהן פאר צוויי.. זי איז א דאפעלטע...

אונ האט זיך שטארק צולאכט.

נאכהער האט ער צוגעגעבען:

— יא איך האב געזאגט, דאס איך וועל אין שטויב צורייבען דיזע פערפלוכטע פאמיליע... ווי פון מיין פלייש איז געווארען אש... איך האב געזאגט... אונ דאס וועט מקוים ווערען.. איך האב געזאגט, דאס איך וועל לעבען... אונ לעב...

III.

די ביידע שוועסטער.

צוויי טאג איז פאריבער נאך ראדענס אפעראציאן און ער האט זיך שוין אנגעפאנגען צו פערבעססערען אין געזונד. אויף דער גאס קלאוויש, אין דעם הויז, וואו ראדען האט אמאל געהאט זיין געהיימע וואהנונג, אין א קליינעם פינסטערען צימער'ל אונטער'ן דאך, 3 אוהר ביי טאג, זיינען מאניע מיט איהר שוועסטער צעפיניע געזעסען אויף א צוריסענעם סיענניק אויף דר'ערד און האבען צווישען זיך גערעדט:

— מיין טהייערע... צעפיניע... האט מאניע מיט א אומעדיגער שטיממע געפרעגט, ווילסט דו דורכאויס שטארבען?

— איז דען דא אנ'אנדער מיטעל? האט צעפיניע מיט א פעסטער שטיממע געאנטווערט. — זאג אליין, שוועסטער'ל, וואס זאל איך יעטצט טהון? ווען איך זאל זיך שוין אפילו ארויסשלאגען פון קאפ מיין שאנדע און די פערהאססונג פון פערשטארבענעם זשאק, אויף וואס קען איך דאן האפען? צוויי מיטלען זיינען אונז געבליבען' דער ערשטער — זוכען ארבייט וואו צו פערדינען עהרליך דאס שטיקעל ברויט; דו ווייסט דאך אבער וואס פון אונזער זוכען איז געווארען... און ווען מיר זאלען שוין יא בעקומען ארבייט, וויפיעל וועלען מיר פערדינען? מישטיינס געזאגט, ווען מיר זאלען שוין שטארק הארעווען וועלען מיר האבען 4—5 פראנק (1р.25к.) א וואך? מיט דעם געלד לעבען איז אלץ איינס ווי צו שטארבען מיט א לאנגזאמען טויט... איידער אזא לעבען בעססער שוין גאר ניט לעבען... דער צווייטער מיטעל איז — זיך פערקויפען... א, איך קען דאס אבער ניט אריבער־

טראגען... דער טויט איז שוין בעססער... זעהסט דו, ליעבע שוועסטער, עס בלייבט זיך אויסצוקלויבען איינע פון די 3 זאכען: הונגער, שאנדע אדער טויט; עס איז קיין צווייפעל, דאס דער טויט איז פיעל גלייכער. זאג מיר אפען, בין איך דען ניט גערעכט

צעפיזע האט מאיען ניט געלאזט אנטווערען און האט ווייטער גערעדט:

— וואס איז דא וועגען דעם פיעל צו ריידען?... איך האב זיך בעשלאססען... און ווען דו, ליבע שוועסטער, האסט ניט געקענט ווירקען אויף מיך, וועט שוין קיינער אין דער וועלט מיך ניט אבריידען פון דעם געדאנקען; איך האב די עטליכע טאג געווארט און זיך ניט גענומען דאס לעבען, ווייל איך האב געהאפט, דאס די חליריע וועט אונז בעפרייען פון אונזערע צרות... צום בעדויערען אבער, האט זי אין אונזער הויף אלע צוגענומען און אונז געלאזען לעבען! וואס קען מען העלפען ווי עס ווייזט אויס, וועלען מיר זיך מוזען אליין פערזארגען!...

— יא ליבע צעפיזע, האט מאיע אומעדיג געאנטווערט, אליין אבער... שטארבען איז מען נור פאר זיך זעלבסט פעראנטווארטליך... און מיר דאכט זיך, ווען איך וועל שטארבען מיט דיר צוזאממען, וועל איך זיין שולדיג אינדעם...

— דו ווילסט אפשר שטארבען בעזונדער אין אנ'אנדער ארט?...

— א!.. ניין, האט מאיע מיט שרעק ערווידערט, איך וויל ניט שטארבען אליין... ניין, איך וויל ניט!

— דו ווייסט אבער ניט ליבע שוועסטער, ווי דאס הארץ רייסט מיר, ווען איך ערמאן מיך, דאס דו ווילסט אויך שטארבען ווי איך...

— ענאיסטקע! האט מאיע מיט פערדרוס געזאגט. מיט וואס וועט מיר דאס לעבען זיסער זיין ווי דיר. ווער דארף מיך און וועמען וועל

איך דען פעהלען אויף דער וועלט?

— א, שוועסטער, האט צעפיזע מיט א בעוועגטער שטימע געזאגט, — דארף מען דען זוכען מלאכים אדער היילינע? איך גלויב, דאס צווישען זיי וועט מען איינעם אויך ניט געפינען בעססער פון דיר, און דאך ווילסט דו שטארבען... שטארבען אזוי ווי איך... איך וואס איז אראבגעזונקען צו דער נידעריגסטער שטופע...

— עס איז א זאנדערבארע זאך, האט מאיע פערטראכטערהייט געזאגט. — מיר האבען זיך ביידע גלייך אויסגעקליבען פערשיעדענע וועגען... אין לעבען און... דאך זיינען מיר געקומען צו איין ציעל: צום פערהאססען דאס לעבען!... וואס בלייבט מיר איבער, ווער דארף מיך?.. אנריקאל האט געהייראטעט... ליעבט... און איז געליעבט... ער איז גליקליך... דער רייבער, שאנער פריילין קארדאוויל קען איך שוין ניט מעהר ניטצליך זיין... אלע, וואס האבען מיר גוטעס געטהון... זיינען גליקליך, פאר וואס זאל איך זיך יעטצט ניט אברוהען!... א, איך בין אזוי מיעד!...

— ארעמע שוועסטער'ל! האט צעפיזע מיט א ריהרענדען טאן בעמערקט. — און ווי איך ערמאן מיך, דאס א הונגעריגע א דורשטיגע ביזט דו געגאנגען צו דער פריילין קארדאוויל בעטען פאר מיר שטיטצע...

— און צום אונגליק, ווען איך האב זיך שוין יא קוים דערשלעפט צו איהר פאלאץ, איז זי צו הויזע ניט געוועזען... און טאקי צום אונגליק! האט מאיע איבערגעחזרט, קוקענדיג מיט מיטלייד אויף איהר שוועסטער, — ווייל אויפ'ן צווייטען טאג... אלס דו האסט ניט געקענט בעקומען פאר מיך, נאך בעססער ווי פאר זיך, א שטיקעל ברויט... האסט דו... מאיע איז געבליבען שטיל און האט מיט ביידע האנד פערשטעלט דאס געזיכט.

— נו, יא! איך האב זיך פערקויפט... ווי עס פערקויפען זיך די אונ-

גליקליכע מיידלעך, וועלכע האבען ניט וואו צו בעקומען קיין ארבייט, אדער זיי פערדיענען זעהר וועניג אויף לעבענסמיטעל, האט צעפיזע געאנטווערט, נור איידער צו לעבען מיט שאנדע... וויל איך בעססער שטארבען.

— א וועה! די שאנדע... די שאנדע!... אבער ווען א קליינע הילפע... נור ניין, וואס טויג אונז שוין יעטצט הילפע? צו שפעט!... דו האסט זיך דאך זא ווי זא בעשלאססען צו מאכען איין ענדע פון די צרות!

— א, יא! איך האב זיך פעסט בעשלאססען... די שאנדע עסט מיר דאס הארץ... זשאק איז געשטארבען אויף מיינע האנד, פעראכטענדיג מיך... איך האב איהם אבער געליעבט... דו הערסט! האט צעפיזע מיט א ליידענשאפטליכער בעוועגונג געזאגט, — איך האב איהם אזוי שטארק געליעבט... ווי מען קען נור ליעבען איין מאל אין לעבען. — עס האלט מיך גאר ניט אב, איך האב זיך פעסט בעשלאסען צו מאכען א סוף... אונ דו, טהייערע שוועסטער?

— זיי רוהיג? האט מאיע געאנטווערט. — איך האב אליין אבגעליינט פון איין טאג אויפ'ן צווייטען... ווייל איך האב געהאפט, דאס דו וועסט זיך איבערלייגען.. אבער יעטצט!... אונ מאיע האט פערצווייפעלט א מאך געטהון מיט'ן האנד.

— אלזא שוועסטער לאמיר זיך צוקושען, האט צעפיזע געזאגט, אונ זיך גענומען צו דער ארבייט!

ביידע שוועסטער זיינען געפאלען איינע דער צווייטער אויפ'ן האלז אונ האבען ביטער געוויינט.

— אך, גאטט! אונ מיר דארפען זיך אויף אימער צושיידען, האט צעפיזע שטיל געזאגט.

— זיך צושיידען! האט מאיע איבערגעחזרט א, ניין, ניין שוועסטער! מיר וועלען זיך קיינמאל ניט צושיידען דארטען... וואו עס

ערוואַרטעט אונז אַ בעססערעס לעבען ! גאָטט ! דער אַללמאַכטיגער, גנאַדיגער גאָטט וויל גאַר ניט, דאָס זיינע בעשאַפעניסען זאָלען ליידען... נײן... מענשען ליידען נור פון מענשען ... פון שלעכטע מענשען... זיי בעשמוטצען זיין שאָנע וועלט און צוליעב זיי ליידען זייערע אייגענע ברידער... לאָמיר פערגעססען די שלעכטע מענשען און געהן אַהין ... הויה... וואו מענשען זיינען גאַר נישט, וואו גאָטט אַליין הערשט ... לאָמיר געהן גיכער... אַהין ... צו איהם ... עס ווערט שוין שפּעט ! און מאַניע האָט געוויזען אויף די שטראַהלען פון דער אונטערגעהענדער זאָננע.

— שוין, ליבע שוועסטער... עס וועט גאַר ניט דויערען, האָט צעפּיזע געאַנטוואָרט. און ביי די וואַרטער האָט זי גענומען אַ בלעך פול מיט שטיינקוילען און אַוועקגעשטעלט אין מיטען צימער׳ל.

— דו ווייסט אָבער... ווי מען דאַרף דאָס מאַכען ? האָט מאַניע געפרעגט.

— דאָס איז גאַר איינפאַך, האָט צעפּיזע געאַנטוואָרט מען דאַרף נור גוט פערמאַכען די טהיר מיט די פענסטער און פערשטאָפּען אַלע לאָכער און נאָכהער אָנצינדען די קוילען.

— יאַ טאַקי אַזוי, און צום פערשטאָפּען די לאָכער און צום אָנברענגען די קוילען... וועלען מיר בענוטצען די שטרוי פון סיעניק...

און ביידע אונגליקליכע שוועסטער האָבען זיך גענומען צום פערשטאָפּען אַלע שפּאַלטען אין זייער פינסטערען צימער׳ל.

IV.

זעלבסטמארד.

און אזוי האבען זיך צעפּיזע און מאַיע רוהיג פֿארבערייט צום טויט.

אך! וויפיעל ארעמע מיידלעך, ווי צעפּיזע און מאַיע, געפינען נור אין טויט זייערע איינציגע בעפרייאונג פון צרות און שאנדע...

און עס איז גאר קיין וואונדער!... די געזעללשאפט (общество) איז פעראנטוואָרטליך אין די מארדטהאטען פון טויזענדער אונגליקליכע מיידלעך וואס ארבייטען שווער און ביטער אין פערשיעדענע פאבריקען און ווארשטאטען, וואו זיי בעקומען געהאלט קוים אויף לעבענסמיטעל און זיינען געצוואונגען זיך אויסקלויבען איינעם פון די 3 וועגען: "ארבייטען איבער די קראפטען און לעבען אין דחקות, וואס דאס פיהרט פאר דער צייט אין קבר"... "די שאנדליכסטע שטופע-פראסטיטוציע פון וועלכער מען שטארבט אב ביסלעכווייס פון פערשיעדענע קראנקהייטען"... "און זעלבסטמארד פון וועלכען מען שטארבט באלד".

אלס ביישפיעל קענען אונז דינען צעפּיזע און מאַיע; יעדע פון זיי איז אוועק אין אנ'אנדער וועג.

עהרליכע ארבייטזאמע מיידלעך מיט א שטארקער געדולד, ווי מאַיע, שטרייטען ענערגיש געגען לעבען, ליידען הונגער קאלט, געהען אבגעריסען, בארפוס, וואהנען אין שלעכטע וואהנונגען, ביז וואנען עס געהט זיי אינגאנצען אויס די קראפטען... און אבגעשוואכטע קראנקע געהען זיי שטארבען אין די האספיטאלער און נוטצען פיר די

דקטורים אלס מאטעריאל אין דער אנאטאמיע ... ניט'גענוג וואס מען עקספלאטירט זיי ביים לעבען, לאזט מען זיי אפילו נאכ'ן טויט אויך ניט „צורה"... אימער נוטצען זיי פיר דעם צווייטען.. ארעמע אונגליקליכע פרויען!...

אנדערע מיידלעך, מיט ווייניגער גדולד, ציהען זיך אן שטיינקוילען אדער נעהמען איין „סם" און „זעהר מיעד", מיעד פון פינסטערען שווערען לעבען, לייגען זיי זיך ענדליך אפרוהען און שלאפען איין אויף עוויג...

מאנכע מיידלעך, ווי צעפיזע, היטציגע, לעבהאפטע פון דער נאטור, מיט יונגער קאכענדער בלוט און מיט א געזונדען מאגען, קענען
ניט לעבען מיט דעם קליינעם געהאלט. וועלכעס מען גיבט זיי פאר
10 שטונדען טאגליכע שווערע ארבייט. וואס ווערט דאס ענדע?

געפינט זיך א יונגער פראנט, בעקאנט זיך מיט דער אונגליקליכער מיידעל, פאנגט אן צו ריידען מיט איהר וועגען באלער, שפאצירגאנג אין גארטענער, וועגען שאנע קליידער, גיט איהר פיין צו עססען און צו טרינקען, און צו הויזע האט זי אפילו ניט צו זאט ברויט, זאגט איהר צו גאלדענע בארג. עס פערשטעהט זיך, דאס זי קען ניט ביישטעהן... און... נאכהער ווערט די ליעבע אבגעקילט און ער וויל זי שוין גאר ניט קענען. מיט שרעק קוקט זי זיך ארום... עס איז ניט דא וואס צו עססען... געהן פערדיענען ווילט זיך ניט, ווייל זי איז שוין געוואהנט צום ליידיג געהן, און ווי באלד זי האט שוין פערזוכט פון א בעססערען לעבען, שרעקט זי זיך פאר די ארמוטה... זי פערקויפט זיך... און וואס ווייטער, ווייטער ווערט זי אלס טיעפער פערזונקען אין שמוטץ... און, ווי צעפיזע האט געזאגט, מאנכע לעבען פון דער שאנדע... און אנדערע שטארבען פון איהר.

ווען אזעלכע אונגליקליכע מיידלעך, ווי צעפיזע, נעהמען זיך דאס לעבען, כדי בעפרייט צו ווערען פון דעם שאנדליכען לעבען דארף

מען זיי בעדרויערען אבער ניט בעשולדיגען. וואס פיר א רעכט האבען מיר, מענשען, וועלכע האבען פיעל שולד אין זייער אונגליק און טויט, זיי צו בעשולדיגען און פעראכטען?

וואס זאלען זיי טהון די ארעמע אונגליקליכע ארבייטזאמע ארבייטערינען, אז פאר זייער ארבייט צאהלט מען זיי אזוי וועניג, דאס זיי זיינען ניט אין שטאנד צו האבען א געזונדע וואהנונג, א גאנצעס קלייד אויפ'ן לייב, גענוג צו עססען, א פרייע שטונדע צום לערנען שרייבען און לעזען און זיך ענטוויקלען אויך גייסטליך, יא... נור מיר אליין האבען שולד אין אלע זייערע צרות, וויל די הויפטאורזאכע פון דעם אלעם איז: „דער צו שווערער קאמפף פאר'ן לעבען".

און אזוי האט דער גראסטער טהייל ארבייטערינען פאר זיך 3 וועגען: „ארעמקייט, פראסטיטוציע, און זעלבסטמארד". און דאס איז נור וויל מען צאהלט זיי זעהר וועניג פאר די ארבייט... און מאכען מאכט דאס אלץ ניט די שלעכטסקייט פון די פאבריקאנטען, נור די שרעקליכע קאנקורענץ, וועלכע צווינגט די פאבריקאנטען צו פערקויפען בילליג די וואארע און ליידען פון דעם ליידען נור די ארבייטער, דען זייער געהאלט איז אבהאנגיג פון די פרייזען פיר די וואארע... און אזוי ליידען הונדערטער, טויזענדער מילליאנען ארבייטער...

און עס קען זיין, דאס עס וועט קומען יענע גליקליכע צייט, ווען די פאבריקאנטען און קויפלייטע וועלען זיך ארומזעהען וואס זיי האבען געמאכט פון זייערע אייגענע ברידער און שוועסטער און וועלען אן געשרייען אן לארם, מיט הערצער פול ליעבע צו דער מענשהייט פערבעססערען די שרעקליכע נידעריגע לאגע פון די ארבייטער און ארבייטערינען.

אבער ביז דיזע גליקליכע צייט וועט קומען, שטארבען דאך דער וויל אונגליקליכע מיידלעך, ווי צעפיזע און מאיע, פון צרות און לייד...

אלס בײדע שװעסטער זײנען שױן געװען פערטיג מיט דער צרבײט, האבען זײ שװײגענדיג אקוק געגעבען אײנע אױף די צװײטע.

— יעטצט, ליעבע שװעסטער, דארף מען אנצינדען די קױלען, האט מאַיע געזאגט.

— דו, ליעבע שװעסטער, געה לײג זיך אױפ'ן סיעננִיק און איך װעל שױן אלעס מאַכען פערטיג...

מאַיע האט זיך געזעטצט אױפ'ן אלטען סיעננִיק און צעפיזע האט זיך גענומען שטארק פערנאנדערבלאזען דאס פײער.

אלס די שטײנקױלען האבען שױן גוט געברענט און א שטארקער גיפטיגער רױך איז געװארען אין צימער'ל, איז צעפיזע צוגעגאנגען צו מאַיע'ן און זעטצענדיג זיך נעבען איהר, געזאגט: עס איז פערטיג!...

— גיב מיר דײן האנד, האט מאַיע געזאגט, מיר האט שױן אנגעהױבען צו שװינדלען אין קאפ.

— מיר נאך ניט, האט צעפיזע געאנטװערט, איך פיהל נור א דונסט פ'ן די קױלען.

— דו װײסט ניט, שװעסטער, אױף װעלכען בית עולם װעט מען אונז בעגראבען? האט מאַיע נאך א קורצען שטילשװײגען געפרעגט

— צו װאס פרעגסט דו דאס?

— װײל איך װאלט בעססער װעלען ליגען אױפ'ן בית עולם פערלאשעז; איך בין דארטען אײן מאל געװען מיט אגריקאל'ן און זײן מוטטער... װי שאן דארט איז... בױמער...; בלומען... מארמארשטײן... דו װײסט... די טױטע... האבען בעססערע װאהנונגען אלס די לעבענדיגע... און... מאַיע איז געבליבען שטיל.

— װאס איז דיר שװעסטער? האט צעפיזע געפרעגט

— עס שװינדעלט מיר אין קאפ און עס קלאפט שרעקליך אין

די שלייפען . . .

— מיר אויך א היטעל . . .

— נעהם מיך פעסט ארום . . . צעפיזע, האט מאיע מיט א שוואכער שטיממע געזאגט, א . . . איך זעה . . . דיך . . . ניט . . .

— מומה . . . שוועסטער! האט צעפיזע אויך מיט א שוואכער שטיממע געזאגט, צודריקענדיג מאיע׳ן פעסט צום הארצען.

פלאצליך האט זיך מאיע עטוואס אויפגעהויבען, שטיל מיט די ווערטער: אנריקאל . . . אנדריענע . . . זייט געזונד . . . אנריקאל . . . איך . . . איז זי קראפטלאז געבליבען ליגען אויפ׳ן סיענניק.

א, גאטט! האט צעפיזע שטיל געזאגט, זי איז טויט . . . און איך . . . ניין, איך פיהל אבער דאס מיר געהט אויך אוים די לופט . . . שוועסטער . . . באלד . . . קום איך צו דיר . . .

אין דערזעלבער מינוט האט זיך געלאזט הערען אויף די טרעפ א גערויש פון טריט און שטיממען; צעפיזע האט נאך געהאט קראפטען זיך עטוואס אויפצוהויבען און האט זיך צוגעהערט; באלד נאכדעם האט א שטיממע, ניט ווייט פון דער טהיר, אויסגעשריען: אך, גאטט! . . . וואס פיר א טשאד פון קוילען דא איז! . .

און אין דעמזעלבען אויגענבליק האט זיך די טהיר אנגעהויבען צו טרייסלען פון שטארקע קלאפ, וועהרענד אנ׳אנדער שטיממע האט געשריען: עפנעט! . . . עפנעט! . . .

— מען וועט באלד אריינגעהן . . . מיך רעטען . . . און מיין שוועסטער איז טויט! . . האט צעפיזע מיט פערצווייפלונג געזאגט, א, ניין, איך וויל זי ניט איבערלעבען, און מיט די לעטצטע קראפטען האט זי זיך אויפגעהויבען, איז צו געגאנגען צום פענסטער, האט עס אויפגעעפנעט . . . און אין דעמזעלבען אויגענבליק ווי מען האט אויפגעבראכען די טהיר, איז צעפיזע אראבגעפאלען פון 3 טען שטאק אויפ׳ן הויף

אין דער מינוט זיינען אנדריענע און אנריקאל אריין אין צימער׳ל

— אונגליקליבעס קינד!.. האט אנדריענע, ערזעהענדיג דאס בלעך מיט קוילען, געזאגט, זי האט זיך פערגיפטעט מיט'ן קוילענגאז!

— ניין זי האט זיך אראבגעווארפען דורכ'ן פענסטער! האט אגריקאל געאנטווערט, דען ווי ער האט געעפנעט די טהיר, האט ער בעמערקט ווי א פרוי איז פערשוואונדען דורכ'ן פענסטער. ער איז צוגעגאנגען צום פענסטער. א, דאס איז שרעקליך! האט ער הערצרייסענדיג א געשריי געטהון.

אנדריענע האט גאר ניט פערשטאנען פון וואס אגריקאל האט זיך ערשראקען און, ווייזענדיג איהם אויף מאיען, וועלכע איז געלעגען אויפ'ן סיענניק, געאנטווערט: ניין... אט איז זי דאך...

אנדריענע האט זיך געזעצט נעבען איהר אויף די קניע און האט זי אנגענומען פאר די האנד, זיי זיינען געווען אייזקאלט. מאיע האט נאך עטוואס געאטהמעט.

— דאס הארץ קלאפט נאך! האט אנדריענע שנעלל געזאגט, אגריקאל, לויפט גיכער רופען א דאקטאר. צום גליק האב איך ביי זיך מיין פלאקאן מיט א-דע-קאלאן

— יא, יא, מען קען זיי נאך רעטען!.. האט דער שמיעד פערצווייפעלט געאנטווערט און איז שנעל ארויסגעלאפען פון צימער'ל.

אנדריענע איז געבליבען מיט מאיע'ן אליין.

V.

די רעטערין.

אנדריענע האט זיך אויסגעטהון איהר הוט, געזעצט זיך אויף זי

קניע געבען מאיע'ן אונ האט זי אזוי לאנג געריבען מיט א-דע-קאלאן ביז זי איז געקומען צו זיך .

יעטצט וועלען מיר עטוואס ערצעהלען וואס ביי אנדריעגען האט פאסירט פון דער צייט , וואס דושאלמא האט אין טהעאטער איינגע־שטעלט זיין לעבען אום אויפצוהויבען דאס בוקעט בלומען . דיזער צופאלל האט אנדריעגען בעוויזען , דאס דושאלמא האט זי ווירקליך שטארק ליעב . איהר איבערצייגונג איז נאך שטארקער געווארען אלס פלארינע האט זיך אליין מודה געווען פאר'ן טויט דאס זי האט גע־דיענט ביי איהר אלס שפיאן אונ פלעגט פון אלעם צו וויסען געבען ראדעגען אונ , דאס צוליעב איהר האט מאיע פלאצליך פערלאזען דעם פאלאץ .

דיזע ענטדעקונג האט איהר געעפענעט די אויגען , זי האט נאך מאיע'ן שטארקער ליעב בעקומען אונ האט בעפאהלען די דיענער זיי זאלען זי דורכאויס אויפזוכען . דיזע ענטדעקונגען האבען איהר צוגע־געבען מוטה אונ קראפט צו שטרייטען געגען ראדען ; זי האט א געזאמעלט אלע איהרע פערוואנדטע , וועלכע האבען נור געקענט קומען , אונ איהר הויז איז געווארען א פערזאמלונגסארט וואו זיי פלעגען זיך יעדען אבענד בעראטהען מיט וועלכע מיטלען צו טרייטען געגען די יעזואיטען .

ערשט היינט פריה האט אנדריעגע ערפאהרען , וואו מאיע'ס וואה־נונג געפינט זיך ; זי האט געבעטען אגריקאל'ן מיטפאהרען אויף נאם קלאוויש . ער איז גראדע געקומען איהר ערצעהלען וועגען פאב־ריקאנט האררי , דאס ער געפינט זיך א'ן איינער פון די יעזואיטישע וואהנונגען .

א פיערטעל שטונדע ארום איז געקומען אגריקאל ; ער איז די גאנצע צייט געוועזען געבען צעפיזען , וועלכע איז געשטארבען אין שרעקליכע יסורים .

אנדריענע מיט אגריקאל'ן האבען גענומען מאיע'ן אונטער די ארמס און זי אראבגעפיהרט צו דער קארעטע, וועלכע איז באלד שנעלל אוועק געפאהרען מיט זיי.

VI.

די צוויי קארעטעס.

אין דעמזעלבען טאג, וואס אנדריענע האט גערעטעט מאיע'ן פון טויט, איז שפעט ביי נאכט לאנגזאם געפאהרען א דראשקע אויף דער גאס בלאנש.

— אט איז דער גארטען מיט דער קליינער טהיר'ל, זאל איך זיך דא אבשטעלען? האט דער קוטשער געפרעגט ביי זיין פאסאזיר.

— יא, האט איינע שטיממע געאנטווערט. יעטצט פאהר אב נאך א 20 טריט שטעל זיך אב, געה צו צו דער קליינער טהיר'ל און קלאפ 3 מאל אן אין איהר. אז יעמאנד וועט ארויסגעהן, זאלסט דו זאגען, אז מען ווארט אויף איהם און איהם באלד אהערפיהרען...

דער קוטשער האט עס ערפילט

עס איז ארויס א מאנן אין א לאנגען שווארצען מאנטעל, און איז באלד געגאנגען נאך דעם קוטשער וועלכער האט איהם צוגעפיהרט צו דער דראשקע.

איינינע מינוט נאכדעם איז צו דער קליינער טהיר'ל צוגעפאהרען א פראכטפאללע קארעטע, פון וועלכער איז ארויס א מאנן און איז צוגעגאנגען צום טהיר'ל; ער האט עס שנעלל אויפגעעפענט און הינטער זיך פערמאכט.

בײַ דער דראַשקע איז דערװײַל פֿאַרגעקומען פֿאָלגענדער געשפּרעך:

— אַלזאָ איז אָבגעמאַכט?

— יאָ, האָט געענטװערט דער מאַנן אין מאַנטעל, אָבער נור אין דעם פֿאַלל, װען פֿון אַדלער װעט װערען אַ שלאַנג.

— בעמיהע זיך נור, ער זאָל האָבען צו דיר צוטרױען.

— װאָס ער זאָגט מיר נור פֿאָלג איך איהם; איך בין אין זײַנע האַנד װי אַ טרופּ... װען ער זאָל מיר אַפּילו זאָגען: טױדטע... אונ דיזער פּרינץ...

— אום גאָטטעס װילען האָב גאָר ניט אין זינען אַזעלכע געדאַנקען: מען װעט, גאָטט זײַ דאַנק, קײנמאָל ניט פֿאָדערן פֿון איך אַזאַ זאַך.

— װאָס מען הײסט מיר דאָס טהו איך... באַחװאַן גיט אַכטונג אויף מיך.

— דאָס װײס איך, אַז איהר זײַט זעהר אַ געשיקטער אונ פֿעהיגער מאַנן.

— װעניגסטענס בעמיהע איך זיך אײך צופֿרידענצושטעלען... אונ װעל איך איהם קענען אין גיכען זעהען?

— אין 3 טאָג אַרום... ער איז געװען זעהר קראַנק.

אין דיזען אויגענבליק האָט זי געהערט שלאָגען דעם שטאָדט־זײגער 12.

— שוין 12 אוהר?

— יאָ.

— איך מוז שוין פֿאָהרען... אַדיע... אַלזאָ שװערט איהר מיר, דאָס איהר װעט טהון װי איהר האָט פֿערשפּראָכען

— איך האָב דאָך אײך בײַ'ם נאָמען פֿון באַחװאַן געשװאָרען

— גוט... אַדיע. „שװײַגען אונ טרײַהײט".

– שווייגען אונ טרייהייט. האט דער מאנן אין מאנטעל געאנטווערט.

די דראשקע מיט דעם קארדינאל מאל פיערי, וועלכער האט געשפראכען מיט פארינזע איז געשווינד אוועקגעפאהרען. פארינזע איז צוריקגעגאנגען צו דזשאלמעס וואהנונג. אין דערזעלבער מינוט, ווי ער האט געוואלט עפנען די טהיר'ל פון גארטען האט זי זיך צו זיין גרויסער איבערראשונג אליין געעפנעט אונ א מאנן איז ארויסגעגאנגען.

פארינזע איז ארויפגעפאלען אויף דעם אונבעקאנטען אונ איהם געכאפט פאר'ן קראגען מיט א געשריי: ווער איז דא?

ווי עס ווייזט אויס האט זיך דער אונבעקאנטער ערשראקען, ווייל אנשטאט צו אנטווערען האט ער מיט אלע קרעפטען א געשריי געטהון: פיאטר, רעטע מיך.

– די קארעטע איז צוגעפאהרען נאהענטער צום גארטענטהיר'ל אונ פון איהר איז ארויסגעשפרונגען א ריזיגער לאקאי אונ האט זא שטארק אבגעשטויסען פארינזע'ן דאס ער איז אבגעשפרונגען אויף עטליכע טריט צוריק.

– יעטצט קען איך אייך אנטווערען אויף אייער פראגע, האט דער אונבעקאנטער זיך ווענדענדיג צו פארינזע'ן געזאגט. אזוי בעהאנדעלט מען דאס אנ'אלטען בעקאנטען... האט איהר דען ניט ערקאנט דיופאן, דעם געוועזענעם פערוואלטער פון שלאס קארדאוויל?

– וואס האט איהר אבער דא געטהון? ווארום זייט איהר אריין געהיימניספאלל אין דיזעם הויז? האט פארינזע גראב געפרעגט.

– איך בין אהער ניט אריין געהיימניספאלל; איך בין געקומען אהער אין קארעטע פון מיין ירטהין פריילין קארדאוויל. איבערצוגעבען א בריעף איהר שוועסטערקינד, פרינץ דזשאלמא, האט דיופאן מיט שטאלץ געאנטווערט. אונ ווייל מען ווייס, דאס געוואהנליך געפינט זיך דער פרינץ ביי נאכט אין קליינעם זאל וועלכער פיהרט אין ווינטערגארטען, דאריבער בין איך געגאנגען דורך דיזעם טהיר'ל. דער

פרינץ האט מיך ערקאנט און זעהר פריינדליך עמפפאנגען.

— ווער האט דאס אייך ערצעהלט פון זיינע געוואהנהייטען? האט פארינזע זיך קוים איינהאלטענדיג פון כעס געפרעגט.

— מיר פערדריסט נור וואס איך האב זיך ניט ערוואוסט אויך פון אייערע געוואהנהייטען, האט דיופאן מיט א שפאטישען טאן בעמערקט. גלויבט מיר, דאס איך האב אזוי גערעכנט אייך גא צו טרעפען ווי איהר מיר.

אונ מיט די ווערטער האט דיופאן זיך שנעלל אריינגעזעצט אין קארעטע אונ איז געשווינד אוועקגעפאהרען.

VII.

די צוזאממענקונפט.

נאך דיופאנס אוועקפאהרען איז פארינזע זעהר אונרוהיג שנעלל אריין אין וואהנונג, אום צו זעהען וואס פיר אנ'איינדרוק האט געמאכט אויפ'ן פרינץ פריילין קארדאווילס בריעף. ער האט אנגעקלאפט אין טהיר פון זאל, וואו דזשאלמא איז געווען, קיינער אבער האט איהם ניט געאנטווערט. דאן האט ער געשווינד אנגעשריבען איניגע ציילען צו ראדען וועגען דיופאנס בעזוך.

דזשאלמא האט פון פריידע א גאנצע נאכט ניט געשלאפען. ערשט אין דער פריה האט ער זיך עטוואס צוגעלייגט אברוהען אונ נאכדעם זיך אליין אנגעקליידעט. ער האט אנגעטהון דעמזעלבען אנצוג, וואס ער האט געטראגען, ווען ער האט צום ערשטען מאל געזעהען אנדריענען

פארינזע האט איינינע מאל לייזע אנגעקלאפט אין טהיר פון דזשיאלמעם שלאפצימער, עס איז אבער געוועזען אומזאנסט; ערשט 1 אוהר נאך האלבען טאג האט דזשאלמא אנגעקלונגען און בעפאהלען בערייטען אויף 3 אוהר די קארעטע. דער פרינץ האט געגעבען דיזען בעפעהל פארינזען גאר ניט קוקענדיג אויף איהם, ווי ער וואלט דאס זאגען גאר צו איין פרעמדען דינער. פארינזען האט דאס זעהר בעאונרוהיגט.

— אַ!... די שטונדען... די שטונדען... ווי לאנגזאם זיי געהען אַוועק! האט דער פרינץ צו זיך געזאגט.

— איהר האט, גנאדיגער העררר, פארגעסטערן אויך געזאגט, דאס די שטונדען זיינען זעהר לאנג...

דזשאלמא האט ניט געאנטווערט און האט געשיינט צו זיין פערזונקען אין געדאנקען. פארינזע האט געזעהען, דאס דער פרינץ קוקט זיך גאר ניט אום אויף איהם, איז ער צוגעגאנגען צו איהם נאהענטער און האט לאנגזאם געזאגט: גנאדיגער העררר, דאס גליק האט איהר יעדענפאללס צו פערדאנקען פריילין קארדאוויל.

קוים האט פארינזע אויסגעשפראכען דיזען נאמען, האט זיך דזשאלמא אויפגעכאפט ווי פון שלאף און, קוקענדיג פארינזען גלייך אין די אויגען, געזאגט: פארינזע... דו ביזט ... אַ!... וואס ווילסט דו?

— אייער טרייער דינער געהמט אנטהייל אין אייער פרייד, גנאדיגער העררר.

— וועלכע פרייד?

— די, וועלכע האט אייך פערשאפט פריילין קארדאווילס בריעף.

דזשאלמא האט ניט געאנטווערט, זיין בליק אבער האט זא רוהיג געשטראהלט פון פרייד און גליק, דאס פארינזע האט זיך פאלקאם בערוהיגט. נאך א קורצען שטילשווייגען, האט ער א קוק געגעבען

אויף פארינזע און מיט דעם אויסדרוק פון ליעבע און גליק, האט ער געאנטווערט: א דאס גליק... דאס גליק!... עס איז גוט און גרויס ווי גאטט...

— איבריגענס וואונדערט מיך ניט אייער גליקליכער ערפאלג. איך האב אייך שטענדיג געזאגט: גיט זיך ניט אונטער און ווייזט, דאס איהר זייט שטארק פערליעבט אין איינע אנדערע, און דאן וועט דיזע שטאלצע מיידעל...

ביי די ווערטער האט דזשאלמא געווארפען אויף פארינזען אזא דורכדרינגענדען בליק, דאס דיזער איז פלאצליך געבליבען שטיל; דער פרינץ אבער האט מיט א ליעבליכען טאן געזאגט: רייד ווייטער איך הער דיר צו...

— איך האב געזאגט, גנאדיגער העה, האט פארינזע ווייטער גערעדט, דאס פאלגענדיג אייער שקלאווענס עצה, האט איהר אויסגעפיהרט דאס די שטאלצע פריילין קארדאוויל זוכט אייער ליעבע... גלויבט מיר, גנאדיגער העה, דאס אלע פרויען ליעבען נור דרייסטיגע מאננער אבער ניט שעמעדיגע און שוואכע פון נאטור.

— איך וועל דאך אבער פריילין קארדאוויל היינט זעהען צום ערשטען מאל.

— עס מאכט ניט אויס, און איהר בעהאנדעלט זי טאקי היינט אלס העה... און זי וועט געהערען צו אייך.

— דאס איז זעלטזאם... זעלטזאם האט דזשאלמא געזאגט, ניט אראבנעהמענדיג פון פארינזען זיינע אויגען

— פארינזע, וועלכער האט ניט פערשטאנען דזשאלמעס ווארטער. האט ווייטער גערעדט: האט איהר דען געקענט, גנאדיגער העה געווינען איהר הארץ, ווען איהר וואלט איהר ניט געוויזען, דאס איהר ליעבט איינע אנדערע און זייט גלייכגילטיג צו איהר?.. ניין, אלזא זייט יעטצט אויך דרייסטיג און גלויבט מיר, גנאדיגער העה, דאס נאך

היינט וועט איהר זיין דער געליעבטער סולטאן פון דיזער פריילין, וועלכע איז די שאנהייט פון גאנץ פאריז.

דזשאלמא האט מיט מיטלייד א קוק געגעבען אויף פארינזען און האט מיט א מילדער זאנפטער שטיממע געזאגט: ווארום ביזט דו מיר פאלש און ראטהסט מיר איך זאל בעהאנדלען זא שלעכט דעם ענגעל, וועלכען איך אכטע ווי א מוטטער?... איז דען דיר ניט גענוג, וואס דו ביזט א מיטגליעד פון מיינע פיינד, וועלכע האבען מיך זאגאר אויפ'ן אינזעל יאווא פערפאלגט?

פארינזע איז ערשראקען אבגעטראטען אויף איינינע טריט אהינטער, ווי ער וואלט זיך בערייטען צו בעשיטצען.

דזשאלמא אבער האט מיט דערזעלבער רוהיגקייט פארטגעזעטצט: ערעק זיך ניט... געכטען וואלט איך דיך געטוידט, היינט אבער מאכט מיך די גליקליכע ליעבע גלייכגילטיג און גנאדיג; איך בעדויערע דיך נור. דו האסט געוויס פיעל געליטען וואס דו ביזט זא שלעכט געווארען. ווארום פערהאסט דו מיך? ווארום זעהסט דו מיט אלער מאג-ליכקייט מיר באזעס צו טהון?..

די אוהר האט געשלאגען 2, דער פרינץ האט א ציטער געטהון; עס איז געוועזען די צייט וואס ער האט שוין געדארפט פאהרען צו אנ-דריעגען.

— זאג מיר, האט דזשאלמא ווייטער גערעדט, וואס ווילסט דו?... געלד?.. איך וועל דיר עס געבען... ווילסט דו מעהר אלס געלד?.. ווילסט דו האבען א פריינד, וואס זיין פריינדשאפט זאל דיר זיין א טרייסט, אום דו זאלסט פערגעססען דיינע פאריגע צרות? איך בין א קעניגסזאהן, ווען דו ווילסט—וועל איך זיין דיין פריינד. גלויב מיר, פארינזע, אז נור דאס אונגליק מאכט דעם מענשען באז, און דאס גליק מאכט איהן גוט: אלזא זיי גליקליך...

מיט די ווערטער איז ער צוגעגאנגען צו פארינזען, האט איהם

געבייכט די האנד אונ געזאגט: גיב מיר דיין האנד ...

פארינזען האט ארויסגעשלאגען א קאלטער שוויים אויפ'ן שטערן; ער האט ציטערנדיג געבייכט די האנד דעם פרינץ, וועלכער האט זי געדריקט אונ צו איהם געזאגט; דו גיבסט טריי דיין האנד א טרייען פריינד אין דיזע האנד וועט אימער דיר פערטיג זיין צו דינען ... אדיע, פארינזע, יעטצט פיהל איך זיך ווירדיגער צו געהן צו מיין ענגעל.

דושאלמא איז באלד ארויסגעגאנגען, אום צו פאהרען צו אנדריענע.

באחוואנס שרעקליכער ווילדער דינער איז געוועזן זעהר געריהרט פון דושאלמעס גוטהערציגקייט אונ מיט שרעק האט ער צו זיך געזאגט: איך האב בעריהרט זיין האנד אונ יעטצט איז ער פאר מיר הייליג ... יא, אבער ער איז ניט הייליג פאר דעם, וועלכער וועט איהם ערווארטען ביי דער טהיר פון דיזעם הויז.

מיט די ווארטער איז ער שנעלל אריין אין צווייטעס צימער, איז צוגעגאנגען צום פענסטער אונ, עטוואס אויפהויבענדיג דעם פארהאנג, האט ער מיט פערצווייפלונג געזאגט: זיין קארעטע איז ארויסגעפאהרען ... דער מאנן נאהערט זיך ... צום טייפעל! ווייטער זעה איך גיט.

VIII.

די ביידע ליעבענדע.

עס איז שוין געוועזן נאך האלב פיער. דושאלמא איז לאנגזאם צוגעגאנגען צו אנדריענען. ער איז געבליבען שטעהן איניגע טריט ענט-

פערנט פון אנדריענען אונ האט ניט געוואגט א קוק צו געבען אויף איהר; זיין געזיכט איז געווען זעהר בלאס אונ זיינע האנד, אויפגעלייגט אויפ'ן ברוסט, נאך דער אינדישער זיטטע, האבען געציטערט.

אנדריענע איז אויך געבליבען זיטצען מיט אראבגעלאזענע אויגען אין פערלעגענהייט. ווי עס שיינט האבען זיי זיך ביידע געשראקען פיר דעם ערשטען עלעקטרישען קלאפ פון ליעבע. דזשאלמא האט דער ערשטער א קוק געגעבען אויף אנדריענען; אין זיינע אויגען האט מען געקענט איבערלעזען זיין פייערדיגע ליעבע צו דיזער שאנער פריילין. אנדריענע, בעגעגענדיג דזשאלמעס בליק, האט א ציטער געטהון אונ האט געפיהלט ווי א מאגנעטישע קראפט וואלט איהר געצויגען. זי האט זיך אבער בעהערשט אונ האט זיך בעמיהט צו בלייבען רוהיג; זי האט זיך אויפגעהויבען פון שטול אונ מיט א ציטערנדער שטיממע געזאגט: פרינץ, איך בין גליקליך, דאס איהר זייט געקומען. אונ נאכדעם ווייזענדיג אויף איין הינטער איהר האנגענדעם בילד, האט זי צוגעגעבען: פרינץ דאס איז מיינע מוטטער...

מיט דעם האט אנדריענע געמיינט צו זאגען, דאס איהרע אונטערהאלטונג מיט דזשאלמא וועט פארקומען אין געגענווארט פון איהר מוטטער.

דער פרינץ האט באלד פערשטאנען דעם געדאנקען פון דער יונגער מיידעל, האט איינגעבויגען דעם קאפ, זיך געשטעלט אויף איין קניע פאר דעם בילד אונ מיט א זאנפטער שטיממע געזאגט: איך וועל דיך ליעבען אונ זעגנען ווי מיינע מוטטער...

אנדריענע האט זיך עטוואס בערוהיגט, האט זיך ווידער געזעטצט, אונ ציינענדיג דעם פרינץ אויף א שטול, האט זי געזאגט: זעטצט זיך, מיין ליעבער קוזין, ערלויבט אייך אזוי צו רופען ווייל מיר קומט אויס דער נאמען פרינץ צו פיעל עטיקעטע; אונ מיך ביטטע צו רופען קוזינע... אונ יעטצט וועלען מיר אלס גוטע פריינד שפרעכען.

— יאָ, קוזינע, האָט דזשאַלמאַ געענטוועֶרט, רויטהוועֶרענדיג בּיי דעם וואָרט „יעצט“.

— צוויישען גוטע פריינד איז די ערשטע זאַך אָפענהערציגקייט, האָט אַנדריענע שמייכלענד געזאָגט, און דאַריבּער וויל איך אייך צוערשט מאַכען אַ קליינעם פאַרוואָרף.

דזשאַלמאַ האָט שווייגענדיג זיך געניינט.

— יאָ, קוזין, איין פאַרוואָרף!... מיט איינעם וואָרטע, איך האָב אייך ערוואַרטעט... עטוואס פריהער...

— פיעללייכט ליעבּע קוזינע, וועט איהר מיר פאַרווירפע מאַכען וואָרום איך בּין ניט געקומען שפּעטער.

— וואָס ווילט איהר מיט דעם זאָגען?

אַלס איך האָב זיך געזעצט אין קאַרעטע, איז צו מיר צוגעגאַנגען אַ מאַנן און האָט מיר מיטגעטהיילט, דאָס דער מאַרשאַל סימאָן געפינט זיך אין אַ גרויסער געפאַהר.

— דאָס איז ניט וואָהר! האָט אַנדריענע געענטוועֶרט, דער מאַרשאַל איז פאַר אַ שטונדע צוריק געוועזען בּיי מיר.

— ווירקליך! האָט דזשאַלמאַ מיט פרייד געזאָגט, אַלזאָ וועט דיזער גליקליכער טאָג וועניגסטענס ניט בּעטריבּט ווערען.

— ווי האָט איהר, קוזין, גאָר געקענט גלויבּען דיזען מאַנן?

דיזער מאַנן האָט זאָ ערנסט גערעדט, דאָס איך האָב איהם גע-גלויבּט, דאָס מאַרשאַל סימאָן געפינט זיך ווירקליך אין געפאַהר... איך האָב געוואוסט, דאָס ער האָט אויך פיינדע...

— איהר האָט רעכט ליעבּער קוזין, איהר האָט ווירקליך געמוזט בּאַלד איילען איהם צו הילפע.

— איך האָב אַזוי געטהון... זאָנאַר איהר האָט מיך ערוואַרטעט...

— וואָס איז אָבּער געוואָרען מיט דעם מאַנן?

— איך האָב איהם גענומען צו זיך אין קאַרעטע, איך האָב אָבּער

בעמערקט, דאס ער טומעלט זיך אין זיינע רייד און ווייס ניט וואס צו אנטווערען אויף מיינע פראגען. איך האב מיר באלד בעקלערט, דאס עס מוז זיין געווים א נייער שרעקליכער פלאן פון מיינע שונאים, און איך האב דעם קוטשער געהייסען פאהרען אהער. דיזען מאנס פער־דרום איז געווען זא לייכט צו ערקענען, דאס איך האב באלד פערשטא־נען אז ער מיינט מיך צו פערפיהרען.

— דיזע לייטע זיינען גאר איינפאך גרוילאם, האט אנדריענע בעמערקט, אונזער גליק אבער איז שטארקער אלס זעהר האסס... יעטצט געהערט די צוקונפט אונז, די ריינע, שטראהלענדע צוקונפט. אן וואלקענס און אן שטיינער אין וועג...

עס איז אונמאגליך איבערצוגעבען מיט וועלכער בעגייסטערונג פון האפנונג אנדריענע האט געזאגט די ווערטער. אינדעם אבער האט איהר געזיכט בעקומען אנ׳אויסדרוק פון שווערמוטה, און זי האט מיט א טיעפבעוועגטער שטימע געזאגט: און צו דענקען... דאס אין דיזער שטונדע... גיבט דאך אונגליקע, וועלכע לײדען!

דיזע ווערטער האבען געמאכט אויף דזשאלמען אזא שטארקען איינ־דרוק, דאס ער איז ניטווילענדיג געפאלען פיר אנדריענען אויף די קניע, מיט אויפגעלייגטע האנד און האט צו איהר זיין רייצענד שאנעס געזיכט געווענדעט. נאכדעם האט ער מיט די האנד פערשטעלט דאס געזיכט און האט שווייגענדיג איינגעבויגען דעם קאפ.

עס איז פאריבער א מינוט אין טיעפען שטילשווייגען אלס אנדריענע האט בעמערקט דורך דזשאלמעס שאנע פינגער טרערען האט זי זיך שנעלל איינגעבויגען צו איהם און, צונעהמענדיג פון געזיכט זיינע האנד, האט זי מיט א בעוועגטער שטימע געזאגט: וואס איז אייך מיין פריינד? איהר וויינט?

ער האט ניט געקענט אבווישען די טרערען, ווייל זי האט איהם נאך אלס געהאלטען פאר די האנד, און זיי זיינען געראנען ווי קריסטאלענע

טראפענס פון זיינע שווארצע אויגען איבער זיין בלאסעם גאלד – ברוינעם געזיכט.

– איז דען דא א מענש אין דער וועלט גליקליכער פון מיר? האט דער פרינץ מיט א בעוועגטער און ריהרענדער שטיממע געזאגט, און דאך איז מיר עפים טרויעריג... איהר גיט מיר דעם הימעל און איך קען אייך נור געבען די ערדע. אך, וואס קען א איינפאכער מענש בעדייטען אין פערגלייך מיט אזא הימלישען וועזען, ווי איהר זייט?

דזשאלמא האט דיזע ווארטער אויסגעשפראכען זא נאיוו, דעמוטהיג און זיס, דאס אנדריענען האט עס גערירט ביז טרערען

– מיין פריינד, מיר זיינען ביידע אויף דעם שפיץ פון גליק, האט זי שטיל געזאגט. איהר שטיממע איז אלץ שוואכער און שוואכער געווארען, זי האט איינגעבויגען דעם קאפ, אלס איהר וואלט שווער געוועזען צו טראגען דאס גליק.

דזשאלמא איז נאך אלץ געשטאנען אויף די קניע. זיינע האנד האט ער געהאלטען אין איהרע האנד, און אנדריענעס גאלדענע האר האבען בעריהרט דזשאלמעס געזיכט

און זיסע שטילע, טרערען פון ביידע ליבענדע האבען לאנגזאם געפליסט איבער זייערע געזיכטער און האבען זיך צוזאממענגעגאססען אויף זייערע בעזאממענגעלייגטע שאנע האנד.

IX.

די גבאיתע.

שוין זעהר לאנג האבען מיר זיך ניט געזעהען אונ ניט געהערט פון אונזער אלטען בעקאנטען העלד, דאנאבער. ער האט פון דער צייט, וואס דער מארשאל סימאן איז געקומען אין פאריז, געוואהנט ביי איהם אונ ווי א טרייער פאטער געהיט זיינע טאכטער.

דאנאבער האט זיך יעטצט געפונען ביי מארשאל סימאנס טאכטער, אלס א דינער איז אריין אונ האט געמעלדען, דאס א דאמע איז געקומען צופאהרען אונ האט געשיקט איהר לאקאי פרעגען אויב זי קען זעהען דעם העהרען מארשאל אונ זיינע טאכטער... אונ דאס זי איז א נדבותקלויבערין.

— האסט דו געזעהען די דאמע, האט זי איהר נאמען געזאגט?

— דאס האט זי מיר ניט געזאגט, הערר דאנאבער; עס זעהט אבער אויס, דאס זי איז זעהר א רייכע פרוי.

— אויב זי איז געקומען נאך א נדבה האט ראזע געזאגט, דארף מען זי יעדענפאללס עמפפאנגען.

— איינע דאמע... נו יא... איך געה דאך ניט אוועק, האט דאנאבער געזאגט אונ האט בעפאהלען דעם דינער ער זאל זי אריינפיהרען.

דער דינער איז באלד ארויסגעגאנגען.

— ווי, דאנאבער, דו ביזט חושד די פרוי אויך?

— הערט, מיינע קינדערלעך, האב איך דען גאר ניט געקענט

טראכטען, דאס מיינע פרוי וועט טהון א נארישקייט?... און דאך האט זי אייך איבערגעגעבען אין די האנד פון די לאנגע פאלעס, גאר ניט קלערענדיג אייך צו טהון בייזעס, נור אום צו פאלגען וואס דער פאסטאר האט געהייסען...

די טהיר פון זאל האט זיך געעפענט און די פירשטין סענדיזע איז אריין. זי האט זיך העפליך גענייגט געגען די יונגע מיידלעך און האט געזאגט: האב איך די עהרע צו שפרעכען מיט די טאכטער פון הערן הערצאג דע-ליני?

ראזע און בלאנש זיינען עטוואס רויטה געווארען און האבען גאר ניט געאנטווערט. דאנאכדער איז זיי געקומען צו הילף און האט פאר זיי געאנטווערט: יא, גנאדיגע פרוי, זיי זיינען דעם הערן מארשאל סימאנס טאכטער...

— אזוי ווי מיר איז בעוואוסט אייער פאטערס גוטהערציגקייט, האט די פירשטין מיט זעהר א פריינדליכען און זיסען טאן געזאגט, בין איך געקומען בעטען א נדבה פאר די אונגליקליכע פון דער חליבע. וויפיעל איהר וועט געבען וועל איך צונעהמען מיט דאנק.

— מיר זיינען אייך זעהר דאנקבאר, דאס איהר האט ביי דיזער וויכטיגער זאך ניט פערגעססען אן אונז.

— ערלויבט מיר, איך געה ברייגען אלעס, וואס מיר קענען נור געבען, האט ראזע בעמערקט און, א קוק געבענדיג אויף די שוועסטער איז זי ארויס פון זאל אין שלאפצימער.

— ביטע זעטצט זיך, גנאדיגע פרוי, האט דאגאבער געזאגט, די פריילין וועט באלד צוריקקומען.

ראזע איז ווירקליך אין 3 מינוט ארום צוריק אריין אין זאל און האט דערלאנגט דער פירשטין א זיידענעם ביישעל מיט געלד.

— מיר וואלטען גערן געגעבען מעהר, דאס איז אבער אונזער גאנצער קאפיטאל וואס מיר פערמאגען יעטצט, האט ראזע געזאגט

צו דער פירשטין.

— ווי?... געלד?... האט די פירשטין געזאגט, אלס זי האט אין ביטעל בעמערקט איניגע גאלדשטיקע. דיזע נדבה בעווייזט אייער זעלטען גוטעס הארץ.

— עס וועט אונז זעהר פרייען, ווען דאס געלד וועט ברינגען נוט־צען די ליידענדע, האט ראזע בעמערקט, דעז די אונגליקליכע מוזען דאך שרעקליך ליידען.

— יא, זעהר שרעקליך, האט די יעזואיטקע אומעדיג געאנטווערט... ווער ווייס נאך אזוי ווי איך, וועלכע איז זעהר אפט אין די האספיטא־לער... אונ זעהט זיך אן גענוג צרות... אונ זאגאר דאס איז א קלע־פיגע קריינק...

— איהר הערט, פריילינס, האט דאגאבער, איבערשלאגענדיג די פירשטין, געזאגט, איהר הערט וואס די גנאדיגע פרוי רעדט, אז עס איז זעהר געפאהרליך צו זיין אין האס...

דאגאבער האט ניט געקענט פארטזעטצען ווייטער, א דינער איז אריין אין זאל אונ האט איהם געמאלדעט, דאס יעמאנד האט זעהר נייטיג מיט איהם צו שפרעכען. דאגאבער האט זיך ענטשולדיגט אונ איז באלד ארויס פון צימער.

— מאגליך, דאס איך האב ניט פערשטאנען אייער אלטען פריינד, האט די פירשטין נאך דאגאבערס אוועקגעהן געזאגט. נאר מיר דאכט, דאס ער האט מיך ניט פערשטאנען. איך זאג גאר ניט, דאס מען דארף דעם אונגליקליכען ניט העלפען, ווען די קריינק איז זאגאר קלעפיג... אין געגענטהייל, איך בעוואונדער זעהר יענע, וועלכע אפפערן זיך פאר דעם צווייטען.

— א, איהר ווייסט ניט, גנאדיגע מאדאם, ווי אייערע ווארטער זיינען אונז יעטצט געקומען צו דער זאך, האט בלאנש בעמערקט.

— מיר האבען קיין מוטער ניט, האט ראזע געזאגט, דער פאטער

איז אַוועקגעפאהרען... איהר האט אַזא עדלעס הארץ, דאס מיר וואגען צו פרעגען בײ אײך אַ ראטה.

— וואס פיר אַ ראטה? האט די פירשטין סענדיזע געפרעגט.

— מיר האבען געהאט אַ גובערנאנטין, וועלכע איז אונז געוועזען זעהר איבערגעגעבען, האט בלאנש געאנטווערט; דיזע נאכט איז זי קראנק געוואָרען אויף די חליריע.

— אַך מיין גאטט! האט די פירשטין מיט אַ געמאכטער טהיילנאהמע געזאגט, און ווי איז יעטצט איהר געזונד?

— אַך, גנאדיגע פרוי, דאס ווייסען מיר ניט. מיר האבען דא ניט לאנג געוואָלט פאהרען צו איהר אין האספיטאל דאגאגען אבער האט אונז ניט געלאזען; ער האט אונז זעהר ליעב און ציטערט איבער אונז מיר זאָלען זיך ניט זאראזען...

— מען קען איהם ענטשולדיגען פיר זיין פארזיכטיגקייט, אבער דאס איז נאך ניט אזוי געפאהרליך ווי ער מיינט. שוין איינינע טאג ווי איך און מיינע בעקאנטע בעזוכען אין האספיטאל די קראנקע און גאטט זיי דאנק, עס האט אונז נאך קיינעם ניט געשאדעט. אויסערדעם האט מען שוין יעטצט ערקלערט, דאס די קראנקהייט איז גאר ניט קיין אנשטעקענדע... און איהר האט זיך גאר ניט וואס צו שרעקען...

— איז עס געפאהרליך אדער ניט, יעדענפאללס איז אונזער פפליכט מיר זאָלען בעזוכען אונזערע גובערנאנטין.

— איך דענק אויך אזוי, ווען ניט קען זי אייך נאך בעשולדיגען, דאס איהר זייט איהר אונדאנקבאר.

— ווי קענען מיר אבער דערגעהן אין וועלכען האספיטאל זי געפינט זיך? האט ראזע פערקימערט געפרעגט.

— איך וועל שוין געפינען אַ מיטעל האט די פירשטין שטיל געאנטווערט פערלאזט זיך אינגאנצען אויף מיך איך וועל נאך

א מאל קומען צופאהרען אהער אונ דאן וועלען מיר אבהייהען ווי עס זאל זיין ...

ביי די ווארטער איז אין זאל אריין דער אלטער סאלדאט . ער איז געוועזען זעהר פרייליך ; זא דאס ער האט ניט בעמערקט די אונרוהיגקייט פון ביידע שוועסטער .

— איך האב ניט געוואלט אוועקפאהרען פון דאנען , האט די פירשטין זיך געווענדעט צו איהם , ניט זאגענדיג אייך , דאס איך בין ענטציקט פון דיזע ליעבע פריילינס מיט זייערע זעלטענע מעלות .

— עס פרעהט מיך זעהר צו הערען פון אייך , גנאדיגע מאדאם , אזא גוטע מיינונג וועגען זיי , האט דאנאבער געאנטווערט . יא , מאדאם , זיי האבען געוויס געגעבען צו פערשטעהן מיינע פריילינס ווי געפאהר־ליך עס איז צו בעזוכען קראנקע אין די האספיטאלער .

— איהר קענט זיין רוהיג , האט די פירשטין קוקענדיג מיט א זיסען שמייכעלע אויף די יונגע מיידלעך געאנטווערט , דאס איך האב זיי אלעס וואס איז נור נייטיג געוועזען ערקלערט , אונ יעטצט פערשטעהען מיר זיך איינע די אנדערע זעהר גוט .

די ווארטער האבען דאנאבער'ן פאללשטענדיג בערוהיגט , אונ נעהמענדיג אבשיעד פון ביידע מיידלעך , האט די פירשטין זיך גע־זעטצט אין קארעטע אונ איז באלד אוועקגעפאהרען צו ראדען , וועלכער האט זי אין א דראשקע ערווארטעט אויף דער צווייטער גאס .

X.

אין האספיטאל.

עס איז פאריבער צוויי טאג נאך סענדריזעס געשפרעך מיט די יתוכות. דער שטאדטזייגער האט געשלאגען 10 מארגענס.

אויף דער גאס מאן־בלאן איז צוגעפאהרען צום האספיטאל א דראשקע; פון איהר זיינען ארויס ראזע און בלאנש און זיינען באלד אריין אין האספיטאל. געהענדיג דורכ'ן קארידאר האט זיי א דינער געפרעגט: צו וועמען דארפט איהר, פריילינס?

— מיר האבען געוואלט זעהען די פרוי אוגוסטינע טראמבלע, וועלכע מען האט אהער געבראכט מיט 2 טאג פריהער, האט איהם בלאנש געאנטווערט.

— עס איז אבער זעהר געפאהרליך אריינצוגעהן אין די סאלעס.

— מיר ווילען דורכאויס זעהען דיזע פרוי, האט ראזע פערקיממערט, אבער מיט א פעסטער שטיממע געאנטווערט.

— טהוט ווי איהר פערשטעהט, ליבע פריילינס; אט דא אין דער לינקער זייט איז דער קאבינעט פון דער אויפזעהערין מארטא; געהט אריין צו איהר, זי וועט אייך שוין אלעס זאגען.

— מיר דאנקען אייך זעהר, האט בלאנש געאנטווערט, און איז מיט דער שוועסטער אריין צו דער אויפזעהערין.

איינינע מינוט נאכהער זיינען ראזע און בלאנש, אין בעגלייטונג פון דער אויפזעהערין מארטא אריין אין א גרויסען זאל, וואו פיר זייערע אויגען האט זיך בעוויזען א שרעקליכעס בילד: פון ביידע זייטען זאל זיינען געשטאנען פיעלע בעטלעך, אויף זיי זיינען געלעגען אין

פערשידענע פּאזעס פרויען און האבען זיך שרעקליך געמאטערט פון דער חליבע. אין מיטען זאל איז געווען א שמאלער דורכגאנג. פרויען פון פערשידענע קלאססען זיינען ארומגעגאנגען און האבען אכטונג געגעבען אויף די קראנקע.

אין דיזען שרעקליכען טרויעריגען ארט זיינען אריין ראזע און בלאנש. די אויפזעהערין מארטא האט זיי געזאגט דאס זי וויים ניט פון דער פרוי, וועלכע זיי פרעגען און, דאס ווען זיי ווילען זי דורכאוים זעהען, דאן קענען זיי זוכען צווישען די קראנקע.

אריינגעהענדיג אין טרויעריגען זאל זיינען ראזע און בלאנש געבליבען שטעהן צושראקען און האבען זיך ניט געוואגט צו געהן ווייטער. ווי דאס הארץ וואלט זיי זאגען, דאס זיי האבען שלעכט געטהון, וואס זיי זיינען געקומען אין האספיטאל.

ביידע שוועסטער האבען מילד א קוק געגעבען איינע אויף די צווייטע און זיינען געגאנגען צו די בעטלעך זוכען זייער גובערנאנטין. איינינע מינוט האט געדויערט זייער זוכען אבער זיי האבען זי ניט געפונען. איין שוועסטער איז געגאנגען פון דער לינקער זייט און די צווייטע פון דער רעכטער. זיי האבען ביידע אנגעהויבען צו פיהלען, דאס די פים ווערען זיי שוואכע... זיי זיינען געגאנגען און זיך אנגעשפארט אויף די בעטלעך... ווען [illegible] און בלאנש זיינען זיך צוזאמענגעגאנגען זיינען שוין אלע סימפטאמען פון דער חליבע געווען צו בעמערקען אויף זיי...

— דו ליידעסט שוועסטער? האבען ביידע איינע די צווייטע מיט שרעק געפרעגט.

— אך גאטט, ראזע, ווי בלאס דו ביזט!

— און דו אויך בלאנש!

— מיר וועלען מסתמא באלד שטארבען ליעבע שוועסטער׳ל!

— נור בעזאממען...

— און דער פאטער ?

— און דאנאבער ?

— שוועסטערל ; האט ראזע ארומגעהמענדיג בלאנש געזאגט , זעה זעה ! . . . אונזער גבריאל געהט צו אונז .

אין דער װאהרהייט האט ראזע קיין טעות געהאט , דאס איז װירקליך געװען גבריאל . פון דער צייט װאס די חליבע האט זיך אנגעפאנגען , פלעגט ער יעדען טאג געהן אין אלע האספיטאלער בעזוכען די קראנקע .

— גאטט ! װאס זעה איך ? האט דער יונגער אבאט אויסגעשריען דעם מארשאל סימאנס טאכטער זיינען דא ! . . .

ער איז שנעלל צוגעלאפען צו זיי און האט זיי צוגעהאלטען זיי זאלען ניט פאלען . זיי האבען שוין מעהר ניט געקענט שטעהן אויף די פיס .

די אויפזעהערין מארטא איז געװען ניט װייט פון איהם ; ער האט זי צוגערופען , און זיי ביידע האבען ראזע און בלאנש איבערגעטראגען אויף דעם דעזשורנעם דאקטארס בעטט . גבריאל איז געשטאנען ביי זיי צוקאפענס .

— א , אונזער גוטער מלאך , האט ראזע שטיל גערעדט פון היטץ , גיב איבער אונזער פאטער , דאס זיינע קינדער שטארבענדיג האבען געקלערט נור װעגען איהם .

— גיב איבער דאנאבער׳ן האט ראזע שטיל געזאגט , דאס מיר בעטען איהם ער זאל אונז מוחל זיין פאר די שמערצען װאס מיר האבען איהם ניטװילענדיג פערשאפט מיט אונזער טויט .

— זאג איהם ער זאל א גלעט טהון מרוק׳ן אונזער טרייען װאכטער .

— און גיב איבער אונזער לעצטען גרוס דער גוטער מאיע׳ן און דער שאנער אנדרעגע .

— שוועסטער ! פאטער !

דאס זיינען געוועזן זייערע לעצטע ווערטער פאר'ן טויט.

ראזע אונ בלאנש האבען אויף עוויג פערלאזען די וועלט...

גבריאל האט זיי פערמאכט די אויגען אונ האט זיך געשטעלט אויף די קניע נעבען בעטט. ער האט תפלה געטהון פאר זיי...

פלעצליך האט זיך אין זאל געהערט א לארם. דאגאבער איז אריינ־געלאפען מיט א געשריי אונ מיט זידלעריי. ער האט אויסגעוויזען צו־טומעלט ווי א משוגענער. אלס ער האט ערזעהען זיינע געשטארבענע ליעבע קינדערלעך אונ גבריאל'ן שטעהענדיג נעבען זייער בעטט אויף די קניע, איז ער ווי א שטיין געפאלען אויף דר'ערד.

.XI

עהרגייץ.

ראדען איז אליין אין זיין וואהנונג אויף דער וואזשיבארער גאס ארומגעגאנגען הין אונ צוריק איבער'ן צימער פערזונקען אין געדאנקען.
— וועגען רום, האט ער צו זיך גערעדט בין איך גאנץ רוהיג...
אלעס געהט ווי עס געהער צו זיין... אונ ווען איך וועל זיי נאך בע־צאהלען די פערשפראכענע סומע, וועל איך אין דער קומענדער אסיפה האבען 9 שטימען זא פערזיכערט מיך דער פירשט—קארדינאל. דער גענעראל האלט פאר מיך... דעם קארדינאל מאליפיערים מסירה אויף מיך האט מען געוויס ניט געגלויבט!... מיך בעאונרוהיגט אבער וואס העגריני שרייבט זיך בריעף מיט דעם קארדינאל מאליפיערי... נור פון איהם וועל איך אויך אין גיכען פטור ווערען...

נאך א קורצען שטילשווייגען האט ער פארטגעזעטצט:

— די לויה פון דעם פילאנטראפ און ארבייטערפריינד איז שוין געווען... פראנסוא הארדי האט אויף אימער פערלאזען די וועלט. זיין שענקשריפט האב איך ביי זיך, דאס איז פיעל זיכערער... בלייבט נאך איבער נור דער רויטהער קאפ מיט איהר מולאט... היינט האבען מיר דעם 27 מאי; דער 1 יוני רוקט זיך נאהענטער און די ביידע ליעבענדע טויבען איז גאר ניט איינצובייסען... דער פירשטינס מיטעל מיט אגריקאל ... איז געווען אפילו זעהר גוט... עס האט זיך אבער ניט איינגעגעבען... קוים האט דער ווילדער טיגער א ברום געטהון, ווי די טייבעלע מיט איהר רויטהען שנאבעלע האט איהם איינגעשטילט... א שאדען, עס האט זיך געקענט אויפשפיעלען א קליינע חתונה...

ראדענס גאנג איז געווארען נאך אונרוהיגער.

— איך ווייס ניט, האט ער מיט א שטראהלענדעם געזיכט פון פריידע ווייטער גערעדט, נאר, מיר דאכט אז דאס איז א פארטרעפליכער פלאן... א. די ליעבע, די ליעבע! וואס פיר א זעלטענער אינסטרומענט דאס איז פאר דעם, וואס פערשטעהט מיט א לייכטער, געשיקטער און קראפטיגער האנד זי אונטערצוצינדען!... א ווען איך ערבייכע נור צו דער שטופע פון סיקסט דעם פינפטען (בעריהמטער ראמישער פאפסט) וואלט דאן די וועלט געזעהען, וואס הייסט די גייסטליכע מאכט אין אזעלכע האנד ווי מיינע, — אין די האנד פון אזא גייסטליכען ווי איך, וועלכער האט אבגעלעבט 50 יאהר א בחור אין שמוטץ אין פאסטען און וועלכער ווען ער זאל אפילו ווערען א פאפסט, וועט ער דאך שטארבען שמוטציג, א פאסטער און א בחור.

זאגענדיג דיזע ווערטער האט ראדען אויסגעוויזען שרעקליך. דער שרעקליכער שאנדליכער עהרגייץ, וועלכער בריינגט דעם מענשען צו שלעכטע טהאטען, האט זיך אויסגעדריקט אויף זיין געזיכט; זיינע יעזואיטישע אויגען האבען געקאכט ווי ביי א מארדער און א הייסער שווייס האט איהם ארויסגעשלאגען אויפ'ן גאנצען קערפער.

אינדעם איז אין צימער אריינגעגאנגען א דינער און האט געמאלדעט, דאס דער פאטער קאבאטשיני איז געקומען צופאהרען פון רום.

— פיהרט איהם אריין אהער, האט ראדען געאנטווערט,

דער פאטער קאבאטשיני, וועלכער איז באלד אריין, איז געוועזן א רומ׳ישער יעזואיט, א מאנן פון א יאהר 30, א פעטינקער, א דיקינקער מיט א היבשען בייכעל און אויסערדעם א בלינדער אויף איין אויג. דאס געזונדע אויג אבער האט ביי איהם לעבהאפט געגלאנצט. אויף זיין געזונדען, רויטהען פנים איז געלעגען א שטענדיגער זיסער שמייכעלע.

ראדען האט באלד גענוי בעטראכט די שאנע בריה פון קאפּ ביז די פים, און אזוי ווי ער האט געקענט רום מיט איהר חברה, ווי זיינע אייגענע פינף פינגער, האט ער ערוועהענדיג דיזען דיקען קארקעל באלד פערשטאנען, דאס זיין דיקער בייכעל האט געבראכט פאר איהם נית קיין אנגענעהמע נאכריכט. ראדען איז איהם אפילו געגאנגען באלד ענטגעגען מקבל פנים זיין, דער געעהרטער פאטער קאבאטשיני אבער האט נית געווארט אויף כבוד און, ווי א שטורמווינד וואלט איהם א שטופּ געטהון, איז ער ארויפגעפאלען אויף ראדען און האט איהם אנגעהויבען אזוי שטארק צו שמאצקען אין ביידע באקען, דאס עס האט געקלונגען אין צימער.

די צרות, וועלכע ראדען איז אויסגעשטאנען פון רום, איז איהם גוט געלעגען אין מאגען און דארום האט ער נִיטווילענדיג זיך געקלערט: דיזע פלאנדערקע איז מיר עפּים צו עדעל; זיין קושען מוז זיין געווים געמישט מיט גיפט.

ענדליך האט איהם קאבאטשיני אבגעלאזען. ראדען איז אבגעטראטען פון איהם און האט מיט א אונצופרידענעם טאן געזאגט: מיר דאכט אז עס איז גאר נית נייטיג, דאס מיר זאלען זיך אזוי שטארק האלזען.

קאבאטשיני האט זיך גאר נית געמאכט הערענדיג וואס ער זאגט

און האט מיט גרויס היטץ אויסגעשריען: ענדליך האב איך די עהרע צו זעהען דעם גרויסען ליכטיגען שטערן פון אונזער געעהרטען ארדען און עס צו צודריקען צום הארצען.

— איך בעט אייך, פאטער, לאמיר אוועקווארפען צו ריידען וועגען מיינע מעלות און זאגט מיר וואס איז דער ציעל פון אייער קומען?

— דיזער ציעל מיין ליעבער פאטער, ערפילט מיין הארץ מיט פריידע, גליק און צארטליכקייט; דיזער ציעל מאכט מיך גליקליך. ענטציקט מיך; דיזער ציעל . . .

— אין וואס אבער בעשטעהט דיזער ציעל, וועלכער ענטציקט אייך? האט ראדען איהם איבערשלאגענדיג די רייד מיט בעס געפרעגט.

— דאס וועט איהר וויסען פון דעם בעפעהל, האט קאבאטשיני געאנטווערט, דערלאנגענדיג ראדענען א פאפיר, פערזיגעלט מיט דריי פעטשאטען.

ראדען האט גאנץ קאלטבלוטיג איבערגעלעזען דאס פאפיר. האט עס אריינגעלייגט צו זיך אין טאש און האט צו קאבאטשינען געזאגט: עס וועט געשעהען ווי דער געעהרטער פאטער גענעראל פערלאנגט.

— אלזא וועל איך זיין דער שאטטען פון אייער ליכטיגקייט, האט קאבאטשיני מיט מעהר היטץ געזאגט, איך וועל זיין אייער צווייטער איך; און איך וועל האבען דאס גליק צו זיין געבען אייך ווי טאג אזוי נאכט, מיט איינעם ווארטע איך וועל זיין אייער שטענדיגער שומר.

עס איז אפילו גוט געשפיעלט, האט ראדען זיך געטראכט, מיר אבער ברודער, וועסט דו ניט אזוי גיך אראבשלינגען.

.XII

פארינזע'ס ליעבשאפט.

פארינזע, ווי דער לעזער געדענקט, האט זיך ענטזאגט פון גאלד און ווי עס שיינט, האט ער דאן אנגענומען דזשאלמעס פריינדשאפט.

איינינע טאג נאך דעם ווי דזשאלמא האט זיך געזעהען מיט אנדריענען, איז פארינזע ארומגעגאנגען זעהר פערקיממערט; דזשאלמא, וועלכער האט איהם יעטצט געהאלטען פאר זיין גוטען פריינד, האט איהם איינינע מאל געפרעגט די אורזאכע פון אזא שטארקען קוממער. פארינזע האט איהם געדאנקט וואס ער אינטערעסירט זיך וועגען איהם און האט איהם יעדעס מאל קיין ריכטיגע אנטווארט געגעבען.

עס איז געוועזען פאר האלבען טאג, דזשאלמא האט היינט ניט בעזוכט אנדריענען, ווייל זי האט איהם געסטערן געבעטען ער זאל איהר אפפערען דיזען טאג, אום זי זאל קענען אלעס פארבערייטען צו זייער האכצייט, וועלכע האט געדארפט זיין אין 3 טאג ארום. דיזער טאג האט אויסגעוויזען לאנג ווי א גאנצע עוויגקייט; ער איז געלעגען אויפ'ן זאפע פערזונקען אין געדאנקען. פלאצליך איז פארינזע אריין צום פרינץ אין צימער. ביי דעם גערויש, וואס דער מענטש האט געמאכט, האט זיך דזשאלמא אויפגעהאפט פון זאפע און האט א קוק געגעבען אויף דאס בלאסע געזיכט פון זיין דינער.

— וואס איז דיר פארינזע? האט דזשאלמא איהם אונרוהיג געפרעגט.

פארינזע איז געפאלען דזשאלמען צו די פיס און האט מיט פער-

צווייפלונג געזאגט: איך בין זעהר אונגליקליך, גנאדיגער הערר . . . האט מיטלייד מיט מיר!

פארינזע האט דיזע ווערטער אויסגעשפראכען זא שוואך אונ זיין געזיכט האט אויסגעדריקט אזא שטארקען קוממער אונ שמערץ, דאס דזשאלמא איז געוועזען טיעף גערירט, אונ זיך איינבייגענדיג צו איהם ער זאל אויפשטעהן, האט ער פריינדליך געזאגט: פערטרוי מיר, מיין פריינד, אונ איך וועל דיר ערלייכטערין דיינע שמערצען.

— איך וויל אייך ערצעהלען פון מיין ליעבע, האט פארינזע אומעדיג געאנטווערט.

— פון דיין ליעבע? האט דער פרינץ איבערראשט געפרעגט.

— גנאדיגער הערר, האט פארינזע ווייטער גערעדט: איך, האלבווילדער מענש, האב זיך בעקאנט מיט א שאנער פריילין, וועלכע האט מיר אויף מיין ליעבע געאנטווערט, ווענינגסטענס אזוי האב איך געקלערט; איך אבער, גנאדיגער הערר, האב אייך בעטראגען מיט פאלשקייט אונ ווי איך זעה איז ניט דא קיין גליק פאר בעטריגער, אפילו די וואס האבען זעלבסט חרטה . . . אונ מיך האט מען אויך בעטראגען . . . גאר שרעקליך בעטראגען.

אונ בעמערקענדיג, דאס דער פרינץ איז זעהר איבערראשט, האט ער מיט א ריהרענדער שטיממע, ווי ער וואלט זיך בעטען, צוגעגעבען: האט מיטלייד מיט מיר אונ שפאט פון מיר ניט, גנאדיגער הערר! די גראסטע יסורים וואלטען מיך ניט געצוואונגען דאס וועמען צו ערצעהלען; איהר אבער, קעניגסזאהן, האט בעעהרט אייער שקלאוו מיט'ן נאמען פריינד.

— אונ דיזער פריינד דאנקט דיר פאר דאס צוטרויען! האט דזשאלמא לעבהאפט געזאגט, מיין ניט, דאס איך שפאט פון דיר, איך וויל דיך בעססער טרייסטען. בערוהיג זיך . . . איך וועל שפאטען פון דיר . . . איך?! זאג מיר אבער, וואס האט אין דיר ערוועקט אזא צווייפעל?

— איהר קאלטקייט, וועלכע זי ווייזט ארויס נאך איהר צארטליכקייט... זי ענטזאגט זיך, ווייל איהר פפליכט..

— פארינזע האט זיך אבגעהאלטען אונ נאך א קורצען שטילשווייגען האט ער. ווי עס וואלט איהם שווער געוועזען דאס צו זאגען, ווייטער גערעדט: מיט איין ווארט, גנאדיגער העררר, זי איז צו פיעל אויסגערעכנט אין איהר ליעבע... דאס איז א בעוויז, דאס זי ליעבט מיך ניט, אדער זי וויל מיך מעהר ניט ליעבען.

— דאס היט זי מיט ווירדע איהר ליעבע אונ דאס איז א צייכען פון וואהרער, שטארקער אונ ריינער ליעבע.

אלע פרויען זאגען אזוי, האט פארינזע איראניש ערווידערט, קוקענדיג מיט א שארפען בליק אויף דזשאלמען; ווענינגסטענס זאגען דאס נור די. וועלכע ליעבען ניט מיט'ן גאנצען הארצען; די אבער, וואס ליעבען שטארק מיט אלע קרעפטען, וועלען קיינמאל ניט ארויסווייזען דעם געליעבטען זייער אונטרויען. פיר זיי איז דעם געליעבטענס ווילען א בעפעהל... וואס דער געליעבטער פערלאנגט נור זעהען זיי צו ערפילען, זיי זאלען אפילו וויססען אז דאס וועט זיי קאסטען דאס לעבען. די עהרע. אוו דאס איז נור דארום ווייל דער פערלאנג פון זייער געליעבטען א' ביי זיי הייליגער פון אלעם אין דער וועלט. א. ווי קאלט אונ נידעריג זיינען די פערשטעלטע פרויען געגען די, וועלכע זאגען אין היטץ פון זייער שטארקער ליעבע צו זייער געליעבטען: ווען דו ווילסט בין איך דיינע, א גאנצען דיינע... זאל מען מיך פעראכטען, אנטהון שאנדע פערביטער'ן דאס לעבען; זיי דו נאר גליקליך... דיינער א טרער איז מיר טהייערער פיר מיין גאנצעס לעבען.

ביי דיזע ווערטער איז דזשאלמעס געזיכט געווארען פון מינוט צו מינוט פינסטערער.

— דער קומער פערבלענדעט דיר די אויגען. דאס איז קיין בעוויז

דָאס זִי לִיעבְּט דִיךְ נִיט; עֶס קֶען זַיין דָאס זִי לִיעבְּט דִיךְ נָאךְ שְׁטַארְקֶער ווִי דוּ מֵיינסְט.

— אַךְ, וֶוען דָאס וואָלְט גֶעוֶוען אֶמֶת ווִי אִיהר זָאגְט, גְנֶאדִיגֶער הֶערר! אִיךְ הָאבּ שׁוין גָאר נִיט וָואס צוּ הָאפֶען אוֹיף אִיהר לִיעבֶּע; מַיינֶער אַ בֶּעקַאנְטֶער הָאט מִיר עֶרצֶעהלְט דָאס דִיזֶען אָבֶענְד הָאט זִי אָבְּגֶערֶעדְט מִיט אֵיינֶעם זִיךְ צוּ זֶעהֶען.

— אוּנ אֶפְשֶׁר הָאט דִיזֶער מַאנן דִיךְ אָבְּגֶענַארְט?

— נַיין, גְנֶאדִיגֶער הֶערר, אִיךְ בִּין זִיכֶער דָאס נִיט, עֶר הָאט מִיר זָאגַאר גֶעווִיזֶען דָאס הויז אִין וֶועלְכֶען זֵיי וֶועלֶען זִיךְ זֶעהֶען; עֶר הָאט מִיר פֶערשְׁפְּרָאכֶען אַהִין צוּ פִיהרֶען אוּנ אויסװַייזֶען. דָאס עֶר הָאט מִיר קַיין לִיגֶען גֶעזָאגְט.

— וָואס הָאסְט דוּ אִיהם גֶעאֶנטוֶוערְט אוֹיף דֶעם?

— דֶער קָאפּ אִיז מִיר אַזוֹי צוּטוּמֶעלְט, דָאס אִיךְ קֶען מִיר גָאר קַיין עֵצָה נִיט גֶעבֶּען, הָאבּ פַארִינְזֶע גֶעזָאגְט אוּנ הָאט אַרויסגֶעשָׁאסֶען אִין אַ ווִילְדֶען גֶעלֶאכְטֶער. אַנ׳עֵצָה! אַנ׳עֵצָה! הָאט עֶר ווִילְד אויסְגֶעשְׁרִיעֶן, אָ, ווִי דוּם אִיךְ בִּין! אַנ׳עֵצָה הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט פְרֶעגֶען בַּיי מַיין דָאלְךְ אוּנ עֶר וָואלְט מִיר גֶעאֶנטוֶוערְט: בְּלוּט... בְּלוּט!... אוּנ בַּיי דִי וֶוארְטֶער הָאט פַארִינְזֶע מִיט אַ צִיטֶערְנְדֶער הַאנְד זִיךְ גֶעחַאפְּט פַאר׳ן לַאנְגֶען דָאלְךְ, וֶועלְכֶער אִיז גֶעהָאנְגֶען בַּיי אִיהם אויפ׳ן גוּרְט.

— אִיךְ בִּין דַיין פְרַיינְד, פַארִינְזֶע. אוּנ דוּ דַארְפְסְט נִיט פְרֶעגֶען קַיין עֵצָה בַּיים דָאלְךְ. הֶער וָואס אִיךְ וֶועל דִיר זָאגֶען. דוּ מוּזְט דוּרכְאוֹיס גֶעהן זֶעהן, אוּם זִיךְ צוּ אִיבֶּערְצַייגֶען אוֹיבּ מֶען הָאט דִיר ווִירְקְלִיךְ דֶעם אֶמֶת גֶעזָאגְט... יַא, דוּ מוּזְט גֶעהן.

— אָ, יַא, הָאט פַארִינְזֶע מִיט אַ בִּיטֶערְן שְׁמֵייכֶעל גֶעזָאגְט, יַא... אִיךְ מוּז אַהִינְגֶעהן.

— דו וועסט אבער געהן מיט מיר, איך וועל דיך אליין ניט לאזען...

— עס האט געשיינט, דאס פארינזע'ן האט זעהר גערירט דזשאל-מעס גוטהערציגקייט און ער איז איהם געפאלען צו די פיס.

דזשאלמא האט איהם אויפגעהויבען און האט מיט א פריינדליכען טאן געזאגט: דו האסט רעכט צו פאדערן פון דיין פריינד א בעווייז פון פריינדשאפט. פאס זיך מוטה און האפף!..

אלס עס איז געווארען אבענד האט דער פרינץ, איינגעהילט אין א לאנגען שווארצען מאנטעל, זיך געזעטצט מיט פארינזען אין א דראשקע. פארינזע האט געגעבען דעם קוטשער די אדרעססע.

XIII.

דער דאפעלמארד.

פארינזע האט געשיינט צו זיין פערזונקען אין פינסטערע געדאנקען; פלאצליך האט ער זיך געווענדעט צו דזשאלמען און האט מיט א שמערצליכען טאן געזאגט: גנאדיגער הערר... אויב מען האט מיך ווירקליך בעטראגען, דאן מוז איך נקמה נעהמען.

— די נקמה וועט זיין גענוג גרויס, ווען דו וועסט זי פעראכטען, האט דזשאלמא געאנטווערט.

— ניין, ניין, גנאדיגער הערר, האט פארינזע מיט איינגעהאלטע-נעם כעס ערווידערט... פעראכטען איז ניט גענוג, עס מוז בלוט פערגאססען ווערען!

— הער מיך, פארינזע..

— גנאדיגער הערר, האט מיטלייד מיט מיר... איך בין געוועזן צו שוואך, איך האב זיך אלץ געשראקען און האב גאר ניט געקלערט וועגען נקמה, יעטצט אבער וועל איך איהר בעצאהלען מדה נגד מדה. גנאדיגער הערר... איך בעט אייך... לאזט מיך אליין געהן...

און פארינזע האט געמאכט א בעוועגונג ארויסצושפּרינגען פון דראשקע. דושאלמא האט איהם געחאפּט פאר'ן האנד און געזאגט: איך וועל דיך אליין ניט לאזען געהן און מיט אלער מאגליכקייט דיך אבהאלטען פון צו פערגיסען בלוט. ווען דו ווילסט אבער דיין פריינד ניט פאלגען, זא זאל דאס בלוט וואס דו וועסט פערגיסען פאלען אויף דיין קאפּ... מיין האנד וועט קיינמאל אין מיין לעבען שוין מעהר ניט בעריהרען דיין האנד.

דיזע ווארטער האבען אויף פארינזע'ן זעהר געווירקט; א טיעפער זיפץ האט זיך ארויסגעריסען פון זיין ברוסט, ער האט אראבגעלאזען דעם קאפּ און האט זיך פערטראכט. זא איז פאריבער איינינע מינוט. און פלאצליך האט פארינזע ארויסגעחאפּט דעם דאלך פון גורט און ווייזענדיג איהם דעם פּרינץ, האט ער מיט א ווילדען טאן געזאגט: דיזער דאלך איז אין א פעסטער האנד זעהר שרעקליך; אין איהם געפינט זיך א שטארקעס גיפט וועלכעס וואכסט אין אונזער היימאטה, אין אינדיען.

און א דריקטהוענדיג א קנאפּ האט פארינזע געעפענעט אין האנטעל פון שרעקליכען געוועהר א דעקעלע, פון וועלכען עס האט ארויסגעשטעקט א קליין פלאשעלע.

— אויסטרינקענדיג צוויי דריי טראפּענס פון דיזען גיפט, האט פארינזע ווייטער געהערט, בעקומט מען אין איינינע שטונדען ארום א שטילען, לאנגזאמען טויט... ווען מען זאל אויסטרינקען אינגאנצען, וועט דער טויט קומען אויגענבליקליך... איך גיב דאס אייך איבער

און איך וועל בעסער ניט גענעמען נקמה אלס אנווערען אייער פריינד־שאפט.

ביי דיזע ווערטער, האט פארינזע אבגעגעבען דזשאלמען דעם דאלך.

אין דער צייט האט זיך די דראשקע אבגעשטעלט; דער פרינץ און פארינזע זיינען ארויס פון איהר און זיינען אריין דורך א פינסטערן ארייננאנג, די טהויערען האבען זיך פערשלאסען הינטער זיי. פארינזע האט א מורמעל געטהון איינינע ווערטער צום וואכטער און דיזער האט איהם דיזעלבע מינוט דערלאנגט א שליסעל.

דזשאלמא מיט פארינזע'ן זיינען ארויף אויף טרעפ און צוגעגאנגען צו א טהיר; פארינזע האט עס אויפגעשלאסען און איז אריין דער ערשטער. דער פרינץ איז איהם נאכגעגאנגען. זיי זיינען אריין אין א שמאלען פינסטערן קארידאר.

— גנאדיגער העדר, גיבט מיר אייער האנד! האט פארינזע שטיל געזאגט און האט אויסגעשטרעקט דעם פרינץ זיין האנד.

פארינזע האט איהם אין דער פינסטער געפיהרט דורך איינינע טהירען; פלאצליך האט ער זיך אבגעשטעלט און אבלאזענדיג זיין האנד, האט ער געזאגט: גנאדיגער העדר ווארט דא איינינע מינוט און איהר וועט זיך איבערצייגען...

דער פרינץ איז געווארען אויפגעציטערט אלס ער האט געהערט פארינזע'ן אוועקגעהן און הינטער איהם האט מען פערשלאסען די טהיר. ער האט זיך געחאפט פאר'ן דאלך און האט געמאכט איינינע טריט פאראויס. אין דערזעלבער מינוט האט זיך ניט ווייט פון איהם געלאזט הערען פארינזעס שטימע:

— גנאדיגער העדר, איהר האט געזאגט, דאס איך זאל זיין אייער פריינד און איך בעהאנדעל אייך טאקי ווי א גוטער פריינד; איך האב מיט חיטראסט אייך פערפיהרט אהער, אום איהר זאלט זיך איבערצייגען

ווי געגארט איהר זייט געווען אין אייער ליעבע צו דער פריילין קאר־דאוויל. הערט, זעהט, אונ אורטהיילט...

די שטיממע איז געבליבען שטיל; עס האט געשיינט, דאס זי איז ארויסגעגאנגען פון ווינקעל צימער.

— פארינזע וואו בין איך?! האט אויסגעשריען דזשאלמא, וועלכער האט זיך צו שפעט ארומגעזעהען, דאס מען האט איהם פערפיהרט.

— איך בעשווער דיך, דאס דו זאלסט מיר שוין עפנען, איך וויל אוועקגעהן פון דאנען.

קיינער האט איהם ניט געאנטווערט. עס איז געווען שרעקליך פינסטער אונ עס האט געהערשט א אללגעמיינע שטילקייט. דזשאלמא איז געוואָרען שטארק אונרוהיג; ער האט טאפענדיג די וואנד געזוכט א מיהר ארויסצוגעהן. אינדעם האט זיך אין צימער, וואו ער איז געווען, געלאזט הערען א שטארקער, זיסער, אראמאטישער ריח. דיזער ריח האט איהם אזוי שטארק דורכגענומען דאס ער האט פון שוואכקייט זיך ניט געקענט ריהרען פון ארט אונ האט זיך אנגעשפארט אן וואנד.

אין דער צייט האט זיך אין א צווייטען צימער בעוויזען א שוואכער שיין פון א ליכט אונ דזשאלמא האט ערזעהען פאר זיך א האלברונדעס פענסטער מיט אייזערנע גראטעס, דורך וועלכעס עס האט זיך געזעהען א צימער זעהר רייך מעבלירט. אין דיזעס צימער איז אריין א פרוי גום איינגעהילט אין א לאנגען דונקעלען מאנטעל מיט א קאפישאן.

אלס דזשאלמא האט ערזעהען דיזען מאנטעל איז איהם אריבער א קאלט דורכ'ן גאנצען קערפער; איבעראשט האט ער שטום גע־קוקט אויף דאס וואס איז פארגעקומען אין צווייטען צימער.

די פרוי וועלכע איז אריין אין צימער, איז זעהר פארזיכטיג זיך ארומקוקענדיג. ווי זי וואלט זיך שרעקען, צוגעגאנגען צום פענסטער,

האט אויפגעהויבען דעם פארהאנג און א קוק געגעבען אויפ'ן נאס, נאכדעם איז זי צוגעגאנגען צום קאמין און זיך, ניט אויסטהוענדיג דעם מאנטעל, אנגעשפארט אויף איהם.

דזשאלמא איז געשטאנען ניט טויט ניט לעבענדיג, און האט אויפמערקזאם געקוקט אויף איהר.

ענדליך איז זי פון קאמין צוגעגאנגען צו א שפיגעלאלמער און האט אראב געווארפען פון זיך דעם מאנטעל.

דזשאלמא איז געוועזן ווי פון דונער ערשלאגען. פאר איהם איז געשטאנען אנדריענע קארדאוויל. א הייסער שווייס האט איהם ארויסגעשלאגען אויפ'ן געזיכט; אין קאפ האט איהם געשווינדעלט; ער איז געשטאנען ווי א צומישטער.

די יונגע מיידעל וועלכע איז געשטאנען מיט'ן פלייצע צו דזשאלמען, האט קאקעטיש צוגעקאמט איהרע האר און אוועקגעהענדיג פון שפיגעל איז זי אויף איינינע מינוט פערשוואונדען פון דזשאלמעס אויגען.

— זי ערווארטעט איהר געליעבטען, א גריקאל באדוען! האט זיך ווידער געלאזט הערען פארינזע'ס שטימע, ווי זי וואלט ארויסגעהן פון וואנד

דיזע ווערטער האבען דזשאלמע'ן געלאכערט דאס הארץ ווי מיט א מעסער... דער קאפ האט איהם געברענט ווי א פייער און אין די שלייפען האט איהם שטארק געקלאפט.

אין דערזעלבער מינוט איז אין צווייטען צימער די ליכטיגקייט נאך קלענער געווארען און אין דיזער האלבדונקעלער ליכטיגקייט האט דזשאלמא ווידער ערזעהען אריינגעהן דיזעלבע יונגע מיידעל אין א לאנגען ווייסען שלאפראק מיט בלויזע האנד און שולטער'ן. די לאנגע לאקען פון איהרע גאלדענע האר זיינען געווען פערנאנדערגעשאטען איבער די שולטערן. זי איז צוגעגאנגען צו א טהיר וועלכע דזשאלמא האט ניט געקענט זעהען.

די טְהִיר פון צִימֶער, וואו דְזְשַׁאלְמַא גֶהאט זִיךְ גֶעפונֶען, הָאט זִיךְ עֶטוואס גֶעעֶפֶנֶעט. דְזְשַׁאלְמַא הָאט עֶס בֶּעמֶערְקְט אָן דֶעם גֶערויש פון שְׁלָאס אונ אָן די פְרִישֶׁע לופְט, וועלְבֶע הָאט איהם אַ בְּלַאז גֶעטְהוּן אין גֶעזִיכְט. דיזֶע טְהִיר איז אַרויסגֶעגַאנגֶען אין קארְרידָאר; אין דֶעמ־זֶעלְבֶען קארְרידָאר איז גֶעוועֶן נָאךְ אַ טְהִיר, וועלְבֶע הָאט פון אֵיין זַייט גֶעפִיהְרְט אין צִימֶער, וואו די פְרֵיילִין הָאט זִיךְ גֶעפונֶען, אונ פון דֶער צְווייטֶער זַייט צו די טְרֶעפּ.

אין דֶערוועלְבֶער צַייט הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט הֶערֶען, אויף די טְרֶעפּ טְרִיט אונ בַּאלְד נָאכְדֶעם צְווֵיי קְלֶאפּ אין טְהִיר.

— דָאס איז אַגְרִיקָאל בָּאדוּעֶן... הֶער אונ זֶעה...

הָאט גֶעזָאגְט דיזֶעלְבֶּע שְׁטִימֶע פון פַארִינְזֶע

דְזְשַׁאלְמַא הָאט אַרויסגֶעצויגֶען דֶעם דָאלְךְ, וועלְכֶען פַארִינְזֶע הָאט איהם גֶעגֶעבֶען אונ הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אונבֶּעוועגְט לויעֶרֶען אין ווינְקֶעל קארְרידָאר...

עֶס הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט הֶערֶען נָאךְ 2 קְלֶאפּ; בַּאלְד נָאכְדֶעם איז די פְרֵיילִין דורכְגֶעגַאנגֶען דֶעם קארְרידָאר אונ, צוגֶעהֶענְדִיג צו דֶער טְרֶעפּ־פֶּענְטְהִיר, הָאט זִי שְׁטִיל גֶעפְרֶעגְט: ווער איז דָא?

— אִיךְ אַגְרִיקָאל בָּאדוּעֶן הָאט פון הִינְטֶער דֶער טְהִיר גֶעאֶנְטְווֶערְט אַ שְׁטַארְקֶע קְלִינגֶענְדֶע שְׁטִימֶע.

קוים הָאט די פְרֵיילִין אויפְגֶעשְׁלָאסֶען די טְהִיר אונ קוים הָאט אַגְרִיקָאל אִיבֶּערגֶעטְרָאטֶען די שְׁוועֶל, איז דְזְשַׁאלְמַא ווי אַ טִיגֶער אַרויפ־גֶעפַאלֶען אונ הָאט זַיי בֵּיידֶען מִיט אֵיין אִימְפֶּעט גֶעשְׁטָאכֶען, די מֵיידֶעל איז בַּאלְד גֶעפַאלֶען טויט אונ אַגְרִיקָאל, וועלְכֶער הָאט בֶּעקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע ראנֶע, איז אויךְ גֶעפַאלֶען נֶעבֶען איהר.

אין דֶערוועלְבֶער מִינוּט איז דָאס פַייעֶר אין צְווייטֶען צִימֶער פֶערלָא־שֶׁען גֶעוואָרֶען אונ דְזְשַׁאלְמַא הָאט גֶעפִיהְלְט ווי אַ אייזֶערְנֶע האנְד הָאט איהם פֶעסְט אָנגֶענוּמֶען בַּיי'ם אָרֶם אונ אַ שְׁטִימֶע הָאט צו איהם

געזאגט: דו האסט גענומען נקמה! יעטצט קום, לאמיר זיך געזעגענען בעהאלטען!

דזשאלמא האט גאר ניט געאנטווערט און האט זיך געלאזט פיהרען פון פארינזע'ן דורך די וואהנונג, וועלכע האט געהאט 2 ארויסגע־גאנגען.

די אונגליקליכע פריילין, א איינפאכע מיידעל אין אנדריענעס גע־וואוקס, האט גערעכנט, דאס עס האנדעלט זיך וועגען א שפאס... און האט געטהון ווי ראדען האט איהר פארגעשריבען צו שפילען די ראליע פאר אנדריענע'ן.

וואס געהער אן אגריקאל האט ער בעקומען א בריעף, אין וועל־כען מען האט איהם געמעלדעט דאס מען האט איהם מיטצוטהיילען זעהר וויכטיגע נייס פאר אנדריענע קארדאוויל'ס אינטערעססען

XIV.

דאס ברוטבעטט.

די נאכטלאמפע האט זעהר שוואך בעלויכטען אנדריענע'ס שלאפ־צימער. דאס בריי״ע איינגעפאסט מיט פערלמוטטער עלפענביינבעטט האט זיך כמעט בעהאלטען אונטער די ווייסע דורכזיכטיגע פארהאנגען. אין דיזען צימער האט זיך פערנאנדערגעגאססען א ליעבליכער ארא־מאטישער ריח וועלכער איז ארויסגעגאנגען פון וואנעצימער.

די אוהר האט געשלאגען 11 די טהיר פון שלאפצימער האט זיך געעפנעט און דזשאלמא איז אריין. צוויי שטונדען איז שוין פאריבער פון דער צייט וואס ער האט בעגאנגען א דאפעלמארד. קיינעם האט

גאר ניט איבערראשט זיין יעטצטיגער קומען, ווייל ער פלעגט טאג טאגליך אריינגעהן אונגעמעלדעט; אנדריעגע האט זיך אין דער צייט געפונען אין איינע פון די צימער'ן פון אונטערשטען שטאק.

אריינגעהענדיג אין שלאפצימער האט ער מיט אלע קראפטען זיך געשטארקט צו זיין רוהיג. איינינע מינוט איז ער געבליבען שטעהן אונבעוועגליך. אלס ער האט זיך ארומגעקוקט אונ האט בעמערקט אני־דריענע'ס בעטט, איז ער געפאלען אויף די קניע אונ מיט טרערען אין די אויגען האט ער מיט א פערשטיקטער שטימע געמורמעלט:

— זי איז טויט... טויט... טויט!... אונ היינט פריה האט זי נאך זא גליקליך גערוהט אויף דיזעם בעטט!... איך, וועלכער האב איהר זא פיעל צו פערדאנקען, האב זי מיט דעם מאנן ערשטאכען. ווי א ווילדער טיגער, וואס פאלט ארויף אויף זיין אונשולדיגעס אפפער אונ צורייסט זי.

אונ דזשאלמא האט מיט די האנד פערשטעלט דאס געזיכט.

— איך ווייס, האט ער פארטגעזעטצט, דאס איך וועל זיך אויך מאכען א טויט, מיין טויט אבער וועט זי ניט לעבענדיג מאכען!

אונ מיט אלע קרעפטען אויפהעבענדיג זיך, האט ער ארויסגעצויגען פון גורט פארינזע'ס דאלך, האט ארויסגענומען פון האנטל דאס פלא־שעלע מיט דעם גיפט אונ האט א ווארף געטהון דאס פערבלוטיגטע געווער אויפ'ן ווייסען טעפיך, וועלכער האט זיך עטוואס איינגעשמוטצט אין בלוט.

— יא, האט דזשאלמא, האלטענדיג פעסט אין האנד דאס פלאשעלע, ווייטער גערעדט, בלוט... פאר בלוט... מיין טויט וועט זיין א נקמה פאר איהר. איך וועל אויך באלד שטארבען... יא... איך וויל אבער לאנגזאם שטארבען...

ביי די ווארטער האט ער ענטשלאססען צוגעלייגט דאס פלאשעלע צו די ליפען; אויסטרינקענדיג איינינע טראפענס פון דער פליסיג־

קיט, האט ער עס אוועקגעשטעלט אויף א עלפענביינטישעל נעבען אנדריענעס בעטט.

— דיזער טרונק וועט מיך געוויס פיהרען אין קבר, האט ער פערצווייפעלט געזאגט אונ איז געפאלען אויף די קניע נעבען בעטט.

אין דערזעלבער מינוט האט זיך די טהיר פון וואנעציטער שטיל געעפנעט אונ אנדריענע איז אריין... זי איז געגאנגען זא שטיל איבער'ן טעפיך. דאס דזשאלמא, האלטענדיג דעם קאפ אויפ'ן בעטט, האט גאר ניט געהערט ווי זי איז אריינגעגאנגען.

פלעצליך אבער האט איהם א געשריי פון איבערראשונג אונ שרעק אויפגעוואכט. ער האט שנעלל אומגעדרייט דעם קאפ אונ האט ערזעהען אנדריענען.

אנדריענע האט פערשעמט געשווינד ארויפגעצויגען דעם שלאפראק אונ מעהר טרויעריג אלס אין כעס איז זי איינינגע טריט אבגעטראטען צוריק; זי האט געדענקט, דאס דזשאלמא איז פון גרויס ליידענשאפט געקומען צו איהר אין שלאפצימער מיט א שלעכטען געדאנקען. ערוועהענדיג אבער דעם דאלך אונ דזשאלמעס צושראקענעס געזיכט איז זי געשווינד צוגעגאנגען צו איהם אונ האט מיט א בעוועגטער שטימע געפרעגט: מיין פריינד, ווי קומסט דו אהער? וואס איז דיר? צו וואס איז דיזער דאלך?

דזשאלמא האט ניט געאנטווערט; עס איז פאריבער איינינגע מינוט אין שטילשווייגען. ענדליך האט ער אויסגעשריען: דו ביזט ניט געשטארבען?

— געשטארבען? האט אנדריענע איבעראשט אונ מיט שרעק איבערגעפרעגט.

— דאס האב איך ניט דיך געטויטעט?... אך, גאטט איז גוט אונ גערעכט...

זאגענדיג דיזע ווערטער מיט א וואהנזיניגער פרייד, האט ער

נאַר פֶערגֶעסֶען אָן דאָס אָפּפֶער, וועלכֶעס ער האָט מיט אַ טעות גע־שטאָכֶען.

אַנדרֶיעֶנע האָט אַקוק געגעבען אויפ'ן דאָלך, אוי בֶעמֶערקענדיג אויף איהם בלוט, האָט זי מיט שרעק געזאָגט: דו האָסט געטוידט... דו... דזשאַלמאַ? אָ, גאָטט! וואָס רעדט ער?... עס איז אַראָבצוגעהן פון זיננען!

— דו לעבסט... דו ביזט דאַ... האָט דזשאַלמאַ געשטאַמעלט.

— דו האָסט געטוידט... האָט אַנדרֶיעֶנע אויסער זיך אויפגעשריען.

וועמען אָבער האָסט דו געטוידט, און ווען?

— איך ווייס?... אַ פרוי... אָהנליך צו דיר און אַ מאַנן, וועלכען איך האָב גערעכנט פאַר דיין געליעבטען... דאָס איז געוועזן אַ חלום. דו לעבסט דאָך אָבער... און דזשאַלמאַ האָט פון גרוים פריידע אָנגעפאַנגען צו וויינען.

— ניין... דאָס איז ניט קיין חלום!... האָט אַנדרֶיעֶנע מיט שרעק ציינענדיג אויפ'ן פערבלוטיגטען דאָלך, אויסגעשריען איך זאָג דיר דאָס אויפ'ן דאָלך איז דאָ בלוט.

— איך האָב גערעכנט, דאָס איך האָב דיך געטוידט און בין געקומען אַהער אויך שטאַרבען.

— שטאַרבען!... שטאַרבען! אַך, גאָטט, וואָרום שטאַרבען?... האָט די יונגע מיידעל פיבערהאַפטיג אויסגעשריען.

— איך האָב איינגענומען גיפט.

דו?!... האָט אַנדרֶיעֶנע אויסגעשריען בלאַס וועהרענדיג ווי אַ לייבע און שנעלל ווי אַ בליטץ איז זי צוגעלאָפען צום עלפענביינטישל אויף וועלכען איז געשטאַנען דאָס פלעשעלע מיט דעם גיפט און האָט עס צוגעלייגט צו די ליפען. דזשאַלמאַ איז צוגעלאָפען און האָט אַרויסגע־ריסען פון מויל דאָס פלעשעלע.

— איינערליי... איך האָב אויסגעטרונקען זאַ פיעל וויפיעל דו־

האָט זי מיט אַ פינסטערער פרײדע געזאָגט.

אַ מינוט האָבען זײ שװײגענדיג, אונבעװעגליך מיט שרעק געקוקט אײנע אויף דעם צװײטען... אַנדריענע האָט די ערשטע אָנגעפאַנגען צו רײדען מיט אַ ציטערנדער שטימע, װעלכער זי האָט זיך בעמיהט צו צוגעבען אַ שטאַרקײט:

— װאָס איז בעזאָנדערעס? דו האָסט געטוידט אונ דורך דײן טויט האָסט דו געװאָלט אָבװישען דײן פערברעכען. אַזױ צו טהון האָט געפאָדערט די ערדענטליכקײט. איך װיל דיך ניט איבערלעבען, דאָס איז גאָר אײנפאַך... װאָרום קוקסט דו אויף מיך אַזױ זאָנדערבאַר? זאָג מיר מײן ליעבער דזשאַלמאַ דאָס גיפט װירקט שנעלל?

דער פרינץ האָט ניט געאַנטװערט. ציטערנדיג מיט אַלע גלידער, האָט ער אַ בליק געטהון אויף זײנע נאָגעל. פאַרינזע האָט איהם געזאָגט דעם אֶמת: דזשאַלמעס נאָגעל זײנען בלױ געװאָרען... דער טויט איז אָנגעקומען לאַנגזאַם, גאָר ניט פיהלענדיג, אָבער זיכער...

פון פערצװײפלונג פון געדאַנקען, דאָס אַנדריענע װעט אויך שטאַרבען, האָט דזשאַלמאַ געפיהלט װי עס פערלאָזען איהם די קרעפטען אונ דער מוטה; אַ טיעפער לאַנגער זיפץ האָט זיך איהם אַרויסגעריסען פון ברוסט; ער האָט פערשטעלט מיט די האַנד דאָס געזיכט, די קניע האָבען זיך אונטער איהם געבויגען אונ ער איז געפאַלען אויפ'ן בעטט נעבען װעלכער ער איז געשטאַנען...

שוין! האָט די יונגע מײדעל אויסגעשריען, פאַלענדיג אויף די קניע צו דזשאַלמעס פיס, שוין דער טויט... דו בעהאַלטסט פון מיר דײן געזיכט. אונ מיט שרעק האָט זי אַראָבגענומען זײנע האַנד פון געזיכט אום צו בעטראַכטען איהם. זײן געזיכט איז געװען אויסגעװײקט אין טרערען.

— נײן... נאָך ניט... דער טויט איז נאָך ניט געקומען... האָט דזשאַלמאַ געמורמעלט: דאָס גיפט װירקט לאַנגזאַם...

— ווירקליך ?... האט אנדריעגע מיט פריידע געזאגט; נאכדעם קושענדיג צארטליך דזשאלמעס האנד, האט זי צוגעגעבען: ווארום וויינסט דו. אויב דאס גיפט ווירקט ווירקליך לאנגזאם?

— דו אבער... דו!!.. האט דער אינדיאנער מיט א הערצרייסענדער שטיממע געזאגט.

— וועגען מיר זיי רוהיג, האט אנדריעגע ענטשלאססען געאנטווערט, דו האסט געטוידט מיר וועלען בעזאממען א תשובה געבען איף דיין פערברעכען... איך ווייס ניט, וואס עס האט פאסירט, איך שווער אבער ביי אונזער היילינער ליעבע... דו ביזט אונשולדיג... עס שטעקט אין דעם א שרעקליכעם געהיימניס!

— פארינזע האט מיך אבגענארט און איך האב איהם געמוזט גלויבען, האט דזשאלמא, זיך אבשטעלענדיג ביי יעדעם ווארט, געזאגט: ער האט מיך אוועקגעפיהרט אין א הויז; דארט האט ער מיר געזאגט, דאס דו ביזט מיר ניט טריי; איך האב איהם צוערשט ניט געגלויבט; איך ווייס ניט פון וואס עס האט מיר אנגעהויבען שווינדלען אין קאפ און באלד נאכדעם האב איך דיך ערזעהען אין האלבדונקעלער ליכטיגקייט...

— מיך?

ניין... ניט דיך, זאנדערן א פרוי, געקליידעט ווי דו; זי איז געוועזען זא אהנליך צו דיר, דאס איך האב געגלויבט דיזעס שווינדעל... ענדליך איז געקומען א מאנן... דו ביזט איהם געלאפען ענטגעגען... דאן האב איך אויסער זיך פון וואוטה, געשטאכען די פרוי און דעם מאנן... איך האב געזעהען ווי זיי זיינען ביידע געפאלען; נאכדעם בין איך געקומען אהער, שטארבען... און דא האב איך דיך ווידער געפונען אום צו זיין די אורזאכע פון דיין טויט!... א אונגליק! אונגליק!... דורך מיך מוזט דו שטארבען!!!

און דזשאלמא, א מאנן פון זעלטענער ענערגיע, האט ווי א שוואכעם

קינד אויסגעבראכען אין א געוויין.

זעהענדיג דזשאלמעס טיפע ריהרענדע, ליידענשאפטליכע פערצווייפלונג, האט אנדריענע מיט א וואונדערבארען מוטה, וועלכען די פרויען אליין בעזיטצען אין זייער ליעבע, געדענקט נור צו טרייסטען דזשאלמען. ביי דזשאלמעס ערקלערונג פון מארדטהאט וועלכער האט ענטדעקט דער יונגער מיידעל דעם שרעקליכען פלאן פון די יעזואיטען, האט איהר געזיכט זא געשטראהלט פון ליעבע, גליק און ליידענשאפט, דאס דער פרינץ, קוקענדיג אויף איהר מיט איבערראשונג, האט געמיינט דאס זי איז אראב פון זינען.

— וויין ניט מעהר, מיין געליעבטער, האט דאס יונגע מיידעל שטראהלענד געזאגט: וויין ניט; טהו א שמייכעל מיט פריידע און ליעבע.. בערוהיג זיך; ניין... ניין... אונזערע פיינד זאלען זיך ניט פרייען.

— וואס רעדסט דו?

— זיי האבען אונז געוואלט אונגליקליך מאכען... לאמיר פערגעססען אן זיי... אונזער פערגניגען וועט די גאנצע וועלט מקנאה זיין.

— אנדריענע... קום צו זיך!...

— א, איך בין ביי'ם זינען... הערר, מיין ענגעל... יעטצט פערשטעה איך אלעס. דו ביזט אריינגעפאלען אין נעטץ, וועלכען די בעטריגער האבען דיר געשטעלט און... דו האסט געטוידט!... היער ביי אונז... זעהסט דו... בעקומט מען פאר א מארד... שאנדע אדער דאס עשאפאט... און מארגען... אדער פיעללייכט דיזע נאכט וואלט מען דיך אריינגעזעטצט אין געפאנגניס... אונזערע פיינד האבען פערשטאנען, דאס אזא מאנן ווי דער פרינץ, וועט ניט ווארטען אויף שאנדע אדער אויף עשאפאט... זיי האבען פערשטאנען, דאס אזא פרוי ווי אנדריענע קארדאוויל וועט ניט איבערלעבען

די שאנדע אדער דעם טויט פון איהר געליעבטען: זי וועט זיך נעהמען דאס לעבען... אדער זי וועט שטארבען פון פערצווייפלונג... אלזא... א שרעקליכער טויט פיר איהן, א שרעקליכער טויט פיר זי... אונ פאר אונז, האבען די בעטריגער זיך געזאגט, וועט בלייבען די ירושה, אויף וועלכע מיר האבען געוואַרט אזוי לאנג...

— אבער פיר דיך, זא יונג, זא שאן, זא ריין, איז דער טויט שרעקליך... אונ די מערדער פרייען זיך! האט דזשאלמא אויסגעשריען: זיי האבען ערגייכט זייער ציעל... זיי האבען דאן געזאגט אמת...

— זיי האבען געזאגט ליגען, האט אנדריענע געאנטווערט: אונזער טויט וועט זיין ענטציקענד זיס, דען דאס גיפט ווירקט אונבעמערקט לאנגזאם... אונ איך פערגאטטער דיך... מיין דזשאלמא... אונ זאגענדיג דיזע ווערטער מיט א שוואכער, בעוועגטער שטימע, האט זיך אנדריענע אנגעשפארט מיט ביידע הענד אויף דזשאלמעס קניע אונ האט איהר געזיכט זא נאהענט צוגערוקט צו זיין, דאס איהם האט אבגעבריהט דער הייסער אטהעם פון דער יונגער מיידעל... א ליידענשאפטליכעס פייער האט זיך אין איהם אנגעצונדען. זיין יונגעס בלוט, ערהעגט פון ליעבע, האט אין איהם געקאכט... ער האט אלעס פערגעססען, זיין פערצווייפלונג אונ דעם נאהענטען טויט; ער האט נור געפיהלט א פיבערהאפטע ליידענשאפט. זיין געזיכט אונ אנדריענעס האבען געשיינט מיט א זעלטענער פלאקאמער שאנהייט.

— א, מיין געליעבטער, ווי שאן דו ביזט! האט אנדריענע מיט היטץ געזאגט. א, ווי ליעב איך האב... דיינע אויגען... דיין שטערן... דיין האלז... דיינע ליפען!... ווי אפט האב איך געפיהלט, דאס מיין מוטה פערלאזט מיך אין דער ערוואַרטונג אויף די גליקליכע מינוט... ווען איך וועל געהערען צו דיר... צו דיר אינגאנצען... דו זעהסט... דער הימעל וויל, דאס מיר זאלען געהערען איינער צום

אנדערן . . . אונ קיין זאך וועט ניט שטארען דער ענטציקונג פון אונזער לוסט . . . איך האב געגעבען א קייזערליכען געשאנק דעם מאנן , וועלכער האט געדארפט זעגנען אונזער בונד , ער וועט דאס צוטהייילען צווישען ארעמע אונגליקליכע מענשען . . . אלזא , מיין ענגעל , וואס האבען מיר צו בעדויערן ? אונזערע אונשטערבליכע זעעלען וועלען ארויפשוועבען צום אללמאכטיגען גאטט . . . וועלכער איז אינגאנצען ליעבע ! . . .

אנדריענע . . . !

דזשאלמא . . . !

אונ די דורכזיכטיגע ליכטע פארהאנגען האבען ווי א טייסער וואלקען פערשלייערט דיזעם ברויט-אונ טויטענבעטט

.XV

דער ערשטער יוני .

די קירכע אויף דער וואזשיבארער גאס איז געוועזן אויפגעפוצט . די גרויסע גלאזערנע פענסטער אין פערשיעדענע קאלירען האבען פערברייטעט אין איהר א האלבדונקעלע געהיימניספאללע ליבטיגקייט , דער בעגילטעטער אלטאר האט געגלאנצט ; נעבען טהיר פון דיזער קליינער קירכע איז אונטער'ן ארגעל געשטאנען א מארמארנעם האנדפאס .

נעבען דיזען האנדפאס , אין א דונקעלעם ווינקעל , איז גאנץ פריה דעם 1 יוני געשטאנען פארינזע , וועלכען קאבאטשיני האט מיט א טאג פריהער איבערגעגעבען א נייעם בעפעהל פון קארדינאל מאליפיערי . ער איז געוועזן זעהר אומעדיג אונ פון צייט צו צייט האט זיך ארויסגע-

ביסען פון זיין ברוסט א טיעפער זיפץ.

פארינזע איז געוועזען טיעף פערזונקען אין געדאנקען אלס אין קירכע איז אריין ראדען מיט קאבאטשיני. פון גרויס זארג אדער פינסטערניס, האט ראדען ניט בעמערקט דעם מעטים; ער האט איינגענעטצט זיינע בלאטיגע פינגער אין האנדפאס און איז צוגעגאנגען צום אלטאר. זיין תפילה איז געוועזען גאר קורץ, ווייל ער האט זיך געאיילט אויף די פראנציסקאנער גאס. ער איז געשטאנען אייניגע מינוט אויף די קניע, האט עפים א ביסעל אבגעשעפצעט אונטער'ן נאז און האט זיך באלד אויפגעהויבען ארויסצוגעהן; קאבאטשיני איז געשטאנען אייניגע טרים הינטער איהם.

אין דער צייט וואס ראדען איז דאס צווייטע מאל צוגעגאנגען צום האנדפאס, האט ער ערזעהען אין שאטען פארינזע'ן. ער האט זיך העפליך געניינט געגען ראדען, וועלכער האט צו איהם שטיל געזאגט: קום צו מיר אין 2 שטונדען ארום.

ביי די ווארטער האט ער אויסגעשטרעקט זיין האנד צום האנדפאס, פארינזע אבער האט איהם פערשפארט די מיהע און האט איהם געשווינד דערלאנגט דעם פענזיל, וועלכער ליגט אלע מאל אין היילינען וואסער. ראדען האט עס א דריק געטהון מיט זיינע בלאטיגע פינגער און, ווי דער דין איז, איינגענעטצט מיט זיי דעם שטערן. באלד נאכדעם איז ער ארויס פון קירכע. קאבאטשיני האט אפילו אויך גערוקט זיין האנד צו פענזיל, פארינזע אבער האט איהם ניט געלאזען ער האט פערוואונדערט געצוקט מיט די אכסלען און איז באלד ארויס נאך ראדענען. זיי האבען זיך ביידע אריינגעזעטצט אין א דראשקע, וועלכע האט זיי געבראכט אויף די היילינע פראנציסקאנער גאס. ראדען איז ווי א יונגער מאנן לעבהאפט ארויסגעשפרונגען פון דראשקע און האט אנגעקלאפט אין טהויער פון הויז נומער 3. קיינער האט איהם ניט געאנטווערט. ער האט א צווייטען מאל אנגעקלאפט; באלד

נאכדעם האבען זיך געהערט טריט אונ דער פערוואלטער סאמועל האט געעפענט דעם טהויער.

דאס געזיכט פון אלטען יוד האט אויסגעדריקט טיעפען שמערץ אונ זיינע געקנייטשטע באקען זיינען געווען נאס פון טרערען.

— ווער זייט איהר, מיינע הערען, האט ער ראדען געפרעגט.

— איך בין דער בעפאללמעכטיגטער פון דעם יונגען אבאט גבריאל, דער איינציגער לעבענדיגער יורש פון רענעפאן. האט ראדען האסטיג געאנטווערט. אונ דאס איז מיין סעקרעטאר

סאמועל האט גוט בעטראכט ראדענען אונ האט געזאגט: יא, איך ערקאן אייך, דאס זייט איהר דערזעלבער. קומט מיט מיר.

אונ דער אלטער יוד האט זיי צוגעפיהרט צום הויז, וואו מען האט דאס ערשטע מאל געלעזען די צוואה. אין טהיר איז געשטאנען אזעל סאמועלס פרוי; זי איז געווען שרעקליך בלאס אונ די אויגען פערווינט.

— די פארהאנגען פון טרויערזאל? האט סאמועל אין העברעאישער שפראכע געפרעגט זיין פרוי.

— זיי זיינען אראבגעלאזען.

— אונ דאס אייזערנע קאסטעלע?

— איך האב זי אוועק געשטעלט אויף אנ'ארט, האט אזעל אויך אויף לשון קדש געאנטווערט.

סאמועל האט גענומען א לאמפע, וועלכע האט געברענט אין קארידאר אונ האט זיי ארויפגעפיהרט אויף פינסטערע טרעפ.

— וואו פיהרט איהר אונז? האט ראדען איבערראשט געפרעגט.

— אין טרויערזאל...

— וואס איז דאס פיר א טרויערזאל?

— אנ'ארט פון טרערען אונ טויט, האט דער יוד געאנטווערט, גע־

הֶענְדיג אַלְץ הֶאכֶער אוּנ הֶאכֶער אִין דֶער פִּינְסְטֶערְנִיס, וַוייל דִי קְלֵיינֶע לאַמְפֶּע הָאט זֶעהר וֶועניג בֶּעלויכְטֶען.

— צוּ וָואס אָבֶּער דַארְף מֶען גֶעהֶן אַהִין?

— דָארְט אִיז דָאס גֶעלְד, הָאט סַאמוּעֶל גֶעאֶנְטְוָוערְט.

דָאס אִיז וָואס אַנְדֶערְס, הָאט רָאדֶען גֶעזָאגְט, אוּנ זִיךְ וָוענְדֶענְדִיג צוּ קַאבְּאטְשִׁינִי'ן הָאט עֶר צוּגֶעגֶעבֶּען: מִיר זַיינֶען דַאכְט זִיךְ גָאר נִיט אַזוֹי הוֹיךְ אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אוּנ דֶעננָאךְ הָאבּ אִיךְ זִיךְ פֶערְמַאטֶערְט, קוֹים וָואס אִיךְ אַטְהֶעם.

— דָא אִיז דָאס? הָאט רָאדֶען קוֹים אָבְּצִיהֶענְדִיג דֶעם אָטְהֶעם גֶעפְרֶעגְט.

— יַא.

— גָאטט זַיי דַאנְק! הָאט רָאדֶען גֶעזָאגְט.

— „גָאטט זַיי דַאנְק"! הָאט דֶער יוּד זָאנְדֶערְבַּאר גֶעאֶנְטְוָוערְט, אוּנ הָאט אִיהם גֶעוויזֶען אַ גְרוֹיסֶע מְהִיר אַרֵיינְצוּגֶעהֶן.

רָאדֶען אִיז אִין בֶּעגְלֵייטוּנְג פוּן קַאבְּאטְשִׁינִי עֶנְטְשְׁלָאסֶען אַרֵיינְגֶע־גַאנְגֶען אִין צִימֶער, וואוּ דֶער אַלְטֶער יוּד הָאט אִיהם גֶעוויזֶען.

דָאס צִימֶער, אִין וֶועלְכֶען דִי דְרַיי פֶּערְזָאן הָאבֶּען זִיךְ גֶעפוּנֶען, אִיז גֶעוֶועזֶען זֶעהר גְרוֹיס, לִיכְטִיגְקֵייט אִין אִיהר אִיז אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען דוּרְךְ אַ פִיערקַאנְטִיגֶען לוּפְטפֶענְסְטֶער, גֶעמַאכְט וִוי אַ קוּימֶען, אַלֶע פִיער זַייטֶען זַיינֶען גֶעוֶועזֶען פֶערקְלַאפְּט מִיט בְּלֶעךְ אוּנ אִין יֶעדֶער בְּלֶעךְ אוּיסְגֶעהַאקְט צוּ זִיעבֶּען לֶאכְלֶעךְ. וֶוען נִיט דִי בְּרֶענֶענְדֶע לַאמְפֶּע, וֶועלְכֶע אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף אַ מַארמָארְנֶעם טִישׁ'ל וָואלְט גֶעוֶועזֶען אִין דִיזֶעם צִימֶער אִינְגַאנְצֶען פִינְסְטֶער. אַלֶע וֶואנְד זַיינֶען גֶעוֶועזֶען בֶּעדֶעקְט מִיט שְׁווארְצֶען טוּךְ אוּנ ווייסֶע פְרֶאנְז. קֵיין מֶעבֶּעל אִיז נִיט גֶעוֶועזֶען אוֹיסֶער אַ קְלֵיינֶעם מַארמָארְנֶעם שְׁווַארְצֶען טִישׁ'ל, אוֹיף וֶועלְכֶען אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַנ'אַייזֶערְנֶע קֶאסְטֶעלֶע

סַאמוּעֶל הָאט זִיךְ גֶעוֶוענְדֶעט צוּ רָאדֶענֶען אוּנ הָאט גֶעזָאגְט: בַּאלְד

וועט איהר וויססען... פאר וואס איך האב אייך געבראכט אהער... איהר זייט דער בעפאללמאכטיגטער פון דעם איינציגען יורש, גבריאל רענעפאן.

— יא, אט איז מיין בעפאללמאכטונגס – דאקומענט האט ראדען געאנטווערט.

— דערווייל, ביז וואנען דער נאטאריוס וועט קומען, לאמיר איבער־צעהלען דעם קאפיטאל, האט סאמועל געזאגט.

— דא איז דאס געלד?... האט ראדען מיט גייגירדע געפרעגט, צו־לויפענדיג צום קאסטעלע.

— יא, האט סאמועל געאנטווערט, אט איז דער אינווענטאר... אייער סעקרעטאר וועט זיך בעמיהען מיר לעזען די סוממעס און איך וועל אייך געבען איבערצעהלען דאס געלד און נאכדעם וועל איך זיי איינוויקלען צוריק אין קאסטעל, וועלכע איך וועל אייך אבגעבען אין געגענווארט פון נאטאריוס.

— גוט!...

קאבאטשיני האט אנפאנגען צו לעזען דעם אינווענטאר, און סא־מועל האט איבערגעגעבען די פאקלעך באנקאווע בילעטען ראדענען, וועלכער האט זיי נאך זיין געטרייען איבערזעהען צוריקגעגעבען דעם יודען. דיזע ארבייט האט לאנג ניט געדויערט און ס"ה איז געוועזן צוויי הונדערט און צוועלף מילליאן הונדערט און פינפאונזיעבציגטויזענד פראנק.

— א זאנדערבארע זאך, האט ראדען, זיך ווענדענדיג צו קאבאט־שיני'ן, געזאגט, איך האב זיך געפיהלט פיעל קרעפטיגער, און יעטצט פיהל איך זיך עפיס שוואך...

און זיין געזיכט איז בלאססער געווארען, א קאלטער פיעבער האט איהם זא שטארק דורכגענומען אלע גליעדער, דאס ער האט געמוזט זיך אנשפארען אויף קאבאטשיני'ן.

— ליעבער פאטער, קומט צו זיך, האט קאבאטשיני געזאגט איהר דארפט זיך ניט אזוי שטארק בעאונרוהיגען איבער דעם גוטען ערפאלג.

— דאס וועט איבערגעהן, נישקשה! איך האב ניט געוואלט שטארבען פון דער חליבע אונ יעדענפאללס וועל איך ניט שטארבען פון פריידע פון ערשטען יוני האט ראדען אויפהויבענדיג מיט שטאלץ דעם קאפ גאנץ רוהיג געזאגט.

דער קלונג פון דעם פערשלאססענעם קאסטעל האט ראדענען פאל־קאם געזונד געמאכט אונ ער האט מיט א שטריינגען טאן בעמערקט סאמועל'ן.

— „דיזע מיללאנען געהערען צו מיר אליין... איהר הערט"...

אונ מיט די ווארטער האט ער אויסגעשטרעקט זיינע האנד צו דער קאסטעל, ווי ער וואלט עס וועלען בעשיטצען בעפאר דער נאמאריום וועט קומען.

סאמועל פון זיין זייט האט זיך אויך אינגאנצען אומגעביטען; ער האט זיך מיט שטאלץ אויסגעגלייכט; זיינע אויגען האבען זיך פאר וואוטה אנגעצונדען אונ ער האט שטרייג אויסגעשפראכען:

דיזעס פערמאגען וועלכעס איז געווארען אין די האנד פון דריי טרייע רעכטשאפענע דינער א קאניגליכער רייכטהום... וועט ניט אנ־קומען צו מארדער אין די האנד!... ניין, ניין... גאטט מיט זיין עוויגער גערעכטיגקייט וויל דאס ניט...

— וואס רעדט איהר דא פון מארדער? האט ראדען דרייסטיג געפרעגט.

סאמועל האט ניט געאנטווערט... ער האט א זעטץ געטהון מיט'ן פוס אן דר'ערד אונ האט לאנגזאם געצייגט מיט'ן האנד פאר זיך אין די טיעפע פוי זאל.

פאר ראדענס אונ קאבאטשיני'ס אויגען האט זיך פארגעשטעלט

א שרעקליכעס בילד : דאס שווארצע טוך , מיט וועלכען עס זיינען געוועזען פערהאנגען די וואנד , האט זיך שנעלל אויפגעהויבען. אויף טרויערבאנק , בעלויכטען מיט א בלויען פייער , זיינען געלעגען איינגעהילט אין שווארצען טוך 6 טרופען :

זשאק רענעפאן , פראנסוא הארדי ,

ראזע און בלאנש סימאן ,

אנדריענע , דזשאלבא.

עס האט געשיינט דאס זיי שלאפען ; די אויגען זיינען געוועזען פערמאכט און די האנד אויפגעלייגט אויפ'ן ברוסט.

קאבאטשיני האט זיך פון שרעק צוגערוקט צום וואנד און האט מיט ביידע האנד פערשטעלט דאס געזיכט. ראדען אין געגענטהייל, איז מיט אויסגעגלאטצטע אויגען פון שרעק, ווי א מאגנעטישע קראפט וואלט איהם געצויגען , צוגעגאנגען צו די טרופען.

— אט זיינען די וועלכע איהר האט געטויט ! האט סאמועל מיט טרערען אין די אויגען געזאגט ; יא... דורך אייערע מארדערישע פלאנער זיינען זיי אוועק פון דער וועלט , ווייל איהר האט געדארפט זייער טויט. יא איך האב זיי צוזאממענגעקליבען און געבראכט אהער , אום זיי זאלען אלע רוהען אין איין קבר... א, ... זייט פערפלוכט... פערפלוכט... פערפלוכט. איהר זייט זייער מארדער ! ... זייער פערמאגען אבער וועט ניט אריינפאלען אין אייערע פערבלוטיגטע האנד

ראדען האט זיך צוגעריהרט צו דזשאלמעס קערפער, זיינע האנד זיינען געוועזען קאלט ווי אייז , די הויט אבער ווייך און פייכט.

מיט שרעק איז ער אבגעטראטען אהינטער... איינינע סעקונדען האט איהם געווארפען די קדחות... ער האט זיך אבער באלד געפאסט מוטה און האט געזאגט : יעטצט דארף איך אייך שוין ניט

צײַגען די טויטשײַנען פון זײַער טויט . . . אָט זײַנען זיי אַלע . . . און מיט זײַן דאַרער האַנד האָט ער געוויזען אויף די טרופּען .

בײַ די ווערטער פון זײַן געעהרטען גענעראַל, האָט קאַפּאָשיני מיט שרעק זיך צוגערוקט צום וואַנד. איהם האָט זיך געדאַכט דאָס ער זעהט פאַר זיך דעם טײַפעל זעלבסט

— אַ מײַן גאָטט ! האָט סאַמועל אויסגעשריען דו האָסט איהם אינגאַנצען פערגעססען ? ווי קאַלטבּלוטיג ער קוקט אויף זײַנע קרבנות ! . . .

— געהט האָך ! האָט ראַדען מיט אַ שרעקליכען שמייכעל געזאָגט : דאָס איז נור אַנ'אויסשטעלונג פון וואַקסענע פיגורען און מעהר גאָר נישט . . . מײַן רוהיגקייט צייגט אייך , דאָס איך בין ניט שולדיג . . . לאָמיר זיך געהמען צו אונזער אַרבּייט , דען איך האָב קיין צייט ניט ; 2 אוהר דאַרף איך זײַן צו הויזע . לאָזט אונז אַראָבטראָגען דאָס קאַסטעלע אונטען. און מיט די ווערטער האָט ער געטהון אײניגע טריט צום מאַרמאָרנעם טיש'ל .

פון גרויס וואוטה און שרעק איז סאַמועל שנעלל צוגעגאַנגען צום קאַסטעל און האָט מיט קראַפט אַ דריק געטהון אַ קנאַפּ , וועלכער איז געוועזען אין דעקעל פון קאַסטעל און האָט אויסגעשריען : איך רעכן , דאָס אייער שטיינערנעם מאַרדערישעס האַרץ וועט באַלד ווייכער ווערען . זעהט , איך האָב אייך דאָך געזאָגט , דאָס דיזעס פערמאָגען פון אייערע קרבנות וועט ניט אַרײַנפאַלען אין אייערע בלוטיגע האַנד !

און קוים האָט סאַמועל אויסגעשפּראָכען דיזע ווערטער, ווי דורכ'ן דעקעל פון קאַסטעלע האָט אַרויסגעשפּאַרט אַ רויך און אַ שטאַרקער ריח פון געבּרענטע פּאַפּיר האָט זיך פערנאַנדערגעטראָגען איבער'ן צימער .

ראַדען האָט באַלד אַלעס פערשטאַנען .

פּייער ! האָט ראַדען אויסגעשריען און איז צוגעלאָפען האַפּען

דאס קאסטעלע. זי איז געווען צוגעשמיעדט.

— יא, פייער, האט סאמועל געזאגט; איינינע מינוט ארום וועט פון דיזען גרויסען פערמאגען ווערען אש.. יא, זאל דאס בעססער פערברענט ווערען, אלס איך אונ אייערע מיטגליעדער זאל דאס אנקומען. דיזעס פערמאגען געהערט ניט צו מיר, אבער איך האב רעכט דאס צו פערניכטען, ווייל גבריאל רענעפאן וועט ניט ברעכען זיין שבועה.

רעטעט! וואססער! וואססער! האט ראדען געשריען אונ איז מיט'ן גאנצען קערפער ארויפגעפאלען אויפ'ן קאסטעלע, אום צו פערשטיקען דאס פייער. עס איז פאריבער איינינע מינוט אונ דאס פייער איז אליין פערלאשען געווארען... עס איז געווען נאך אלעס...

אויסער זיך פון וואוטה, שווער ציהענדיג דעם אטהעם האט ער זיך אומגעקערט; ער האט זיך מיט איין האנד אנגעשפארט אויפ'ן מארמארנעם טיש'ל אונ צום ערשטען מאל אין זיין לעבען האט ער געוויינט...

פלאצליך אבער האט ער בעקומען אזעלכע שרעקליכע שמערצען, דאס ער האט ניט געקענט איינשטעהן אויף די פיס אונ איז געפאלען אויף די קניע; ער האט זיך געחאפט מיט ביידע האנד פאר די ברוסט, האט געפרובירט נאך א שמייכעל טהון אונ האט געמורמעלט: עס איז גאר נישט, פרעהט זיך ניט! עס האט מיר געחאפט א קראמפף אונ מעהר גאר נישט... דאס וועט איבערגעהן. דאס פערמאגען איז פערניכטעט, אבער איך בלייב פארט גענעראל אין דער חברה, האט ער צוגעגעבען זיך דרייענדיג אין דרייען, אונ... אז ווי איך לייד; עס ברענט אין מיר א העללישעס פייער! ווען איך... וואלט ניט עססען... אלע מאל ברויט מיט וואססער... וועלכעס איך... פלעג אליין קויפען... וואלט איך... געקענט מיינען... דאס... מען... האט מיך פערסמט... דען איך פרעה זיך אונ ביים קארדי-

נאל מאליפעריי איז לאנגע האנד... יא... איך פרעה זיך ... און שטארבען וועל איך ניט... איך וויל ניט... שטארבען... עס ברענט אבער... אין מיר... א פייער... עס איז קיין צווייפעל... מען האט מיך פערסמט... וואו אבער?... ווען?... היינט... רעטעט מיך... רעטעט מיך דאך... וואס שטעהט איהר ביידע... ווי די ליימענע גולמ'ס... רעטעט מיך...

סאמועל מיט קאבאטשיני'ן האבען מיט שרעק געקוקט אויף זיין שרעקליכע גסיסה און האבען זיך ניט געקענט ריהרען פון ארט.

— רעטעט מיך... האט ראדען געשריען מיט די לעטצטע קרעפטען דיזעס גיפט... איז שרעקליך... אבער ווער...

ער האט ארויסגעלאזען א פורכטבארען געשריי און האט מיט א פערשטיקטער שטימע ווייטער גערעדט:

— הא?... פארינזע... היינט אין דער פריה... דאס הייליגע וואסער... וועלכעס ער... האט מיר געגעבען... ער וויים... פון אזעלכע גיפטען... יא... ער... האט... געזעהען... מאליפעריי'ן... א טייפעל!... איך בין זיך מודה... דאס איז גוט געשפיעלט... א!... עס איז אויס... איך שטארב... זיי וועלען... עס בעדויערן... די פערד... א!... די קירכע וויים ניט... דאס פערליערט... איך ווער פערברענט... רעטעט מי?...

און אין דער וואהרהייט איז מען געקומען ראדען צו הילף.

אויף די טרעפ האט זיך געהערט שנעללע טריט און באלד נאכדעם איז אין טרועוזאל אריין דאקטאר באלעניע און פירשטען סענדריזע. זי איז געקומען צופאהרען, אום זיך צו ערקונדיגען פון ראדען'ס וועגען אבאט דעגריני, וועלכען מארשאל סימאן, ווי זי האט זיך ערוואוסט, האט ארויסגערופען אויף א דועל און זיי ביידע זיינען געפאלען טויט.

אלם דיזע פרוי האט ערזעהען ראדענס שרעקליכע נסיסה אונ די טרופען בעלויכטען מיט א טרויערלאמפע, אונ צווישען זיי איהר פלעמעניצע מיט ביידע יתומות, וועלכע זי האט געשיקט צום זיכערן טויט, איז זי געבליבען ווי פערשטיינערט... זי האט דיזע שרעקליכע סצענע ניט געקענט איבערטראגען...

זי האט אויפגעהויבען די האנד צום הימעל אונ האט ארויסגעשאסען אין א ווילדען געלאכטער.

איז אראב פון זיננען.

וועהרענד דער דאקטאר באלעניע האט צוגעהאלטען דעם שטער־בענדען ראדענס קאפ, האט זיך פארינזע בעוויזען אין טהיר אונ, וואר־פענדיג אויף ראדענס טרופ א ווילדען בליק, געזאגט

ער האט געוואלט ווערען דער הויפטפיהרער פון דער יעזואיטישער חברה, אום עס צו פערניכטען... פיר מיך אבער איז די יעזואיטישע חברה „באהוואן" אונ איך האב געפאלגט דעם גענעראל.

ענדע דעם זעכסטען טהייל.

שלום.

I.

פיער יאהר שפעטער.

4 יאהר איז פאריבער נאך די פריהערבעשריבענע געשיכטען.
גבריאל רענעפאן האט געשריבען צום אבאט יוסף שארפאנטיע פון
א פערוואַרפענעם דארפיל סאלאניע, פאלגענדען בריעף:

„פערמא לעבענדיגעס וואססער, 27 יוני, 1836 יאהר.

„וואס זאל איך אייך שרייבען פון מיין לעבען? עס איז שווער אויס-
צודריקען אין ווערטער דאס וואס איך פיהל וואהענדיג צווישען מיינע
טרייע פערוואנדטע.

„אנגריקאל האט 2 זאנגע. דער אלטערער פון זיי, דאנקענד מאיען,
האט שוין אנגעפאנגען צו לעזען.

„דאגאבער איז אינגאנצען גרוי געווארען; קוועלט פון זיינע איניק-
לעך און קען א מינוט אליין ניט זיין אן זיין טרייען פריינד „מרוק“.

„דאנקענד דעם גוטהערציגער מענשענפריינד אנדריענע קארדאוויל,
וועלכע האט מיר אין דעם טאג וואס זי איז געשטארבען איבערגעגעבען
א גרויסער סומע געלד, בין איך אין שטאנד צו העלפען און שטיטצען
פיעלע ארעמע לייט.

איך זעלבסט, בעזאממען מיט אנגריקאלן, בעארבייטען מיר די

ערד און איך דאנק דעם אללמאכטיגען פאר די מתנה וואס ער האט מיר געשאנקען.

„דא ניט לאנג האט מען מיר געבראכט אייער בריעף.

„איהר בעדויערט וואס מען האט אייך פערוועהרט זיך צו זעהען מיט מיר און זאגאר שרייבען צו מיר; דאס האט מיך טיעף געריהרט ביז טרערען. מיין פריינד! איך וויים, דאס איהר האט געשוואָרען דער ראמישער קירכע; נעהמט אן אלעם פאר גוט, ווי איך האב אנגענומען; יעדע שבועה דארף זיין פאר אנ׳עהרליכען מאנן הייליג.

„ארעמער און גוטער יוסף! איך ווינש אייך נור, דאס איהר זאלט אויך האבען דיזעלבע טרייסט, וועלכע עם בלייבט מיר איבער נאך מיין צוזייסען דעם בונד מיט זיי. איך קען אבער וועגען דעם מעהר ניט ריידען... איך לייד זעהר שרעקליך... פיהלענדיג, דאס איהר האט אין דער צייט גרויסע שמערצען...

„איך קען מעהר ניט שרייבען, ווייל איך האב מורא, דאס פון מיין פעדער זאלען זיך ניט ארויסרייסען ביטערע ווארטער וועגען די, וועלכע מיר דארפען פערמאכטערהייט די אויגען אבטען און פאלגען...

וועו עם קען אנדערס ניט זיין, זאל דיזער בריעף זיין דער לעטצטער, אדיע, מיין בעסטער פריינד... אדיע אויף עוויג... דאס הארץ איז מיר צובראכען.

„גבריאל רענעפאן".

II.

דער זיסער סוף.

עס איז געוואָרען פאַרטאָג...

קוים צו בעמערקען האט זיך אין מזרח-זייט אנגעפאנגען פערנאנ-דערגיסען א רויטהליכע ליכטיגקייט; די שטערן אבער האבען נאך ליכטיג געשיינט אויפ'ן בלויען האריזאנט.

א ווייסליכער טהוי האט זיך לאנגזאם געצויגען אויפ'ן נאסען גראז, און אין שטילען קלארען וואסער פון גרויסען טייך האט זיך אבגע-שפיגעלט דאס ווייסליכע מארגענליכט.

אין מיטען אראבבארג אויף גרויסע, צוזאממענגעוואכסענע ווארצ-לען, בעוואכסען געדיכט מיט מאך זיינען געזעסען א מאנן מיט א פרוי: זייערע גרויע האר, די טיעפע קנייטשען אויפ'ן געזיכט און זייערע איינגעהויקערטע פיגורען האבען גענוג געוויזען זייער טיעפע אלטער.

און דענאך איז די פרוי דא ניט לאנג נאך געוועזען יונג און געבליהט ווי א שאנע בלום, און דער מאנן — אין זיינע בליהענדע יאהרען...

— א, ליעבע שוועסטער! האט דער מאנן געזאגט צו דער פרוי, ענדליך, נאך אזוי פיעל יאהרען נע ונד זיין איז געקומען די גליק-ליכע שטונדע און מיר קענען זיך אברוהען. פון נעכטען אן אלס מיר האבען זיך צוזאממענגעטראפען פיהל איך א שוואכקייט און די

נְשָׁמָה רַייסְט זִיךְ אַרוֹיף צוּם הִימֶעל.

יַא, בְּרוּדֶער, אוּנְזֶער גְלִיק אִיז זֶעהר גְרוֹיס! אִיךְ פִיהל אוֹיךְ, דָאס מֵיינֶע אָבְגֶעשְׁוואַכְטֶע קְרֶאפְטֶען פֶערלָאזֶען מִיךְ... עֶס אִיז קֵיין צְווייפֶעל, דָאס הַיינְט אִיז דֶער לֶעצְטֶער טָאג אִין אוּנְזֶער לֶעבֶּען...

— יַא, לִיעבֶּע שְׁוֶועסְטֶער, עֶנְדְלִיךְ אִיז דֶער טָאג פוּן גְנַאדֶע גֶעקוּמֶען! אִיךְ פִיהל, דָאס דֶער לֶעטְצְטֶער פוּנְק פוּן מַיין פֶערפְלוּכְטֶער פַאמִילְיֶע וֶוערְט פֶערלָאשֶׁען...

— פַאס זִיךְ מוּטְה אוּנ הָאפְף, לִיעבֶּער בְּרוּדֶער!... יַא, לִיעבֶּער בְּרוּדֶער, אוּנְזֶער שְׁטְרָאף אִיז גֶעוֶועזֶען שְׁרֶעקְלִיךְ 18 הוּנְדֶערְט יָאהר הָאבֶּען מִיר גֶעבְּלָאנְדְזֶעט אִיבֶּער דֶער וֶועלְט... זֶעה מַיין בְּרוּדֶער, דָארְט אִין מִזְרַח־זַייט וֶוערְט בֶּעלוֹיכְטֶען דֶער גַאנְצֶער הִימֶעל... אַזוֹי וֶועט אוֹיפְשַׁיינֶען דִי זָאנֶנֶע פוּן אַ נַייעֶר בֶּעפְרַייאוּנְג, אַ הֵיילִיגֶע, עֶרְהַאבֶּענֶע אוּנ נוּטְצְלִיכֶע בֶּעפְרַייאוּנְג פוּן אַלֶע צָרוֹת. אוּנ זִי וֶועט אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט פֶערנַאנְדֶערגִיסֶען אִיהרֶע בֶּעלֶעבֶּענְדֶע וַוארְמְקֵייט, ווִי דִי זָאנֶנֶע מִיט אִיהרֶע שְׁטְרַאהלֶען וֶועט בַּאלְד בֶּעלוֹיכְטֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

— יַא, שְׁוֶועסְטֶער, אִיךְ בִּין זִיכֶער, דָאס דֶער גְלִיקְלִיכֶער טָאג פוּן בֶּעפְרַייאוּנְג קוּמְט אָן... אִיךְ ווֵייס נִיט וָואס מִיט מִיר אִיז גֶעוָוארֶען... אִיךְ פִיהל, דָאס פוּן מִינוּט צוּ מִינוּט גֶעה אִיךְ אוֹיס ווִי אַ לִיכְט...

— אִיךְ בְּרוּדֶער, אוֹיךְ דָאסֶעלְבֶּע... דִי אוֹיגֶען זַיינֶען מִיר פֶערשְׁטֶעלְט גֶעוָוארֶען... קוֹים וָואס אִיךְ זֶעה...

— שְׁוֶועסְטֶער, אִיךְ זֶעה אַלֶעס ווִי דוּרךְ אַ טוּמַאן... דֶעם טַייךְ... דֶעם וַואלְד... דִי קְרֶאפְטֶען פֶערלָאזֶען מִיךְ...

— גֶעבֶּענְטְשְׁט זָאל זַיין דִי גְלִיקְלִיכֶע מִינוּט פוּן עֶווִיגֶער רוּהֶע.

— שוועסטער! די אויגען פערמאכען זיך מיר... אונזערע זינד זיינען פערגעבען...

— א, ברודער!... געבענטשט זאלען זיין די, וואס ליידען אויף דער וועלט...

— שטארב... אין פרידען... שוועסטער... דאס מארגענליכט איז אנגעקומען... די זאננע געהט אויף... זעהסט..

— געבענטשט זאל זיין גאטטעס נאמען!...

— געבענטשט זאל זיין די מענשהייט!...

אונ אין דעמזעלבען אויגענבליק, אלס די ביידע שטיממען זיינען געבליבען שטיל אויף עוויג, איז די שאנע ליכטיגע זאננע אויפגעגאנגען אויפ'ן האריזאנט אונ האט מיט איהרע גאלדענע שטראהלען בעלויכטען די וואנדער שאנע וועלט.

ענדע

אַלע ווערק פון זשול־ווערן

ביז איצט דערשינען די 1־טע 10 בענדער

I	אין דער הימלישער אימפּעריע (ראָמאַן) — —	4.50
II	אויפן שאַנסעלאָר (אַ טראַגישע נסיעה) — —	4.50
III	דעם קאַפּיטאַן גראַנטס קינדער, 1־טער באַנד (ראָמאַן) —	4.50
IV	„ „ „ „ 2־טער באַנד —	4.50
V	דעם צאַרס קוריער (ראָמאַן) — — —	4.50
VI	די שולע פון די ראָבינזאָנס (ראָמאַן) — —	4.50
VII	אונטער דער זון פון אַפריקע (ראָמאַן) — —	4.50
VIII	אויף די וועגן פון דער וועלט, 1־טער באַנד (ראָמאַן) —	4.50
IX	„ „ „ „ „ „ 2־טער באַנד —	4.50
X	מענטש און וואונדער (ראָמאַן) — — —	4.50

קירצלעך דערשיינט פון דרוק די 2־טע סעריע, 10 בענדער.

אַלע ווערק פון מיין־ריד

ביז איצט דערשינען

I	אַ שפּיל מיטן טויט — — — —	4.50
II	אַ קאַמף מיטן לויתן — — — —	4.50

אַלע ביכער פיין געדרוקט, אויף גוטן פּאַפּיר, שיין אַרויסגעגעבן.

פאַרלאַג — בוכהאַנדלונג

E. Gitlin, Warszawa, Nalewki 1
(Kramy Nalewkowskie)